STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10004

# OYFN VEG TSU FRAYHAYT

Zina Rabinowitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זינאַ ראַבינאָוויטש

# אויפן וועג צו פרייהייט

א ראָמאַן פון דעם לעבן
אין ארץ ישראל

בוענאָס־איירעס
„יאָר פון באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין"
1950

**ZINA RABINOVICH**

# "OIFIN VEG ZU FRAIHAIT"

(EN EL CAMINO A LA LIBERTAD)

**Buenos Aires, 1950**

"Año del Libertador General San Martín"

IMPRESO EN LA ARGENTINA. — PRINTED IN ARGENTINE.

Es propiedad. — Queda hecho el depósito que marca la Ley.

דאָס בוך איז געווידמעט צו אַלע שטילע און צניעותדיקע חלוצים, וועלכע האָבן מיט זייער אומבאַזונגענער העלדישקייט, סיי ביי זייער לעבן, סיי מיט זייער טויט און אומקום, געשאַפן דאָס שיינע און ליכטיקע ישראל.

# ערשטער קאַפּיטל

עס איז געווען די שעה פון זונען-אונטערגאַנג, ווען דבורה מעסינג פון כפר חירות, וועלכער געפינט זיך ביי כפר וויטקין, איז אַרויסגעגאַנגען זוכן אירע צוויי ציגן.

יעדן אָוונט, ווען די זון פלעגט אַריינפאַלן אין ים אַריין, פלעגן זיך די ציגן אַליין אומקערן אַהיים.

אַזוי איז געווען זייער שטייגער, אַזוי האָט זיי דבורה אויסגעלערנט.

די ציגן פלעגן קומען ביידע צוזאַמען, ווי עס גייען צוויי ברידערלעך, וועלכע האַלטן זיך אָן ביי די הענטלעך.

דבורה פלעגט אין דער אומעטיקער שעה פון פאַרגרויטן אַרום שטיין ביי דעם טויערל פון איר הויפל און, זעענדיק די נאַרישעוואַטע, אביסל דערשראָקענע פּנימלעך פון די ציגן, פילן נאָך טיפער ווי אין אַנדערע שעהן, איר בענקשאַפט נאָך אירע קינדער.

אָט אַזוי פלעגן גיין אירע צוויי זין ווען זיי זענען געווען פיצלעך קינדער, ווען זיי פלעגן זיך אומקערן צו איר אין אָוונט נאָך דעם, ווי אַלע קינדער, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך שפּילן אין גאַס, פלעגן זיך צעלויפן יעדער איינער צו זיין היים... אַ וועלט מיט יאָרן שוין דאָ אין דעם!

דאַן, אין יענע צייטן, האָבן די קינדערלעך אירע זי באַדאַרפט האָבן, זיי פלעגן זיך טוליען צו איר. און זי, ווי מיד זי איז נישט געווען פון טאָג פּראַצע אין איר קראָם, פלעגט דאָך געפינען צייט און כוח צו שמועסן מיט זיי אַביסל, ווען זי פלעגט זיי אַריינוואַרפן אין וואַנע כדי אַרונטער-צוגעמען פון זיי דעם שמוץ פון אַ גאַנצן טאָג שפּילן זיך אין דער גאַס.

ווען דבורה מעסינג פלעגט זיך דערמאַנען אָן דעם אַמאָל, ווען אירע קינדער, זי און איר מאַן זענען נאָך געווען איינס, דאָרט, אין דעם קליי-נעם שטעטעלע אין אילינאי, אין מערב פון אַמעריקע, פלעגט איר ווייטיק פאַרשאַרפן די מילדע שטריכן פון איר פּנים. אירע ליפּן פלעגן זיך פעסט פאַרשנורעווען כדי עס זאָל זיך פון זיי נישט אַרויסרייסן קיין קרעכץ, אירע הענט פלעגן זיך פעסט דריקן איינע צו דער אַנדערער אונטערהאַלטנ-דיק איר ברוסט, וווּ עס האָט געקלאַפּט אַן איבערגעפּולט מיט ווייטיק

האַרץ, די גוטע קלוגע אויגן אירע פלעגן ווערן שטרענג ווי דער טונקל פון דער צופאַלנדיקער נאַכט.

אָבער נישט די נאַכט און נישט דער טונקל האָבן געשראָקן דבורהן אין אַזעלכע שעהן. עס פלעגן זי שרעקן אין אַזעלכע שעהן פון בין השמשות די געדאַנקען פון איר גורל — זי מיט איר מאַן דאָ און אירע צוויי קינדער, אירע צוויי זין דאָרט — אין אַמעריקע!

איבער דער גאַנצער וועלט פירט זיך, אַז קינדער פאָרן אַוועק פון על־טערן, ביי איר פאַרקערט — זי מיט איר מאַן זענען אַוועקגעפאָרן פון די קינדער, איבערגעלאָזט זייער בלוט און פלייש און האָפענונג, אַלעס, צוליב וואָס זיי האָבן אָפּגעפראַצעוועט אַריבער דרייסיק יאָר אין אַמעריקע!

אין דער גאָלדענער מדינה, ווו מ׳טראָגט אָפּ די מינדסטע באַשטעלונגען צו יעדן קונד לויט דעם געשעפט־שטייגער פון דעם לאַנד, האָבן זיי מיט גרויס מי געגעבן די קינדער אַ קאַריערע, דאָרט האָבן זיי איבערגעלאָזט די קינדער. זיי געפעלט אַמעריקע מיט איר שפּראַך, מיט אירע זיטן. זיי — דאָרט, און זי — אין ארץ ישׂראל, אין דעם לאַנד, וועגן וועלכן זי און איר מאַן האָבן געטרוימט אַלע זייערע יאָרן... זיי, די קינדער, האָבן געוואָלט פאַרבלייבן אין דעם לאַנד, ווו זיי זענען אויסגעוואַקסן, ווו זיי זענען געגאַנגען רואיק פון קלאַס צו קלאַס, פון שולע צו שולע, ביז וואַנען זיי האָבן דערגרייכט זייערע קאַריערעס אַדאַנק דער פּראַצע פון די געטרייע עלטערן. און זי מיט איר מאַן האָבן געמוזט אַליין, אָן די קינדער, אָפּפאָרן אין דעם וווייטן לאַנד אַריין, וועלכעס זיי האָבן געהאַלטן אין זייערע געדאַנקען און אין זייערע נשמות בשעת זיי האָבן געשטופּט די יאָרן אין אַמעריקע, אָנקלייבנדיק די דאָלאַרן אין מערב־אַמעריקע, אָפּשפּאָרנדיק יעדן סענט מיט שווערער האָרעוואַניע, נישט וויסנדיק פון קיין יום־טוב און פון קיין שבת, האָבן זיי אָפּגעלעבט אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט דאָרט.

אין די שבתים און אין די ימים טובים פלעגט דבורה גאָר שאַרף פילן איר עלנד ווען זי האָט נאָך געוווינט אין דעם שטעטל פון איליניאי. אָפּט ווען זי פלעגט זיך פלוצים אין מיטן דער אַרבעט דערמאָנען אָן איר אַמאָ-

ליקער היים, אין קליינעם שטעטל פון רוסלאַנד, ווו די לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיטן גייסט פון יום־טוב, פלעגט זי פילן אַ שאַרפן שטאָך אין האַרצן און בלייבן אַ צעטומלטע. זי פלעגט זיך נישט זעלטן אָפּשטעלן אין מיטן וועגן און מעסטן, כאָטש די קראָם פלעג זיין פול מיט קונדן, פאַרבייטן די באַשטעלונגען און די באַשטעלער...

דאָן פלעגט איר מאַן, ישראל, איר שטיל אַריינראָמען אין אויער אַריין: „אָט באַלד, דבורה, וועט זיך ענדיקן אונדזער גלות־אַמעריקע, אונדזער שקלאַפעריי אַכצן שעה אַ טאָג! אָט באַלד וועלן מיר פאָרן אַהין, ווו מיר וועלן נאָכאַמאָל לעבן מיט יידן, אין אַ יידישער סביבה, ווו יעדער יום־טוב וועט זיין אונדזער יום־טוב, ווו יעדער רו־טאָג וועט זיין אונדזער רו...״ ישראלס ווערטער פלעגן זי צוריקברענגען צו דער ווירקלעכקייט און זי פלעגט אָנגיין ווייטער מיט דער אַרבעט... זיי האָבן ענדלעך אויסגעצאָלט די נחלה אין חירות, מען האָט דעם פּרדס אויסגעהאָדעוועט... די קינדער דאָ האָבן דערגרייכט זייערס, איינער איז געוואָרן דאָקטאָר און דער צווייטער אַדוואָקאַט...

די קינדער האָבן דערגרייכט זייערע קאַריערעס, אָבער זיי זענען געוואָרן אָפּגעפרעמדט סיי פון איר, סיי פון איר מאַן..

ווייסט אויס, אַז דאָס לעבן אויף די קאַמפּוסען פון די אוניווערסיטעטן, דאָס לעבן מיט אַנדערע סטודענטן האָט פון זיי געמאַכט אמתע אַמעריקאַנער! זיי האָבן פון קיין אַנדער לאַנד נישט געוואָלט הערן אַ חוץ דעם לאַנד, ווו זיי זענען געבוירן געוואָרן! נאָר דאָס לאַנד, ווו זיי האָבן אַריינגעזאַפּט מיט דער לופט די פרייהייט און די ליבע צו דעם אַרום! זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי קאָנען די עלטערן אפילו וועלן אַז די זין זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועלכעס איז זיי אַזוי טייער!

האָבן זיי ביידע, זי און ישראל, באַדאַרפט אָפּפאָרן אָן זייערע קינדער אַהערצו... די קינדער — דאָרט, אין דער אַמעריקע, וועלכע איז פאַר זיי, איר און איר מאַן, געבליבן האַלב פרעמד מיט איר גייסט, כאָטש זיי האָבן דאָרט געוווינט אַ דרייסיק יאָר! און די עלטערן דאָ, אין חירות, ביים פּרדס, וועגן וועלכן זיי האָבן געטרוימט אַ גאַנץ לעבן און וועלכן זיי

האָבן דאָרט אין אַמעריקע אָפּגעשפּאָרט... די קינדער — אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן לייב און לעבן אין דער פּראָפּעסיע און אין דעם לעבן פון זייער לאַנד, און זיי — אין דעם לאַנד, וווּ עס איז זיי ליב געווען אָנצופאַנגען אַן אָרעם, אַ זייער באַשיידן לעבן, אַבי דאָ, צווישן יידן, אין אַ יידישער סביבה!... וועגן דער סביבה האָבן זיי געטרוימט אַזוי לאַנג! ווער קאָן דאָס פאַרשטיין דעם געפיל פון גליק, וואָס מען פילט ווען מ׳טרעט אויף דעם אייגענעם זאַמד? ווען מ׳שנייט אַ מאַראַנץ פון דעם אייגענעם פּרדס? ווען מ׳פירט מיט די אייגענע הענט די צוויי אייגענע ציגן אַרויס צו דער פּאַשע, ווען מ׳זאָגט זיי אָן אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אין צייט...

אָבער פאַרוואָס האָבן זיך די ציגן הײַנטיקס מאָל נישט אומגעקערט, ווי ס׳איז געווען זייער שטייגער, ווי דבורה האָט זיי געלערנט ביז איצט?

## צווייטער קאַפּיטל

דבורה איז געגאַנגען שנעל איבער די זאַמדיקע בערגלעך און גריבלעך און געטראַכט וועגן די ציגן...

מיט אירע שאַרפע טונקל־גרויע אויגן האָט זי געשטערט פון דער־ווייטנס איבער די דאָרנדיקע געוויקסן פון דעם אַרום, וועלכער איז געלעגן צווישן כפר וויטקין און צווישן דעם ים . דער אַרום האָט איצט צוליב די פאַרוואָלקנטע טונקעלע הימלען אויסגעזען נאָך טונקעלער און אומעטיקער.

דער אומעטיקער אַרום האָט געהאַלטן אין איין אַרויפברענגען אומעטיקע זכרונות פון איר לעבן. זייער אַנטלויפן אַמאָל פון רוסלאַנד, זייער ביידנס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע און נישט קיין ארץ ישראל. און פאַרוואָס? נאָר דערפאַר, וואָס איר מאַנס רייכער אָנקל האָט נישט צוגעשיקט פון אַמעריקע קיין געלט, נאָר שיפסקאַרטן...

זייער אָנקומען קיין אַמעריקע, צו די קרובים, וועלכע זענען געווען אַזוי ווייט פון זייער גייסט, וועלכע האָבן געזאָגט אז דער דאָלאַר איז דאָס וויכטיקסטע אין דער וועלט! די עקספּלואַטאַציע, מיט וועלכער די קרובים האָבן זיי ביידע אויסגענוצט ווען זיי זענען נאָך געווען „גרין“.

זיי האָבן יעדע מינוט געוואָלט זיך אומקערן, אָבער עס איז נישט גע־ווען וווהין — ריכטיקער, ס'איז נישט געווען מיט וואָס!

אָבער טרויעריקער פון אַלע זכרונות זענען געווען די זכרונות פון איר אָפּפאָרן פון דער גאָלדענער מדינה...

אָט שטייט זי מיט ישראלן אויף דער שיף און אירע ביידע זין אויף דעם ברעג...

עס דוכט זיך איר, אַז אַלע פריינט און באַקאַנטע קוקן אויף זיי ביידע ווי אויף משוגעים... ס'ווייזט זיך איר אויס, אַז זייערע אויגן זאָגן: „טוען דאָס עלטערן, וועלכע האָבן ליב זייערע קינדער? האָט איר שוין געזען, אַז עלטערן זאָלן איבערלאָזן זייערע קינדער און זיך לאָזן פאָרן אין אַ פרעמד לאַנד, ווו זיי האָבן קיינעם נישט?"

„איז דאָס אפשר טאַקע געווען אַ משוגעת?" האָט געטראַכט דבורה גייענדיק שנעל איבער די זאַמדן פון חירות און וויטקין, „מיר — דאָ; און זיי — דאָרט? וועלן זיי אַמאָל קומען צו אונדז, אונדז זען? צייט רייסט אָפּ קינדער פון עלטערן! סביבה טוט אויך אירס! קינדער מיינע! איך אַליין האָב אייך געשטופּט צו קאַריערע נישט וויסנדיק אַז זי וועט אייך אַזוי אָפּפרעמדן פון אַלעמען, וואָס איז אונדז אַזוי טייער! אָנגע־ווירן האָבן מיר אייך, קינדער מיינע! מיר, די עלטערן... אונדזער לאַנד, אונדזער ארץ־ישראל... זאָל כאָטש דאָס פאָלק אייך נישט פאַרלירן... בלייבט כאָטש דאָרט יידן..."

אַ שוואַכער הילפסלאָזער מעקען האָט איבערגעריסן דעם גאַנג פון דבורהס געדאַנקען. איר שאַרף דורכדרינגענד אויג האָט זיך פאַרטשע־פּעט אין דעם זאַמדיקן גריבל, ווו ס'זענען געשטאַנען צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער אירע צוויי ציגן.

„קינדער מיינע!" האָט דבורה איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל קוקנדיק מיט רחמנות אויף די דערשראָקענע ציגן און טראַכטנדיק צו דער זעלבער צייט וועגן אירע פאַרבליבענע ווייט, אין אַמעריקע, זין...

זי האָט אָנגענומען די ציגן ביי די סטענגעס, וועלכע זענען געווען לויז אַרומגעבונדן אַרום זייערע העלדזער און האָט זיך געלאָזט אויף

שנעל לויפן מיט זיי אהיים. „צוליב אייך, נארישע ציגן, האב איך פאר־שפעטיקט היינט מיט אלעמען: מיטן מעלקן, מיט ישראלס אוונטברויט... און וואס וועט זאגן זיין אולסער? איז געדענקט, חברה! מער וועל איך נישט דולדן אזא אויפפירונג! מער נישט פארשפעטיקן! איר הערט? און ווארט נישט ביז איך זאל אייך קומען זוכן! האב איך דען אייך נישט גע־לערנט צו קומען אליין אהיים? צי האט איר מיטאמאל פארגעסן די גאנ־צע לערע?..

אזוי האט גערעדט דבורה צו די ציגן, וועלכע זענען געלאפן און האבן זיך געפלאנטעט פון אירע ביידע זייטן, ביי אירע פיס.

אבער פלוצים האט זיך דבורה אפגעשטעלט אין מיטן לויפן!

פון דעם סאמע מיטן ים האט צו איר א בלישטשע געטון א פייערל.

דער רויטער סיגנאל האט זיך געצונדן און געלאשן עטלעכע מאל.

דבורהן האט זיך אויסגעדוכט אז עמיצער רופט צו איר פון דעם ימס הארצן. זי איז געגאנגען ווייטער... זיך נאכאמאל אפגעשטעלט: נאכאמאל דער רויטער סיגנאל... איצט האט זי דערפילט, אז עמיצער מאנט עפעס פון איר, מאנט און פאדערט גלייך ווי וויל איר געבן צו פארשטיין, אז עפעס וויכטיקעס קומט דארט, ווייט, איצט פאר...

דבורה האט פלוצים דערפילט, א מאדנע אחריות, זי האט זיך גע־לאזט לויפן נאך שנעלער ווי פריער, צו זיך אהיים, איבעראשנדיק מיט דעם שנעלן אויסערגעוויינלעכן געלויף די דערשראקענע ציגן...

## דריטער קאפיטל

לאזנדיק די ציגן שטיין אין שטאלעכל אליין, איז דבורה אריינגע־לאפן אין הויז אריין.

נישט פרעגנדיק, וואס איר מאן מאכט, ווי אזוי ער פילט זיך, ווי עס איז געוועזן איר שטייגער, האט זי א פארסאפעטע קוים ארויסגע־רעדט, ווארפנדיק א קוק אויפן מאן און אויף דעם טיש:

— ישראל, לעבן מיינער! היינט מוזטו אליין נעמען דאס עסן...

איך מוז לויפן ווייטער! עפּעס קומט דאָרט פאָר... אויפן ים, מיין איך... אַ וווּנק... צוויי... דריי און גאָרנישט!.. און דערנאָך — נאָכאַמאָל דאָס זעלבע... גלייך ווי מען רופט מיך... מוז איך זיך אָנרופן... און זי איז אַרויסגעלאָפן, פאַרמאַכט דאָס שטאָלעכל, לאָזנדיק די ציגן זיך וווּנ־דערן, פאַרוואָס מען האָט זיי היינט נישט אויסגעמאָלקן... אָבער נאָך מער פון די ציגן האָט זיך געוווּנדערט ישראל מעסינג.

ווייל פאַר ישראל מעסינג איז אַלעס געווען מאָדנע היינט: דער פאַקט, וואָס דבורה, וועלכע היט אַזוי אָפּ זיין מאָגן און זיין דעליקאַטן אולסער, האָט זיך היינט אַזוי פאַרשפּעטיקט, איר פאַרסאַפּעטקייט, איר אַנטלויפן פון הויז נישט וואַרטנדיק אויף זיין הסכמה — אַלעס איז גע־ווען מאָדנע!

האָט זיך ישראל מעסינג אויך שנעל אויפגעהויבן, איבערגעלאָזט די העברעאישע צייטונג מיט אירע שווערע נייע ווערטער, אויף וועלכע ער פלעגט זיך ברעכן די ציין אַלע אָוונט פאַר וועטשערע און ריידנדיק שטיל אין דער פינצטער אַריין, האָט ער אַזוי געזאָגט: „אולסער מיינער! זעסט דאָך אַז היינטיקער אָוונט איז נישט דומה צו אַלע אָוונטן פון אַ גאַנץ יאָר! טאָ זיי אַ מענטש און וואַרט צו ביז איך וועל זיך אומקערן... און צעשפּיל זיך נישט! זעסט דאָך, אַז עפּעס האָט פּאַסירט! דבורה וואָלט דאָך נישט געלאָפן אומזיסט!" און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער שטילער ביטע צו דעם אומזעבאַרן אולסער, איז ער שוין געווען אויף דעם ביסל פאַרשאָטענעם מיט זאַמד טראָטואַר פון חירות, נישט ווייט פון זיין ווייב, וועלכע איז געלאָפן פאַרויס מיט גרויס אימפעט.

דבורה מעסינג איז געלאָפן צו דעם כפר וויטקין דאָרפס־ראַט, וועלכער האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק פון דעם בית העם (פאָלקסהויז).

נישט אומקוקנדיק זיך אויף איר מאַן האָט זי אָנגעקלאַפּט אין טיר. נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַן ענטפער איז זי אַריינגעלאָפן אין ביוּ־ראָ פון דאָרפסראַט.

— עפּעס קומט דאָרט פאָר... אויפן ים! האָט זי געזאָגט מיט אויפ־

רעגונג — איך האָב אַ גוטע אויג!.. מען רופט פון דאָרט — איינס, צוויי, דריי און — שטיל... שאַ... און נאָכאַמאָל איינס, צוויי, דריי... דער רואיקער סעקרעטאַר, וועלכער האָט געקאָנט אין רואיקע צייטן פאַר־נודיען מיט זיינע פאַמעלעכע באַוועגונגען און מיט זיינע לאַנגזאַמע רייד, איז מיטאַמאָל לעבעדיק געוואָרן, גלייך ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן שלאָף...

ער האָט איבערגעלאָזט דבורה מעסינג מיט איר מאַן שטיין דאָרט ווו זיי זענען געשטאַנען און ער אַליין איז אַוועקגעלאָפן צום הויפּט פון דאָרפסראַט, וועלכער איז געזעסן ביי זיך אין דער היים ביים טיש און האָט געגעסן זיין וועטשערע.

אַ ווונק, אַ וואָרט, אַ פראַגע און אַן ענטפער, און אַלעם בשתיקה, בלשון רמז. עס איז אַוועקגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט די גוטע וועטשערע, און די צוויי זין פון דעם הויפּט פון דאָרפסראַט האָבן זיך געלאָזט, איי־נער לינקס און דער צווייטער רעכטס אָנזאָגן אויף אַ מיסטעריעזן לשון, מיט האַלבע ווערטער, צו די כפר וויטקין לייט, אַז מ'דאַרף זיי האָבן, אַז ערגעץ, אין סאַמע האַרץ פון ים, וואַרט מען אויף זייער הילף...

עס האָט זיך אין דער פינצטער גאַנץ שנעל אַ ריר געטון כפר וויט־קין.

ביי אייניקע פון כפר וויטקין איינוווינער איז געווען נאָך וועטשערע, ביי אַנדערע — פאַר וועטשערע! ביי וועמען — נאָך דעם דוש, ביי ווע־מען — פאַר דעם דוש; טייל זענען געווען טויט מיד נאָך אַ טאָג שווערער פויער־אַרבעט, אָבער אַלע — אַלט און יונג, גאַנץ כפר וויטקין, האָט זיך געצויגן צום ברעג ים, וועלכער איז געלעגן אַ גוטע שטרעקע פון דעם דאָרף.

גלייך ווי פון אונטער דער ערד האָט מיטאַמאָל דאָרט אויסגעוואַקסן אַ גרויס שווער שיף, אין אַ פּאָר מינוט זענען שוין דאָרט געזעסן די בעסטע שיפל פירער און שווימער פון דאָרף...

פאַרגעסן האָבן די יונגע כפר וויטקין זין אָן זייער מידקייט, אַלע — מונטער און לעבעדיק, אָן מורא, מיט וואַגיקייט, האָבן זיי זיך אַ לאָז גע־

טון צו פארמעסטן זיך מיט דעם שטורמישן ים, וועלכער האט גלייך ווי אויף צו להכעיס זיך געכעסט און געבייזערט, געפינעט און זיך געהויבן אין דער לופטן, ווי איינער, וואס סטראשעט מיט געבײלטע פויסטן אנט־קעגן די, וואס וואגן אריבערצוטרעטן זיין טעריטאריע...

אבער דאס וואגיקע שיפל מיט די וואגיקע שיפלפירער האבן קיין צייט נישט געהאט זיך אויסצוטענהן מיטן ים! זיי האבן זיך שוין געטראגן אויף זיינע בערגיקע כוואליעס, וועלכע האבן געעפנט פארפינעטע מיילער כדי זיי איינצושלינגען מיטן שיפל. און אויף דעם ים ברעג, וועלכן מ'האט גערופן כפר וויטקין ברעג, כאטש ער איז געווען זייער ווייט פון דעם דארף, זענען געבליבן שטיין טאטעס און ברידער, פרויען און כלות, פון די, וועלכע מ'האט שוין נישט אנגעזען מיט זייער שיפל.

מ'שטייט און מ'רויכערט און מ'שנגידט זיך אריין אין ים אריין מיט דעם קוק... אט כאפט דער קוק אויף דאס שיפל ערגעץ ווייט, אויף א שפיץ כוואליע בארג און אט ווערט דאס שיפל אנטרונען. אפשר איז דאס ערגעץ דערטרונקען געווארן? עס קלאפן די הערצער פון די ווארטנדיקע נאך שטארקער, זייערע ליפן ווערן נאך פארצויגענער, איינער רעדט צום צווייטן קיין ווארט נישט ארויס, אלע טראכטן דאס זעלבע און פילן דאס זעלבע: וועלן אונדזערע כפר וויטקין זין דערגרייכן די שיף, וועלכע וואַרט ערגעץ אין ימס הארץ אויף הילף? וועלן זיי באווייזן אריבערצוזעצן די ניי־אנגעקומענע פון דער גרויסער שיף, וועלכע וואגט נישט צוצוקומען נאענט צום ברעג, מ'זאל זי נישט כאפן?

וועט דער אלמעכטיקער ים נישט אנטון אונדזערע קינדער קיינע יסורים און זיי לאזן אפטון בשלימות די מצוה פון פדיון שבויים — אויס־לייזן די פארשקלאפטע פון ים? אזוי עקבערט אין די מוחות און אין די הערצער פון די ווארטנדיקע ביז מע דערזעט צוריק דאס ערשטע שיפל מיט די אויסגעלייזטע פון ים און פון זיינע סכנות!

אט ליגן שוין אויף דעם ברעג די ערשטע מענטשן. ווי קלומיקעס האט מען זיי באדארפט אויף די הענט ארויסטראגן פון שיפל...

איבערגעשראקענע, פריטשמעליעטע פון שרעק, איבערראשטע פון

פרייד, פון אומגלויבן, אַז זיי האָבן טאַקע ענדלעך דערגרייכט דעם ברעג פון זייערע חלומות, שטרעקן זיך אויס טייל פון זיי און קושן די זאַמד, אַנדערע וויינען פון גליק, אַנדערע לאַכן היסטעריש און קושן די הענט ביי די, וועלכע דערלאַנגען זיי הייסע קאַווע, אָדער אַביסל וויין... און דער־ביי ווילן טייל זיך אויסדריקן מיט ליבגעזאַנגען און טייל מיט דאַנקבאַר־קייט פּיזמונים — צו די, וועלכע האָבן זיי געראַטעוועט.

די כפר וויטקין לייט זענען שוין געוווינט צו דעם!

זיי ווייזן אָבער אָן מיט די פינגער, אַז עס איז נישט די צייט צום ריידן, אַז מ׳מוז שווייגן! ווייל אָט אָ־דאָ, גאָרנישט ווייט, טאַקע אונטער דער נאָז, ביי כפר חירות, געפינט זיך דער ענגלענדער. דער, וועלכער פירט זיך אין לאַנד גלייך ווי עס געהערט אינגאַנצן צו אים... פאַר דעם, וועלכער וויל נישט אַריינלאָזן אין לאַנד אַריין, דאַרף מען זיך זייער היטן, ווייל אָט דאָ, נישט ווייט, האָט ער אַ גרויסן מיליטערישן לאַגער, פון וואַ־נען ער שיקט אַרויס זיינע גרויסע פּראָזשעקטאָרן אין ים אַריין... דערי־בער מוז אַלעם צוגיין שטיל שאַ, אָן אַ פּיפּס...

עס ווערט אָן אַ פּיפּס, אויף דער מינוט, געשאַפן אַ מענטשן־קייט, און מענטשן־קלומיקעס ווערן איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט ביז זיי ווערן אַריינגעפירט אין די הייזער פון כפר וויטקין, דאָרט וואַרטן אויף זיי די כפר וויטקין פרויען מיט די שיין געגרייטע טישן, מיט די בעסטע אייגענע געמאַכטע עסנס. עס ברענען שוין אין די הייזער פון כפר וויט־קין די אויוועלעך, ווו עס וואַרט אויף די ניי אָנגעקומענע, וואַרעם וואַסער פאַר אַ דוש, אַ באָד...

און אין אַ מינוט צייט פילן זיך די ניי־אַריינגעקומענע ווי אייגענע.

„עסט! טריקנט! איר ווילט אַ דוש? נעמט אַ דוש! ווי לאַנג אַז איר האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ וואַרימען דוש?"

און דערביי וואַרטן שוין פריש אויסגעוואַשענע דאָרפישע קליידער צום איבערבייטן. מ׳עסט און מ׳טרינקט און דערביי גיט מען שטילער־הייט אַ פרעג: פון וואַנען? און נישט זעלטן ווייזט זיך אַרויס, אַז מ׳איז גאָר לאַנדסלייט! און אויב אַליין נישט קיין לאַנדסלייט, איז לאַנדסלייט

פון באַקאַנטע, וועלכע וווינען דאָ נישט ווייט, טאַקע אין דאָרף! מ׳לאָזט אַ טרער און מ׳ווישט אַ טרער בשעת מ׳דערמאָנט זיך אין דעם אַמאָל. וואָס איז געוואָרן פון דעם אַמאָל שיינעם לעבעדיקן יידישן שטעטל פון יענער זייט ים? אַך! אַזאַ ווייטיק! אַט אַזוי פאַרברענגט מען ביז שפּעט ביינאַכט אין כפר וויטקין, אונטער פאַרהאָנגענע פענצטער. די נייַ־אָנגעקומענע ווערן היימיש מיט זייערע מכניסי אורחים.

מ׳ווערט פאַרברודערט און פאַרשוועסטערט, מ׳רעדט ביזן טאָג אַריין וועגן די אומגעקומענע, וועגן די נאָך לעבנגעבליבענע, ערגעץ ווייט, וועלכע זוכן אויך וועגן אַריינצוקומען אַהערצו...

און בשעת מען רעדט, גיט מען אַ פּרווו צי די פענצטער זענען גוט פאַרהאָנגען, אַז עס זאָלן זיך דורך זיי נישט דורכזיפּן די נייע שאָטנס, ווייל עס טאָר נישט צוגעצויגן ווערן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייפאָרנדיקע אין לאַגער אַריין ענגלישע סאָלדאַטן.

## פערטער קאַפּיטל

כאָטש כפר וויטקין האָט כמעט געוואַכט די גאַנצע נאַכט אונטער פאַרזיכטיק פאַרהאָנגענע פענצטער, איז דער גאָר קלייניקער מושב עובדים, זיין שכן, כפר חירות, געשלאָפן רואיק, ווייל כפר חירות האָט גאָר נישט געוווסט וועגן די וויכטיקע און טייערע אורחים פון כפר וויטקין. נאָר אין איין הייזעלע פון כפר חירות האָט מען זיך יאָ אָנגעשטויסן אַז וויכטיקעס האָט געשען אין דער דאָזיקער נאַכט, אָבער אפילו דאָס פאַרפאָלק מעסינג האָט אין דעם קיין אָנטייל נישט גענומען. דבורה און ישראל מעסינג זענען געווען אַביסל אַנטוישט, ווען זיי האָבן געזען, אַז דער הויפּט פון דעם דאָרפס־ראַט פון כפר וויטקין האָט זיך קיין גרויסן וועזן נישט געמאַכט פון זייער אָנזאָג. נאָך מער אַנטוישט זענען זיי געווען ווען קיינער האָט נישט געוואָלט אָננעמען די הילף, וועלכע זי און איר מאַן האָבן אָנגעבאָטן.

ישראל מעסינג האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז פאַר אַזאַ זאַך, ווי אַרונ-

טערנעמען מענטשן פון א שיף, אין סאמע מיטן ים, דארף מען האבן נאר יונגע מענטשן.

ער האט זיך באנוגנט מיט דעם צוזאג פון הויפט פון דארפסראט, אז ווען מ׳וועט זיך נויטיקן אין זיין הילף, וועט מען אים רופן! ער איז טאקע באלד נאך וועטשערע איינגעשלאפן.

אבער דבורהן האבן די ווערטער נישט צופרידנגעשטעלט! זי האט א לאנגע צייט נישט געקאנט איינשלאפן, ווען זי האט זיך אויפגעכאפט גאנץ פרי איז איר ערשטער געדאנק געווען: „הייסט עס אז דבורה מעסינג איז שוין צו אלט? אז קיינער נויטיקט זיך שוין נישט אין איר הילף?"

א טיף באליידיקטע האט דבורה צוגעגרייט פאר איר מאן דעם פרישטיק. ווען זי האט ארויסגעשיקט איר מאן צו זיין ארבעט אין פרדס אריין, האט זי געהאט בדעה זיך לאזן גיין אין כפר וויטקין כדי זיך דארט דערוויסן וואס איז געווארן פון איר נעכטיקן אנזאג...

אבער פלוצים האט זיך באוויזן אין איר טיר שמשון, דער נהג, דער שאפער פון כפר וויטקינס אמניבוס.

שמשון דער נהג איז דאס געווען דער יעניקער, וועלכער האט אויף מארגן באדארפט צעפירן די ניי־אנגעקומענע געסט אין פארשיידענע קיבו־צים און מושבים, אז זיי זאלן זיך נישט ווארפן אין די אויגן ביי די ענגלישע סאלדאטן און אפיצירן.

די דאזיקע ארבעט איז געלעגן אויף שמשונען, כאטש ער האט גע־ארבעט אין דער פאבריקער נאכט נישט ווייניקער פון אנדערע כפר וויט־קין תושבים.

אבער די מידקייט פון אזעלכע נעכט פלעגט זיך קיינמאל נישט אנ־זען אויף שמשונס פנים דעם צווייטן פרימארגן...

נישט נאר אויף זיין פנים, אפילו אויף זיין געמיט, האט די מידקייט געהאט גאר א פארקערטע ווירקונג.

זיין זכרון האט געארבעט מיט קלארקייט ווען ער האט באדארפט צעטיילן די ניי־אנגעקומענע ביים שליאך, וווהין זיין אמניבוס פלעגט צו־פארן מיט גרויס אימפעט. נישט אריינקוקנדיק אין קיינע צעטעלעך פלעגט

ער אויספילן די אינסטרוקציעס פון דאַרפסראַט. דעם געשיקט אין אַ קי-בוץ אויפן וועג קיין תל־אביב, און דעם צווייטן אין אַ מושב אויפן וועג קיין חיפה; יעדן צו זיין פונקט!

די שאָפערן פון די אָפּשטעלנדיקע זיך ביי כפר וויטקין אָמניבוסן האָבן שוין נאָך דעם ערשטן קוק אויף שמשונען געוווּסט, אַז דאָס איז „זיין טאָג", ווען ער איז פול אָנגעלאָדן מיט „סחורה". די „סחורה" דאַרף פאַרטון ווערן אויף שטום־לשון: ווי למשל, „אַ גרויס פעקל" הייסט אַ דער־וואַקסענער מענטש, „אַ קליין פעקל" — אַ קינד, „אַ שווער פעקל" — אַן אַלטער, „גאָר אַ שווער פעקל" — אַן אַלטע פרוי...

אָט אַזוי צעטיילט שמשון יעדעס מאָל נאָך אַזאַ נאַכט זיין „סחורה" ביים שליאַך פון כפר וויטקין, וווהין ער פירט צו זיין „מקשר", דעם „פאַרבינדער".

בשעת ער צעטיילט זיין סחורה גיט ער אַ ווונק צו דעם שאָפער און אַ ווונק צו יענעם שאָפער; אַ האַלב וואָרט אין איין זייט און אַ האַלב וואָרט אין אַ צווייטער זייט, און דערביי צעגיסן זיך אין אַלע זייטן פונ-קען פייער פון זיינע אויגן. זיינע אויגן זענען ריין ווי בורשטין, ווייל ריין ווי בורשטין איז זיין געוויסן אין אַזעלכע פרימאָרגנס; ריין ווי דער גע-וויסן פון אַ מענטשן וואָס האָט געטון אַ גאַנצע נאַכט דעם חוב פון העלפן זיין ברודער... צוליב דעם באַוווּסטזיין פילט שמשון קיינמאָל אין אַזעלכע פרימאָרגנס נישט קיין מידקייט. ער גייט אָן מיט זיין אַרבעט אַ גאַנצן טאָג, גלייך ווי ער איז געשלאָפן די גאַנצע פאַריקע נאַכט, גלייך ווי גיט ער איז געשטאַנען צוזאַמען מיט די יונגע חברה לאַנגע שעהן ביים ברעג ים. איצט, אין דעם לויטערן פרימאָרגן, נאָך דער שווערער נאַכט, פילט זיך שמשון נאָך בעסער, נאָך זויבערער איז זיין געוויסן.

קאָן זיין, אַז ער פילט אַזוי, ווייל דאָס שטיקל „סחורה", וועלכעס ער פירט, איז אַזוי פרעכטיק שיין ווי אַ בת־מלכה.

כאַפּט ער יעדע ווייל אַ קוק אויף דער בת־מלכה, וועלכע זיצט מיט אים אין זיין אָמניבוס; ער דאַרף זי אָפּפירן צו דעם אַלטן פאַרפאַלק קיין כפר חירות. אָבער ער פאַרשטייט נישט וואָס וועט טון אָט־אָ־די בת־

מלכה, וועלכע מען רופט געניא, ביי דבורה מעסינג, וועלכע האט אזא קליינעווירטשאפט אין חירות?

זי וועט דאך דארט נישט האבן קיין שטאך ארבעט צו טון! און מיט וועמען אויסצורעדן א וואָרט — וועט דאך אויך נישט זיין ביים אלטן פארפאלק!

בויערט זיך שמשון דער „נהג” דעם קאפ, כדי אויסצוגעפינען פאר־וואס דער דארפס־קאמיטעט פון כפר וויטקין האט באשלאסן אז געניא זאל דערווייל בלייבן ביי דבורה מעסינג. אבער קיין סך צייט האט ער נישט צו בויערן זיך דעם קאפ; וויפל איז פון וויטקין קיין חירות, אפילו מיט דעם זאמדיקן נאך נישט אויסגעפלאסטערטן וועג?

נאך א מינוט, נאך צוויי און שמשון שטייט שוין ביי דער טיר. ער גיט א ווונק צו דבורהן; ער גיט א זאג א וואָרט, צוויי, וועגן דעם אורח, וועלכן ער האט איר געבראכט...

דבורהן דארף מען קיין סך נישט זאגן, זי פארשטייט פון דעם ווונק.

האט זי דען נישט געוואַרט אויף דעם אורח א גאנצע נאכט? הייסט עס, אז דער דארפס־ראט פילט זיך טאקע שולדיק אנטקעגן איר?

אבער נאך איידער דבורה וויל עפעס זאגן וועגן דעם צו שמשונען, אים פרעגן וועגן די ניי־אנגעקומענע און זייער צאל, אים זאגן אז זי איז דאס געווען די ערשטע וואס האט דערזען, אז מען רופט פון ימס הארצן נאך הילף — דערזעט זי זיך איינע אליין אנטקעגן דער ניי־אנגעקומענער מיידל, וועלכע זעט אויס, גליך ווי מען האט זי נאר־וואס ארונטערגענו־מען פון א שיינער בילד. קוילן־שווארצע בלישטשענדיקע האר, א שניי־ווייסער פנים, טונקעלע טיפע סאמעטענע אויגן.

פארלירט זיך דבורה אויף דער מינוט. ערגעץ ווייט אין מוח גיט א בלישטשע א מאדנע געדאנק: ווען גאט שיקט איר צו אזא שנור, אזא כלה פאר איינעם פון אירע זין? אבער זי גיט א טרייב אפ דעם געדאנק; זי דערזעט ווי א מאדנע אומעט לייגט זיך אוים אויף דעם נאבעלן געזיכט, וועלכעס באשיינט איר הייזעלע.

פאנגט דבורה אן ארויסצווייזן איר גאסטפריינטלעכקייט: — אפשר

א גלאָז טיי, א גלאָז קאווע? אפשר גאָר ציגענע מילך? קיענע מילך? אַלץ איז פאַראַן! זאָל דער גאַסט נאָר זאָגן!

אָבער דער גאַסט וויל גאָרנישט. געניא איז זאַט, געגעסן און גע־טרונקען דאָרט ווו זי האָט גענעכטיקט...

וואָס געניא וויל — איז וויינען! ווייל א שרעקלעכער אומעט האָט זי אַרומגעכאַפּט פון דער שטילקייט, וואָס הערשט ביי דער אַלטער דבורה אין איר כאַטקע.

נאָך דעם רעשיקן לעבן אויף דער שיף, נאָך די סכנות וועלכע גע־ניא האָט מיטגעמאַכט מיט די פּאַסאַזשירן אין משך פון עטלעכע וואָכן, איז איר שווער איבערצוטראָגן די ערשטע מינוטן פון דער מאָדנע שטיל־קייט. עס פאַלט אויף איר אָן א פּחד. וואָס האָט מען זי פאַרשיקט אַהער־צו, צו דער אַלטער פרוי, וועלכע האָט נישט קיין קינדער? וואָס וועט זי דאָ טון אין דער שטילקייט? אין דעם אומעט?

אָבער דבורה מעסינג דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריינ־לייגן. זי האָט באַלד דערפילט געניאַס געמיט. כדי דערנענטערן זיך צו געניאַן, זאָגט זי איר:

— איך האָב געוואַרט אויף דיר א גאַנצע נאַכט.

— אויף מיר? — וווּנדערט זיך געניא — פון וואַנען האָט איר גע־ווּסט, מאַדאַם מעסינג?

— רוף מיך פּשוט דבורה, קינד מיינס! — ענטפערט דבורה כאַפּנ־דיק נאָכאַמאָל א קוק אויף דער שיינהייט, וועלכע גאָט האָט צו איר אַרונטערגעשיקט גלייך ווי פון הימל. — אַזעלכע זאַכן פילט מען! נישט אַזוי?

— פילן? איך פיל שוין מער גאָרנישט... איך קאָן שוין מער נישט פילן! — ענטפערט געניא מיט אָנגעגאָסענע מיט טרערן אויגן.

— נאַרישקייטן... אַזאַ יונג קינד ווי דו... — פּרובירט דבורה א דערשראָקענע צו טרייסטן.

— יונג? איך בין שוין גענוג אַלט, דבורה... איך האָב שוין געזען

גענוג זאַכן! — זאָגט גניאַ און גיט אַ וואָרף אַ ברענענדיקן קוק, וועל-כער וויל אַרויסרופן אַ קריג.

דבורה מעסינג וויל איר פֿאַררײדן די ציין, אָבער גניאַ לאָזט זיך נישט. זי רעדט מיט ברען, גלייך ווי עפּעס דריקט אויף איר האַרצן און זי מוז דאָס אַרויסרעדן.

— איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי מע האָט מיין מאַ-מע אַרונטערגעשטופּט פֿון שיף! יאָ... יאָ! זי איז געווען צוגעבונדן צו אַ ברעט! פֿון אויבן איז געווען דער לײלעך... פֿון הינטן — שטיינער! צו-געבונדן איז זי געווען כדי זי זאָל נישט אַרויפֿקומען... זי האָט זיך נישט געלאָזט אַרונטערשטופּן... זי האָט זיך פֿאַרהאַלטן... פֿאַרטשעפּעט זיך, נישט געלאָזט... גלייך ווי זי איז נאָך לעבעדיק, כאָטש דער דאָקטאָר האָט פֿאַרזיכערט אַז איר האַרץ האָט שוין לאַנג געפּלאַצט! מען האָט זי גע-מוזט מיט כּוח אַרונטערשטופּן, דבורה! מיין ברודער אַליין... איך מיין, דער, וועלכער איז געווען מיין ברודער, האָט מיטגעהאָלפֿן זי אַרונטערצו-שטופּן אין וואַסער אַריין... אָבער אַלע נאַכט פֿלעגט זי קלאַפּן אין שיף, איך בין זיכער אין דעם, דבורה!... איך פֿלעג דאָס אַזוי דייטלעך הערן מיט מיינע אייגענע אויערן, כאָטש קיינער פֿון די שיפֿסמענטשן פֿלעגט מיר נישט וועלן גלויבן... און מיין אייגענער ברודער, איר הערט, דבורה? איך מיין דער, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ ברודער, האָט מיך אָנגערופֿן משוגענע נאַר דערפֿאַר, וואָס איך האָב געהערט ווי מיין מוטער פֿלעגט קלאַפּן אַלע נאַכט אין די ווענט פֿון דער שיף... נאָר איין מענטש אויף דער גאַנצער שיף האָט מיר געגלויבט, אַז איך הער מיין מאַמען קלאַפּן אין שיף, קריצן מיט די נעגל מען זאָל זי צוריק אַרויפֿנעמען... דאָס איז גע-ווען אַ חלוץ פֿון פּוילן, אַ גוטער חבר... ער, דער איינציקער, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען... העלפֿט גאָט עס ברעכט אויס אַ פֿייער אויף דער שיף, דבורה! די שיף פֿאַנגט אָן צו זינקען... אַלע יאָגן זיך צו די גומענע רעד-לעך... די קליינע שיפֿלעך זענען שוין איבערגעפּאַקט... דער גוטער חבר מיינער, דער חלוץ פֿון פּוילן, גיט מיר אָן אָנהאַלט ביי זיין ראָד... דאָס האַרץ קלאַפּט... די הענט — קאַלטע... און אויגן, דבורה, ביי יעדן ווי

ביי חיות! איינער איז גרייט אָפּצושטופּן אַ צווייטן פאַר אַ קליינעם אָנהאַלט ביים גומענעם ראָד... מיטאַמאָל... מיין ברודער! ער שווימט גלייך צו מיר! און די אויגן?... אַזעלכע חיהשע, דבורה! ער שטעכט זיך איין אָן מיינע אויגן מיט אַזאַ מאָדנעם קוק... אַ קוק וואָס זאָגט אַזוי קינדעריש... געניק! געדענקסט נישט ווי מיר פלעגן זיך שפּילן צוזאַמען אונטער אונדזער אַקאַציע־בוים? זיך הוידען צוזאַמען אויף דער הוידעלקע? ווילסטו מיך ראַטעווען? זעסט דאָך אַז איך האָב קיין אָנהאַלט נישט... וויל איך מיך אַ רוק טון, איך האַלט זיך אָן בלויז מיט איין האַנט... אָבער נאָך איידער וואָס־ווען איז ער שוין נעבן מיר. און גאָר אַן אַנדער קוק אין זיינע אויגן! זיין האַנט האַלט זיך שוין אָן ביים ראָד און מיין האַנט הענגט אויף אַ האָרעלע אַזוי, אַז נאָך אַ רגעלע פאַל איך אַריין אין וואַסער... גיט זיך מיין חבר אַ רוק אָפּ, ער שרייט אויס צו מיר: „האַלט זיך אָן, געניאַ! זאָרג זיך נישט פאַר מיר, איך קאָן גוט שווימען!" און ער שווימט אַוועק און — נישט געסטייעט! נאָך אַ פּאָר מאָל האָבן אַרויפגעשווומען זיינע אויגן, זיי האָבן ווייך געשמייכלט צו מיר, גלייך ווי געזאָגט: „דו מוזט לעבן, געניאַ!" און — נישט געסטייעט... און נישטאָ... דבורה! נישטאָ מער...

געניאַס ציטערנדיקע שטים איז גלייך ווי מיטאַמאָל דערשטיקט געוואָרן. זי האָט איינגעגראָבן איר שיינעם קאָפּ האָר אין אירע ווייסע שלאַנקע הענט, די לאַנגע אַריסטאָקראַטישע פינגער האָבן געציטערט...

דבורה האָט איר געלאָזט וויינען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רעגן פון טרערן וועט העלפן אויסלייטערן דעם שטורעם, וועלכער שטורעמט אין דעם יונגן האַרץ.

זי איז שטיל געשטאַנען איבער דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ און האָט געקוקט פון דאָרט דורך דעם נידעריקן פענצטער אין דער גאַס אַריין, אויף די נידעריקע מאַראַנצן־ביימלעך פון דעם הויז אַנטקעגנאיבער...

איר פילנד האַרץ האָט געוויטיקט מיטן יונגן קינד, וועלכעס איז איר געוואָרן אייגן אין דער קורצער צייט, וואָס זי האָט זיך געפונען מיט איר

אין הויז. דאָך איז זי געווען צופרידן וואָס געניאַס שטורעם האָט אויס-געבראָכן ווען ישראל, איר מאַן, איז נישט געווען אין דער היים...

„מער וואָלט ישראלן נישט געפּעלט", האָט זי געטראַכט. „זיין אוק-טער וואָלט זיך מחיה געווען מיט אַזאַ געשיכטע! ער וואָלט זיך באַלד צעשפּיקט אויף אַלע זיינע נאָטן..."

כאָטש דבורה איז געווען צופרידן וואָס ישראל איז נישט געווען ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט געניאַן, האָט זי געפּיקט אַז זי מוז איי-בעררייסן געניאַס געוויין און טאַקע באַלד.

— געניא, טייערע! — האָט דבורה געזאָגט מיט אַ מילדן טאָן אין שטים — איך בין אויף דער עלטער געוואָרן אַ פאַרמערקע! אַ מושבני-צע... אַלע מיינע יאָרן אין אַמעריקע געווען אַ קלייטניטשקע! און דאָ האָב איך ציגן... מוז איך זיי אַרויספירן אויף דער פּאַשע... טו מיר אַ טובה, און גיי מיט מיר... די ציגעלעך ווילן נעבעך עסן...

די לעצטע ווערטער דבורהס, וועלכע זענען געקומען גאָר פון אַן אַנדער וועלט, האָבן געהאַט אַ מאָדנע גוטע ווירקונג אויף געניאַן און אויף איר געמיט.

— ציגן? — האָט זי איבערגעחזרט. גייענדיק נאָך דבורהן אין שטאַלעכל אריין, האָט זי געשמייכלט דורך די נאָך נישט פאַרטרוקנטע טרערן און געפּליסטערט: — ציגן? ציגעלעך?

מיט נייגער איז געניא צוגעפאַלן צו די ציגן און האָט זיי אָנגעפאַנגען צו גלעטן.

— אָבער פאַרוואָס זענען זיי אַזעלכע דאַרע, דבורה? ביי אונדז, אין בעסאַראַביע, זענען זיי פעטע... גיט מען זיי דאָ נישט קיין עסן? אַזאַ רחמנות אויף זיי! הויט און ביינער!...

— דאָ איז נישטאָ די רייכע פּאַשע, וועלכע איז געווען ביי דיר אין דיין לאַנד, — האָט דבורה געזאָגט בשעת זיי האָבן ביידע געפירט די ציגן ביי די סטענגעס — עס איז נאָך מדבר...

— נאָך? — האָט געזאָגט געניא, קוקנדיק אויף די זאַמדיקע בערג-לעך מיט עקל — וועט מען אַמאָל קאָנען אויסראָמען דעם מדבר? נישט

אומזיסט האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט הערן וועגן דעם לאַנד... אויך מיין מאַמע האָט נעבעך נישט געוואָלט פאָרן אַהערצו... ווען נישט מיין ברודער, וואָלטן מיר נאָך עד היום דאָרט געבליבן, דבורה. ער האָט זיך שטענדיק באַשעפטיקט מיט די חלוצים. קיינמאָל אַליין גאָרנישט געטון. ווען מיין טאַטע איז אָפּגעשטאָרבן פּלוצים, האָט ער זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן, געמיינט אַז אויף אים וועט פאַלן די לאַסט... האָט ער אָנגע־פאַנגען צו רייסן די הויט פון אונדז... עס איז מלחמה! ווער ווייסט צי די מלחמה וועט נישט דערגרייכן צו אונדז! לאָמיר באַצייטנס אַוועקפאָרן! אָבער איך בין זיכער, אַז ער האָט פּשוט געוואָלט פּטור ווערן פון אונדז! ווייסט איר, דבורה, אַז ער האָט אַפילו געוואָלט מיין מאַמען און מיך אַריינגעבן אין אַ קיבוץ? מיין מאַמען! איר הערט? מיין מאַמען! קאָן זיין דערפאַר האָט איר האַרץ נישט אויסגעהאַלטן... וואָס וואָלט מיין מאַ־מע געטון אין אַ קיבוץ, דבורה? געלאַטעט קליידער? מיין מאַמע האָט שטענדיק געלעבט ווי אַ פּריצע, געהאַט אַ הויז מיט דינסטן... ער האָט זיך פּשוט געוואָלט באַפרייען פון אונדז... דער, וועלכער איז אַמאָל געווען מיין ברודער... איך וויל אים מער נישט קענען אַלס ברודער, דבורה! צו־ליב אים... איז די מאַמע אפשר אויך קראַנק געוואָרן... צוליב אים איז זי אויפן וועג... און יענער חבר... דער חלוץ פון פּוילן? וווּ איז ער איצט? אַוועק פון דער ראָד און נישטאָ! מיר אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ!... מיר!... ווייל מיין ברודער האָט זיך אַריינגעשטופּט!

גניאַס אויגן האָבן זיך נאָכאַמאָל אָנגעפילט מיט טרערן, די שטים האָט געציטערט... דבורה האָט זיך נאָכאַמאָל דערשראָקן און, כדי צו פאַר־דרייען דעם געשפּרעך, געזאָגט:

— אָבער, דיין ברודער? האָט ער זיך געראַטעוועט? איז ער אויך אָנגעקומען נעכטן ביינאַכט? טאָ ווו איז ער?

— ערגעץ דאָ. ער האָט אויך געלאַנדעט... אָבער איך וויל אים נישט זען. איך האָב פון דאַן אָן נישט גערעדט צו אים, נישט געקוקט אין זיין זייט! דערמאָנט מיר נישט וועגן אים, דבורה!

— זעסט, גניאַ טייערע, ווי קלוג עס זענען מיינע ציגעלעך? —

האָט דבורה געזאָגט מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט, גלייך ווי זי האָט גאָרנישט געהערט גענעס לעצטע ווערטער. — אַליין אונדז צוגעפירט צום גריבעלע, וווּ זיי זענען געבעטן אין אָוונט געשטאַנען און געגעסן... אַזעלכע קלוגע... קינדערלעך...

— די ציגן זענען אייערע קינדער, דבורה? קיין אמתע קינדער האָט איר נישט?

— מיר האָבן יאָ צוויי קינדער, אָבער זיי ווילן אַהערצו נישט קור־מען, געניאַ! — האָט דבורה אומישנע געזאָגט מיט אַ רחמנותדיקער שטים כדי אַרויסצורופן איר מיטלייד... — זיי זאָגן, אַז אַמעריקע איז זייער לאַנד, ווייל זיי זענען דאָרטן געבוירן געוואָרן, ווייל אַמעריקעס שפּראַך איז זייער שפּראַך! זיי ווילן אַהערצו נישט קומען! זיי ווילן זיך דאָ נישט פּלאָגן!

— פּלאָגן... — האָט געניאַ איבערגעחזרט, קוקנדיק אויפן ווייטן ברעג ים פאַרטראַכטערהייט — קאָן זיין, אַז מיין מאַמע האָט געפילט, אַז זי וועט זיך אויך דאָרפן פּלאָגן... איז זי באַצייטנס אַוועק. בין איך דערפאַר איצט געבליבן אַליין, איינע אַליין... דבורה!...

— אַזאַ שיינהייט ווי דו, געניאַ, וועט לאַנג נישט בלייבן אַליין... וועסט באַגעגענען אַ יונגן דאָקטאָר אין תל־אביב, וועסט חתונה האָבן און קומען צו זיך...

— צו זיך? — האָט געניאַ מיט ברען זיך אָנגערופן... קיינמאָל, קיינמאָל מער נישט! קומען צו זיך הייסט אָנפאַנגען נאָכאַמאָל צו גלויבן אין מענטשן ווי עס איז געווען ביי מיר אין דער היים, דאָרט... צו אונדז אין הויז פלעגן אַריינקומען צענדליקער אורחים צום טאַטן... מען האָט געגעסן, געטרונקען און מען האָט קיינעם נישט געהיט... מען האָט גע־גלויבט אַלעמען... אַלע פיינע מענטשן... קיינער האָט קיינעם נישט אָפּ־געשטופּט. פון דער ראָד... ווי קאָן איך איצט, נאָך דער רייזע, נאָכאַמאָל אָנהויבן צו גלויבן אין מענטשן? קומען צו זיך?...

נאָכאַמאָל טרערן אין די סאַמעטענע אויגן. נאָכאַמאָל אַ שפּאַלט אין דער יונגער שטים, און דבורה איז נאָכאַמאָל אין אַ פאַרלעגנהייט. אָבער

איצט האָט זי אַן אויסוועג: גאָט אַליין האָט פּלוצים צוגעשיקט מאַניאַן פֿון כּפֿר וויטקין! איצט וועט זי מאַכן אַן ענדע צו דעם טרויעריקן שמועס, אין וועלכן געניאַ האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעכאַפּט...

— מאַניאַ! — האָט דבורה אויסגעשריגן פֿון ווייטנס — איך וויל דיך באַקענען מיט מיין גאַסט!

אָבער מאַניאַ פֿון כּפֿר וויטקין איז שטענדיק זייער פֿאַרנומען מיט איר גרויסער ווירטשאַפֿט. זי האָט זיך דעם פֿרימאָרגן אַרויסגעריסן פֿון איר הויז כּדי צו פּראַקטיצירן אויף איר נייעם „כּלי”, דעם רעוואָלווער, וועלכן זי האָט באַקומען אַלס מתּנה פֿון אַנערקענונג פֿון דער דאָרפֿס־הגנה. מאַניאַ איז גאָרנישט צופֿרידן פֿון דער באַגעגעניש, אָבער אַרויס־דרייען זיך איצט איז שוין צו־שפּעט.

מאַניאַ איז אַליין צוגעקומען צו דבורהן כּדי אַזוי אַרום זיך קאָנען שנעלער אַרויסרייסן פֿון איר. זי האָט געוווּסט, אַז דבורה וויל זיך באַרי־מען מיט דער ניי־אָנגעקומענער מיידל. קעגן מאַניאַס ווילן האָט דער דאָרפֿס־ראַט פֿון כּפֿר וויטקין געבעטן שפּעט ביינאַכט באַשלאָסן צו שיקן צו די מעסינגס אויף אַ פּאָר וואָכן דאָס מיידל ביז זי וועט אַביסל קומען צו זיך.

מאַניאַ האָט זיך טיף איינגעקוקט אין געניאַס פּנים.

איצט, ביי דער שיין פֿון דעם פֿרימאָרגן, האָט געניאַ אויסגעזען נאָך שענער ביי איר אין די אויגן. געבעטן ביינאַכט בשעת מאַניאַ איז גע־שטאַנען ביים אַרונטערנעמען די ניי־אָנגעקומענע, האָט זי אין דער פֿינצ־טער באַמערקט דאָס אויסגעטאָקטע נאָבעלע געזיכט. נאָך מער פֿון דעם געזיכט האָט זי צוגעצויגן דאָס שטאָלצע שווייגן געניאַס, דאָס שווייגן פֿון אַ קאַפּריזנע קינד, וועלכעס האָט געליטן אַ גרויסן בראָך און וויל נישט רעדן וועגן דעם. האָט מאַניאַ באַלד געפֿאָדערט, אַז דער דאָרפֿס־ראַט זאָל געניאַן אָוועקשיקן אין אַ קיבוץ, ווו זי וועט פֿאַרגעסן דעם בראָך, וועגן וועלכן זי וויל קיינעם נישט דערציילן... אָבער דער דאָרפֿס־ראַט האָט מיט זיינע שטימען איבערגעוווּיגן און געניאַן האָט מען געשיקט צו

דבורה מעסינג אַלס פאַרגיטיקונג פאַר איר שנעלן אַנזאָג װעגן ים און די פייערן, װעלכע זי האָט דאָרט דערזען...

האָט דאַריבער מאַניאַ איצט לאַנג געקוקט אויף גענינאַן, האַלטנדיק אונטער איר שאַל איר „כלי". זי האָט געטראַכט מיט רחמנות: „װאָס װעט די שיינע בת־מלכה טון ביי דבורהן? מען דאַרף זי אַרויסנעמען פון דאָרטן באַצייטנס!"

## פינפטער קאַפּיטל

אָבער דבורה מעסינג איז גאָרנישט געװען גרייט אַרויסצולאָזן גע־ניאַן אַזוי שנעל פון איר הויז. זי האָט אַפילו נישט געװאָלט טראַכטן װעגן דעם, אַז עס װעט אַמאָל קומען אַ טאָג װען דאָס שיינע קינד, װעל־כעס גאָט אַליין האָט איר צוגעשיקט, װעט זי אַמאָל פאַרלאָזן! איז דען דבורה נישט געקראָכן פון דער הויט אַרויס כדי צו היטן זי װי מען היט אַ בת־מלכה? האָט דען דבורה געלאָזט, אַז זי זאָל איינגעצן אַ האַנט אין קאַלט װאַסער? האָט דען דבורה פאַר איר נישט אויפגעגייט צװיי נאַכט־העמדער פון דעם בעסטן זיידנס, איינס — אַן הימל־קאָליר, און דאָס צװייטע — אַ ראָזעװע? האָט זי זיך דען נישט געשפּיגלט אין דעם שיי־נעם קינד אַלע פרימאָרגן, װען דאָס קינד איז געשלאָפן, עפּענענדיק אַ שפּאַרונקעלע אין טיר, נישט זעלטן צורופנדיק אויך ישראלן, אַז ער זאָל כאַפּן אַ קוק אויפן קינד פון װייטנס... אין איר עלנט האַרץ האָט דבורה אָפט געטראַכט, אַז גאָט קאָן טון אַ נס, און איינער פון אירע זין זאָל פּלוצים אַרונטערפאַלן פון אַמעריקע, און גענינאַ זאָל טאַקע װערן איר שנור, װי עס האָט אַ בליץ געטון אין איר מוח װען זי האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל...

דבורה האָט געלעבט אין אַ חלום. זי האָט נישט געװאָלט זען די װירקלעכקייט. זי האָט נישט געװאָלט זען, אַז גענינאַ נודיעט זיך ביי איר אין הויז, װייל דבורה לאָזט איר גאָרנישט טון אַ חוץ אַרויספירן די ציגן אויף דער פּאַשע. דבורה האָט נישט געזען װי גענינאַ פלעגט, פירנ־

דיק די ציגן צו דער פּאַשע, לויפֿן יעדן טאָג צום ברעג ים. דאָרט פֿלעגט זי רעדן צו איר מוטער, וועלכע ליגט איינע אַליין ערגעץ אויף זיין דנאָ...

דבורה האָט נישט געהערט ווי גניאַ פֿלעג יעדן טאָג צוזאָגן איר מוטער, שטייענדיק ביי די כוואַליעס, אַז באַלד־באַלד וועט זי אויך קו־מען צו איר... און דאַן וועט די מוטער מער נישט דאַרפֿן אַרויסקומען פֿון ים ביינאַכט און קלאַפּן צו גניאַן אין דבורהס נידעריקע פֿענצטער...

דבורה האָט אַפֿילו נישט געוווסט, אַז פֿון גרויס אומעט פֿלעגט גע־ניאַ לויפֿן יעדן טאָג צו ישראלן אין פּרדס אַריין. זי פֿלעג אים בעטן, אַז ער זאָל איר לאָזן שניידן די מאַראַנצן... דבורה האָט נישט געוווסט, אַז ישראל פֿלעג איר אָפֿט נאָכגעבן, כאָטש עס איז ביי אים מיט זיין ווייב געווען אַן אָפּמאַך, אַז מען טאָר נישט לאָזן גניאַן צערײַטשען די שיינע ווייסע הענט אירע, ביי קיין שום אַרבעט.

„גניאַ זעט אויס ווי אַ פּרינצעסע און דאַרף אַזוי פֿאַרבלייבן", — האָט דבורה געטענהט צו איר מאַן, ווען ער פֿלעג מיט שרעק שווייגן. גע־ניאַ לויפֿט אַרום פֿון איין פּרדס אין אַ צווייטן אַריין ווי אַ ווילדע ציג, פֿלעג ער טראַכטן, בשעת די זין און די טעכטער פֿון דעם מושב־עובדים זענען פֿאַרנומען יעדער איינער מיט זיין אַרבעט.

„פֿרעג מיך נישט ביז וואַנען מען קאָן אַזוי אָנגיין"...

פֿלעג דבורה אים אָפּשניידן זיינע רייד, וועלכע זענען געווען פֿול מיט זאָרג פֿאַר גניאַן: „אפשר וועט דאָך געשען אַ נס?" — פֿלעג דבורה בשעת מעשה טראַכטן. אנשטאָט אַ נס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר דבורהן אַ טרויעריקעווירקלעכקייט, ווען מאַניאַ פֿון כפר וויטקין, איז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן אַרונטערגעפֿאַלן, גלייך ווי פֿון הימל. זי האָט אַזוי אָנגעפֿאַנגען צו רעדן צו דבורהן:

— איך ווייס, דבורה, אַז איר האָט זיך זייער צוגעבונדן צו גניאַן פֿאַר דער קורצער צייט וואָס זי געפֿינט זיך ביי אייך... איך ווייס אָבער, דבורה, אַז איר זענט געטריי גניאַן ווי אַ מאַמע קאָן זיין געטריי איר קינד! גניאַ לויפֿט אַרום איבער די פּרדסים... מיין מאַן האָט זי נעכטן געפֿונען אין אונדזער פּרדס כמעט אַ געחלשטע... זי האָט זיך דערשראָקן

פאַר די אַראַבער, וועלכע זענען דאָרט געזעסן אונטער אַ בוים. זיי האָבן, ווייזט אויס, באַוווּנדערט איר שיינקייט... זי האָט מיר דערנאָך דערציילט אַז עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז זיי ווילן זי אַוועקטראָגן ווייט אויף די אײַזעלעך זייערע... היינט האָב איך זי געטראָפן ביים ים... זי איז געלאָפן גלייך אין די כוואַליעס אַריין. איך בין געווען ווייט. ווען איך לויף איר נאָך, וואָלט איך זי קיינמאָל נישט געווען דעריאָגט. גוט וואָס איך האָב געהאַט אין די הענט מיין נייעם „כלי" צום פּראַקטיצירן! גוט וואָס עס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אויסצושיסן אין דער לופטן... מיין שאָס האָט זי דערשראָקן. זי איז געפאַלן צו דער זאַמד. זי האָט אַפילו געמיינט, אַז זי איז פאַרווונדעט געוואָרן, דאָס נאַרישע קינד! איצט איז זי ביי מיר. זי לויפט אַרום איבער מיין ווירטשאַפט אַ פריילעכע... זי באַשעפטיקט זיך מיט די עופות און קעלבלעך! זי האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן אַז ערשט אינדערפרי האָט זי געוואָלט לויפן אין ים אַריין! און אפשר מאַכט זיך אַזוי, דבורה? אַלנפאַלס, עס איז פאַראַן אַ סכנה, דבורה! דאָס מיידל דאַרף מען אַוועקשיקן אין אַ קיבוץ, וווּ עס איז פאַראַן אַ סך מענטשן... דאָרט וועט זי זיך פאַרגעסן. דאָרט וועט זי פאַרגעסן דאָס וואָס עס איז ביי איר פאָרגעקומען אין לעבן... עפּעס האָט זי דורכגעמאַכט, דבורה! עפּעס, וואָס לאָזט זי נישט רוען, דבורה!

דבורה האָט געקוקט אויף מאַניאַן און עס האָבן זיך געגאָסן טרערן פון אירע אויגן. שווער איז געווען פאַר דבורהן איבערצוגעבן מאַניאַן ווי זי האָט זיך צוגעבונדן צו דער פּראַכטפולער גניאַ! וויפל חלומות זי האָט פאַרבונדן מיט איר! אָבער דבורה האָט נישט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז מאַניא האָט אַ געזונטן קאָפּ. נישט אומזיסט שמט זי איבער דעם גאַנצן מושב אַלס די קלוגסטע און די געלערנסטע פרוי! דבורה האָט זיך נישט געשפאַרט מיט מאַניאַן. זי האָט אויף שנעל געמאַכט אַ בינטל פון אַלע נייע זאַכן, וועלכע זי האָט אַליין אויפגענייט פאַר גניאַן, זי איז געלאָפן מיט מאַניאַן צו איר אַהיים כדי פון דאָרט באַגלייטן גניאַן מיט מאַניאַן צום אָמניבוס, וועלכער האָט זי באַדאַרפט אַוועקפירן אין אַ קיבוץ.

דבורה האָט זיך געמאַכט האַרץ. זי האָט נישט געלאָזט די טרערן

ארויפשווימען אויף אירע אויגן ביז וואנען דער אָמניבוס איז אָפּגעפאָרן פון מאניאס הויז.

שמשון, דער „נהג" פון דעם „מקשר" (פאַרבינדער), האָט דבורהן א קלאפּ געטון אין פּלייצע און מיט זיין גוטן שמייכעלע איר א זאָג גע־טון: „מאלאַדיעץ, דבורה!" און ער האָט אוועקגעשלעפּט זיין אָמניבוס אַרונטער צום שליאך. דאַן ערשט האָט זיך דבורה שטיל צעוויינט. זי האָט לאנג נאכגעקוקט דעם רעשנדיקן אָמניבוס, וועלכער האָט פאַר־שלעפּט מיט זיך איר גאַנצע האָפענונג, איר צוקונפט... זי האָט זיך גע־לאָזט גיין אהיים א צעבראָכענע. אין אָמניבוס האָט קיינער נישט חושד געווען, אז דבורה לעבט איבער אזא טראַגעדיע. נישט שמשון דער נהג, נישט מאניא האָבן געוווסט וועגן דבורהס עלנט. שמשון האָט אין שפּיגל געקוקט אויף מאניאן און אויף איר „שוועסטערל", וועלכע זי פירט אין קיבוץ אריין. שוין לאנג באַדאַרפט דאָס טון. — האָט ער געטראַכט, פאַר־ציענדיק א רוסישן ניגון. — „גוט, וואָס מאניא האָט היינט געפּועלט ביים דאָרפס־ראַט! מאָרגן וואָלט אפשר שוין געווען צו־שפּעט?..."

מאניא האָט זיך געוויצלט מיט די פּאסאזשירן פון אָמניבוס וועגן איר „שוועסטערל", אָבער אין האַרצן איז ביי איר געווען א זאָרג: וואָס וועט זי טון מאָמער וועט גוניא נישט וועלן בלייבן אין קיבוץ? האָט דען איר גוניא אליין נישט געזאָגט, אז זי וויל וועגן א קיבוץ נישט הערן? אז זי האָסט אפילו דעם נאָמען קיבוץ? אז אמאָל האָט מען געוואָלט איר מאמע מיט גוואַלד אַריבערברענגען פון בעסאַראַביע אין א קיבוץ... איז זי געשטאָרבן אין וועג...

אויך שמשון האָט געוווסט וועגן דעם סוד, וועגן גוניאס האַס צום קיבוץ. ער האָט דאַריבער זיך נישט ווייניק געזאָרגט וועגן גוניאס ער־שטער באַגעגעניש מיטן קיבוץ און מיט זיין אָרדענונג! און דאָך — בע־סער אז זי זאָל בלייבן אין קיבוץ א נישט צופרידענע, איידער מען זאָל זי געפינען אין די כוואַליעס ביי כפר וויטקין... — האָט געטראַכט שמשון און דערביי געזונגען אויף א קול.

און שמשונס געדאַנק האָט זיך ווי דורך א כישוף איבערגעגעבן צו

ישראלן, וועלכער האָט געאַרבעט ביי זיך אין פּרדס צו יענער צייט. פּונקט דאַן איז אויך ביי אים פאַרביייגעלאָפן דער געדאַנק, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיט דער מאָדנער געניאַ, וועלכע זיין דבורה וואָלט געוואָלט האָבן פאַר אַ שניר! עפּעס לויפט זי אַרום צו אומרואיק פון איין פּלאַץ צום צווייטן. זי זאָל, חלילה, עפּעס נישט אָפּטון. ווהין וועט ער זיך דאַן אַהינטון פון וויטיק? און זיין דבורה? ווי וועט זי איבערלעבן אַזאַ וויטיק? אָבער פּונקט אין דער מינוט, ווען ער האָט זיך געוואָלט אויסזידלען פאַר די דאָזיקע מרה־שחורהדיקע, נאַרישע געדאַנקען זיינע, האָט זיך באַוויזן אין פּרדס דבורה. זי האָט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— מיר האָבן אָנגעווווירן געניאַן, ישראל! נישטאָ מער אין הויז די שנור אונדזערע...

קאָן זיין ווען עס געדויערט נאָך אַ מינוט, וואָלט זיך ישראל מעסינגס אולסער צעשפּילט אויף אַלע זיינע נאַטן און ישראל וואָלט זיך איינגע־דרייט אין דרייען פון וויטיק. אָבער צום גליק האָט דבורה באַלד פאַריכט דעם טעות. וואָס זי האָט געמאַכט, זאָגנדיק:

— דער דאָרפס־ראַט האָט באַשלאָסן, אַז געניאַן דאַרף מען אָוועק־פירן אין קיבוץ אריין! און מאַניאַ פון כפר וויטקין האָט זי איצט אַוועק־געפירט קיין גבעת חיים...

— זייער גוט! עס איז צום גוטן! צום לעבן! צו חיים! — האָט זיך ישראל אונטערגעכאַפּט מיט פרייד. — אין גבעת חיים? זייער גוט! געבענטשט זאָל זיין גבעת חיים!

## זעקסטער קאַפּיטל

ביים עסצימער פון גבעת חיים האָט זיך אָפּגעשטעלט דער אָמניבוס, פון וועלכן עס זענען אויסגעשטיגן מאַניאַ מיט געניאַן. איינע — אַ בלאָנדע מיט טיפבלויע אויגן, און די צווייטע — מיט ווייכע אויגן פון שוואַרצן סאַמעט, וועלכע האָבן זיך טרויעריק געהוידעט איבער דעם שניי־ווייסן, גלאַטן ווי אַטלאַס, פּנים.

— וואס טוט א מושבניצע אין קיבוץ? — האט זיך אנגערופן דער רויט-האריקער סעקרעטאר פון גבעת חיים צו מאניאן, ווארפנדיק א קוק אויך אויף געניאן.

— זיי זיכער, יונה, אז איך וויל נישט איבערבייטן מיין מושב אויף דיין קיבוץ... — שמייכלט מאניא און גיט א ווונק אויף געניאן — דיר געבראכט א חברה אין קיבוץ אריין! אויב דיין קיבוץ וועט איר געפעלן, וועט זי דא פארבלייבן! אויב נישט, נעם איך זי צוריק צו זיך!

יונה, דער סעקרעטאר, איז שוין געניט אין הילכות מענטשן. ער פארשטייט שוין פון מאניאס ווונק, אז זי דארף אים וויכטיקס איבערגעבן; גיט ער זיך א דריי אהין און אהער, א פרעג א ווארט און נאך א ווארט, און אט פארט ער שוין צונויף געניאן מיט איינעם פון אירע לאנדסלייט. זיי פירן שוין א שמועס וועגן דעם לאנד, פון וועלכן זי איז נאר-וואס געקומען. דער בעסאראבער חבר פארשטייט שוין פון יונהס ווונק, אז ער מוז פארהאלטן געניאן, רעדט ער וועגן די יידן דארט, וועגן דער רייזע, וועגן דער שיף און דעם אריינקומען אין לאנד אריין.

און בשעת מעשה זיצט יונה מיט מאניאן אין דעם קיילעכדיקן גארטן פון גבעת חיים.

— עפעס האט פאסירט צו דעם מיידל, — רעדט שוין מאניא אויף שנעל צו יונהן — אויפן וועג אהערצו... זי מוז זיין בלויז צווישן א סך מענטשן, זי זאל פארגעסן דעם ים, די שיף. זי וויל נישט גיין אין קיבוץ! זי האסט אים! דארף מען וויסן ווי אנצוגיין מיט איר, יונה!

אבער יונה, ווי געזאגט, איז שוין געניט אין אזעלכע זאכן. ער האט שוין געזען קאלטס און ווארימס! גיט ער זיך א דריי און א לויף אריין צו פנינהן אין בית התינוקות. מיט פנינהן, וועלכע האט געפאקט און געמאזט אין גבעת חיים, וועלכע האט אליין מיט אירע אייגענע הענט געמאכט פון זאמדן דא, אין גבעת חיים, פרדסים און גארטנס פון גרינסן, דארף מען אויך קיין סך נישט רעדן. זי פארשטייט פון דעם ווונק, ווייל זי האט זיך געגוג אנגעליטן אין איר לעבן. זי ווייסט שוין וואס זי האט צו טון כדי ארויסצוהעלפן יונהן אין זיין שווערער ארבעט, אין זיין ראל

אַלס סעקרעטאַר. זי וואַרט בלויז אויף זיין ווונק. און יונהס ווונק פאַר־שפּעטיקט נישט צו קומען.

ער באַווייזט זיך אין פּנינהס בית התינוקות (אַ קינדערהיים פאַר פּיצעלעך קינדער) מיט געניאַן, וועלכע קוקט אויף יעדער זאַך אין דעם קיבוץ מיט עקל און האַס.

— איך האָב שוין געזען אייער עסצימער! — זאָגט געניאַ צו יונהן מיט פאַראַכטונג — נאָך דעם עס־צימער בלייבט שוין פאַר מיר גאָרנישט וואָס צו זען... עס איז שוין אַלעס קלאָר, — שמייכלט געניאַ — די טישן, דער רעש, די בלעכענע טעפּער... דער „כל בויניק" (אַ שיסל וווּ מען גיסט צונויף די איבערבלייבעכץ פון יעדער טעלער) און דאָס עסן אין איין טעלער. פוי!

אָבער יונה, דער סעקרעטאַר פון קיבוץ, מאַכט זיך נישט הערנדיק. ער פירט זי אַריין אין בית התינוקות.

— דאָס זענען אונדזערע פּיצעלעך! — זאָגט ער מילד און פאַנגט אָן צו גלעטן די קעפּלעך פון די קינדערלעך, וועלכע כאַפּן אים אָן ביי די הענט און ביי די פּיס און שפּילן זיך מיט זיי, אויסשרייענדיק אויף אַ קול: „יונה! ווער איז זי? וועמעס איז זי? דיינע?"

אָבער די פּיצלעך קינדער באַנוגענען זיך נישט מיט די פראַגעס, וועלכע זיי שטעלן יונהן. זיי קוקן אויף געניאַן, כאַפּן אָן אירע הענט און איר קליידל און פרעגן זי: „של מי את? (וועמעס ביסטו?) של יונה את? (ביסט יונהס) פּנינהס? של מי את? (וועמענס ביסטו?)" ביי געניאַן באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן. וואָסערע מאָדנע פראַגע די פּיצעלעך שטעלן איר? ווי קאָן זי ענטפערן אויף דער פראַגע? וועמעס איז זי? האָט זי דען עמיצן דאָ? וועמעס איז זי טאַקע דאָ?

זי קוקט אומבאַהאָלפן אויף יונהן, וועלכער זעט איר פאַרלעגנהייט.

— דאָס האָבן זיי אַזאַ טבע, די קליינע „חברה" אונדזערע, יעדן שטעלן זיי די זעלבע פראַגע... זיי מיינען דערמיט ווער זענען דאָס דיינע קרובים דאָ. „זי איז מיינע, חברה!" — זאָגט ער שטרענג צו די קינדער־לעך, כאַטש זיינע אויגן לאַכן נאָך אַלץ צו דעם קליינוואַרג — זי איז

מיינע און פנינהס. — און ער ווייזט בשעת מעשה אָן אויף פנינהן, וועל־כע פאַרוואַלטעט מיטן בית התינוקות.

אָבער פאַר געניאַן איז דאָס נישט גענוג. די פראַגע האָט עפּעס אויפגערודערט אין איר האַרצן. עס באַווייזן זיך טרערן אין אירע אויגן און זי פרעגט זיך: „וועמעס ביסטו, געניאַ? וועמען האָסטו דאָ? קיינעם נישט! וועמען האָסטו ערגעץ אַנדערש? אויך קיינעם נישט! די מאַמע איז טיף אין ים, צווישן די כוואַליעס. דער טאַטע אין בעסאַראַביע אויפן בית־עולם. דער ברודער, וועלכער איז מיט דיר אויף איין שיף אָנגעקו־מען, איז מער נישט דיין ברודער... דו ווילסט דאָך פון אים נישט הערן, געניאַ! טאָ וועמען האָסטו אויף דער גאָרער וועלט? ביסט דאָך איינע אַליין. ביסט דאָך קיינעמס נישט! נישט אומזיסט האַלטן זיי אין איין פרעגן. ביסט אַ פרעמדע דאָ, געניאַ! אינגאַנצן אַ פרעמדע! זיי נאַרט מען נישט אָפּ!" און כדי קיינער זאָל נישט באַמערקן אירע טרערן, בויגט זיך געניאַ אָן צו איין מיידעלע, וועלכעס האָט נישט געוואָלט, נישט דער־וואַרט פון איר קיין ענטפער. דאָס קינדעלע האָט בלויז געקוקט שטיל אויף געניאַן, גלייך ווי עס האָט מיטגעפילט מיט געניאַן אין איר געמיט.

— נו, פאַרוואָס פרעגסטו מיך נישט, וועמעס איך בין? — רופט זיך אָן געניאַ צום קינדעלע — בהמהלע וואָס דו ביסט!

— זי איז נישט קיין בהמהלע! — דערהערט געניאַ פלוצים — זי איז נעבעך פשוט שטום!

געניאַן גיבן אַ שנייד די ווערטער איבער איר האַרץ. זי קוקט זיך אום. אין טיר פון דעם בית התינוקות שטייט דער שטומער מיידעלעס מוטער. די מוטער לויפט־צו צום שטומען קינדעלע, וועלכעס האָט שטי־לערהייט געקוקט אויף געניאַס פנים און שטומערהייט זיך געשפּילט מיט איר פינגער. זי גיט אַ כאַפּ דאָס קינדעלע אויף אירע הענט און טראָגט עס אַרויס פון דעם בית התינוקות...

געניאַ וויל איר נאָכלויפן; זי וואָלט געוואָלט בעטן מחילה ביי דער אומגליקלעכער מוטער, וועלכער זי האָט פאַרשאַפט אַזאַ ווייטיק, אָבער די מוטער איז שוין נישטאָ. קוקט געניאַ אַרויף צו יונהן, צו דעם סעקרע־

טאַר, מיט פאַרווײנטע אויגן, גלײַך ווי זי וויל אים בעטן ער זאָל איר מוחל זײַן פאַר דער אומגליקלעכער מוטער.

— מיר האָבן שוין געטון אַלעס פאַר דעם קינדעלע, — נוצט יונה אויס די געלעגנהייט כּדי צו באַווירקן געניאַן, אַז זי זאָל בײַטן איר מיינונג וועגן קיבוץ — מיר זענען שוין געווען בײַ די גרעסטע דאָקטוירים פון לאַנד. מיר האָבן זיך שוין געווענדעט צו דאָקטוירים פון אויסלאַנד. אויב עס וועט אָנקומען אַן ענטפער, אַז עס איז פאַראַן האָפענונג, וועלן מיר דאָס קינדעלע פירן קיין אויסלאַנד. בײַ אונדז, אין קיבוץ, איז נישטאָ קיין צו טײַערע זאַך ווען עס האַנדלט זיך וועגן אונדזער קליינוואַרג. מיר שפּאָרן אָפּ פון אונדזער ביסן אַבי זיי זאָלן אויסוואַקסן געזונט און גליקלעך. דעם צוקונפטיקן דור — אַלעס! אונדזערע עלטערן — דאָס בעסטע! האָסט שוין געזען זייער עסצימער? עס איז גאָר אַן אַנדער עסצימער. מיט טישטוכער, ווי עס געפעלט דיר, געניאַ! און דאָס עסן איז אויך אַן אַנדער עסן! אויף זייער לעבן שפּאָרן מיר נישט. פאַר זיי מוז סטייען! קום, וועל איך דיר ווײַזן וויאַזוי און וואָס די עלטערן עסן בײַ אונדז. איך וועל דיר ווײַזן וויאַזוי אונדזערע קינדער עסן.

און יונה האָט זי אַוועקגעפירט אין שולע, וווּ אין איינעם פון די עסצימערן האָבן געגעסן די קינדער פון די עלטערע גראַדן.

— איז פאַרוואָס אָפּפערט איר מיט אייער גאַנצן לעבן? אי איר אַרבעט שווערער פון אַלעמען, אי איר לעבט ערגער פון אַלעמען? — האָט געניאַ מיט ווייטיק געפרעגט נאָך דעם, וואָס יונה האָט איר געוויזן אַלע געביידעס פון דעם קיבוץ.

— פאַרוואָס? — האָט ער געשמייכלט צו געניאַן — ווייסטו וואָס עס הייסט חלוץ? מיר זענען דאָס די חלוצים, אין אַלע הינזיכטן!... מיר זענען גליקלעך אין אונדזער געבן...

— איך וויל נישט געבן מײַן לעבן... — האָט געניאַ פּרובירט זיך אַנטקעגנשטעלן יונהס מיינונג. אָבער אין דעם מאָמענט איז צוגעלאָפן אויף יונהס ווונק פנינה.

— יונה! — זאָגט פנינה מיט אַ שטיפ, וועלכע דריקט אויס אומ-

באהאַלפנקייט — וואָס זאָל איך טון? מיין עוזרה (העלפּערין) איז קראַנק געוואָרן, די צווייטע איז אַוועק אויף אַ צוויי טעג חופש (וואַקאַציע). ווי קאָן איך זיך צערייסן אַליין? שטעל מיר צו עמיצן! כאָטש אויף אַ פּאָר טעג!

— ווּעמעןֿ קאָן איך דיר צושטעלן, פנינה? אַלע הענט זענען פאַרנו־מען. סיידן איך אַליין? אָדער אפשר וואָלט גניאַ אונדז געטון אַ געפע־ליקייט און אונדז אַרויסגעהאָלפן אין אַן עת צרה?

— אין דעם בית התינוקות, ווו דאָס שטומע מיידעלע געפינט זיך?
— פרעגט גניאַ.

פנינה און יונה שאָקלען מיטן קאָפּ און וואַרטן אויף גניאַס ענטפער.
— איך וועל אַרויסהעלפן, אָבער אָן קיינע פאַרפּליכטונגען... ביז עס וועט מיר נמאס ווערן...

— ביז עס וועט דיר נמאס ווערן. דערנאָך וועלן מיר דיך אויפזעצן אויף דעם אָמניבוס און אַוועקשיקן וווהין דו ווילסט. — פאַרזיכערט יונה און גיט אַ ווונק צו פנינהן. — אָבער פאַרגעס נישט, גניאַ, אַז עס וואַרט אויף אונדז אין דעם „גרינעם קרייז" מאַניאַ! איר אָמניבוס וועט שוין טאַקע באַלד אַרויסגיין פון דעם קיבוץ, דאַרפן מיר איר אָנזאָגן אַז דו בלייבסט מיט אונדז אין גבעת חיים אויף עטלעכע טעג.

יונה איז אַוועק מיט גניאַן זוכן מאַניאַן אין דעם „גרינעם קרייז", אָבער מאַניאַ איז שוין געזעסן צו דער צייט אויף אַ זייטיקער באַנק.

עס איז שווער געווען צו זאָגן צי זי דרעמלט, צי זי חלומט. אירע אויגן זענען געווען גרויס און טיף און בלוי, גלייך ווי מען האָט אין זיי אַריינגעטון צוויי קיילעכלעך סינקע (בלויעס)... שטענדיק, ווען מאַניאַ פלעג זיך אַרויסכאַפּן פון איר שווערער גרויסער ווירטשאַפט און פלעג בלייבן אַליין אויף אַ ווײַלע, פלעג זי אויסזען אַזוי פאַרחלומט. ווײַל אין אַזעלכע פרייע מינוטן פלעג זי זיך שטענדיק וווּנדערן צי דאָס איז זי, מאַניאַ פון כפר וויטקין, גרשומס ווייב, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ מענטשן וועמען זי האָט גאָרנישט ליב געהאַט? צי איז דאָס זי, די אַמאָליקע מאַניאַ, וועמענס אַמתער חתן און ליבהאָבער האָט געהייסן

מוסיאַ? איז דאָס זי, וועמענס מוסיאַ איז דערהרגעט געוואָרן גייענדיק פון דגניה קיין מלחמיה מיט יאָרן צוריק, קויפן אַ רפואה פאַר אַ קראַנקן חבר? איז דאָס זי די זעלבע מאַניאַ, וועלכע האָט זיך צוגעוווינט צו לעבן אָן איר מוסיאַ, כאָטש אַלע אירע חברים פון אַמאָל, פון איר קבוצה, האָבן זיך געשראָקן, אַז זי וועט נישט וועלן איבערלעבן דעם חתן נאָך דעם וואָס מען האָט אים דערהרגעט ערב דער חתונה? איז דאָס זי, די יעניקע, וועלכע האָט געבוירן צו גרשומען אַ זון, וועלכער הייסט מוניק? וועלכער איז שוין כמעט דרייצן יאָר אַלט... איז דאָס זי, די זעלבע מאַניאַ?

אַזוי האָט זיך געוווּנדערט מאַניאַ פון כפר וויטקין, זיצנדיק אַליין אויף אַ ווייטער באַנק, בשעת יונה איז צוגעקומען צו איר.

יונה האָט איר געזאָגט גלייכגילטיק:

— געניאַ בלייבט פאַרלויפיק אין קיבוץ גבעת חיים.

— געדענק! צו יעדער צייט, וואָס וועסט זיך וועלן אומקערן קיין כפר וויטקין, איז מיין הויז אָפן פאַר דיר, — האָט מאַניאַ געזאָגט צו געניאַן ביים געזעגענען זיך, אַריינגייענדיק אין אָמניבוס.

## זיבעטער קאַפּיטל

באַלד נאָך דעם ווי דער אָמניבוס האָט אַוועקגעפירט מאַניאַן, האָט פנינה גענומען אונטער איר פליגל געניאַן.

איר אויפגאַבע איז געווען איצט נישט צו לאָזן געניאַן איינע אַליין, זי זאָל זיך נישט פילן איינזאַם, פאַרנעמען זי מיט אַרבעט, וועלכע זאָל זי באַפרידיקן און אינטערעסירן, און אַזוי אַרום זי צובינדן צו דעם קיבוץ.

די אַלע זאַכן זענען געווען פנינהס ספּעציאַליטעט. ווער נאָך ווי זי האָט אַזוי ליב געהאַט דעם קיבוץ, ווו זי האָט זיך אָנגעליטן אַזוי פיל פון סאַמע אָנפאַנג קיבוץ־לעבן ביז איצט? ווער נאָך האָט געקאָנט פאַרשטיין די איינזאַמקייט פון אַ יונג מיידל, וועלכע האָט דאָ קיינעם נישט, ווי זי, פנינה, וועלכע איז אַזוי איינזאַם כאָטש איר אייגענער מאַן וווינט אָט דאָ, אין דעם זעלבן קיבוץ? ווער, ווי פנינה, איז אַזוי צוגעבונדן צום

קיבוץ? האָט זי דאָ דען נישט געבוירן איר זיאָמאַן? האָט זי דאָ דען נישט אָנגעוווירן איר מאַן? האָט זי דאָ נישט אָנגעווירן אירע אַלע כוחות?

אויף פנינהן האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן. זי האָט שטענדיק געטון איר פליכט באמונה שלימה. זי האָט געוווסט ווי אָנצוגיין מיט מענטשן. זי וועט וויסן ווי צו געווינען געניאַן!

מיט געניאַן איז געווען זייער לייכט צו אַרבעטן. געניאַן האָט געמאַטערט דער געוויסן, וואָס זי האָט נישט ווילנדיק באַליידיקט דער שטומערם מוטער, שולין. זי האָט געזוכט אַ מעגלעכקייט צו פאַרגיטיקן מיט איר אויפמערקזאַמקייט צום שטומען מיידעלע די באַליידיקונג, וועלכע זי האָט פאַרשאַפט איר מוטער, אָנרופנדיק דאָס קינדעלע „בהמהלע".

אַלעם וואָס פנינה האָט געטון צו די פיצעלעך קינדערלעך פון דעם בית התינוקות האָט זי אימיטירט און געטון אין צווייען צו דעם שטומען מיידעלע: געדולדיק אַרייַנגערוקט אַ צווייטע פאַרציע וועטשערע אין קינדס מיילעכל, געוואַשן דאָס קינדעלע מיט אַזאַ ליבע, אַז עס האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען צו געניאַן, און ווען זי האָט דאָס קינדעלע אַרייַנגעלייגט אין בעטעלע, איז זי לאַנג געשטאַנען ביים קינד, האָט געמאַכט אַלערליי גרימאַסן מיט די הענט און מיטן פנים, כדי דאָס קינד זאָל שמייכלען.

אפילו ווען זי און פנינה זענען שוין געווען פאַרטיק מיט דער גאַנצער אַרבעט און האָבן שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דעם בית התינוקות, האָט זי זיך אומגעקערט, צוריק אַרייַנגעלאָפן אויף אַ מינוט אַהין, כדי נאָך אַמאָל אַ קוק טון אויף דעם קינדעלע. גרעסער און ווייכער זענען געוואָרן געניאַס אויגן, ווען זי איז אַרויסגעקומען פון בית התינוקות.

— האָסט עפּעס פאַרגעסן דאָרטן? — האָט פנינה געזאָגט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל אַז זי וואַרט אויף איר אומגעדולדיק, כאָטש זי האָט געפילט פאַרוואָס געניאַ האָט זיך אומגעקערט.

— דאָס קינדעלע האָט מיך אויך ליב, פנינה, — האָט געניאַ ווייך געזאָגט — איך וועל עס אויך זייער ליב האָבן... עס איז אַזאַ רחמנות אויף דעם קינד... אויף דער מאַמען...

— צוליב די נאַרישקייטן טאָר מען נישט פאַרלירן קיין צייט! — האָט זיך פנינה געמאַכט געשעפטמעסיק. זי האָט אָנגענומען געניאַן פאַר דער האַנט און זיי זענען אַוועק צום דוש.

— אַלע צוזאַמען? — האָט געניאַ שיר נישט אויסגעשריגן ווען זיי זענען שוין געווען אינעווייניק, אין דעם דוש־הויז.

— מיר קאָנען נישט אויספירן צו שעמען זיך, — האָט פנינה גע־שמייכלט. — וועסט זיך באַלד צוגעוווינען, — און זי האָט די ערשטע אָנגעהויבן זיך אויסצוטון.

— איצט, — האָט פנינה געזאָגט נאָך דעם דוש, — וועל איך דיר ווייזן אונדזער צימער. דו וועסט דערווייל וווינען מיט מיר. דערנאָך וועלן מיר גיין עסן אין עסצימער.

אויפן וועג אין עסצימער האָט זיך פנינה אָפּגעשטעלט ביי איינער פון די שיינע העל־באַלויכטענע געביידעס. זי האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער און דורך די שפּאַרונעס.

— וואַרט צו אַ מינוט, געניאַ. איך וויל זען מיין יינגל. בלויז — אַ מינוטעלע!

פנינה איז אַריינגעגאַנגען אין בית הנערים, ווו עס זענען געזעסן דריי יינגלעך. זיי האָבן ביי איין טיש געמאַכט זייער שול־אַרבעט. אין צווייטן צימער אויף איינעם פון די שמאָלע בעטלעך איז געלעגן איר יינגל, זיאַמאַ, מיטן קאָפּ אַריינגעטון אין קישן.

— איז מיין קינדעלע קראַנק? — האָט פנינה געפליסטערט צו איר יינגל, כדי זיינע חברים זאָלן נישט הערן.

זיאַמאַ האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך בלויז אַ וואָרף געטון און געבליבן ליגן.

— האָט עפּעס פּאַסירט צו מיין יינגעלע? זאָג, וואָס האָט פּאַסירט — וועל איך דיר העלפן!

— קיינער קאָן מיר נישט העלפן! — האָט זיאַמאַ קאַפּריזנע גע־ענטפערט.

— אפילו דיין מאמע וועלכע האט דיך אזוי ליב — האט זיך פנינה געבעטן ביים קינד.

— וואס קומט מיר ארויס, וואס דו ליבסט מיך? פארוואס ליבט מיך מיין טאטע נישט?

— ווער האט דיר געזאגט, זיסמעלע, אז דיין טאטע ליבט דיך נישט?

— ער איז נישט מיין טאטע!... ער ליבט מיך נישט!... פארוואס האט ער חתונה געהאט מיט אן אנדערער, ווען ער ווייס אז איך האב דיך אזוי ליב..

— דאס איז דאך שוין אן אלטע זאך, זיסמעלע. צוליב וואס איבער־חזרן יעדעס מאל דאס זעלבע?

— עס איז נישט דאס זעלבע! — האט זיסמע געוויינט זייער שטיל.

— פארוואס האט ער מיר נישט געזאגט, אז ער האט א ניי־געבוירן קינד? די יינגלעך האבן מיר אפגעגעבן מזל־טוב היינט, ווען זיין „בחורה" (ווייב) האט זיך אומגעקערט פון דעם שפיטאל מיטן קינד. איך וויל נישט האבן קיין שוועסטערל פון א פרעמדער מאמע, איך וויל נישט! איך וועל צו אים מער נישט גיין אין זיין צימער אריין. דו וועסט מיך מער נישט צווינגען. איך האס אים!... איך דארף אים מער נישט האבן! אפילו צו־ליב דער אלגעברא וועל איך מער נישט גיין צו אים! וועסט מיר נישט איינרעדן מער, אז ער איז א גוטער טאטע!

פנינה האט לאנג געגלעט דעם קאנוולסיוו ווארפנדיקן קאפ פון איר דרייצן־יאריק יינגל, ביז ער האט זיך אביסל בארואיקט.

דערנאך איז זי ארויס אויף די שפיצפינגער, קוקנדיק מיט קנאה אויף זיסמאס חברים, די נארמאלע יינגלעך, וועלכע האבן צוגעגרייט צוזאמען די שול־ארבעט אויף מארגן.

— אנטשולדיק מיר, געניא, וואס איך האב זיך פארהאלטן! מיין זון... ליגט...

— קראנק? — האט געניא איר געוואלט העלפן, זעענדיק איר אויפגערעגטקייט.

פנינהס אויפגערעגטקייט האט נישט אויפגעהערט אפילו ווען זי איז

געזעסן אין עסצימער פון קיבוץ נעבן גנעניאן. זי האט זיך נישט צוגע-רירט צום עסן, גלייך ווי זי האט עס נישט געזען, גלייך ווי זי האט נישט געוווסט וואס איז אזוינס הונגער נאך אזא שווערער ארבעט.

— איז דען ביי אייך אין קיבוץ נישטא קיין דאקטאר? — האט גנע־ניא זי געוואלט טרייסטן, זעענדיק אז פנינה עסט גארנישט.

— עס איז דא... אבער נישט שטענדיק העלפט א דאקטאר אין אזעלכע קראנקייטן, קינד מיינס!

די ווערטער האבן אינגאנצן צעטומלט גנעניאן. נאך מער פון די ווערטער האבן זי צעטומלט פנינהס אויגן, וועלכע האבן ארומגעזוכט עמיצן אין דעם גרויסן עסצימער.

— אנטשולדיק, גנעניא! איך וויל זאגן וועגן דעם טאטן פון מיין זון... ער זאל וויסן...

און זי איז אוועקגעגאנגען אן אן אנדער זייט עסצימער, ווו עס איז געזעסן שלמה, איר פריערדיקער מאן.

גנעניא האט באאבאכטעט פון וווייטנס פנינהן. איר פנים איז געווארן רויט און בלאס, בלאס און רויט בשעת זי האט זיך געבויגן צו שלמהן און האט צו אים עפעס שנעל גערעדט.

זי האט אויך גוט באמערקט ווי פנינה האט אויף שנעל איבערגע־האקט דעם געשפרעך, ווען עס איז אריין אין עסצימער א יונגע דיקע שיינע פרוי, וועלכע איז גלייך צוגעגאנגען צו שלמהן.

פנינה האט ווארים געדריקט די האנט ביי דער פרוי און, אנוווייזנ־דיק אויף גנעניאן, האט זי זיך שנעל צעשיידט אי מיט שלמהן, אי מיט דער פרוי און האט זיך אומגעקערט צו גנעניאן.

— דאס איז דיין מאנס נײַ ווייב? — האט גנעניא געפרעגט בא-מערקנדיק די קאלירטע פלעקן אויף פנינהס פנים.

— פון וואנען ווייסטו? — האט יענע געענטפערט, קוקנדיק גע־שעפטסמעסיק אין טעלער אריין.

— אזעלכע זאכן פילט מען. — האט גנעניא געזאגט, דערמאנענדיק זיך אן דבורהס ווערטער — איך האב דערפילט אז איך האס זי!

— נאַריש קינד! — האָט פנינה געשמייכלט — מ'טאָר נישט האַסן!
געניאַ האָט זיך איצט דייטלעך פאַרגעשטעלט פנינהס דאָרן קער־פער, וועלכן זי האָט ערשט נישט לאַנג געזען אונטערן דוש; אירע בריסטן, וועלכע האָבן אַרונטערגעהאַנגען ווי צוויי לאַנגע ליידיקע פאַפּירענע טאָר־בעלעך פון אונטער אירע פאַכוועס. און דאָך האָט איר פאַרדראָסן פאַר־וואָס שלמה, פנינהס מאַן, האָט זי פאַרביטן אויף אַזאַ געזונטער, יונ־גער און שיינער פרוי. צוליב דער פרוי איז איצט פנינה איינע אַליין. וועט זי נאָך געפינען עמיצן? האָט זי אַ טראַכט געטון און געזאָגט שטי־לערהייט צו פנינהן:

— פאַרוואָס ביסטו נישט אַנטלאָפן פון דעם קיבוץ?

— וווהין אַנטלויפן, נאַריש קינד? דאָס איז דאָך מיין קיבוץ! איך האָב אים זאָך אויפגעשטעלט מיט מיינע צען פינגער. מען אַנטלויפט נישט צוליב נאַרישקייטן. עס איז פאַראַן גענוג אַרבעט דאָ. מען האָט קיין צייט נישט צו טראַכטן וועגן ליבע. איבערהויפּט אין מיין עלטער... איך האָב דאָך שוין אַ יינגל פון דרייצן יאָר. מיין זיאַמאַ דאַרף מיך נאָך האָבן. אויך דער קיבוץ דאַרף מיך נאָך האָבן. אָבער וואָס האָב איך זיך צערעדט אַזוי? קום, נאַרישע ציג, מיר וועלן גיין אין בית התרבות, כאַפּן אַ קוק אין צייטונג, און דערנאָך — אין בעט אַריין! דו ביסט מסתמא זייער מיד, האַ? איך בין שרעקלעך מיד!

פנינה האָט געגעגנעצט אין בית התרבות. זי האָט געגענעצט אויפן וועג צו איר צימער און אין צימער האָט זי זיך שנעל אויסגעטון און זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. געניאַ האָט איר נאָכגעטון אין אַלעמען. נאָר אין איין זאַך האָט זי איר נישט געקאָנט נאָכטון — זי האָט נישט געקאָנט אַזוי שנעל צומאַכן די אויגן. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און האָט געטראַכט וועגן שלמהן, וועגן זיין צווייטער ווייב, אויף וועלכער ער האָט פאַרביטן פנינהן.

מיטאַמאָל האָט געניאַ באַמערקט, אַז פנינהס כראָפּען האָט אויפ־געהערט. פנינה איז אַרונטער פון בעט, צוגעגאַנגען צו געניאַס בעט און זיך איינגעקוקט אין איר פנים, זיך צוגעהערט צו איר אָטעמען.

געניאַ האָט אויף שנעל צוגעמאַכט אירע וואַכע אויגן. זי האָט או־מישנע אָנגעהויבן צו אָטעמען שווער. פנינה האָט, ווייזט אויס, באַ־שלאָסן, אַז געניאַ שלאָפט שטאַרק און האָט אָנגעהויבן זיך אָנצוטון. אין אַ מינוט צייט איז זי געווען פאַרטיק, זי האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעגליטשעט פון צימער.

„און איך האָב רחמנות געהאַט אויף איר, אַז זי איז נעבעך איינע אַליין? הייסט עס, אַז די הייליק־אויסזעענדיקע פנינה האָט אויך עמיצן? לויפט זי אויף אַ ראַנדעוווּ? אין מיטן דער נאַכט? — האָט געטראַכט געניאַ, וועלכע האָט שוין מער נישט געקאָנט איינליגן רואיק. — דאָס מוז איך אַליין זען מיט מיינע אויגן. וועל איך אויך הנאה האָבן פאַר איר. נעבעך! הויט און ביינער! זאָל זי אויך האָבן אַ געליבטן!

געניאַ איז אויף שנעל אַרויסגעלאָפן פון איר צימער, קלעבנדיק זיך צו די שאָטנס פון די געביידעס. פנינהן האָט זי אין ערגעץ נישט גע־קאָנט געפינען. זי איז אויסגעלאָפן דעם גאַנצן קיבוץ, מאַכנדיק פאַר זיך אַ סימן פון געביידע צו געביידע, וווּהין זי דאַרף זיך אומקערן. פּלוצים, ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים אומקערן זיך אין פנינהס צימער, איז איר אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן צו אַ שמאָלן רויטן שטראָם ליכט. ער האָט זיך געגאָסן פון אַ הויכן וואַסער־טורעם, ווייט ווייט, אין דרויסן אַרוים.

געניאַ איז צוגעלאָפן צו דער ווייסער געביידע. זי האָט דערזען דאָרט געדרייטע טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט אַרויף. מיט די שיך אין די הענט, בלויז אין די זאָקן, איז זי געקראָכן העכער העכער, אַהין פון וואַנען עס האָבן זיך געלויכטן רויטע, ווייסע און גרינע ליכט־שטראָמען. קריכנדיק אַרויף האָט זי דערזען, אַז דאָרט זיצט פנינה.

זי האָט שיר נישט אויסגעשריגן פון פרייד. אַ טרעפּ האָט אַ קרעכץ געטון. געניאַ איז מיט שרעק צוריקגעלאָפן צו זיך אין צימער אַריין. וואַרטנדיק אויף פנינהן, איז זי געלעגן לאַנג מיט אָפענע אויגן. זי האָט געטראַכט און איבערגעקייט פנינהס ווערטער: „עס איז פאַראַן גענוג אַר־בעט אין קיבוץ! דער קיבוץ דאַרף מיך נאָך אויך האָבן!“...

„איז דאָס די אַרבעט, וועלכע העלפט פנינהן פאַרגעסן אירע צרות? אין וואָס באַשטייט די אַרבעט?" אַ גרויסער נייגער האָט געניאַן אַרומ־געכאַפּט צו דער, וועלכע איז אין דער צייט, וואָס זי איז געלעגן אין בעט, געווען אויף דעם סיגנאַל־טורעם און האָט ערגעץ געשיקט סיגנאַלן...

## אַכטער קאַפּיטל

געניאַ איז איינגעשלאָפן מיטן געדאַנק, אַז גאַנצפרי וועט זי מיט אַ געלעכטער דערציילן פנינהן, אַז זי ווייסט וועגן איר מידקייט־שפּיל. זי האָט אָבער דאָס נישט געטון. זי האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אַ ווײַלע. אפשר וועט איר דאָס וואַרטן העלפן זיך דערוויסן מערערע זאַכן? אויף מאָרגן האָט זי זיך באַצייטנס געמאַכט שלעפעריק נאָך דעם טאָג אַרבעט, ווי נאָר פנינה האָט דערזען, אַז געניאַ שלאָפט מיטן „שטאַרקן יונגן שלאָף", איז זי אַרויס פון דעם צימער. געניאַ האָט זיך אויף שנעל צו־געגרייט צו אַ נייער אויספאָרשונג.

דאַסמאָל האָט זי געזען, אַז דער לאַנגער ווייסער שטראָם ליכט איז געפאַלן פון דעם וואַסער־טורעם אויף דעם טויער פון דעם קיבוץ. אין טויער האָט זיך באַוויזן אַן אויטאָמאָביל. דער אויטאָמאָביל האָט אויס-געלאָשן זיינע ליכט. עס זענען פון אים אַרונטערגעקראָכן און געשפּרונגען יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי ניי־אָנגעקומענע. זיי האָבן גערעדט אויף אַלערליי לשונות, אָבער אַממערסטן אויף ייִדיש און העברעאיש. געניאַ האָט געניִשטערט, געזוכט; זי האָט נאָכגעפאָלגט די ניי־אָנגעקומענע. אין עסצימער, וועלכער איז געווען העל באַלויכטן, זענען די טישן געווען געדעקט מיט ווייסע טישטוכער. אויף זיי זענען געשטאַנען פּאַלומעסיקן מיט מאַראַנצן, ברויט, טעלער מיט פּאָווידלע און קרוגן מיט טיי.

„וואָסאַראַ שמחה אין קיבוץ? און פנינה האָט מיר אפילו נישט מיטגעטיילט?" — האָט זי געטראַכט מיט פאַרדראָס. „הייסט עס, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדע? מיך לאָדט מען נישט איין? נאָר היגע?"

מיטאַמאָל האָט גענייאַ דערפילט, אַז עמיצער האָט זי אַרומגענומען ביים קאָפּ און האָט איר פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט פון הינטן אַרום.

— געכאַפּט? האַ? — האָט געערדעט יונה אַוועקנעמענדיק זיינע הענט פון איר'ע אויגן. — איך האָב געמיינט, אַז אַ יונג מיידל ווי דו שלאָפט שוין לאַנג!

— איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן, איך האָב דאָך געמוזט אויסגעפינען, — האָט געשטאַמלט גענייאַ.

— אויסגעפינען! וואָס? — האָט זיך געריצט מיט איר יונה דער סעקרעטאַר. — אַזאַ נייגעריק קינד ביסטו?

— איך וויל אויסגעפינען וווהין ווערט פנינה אַנטרונען יעדן אָוונט, ווען זי מאַכט דעם אָנשטעל אַז זי איז מיד און שלאָפט כלומרשט איין?

יונה האָט אַריינגעפירט גענייאַן אין עסצימער פון קיבוץ. דאָרט האָט פנינה מיט נאָך צוויי אַנדערע פרויען אויפגענומען די ניי־אָנגעקומענע, אויסגעזעצט זיי ביי די טישן און אָנגעגאָסן פאַר זיי טיי.

— איך האָב אומישנע אויפגעוועקט גענייאַן פון שלאָף, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, צופירנדיק זי צו פנינהן, וועלכע האָט אויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר אויגן אויף איר — זאָל דאָס קינד בייוווינען אַ שמחה פון מקבל־פּנים־זיין אַזעלכע חשובע געסט!

— אָבער זי וועט נישט קאָנען אויפשטיין מאָרגן גאַנצפרי צו דער אַרבעט אין בית התינוקות! — האָט געזאָגט פנינה קוקנדיק מיט ליבע אויף דער שיינהייט, וועלכע האָט צוגעצויגן יעדן איינעמס אויגן.

— זאָרג זיך נישט, פנינה! וואָס ווייניקער איך שלאָף, אַלץ לייכטער איז פאַר מיר אויפצושטיין דעם צווייטן פרימאָרגן. ווי עס איז געווען נעכטן, צום ביישפּיל... — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט גענייאַ.

צו איר גליק האָט פנינה נישט געהערט אירע לעצטע ווערטער, ווייל מען האָט זי אַוועקגערופן אָן אַ זייט און פון דאָרט אין קיך אַריין.

צו גענייאַס גליק האָט פנינה בכלל אויפגעהערט זיך צוצוהערן צו איר. גאָר גיך האָט פנינה בכלל באַשלאָסן, אַז גענייאַן דאַרף זי איצט לאָזן אַליין צווישן די יונגע חברים פון קיבוץ, כדי זי זאָל זיך לייכטער איינלעבן

מיטן קיבוץ. געניאַ האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן פרייער, זי פלעג אַליין קומען זאָגן „אַ גוטע נאַכט" צו פנינהן, כדי וואָס שנעלער נאָכן שלאָפן גיין אומשטאַנד זיין אויסצוגעפינען וואָס קומט פאָר ביינאַכט אין קיבוץ.

געניאַן האָט זיך אויסגעדאַכט אַז עס קומען פאָר זייער אַ סך זאַכן אין קיבוץ יעדן ביינאַכט. דער קיבוץ האָט ביינאַכט אויסגעזען ביי איר אין די אויגן ווי אַ פאַרכישופטע ראָד. די ראָד דרייט זיך ערגעץ אויף דעם הויכן טורעם, פון וועלכן עס ווערן אַרויסגעשיקט אַלערליי סיגנאַלן. די סיגנאַלן האָבן ביי איר אין די אויגן אויסגעזען ווי כישוף-פליגלען, וועלכע ברענגען אין דער פינצטער פון דער נאַכט פון אַלע עקן וועלט ניי־אָנגעקומענע אויף לאַסט-אויטאָמאָבילן. עס פלעגט זיך איר דוכטן אַז אַלע נאַכט קומען פאָר אַזעלכע שמחות פון קבלת־פנים פאַר די ניי־אָנגעקומענע, ווי די שמחה צו וועלכער יונה האָט זי אַריינגעלאָזט. דערפאַר פלעג זי זיך צו אַלעם ערשטן לאָזן גיין צום עסצימער, כדי דאָרט אַריינקוקן אין די פענצטער. אָבער ווען זי פלעג זען דאָס עסצימער ליידיק, די טישן נאַקעט, פלעגט זי מיט אַנטוישונג זיך לאָזן לויפן ווייטער זוכן פנינהן. זי האָט געוווסט, אַז דאָס זיכערסטע פלאַץ, וווּ צו געפינען פנינהן, איז דער טורעם. פלעג זי זיך לאָזן לויפן צום טורעם. אָפטמאָל פלעג זי זען דאָרט עמיצן אַנדערש. פלעג זי דאַן אויפסניי אַרומלויפן און זוכן פנינהן איבערן קיבוץ. נישט איין מאָל פלעג זי זען אַ ליכט אין סעקרעטאַריאַט, פלעג זי לויפן אַהין, זיך דאָרט אונטערקוקן און אונטערהערן. ווער קאָן דאָס זיין אין סעקרעטאַריאַט אין אַזעלכע שעהן? עס איז דאָך בפירוש אָנגעשריבן אַז דער סעקרעטאַריאַט איז אָפן בלויז ביז אַכט אין אָוונט! נישט זעלטן פלעג זי הערן הויכע שטימעס פון יענער זייט סעקרעטאַריאַט גלייך ווי חברים פירן אַ וויכטיקע דיסקוסיע. צווישן די פילע שטימעס פלעג צו איר באַהעלטעניש פון יענער זייט פענצטער דערגיין אויך פנינהס שטים.

„הייסט עס, אַז מיין פנינה איז פון די וויכטיקע חברים אין קיבוץ!" — פלעגט זי טראַכטן מיט שטאָלץ. אויף מאָרגן פלעג זי זיך אויפרייסן שנעלער פון דעם זיסן שלאָף כדי צו לויפן אין בית התינו־

קות און פאַרשפּאָרן פנינהן אַרבעט, כדי אָפּטון די אַרבעט איידער פנינה קומט נאָך אַריין. די געטריישאַפט פלעגט פנינהן רירן; נאָך מער פלעג זי רירן געניאַס איבערגעגעבנהייט צו די קינדערלעך. די געטריישאַפט, מיט וועלכער זי פלעג זיי קאָרמענען און וואַשן.

„דו ביסט זיי געטריי ווי זייערע אייגענע מאַמעס, אפשר נאָך מער!" פלעג פנינה שמייכלען. פנינה האָט דערפילט, אַז נישט נאָר צו די קינדערלעך איז געניאַ אַזוי איבערגעגעבן. גאָר גיך האָט זי דערפילט אין גע־ניאַן די געטריישאַפט פון אַ גוטער, קלוגער שוועסטערקע צו זיך אַליין.

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ פרימאָרגן, ווען זיי האָבן ביידע גע־וואַשן די קינדערלעך איינס נאָכן צווייטן, בשעת דאָס רוב „קליינוואַרג" איז נאָך געזעסן אין אַ ריי אויף די טעפּעלעך. עס האָט זיך דערהערט אַ גוואַלד פון הויף. „אַ דאָקטאָר רופט, אַ דאָקטאָר!", האָט געשריגן אַ שטים פון וויטנס, פון בית הילודים" (הויז פון די ניי־געבוירענע).

פנינה איז געלאָפן צום פּלאַץ פון וואַנען עס איז געקומען דער רוף נאָך הילף. מנוחה, שלמהס ניי ווייב, האָט געשריגן און געוויינט איבער איר ניי־געבוירן קינד, וועלכעס האָט זיך געוואָרגן מיט דער מוטערס מילך וואָס האָט נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

„אַ דאָקטאָר! אַ שוועסטער!" האָבן נישט אויפגעהערט די געשרייען.

פנינה איז צו צום קינד. געכאַפּט דאָס ניי־געבוירענע, אויפגעהויבן ס'קינד אין דער לופטן און אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרק אין זיין פּלייצעלע. עס איז אַרויס פון מיילעכל אַ גרויסער גרעבץ, אַ ברעכן און אַ געוויין. די פרייד איז געווען גרויס אין בית הילודים. אַלע די, וועלכע זענען זיך צו־זאַמענגעלאָפן, האָבן געלויבט פנינהן. אָבער אַ כמאַרע האָט פאַרדעקט פנינהס אויגן. זי האָט דערזען איר פריערדיקן מאַן שלמה שטיין ביים קינד. ער האָט געקוקט מיט אַזאַ ליבע אויף דעם ניי־געבוירענעם נפש, אַז עפּעס האָט אָנגעהויבן צו זשומען ביי פנינהן אין די אויערן: „דיין זיאָמאַן האָט ער קיינמאָל אַזוי נישט ליב געהאַט". שלמה האָט געקוקט מיט פרייד און נייגער אויף מונחהס אַביסל אויפגעדעקטער ברוסט... אַזוי קוקט מען נאָר אַז מען איז פאַרליבט! פנינהן איז מיטאַמאָל גע־

וואָרן קלאָר, אַז ער האָט זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט, אַפילו אין די בעסטע, אין די ערשטע יאָרן פון זייער פאַרהיירט לעבן.

ווי נאַריש איז זי און אַנדערע חלוצות געווען אין יענע יאָרן! מען האָט פאַרציכטעט אויף זיך, אויפן אייגענעם געזונט, אויפן געזיכט, אויף דעם קערפּער און אויך אויף ליבע. דער עיקר איז אין יענע יאָרן געווען אויפצובויען, פאַרזייען, פאַרפלאַנצן! וועמען איז דאָס געקומען אויף דעם געדאַנק אין יענע יאָרן, אַז אַ קימפּעטאָרן דאַרף זיך אָפּרוען זעקס וואָכן צייט נאָך דעם שפּיטאָל? אַז זי דאַרף עסן „דיעטא" און טרינקען די בעס-טע געטראַנקען, כדי צו קאָנען אָנזויגן איר קינד? אַז זי דאַרף היטן איר פּנים כדי עס זאָל נישט פאַרענדערט ווערן?

פנינה האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אָרים און מאַבטלאָז אין פאַר-גלייך מיט מנוחהן. זי האָט דערזען די פרישע מנוחה אָנקוועלן פון איר נאָר־וואָס אָפּגעראַטעוועט קינד, שטייענדיק מיט שלמהן צוזאַמען. פנינה איז אַרויס פון דאָרט. זי איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין בית התינוקות אַ בלאַסע, מיט ציטערדיקע פּיס.

— וואָס האָט פּאַסירט דאָרט? — האָט מיט שרעק געפרעגט געניא.

— וואָס האָט מען דיר געטון דאָרט?

— גאָרנישט. — האָט געשטאַמלט פנינה. — איך האָב בלויז גע-זען מיין פריערדיקן מאַן מיט זיין ווייב קוקן אויף זייער ניי־געבוירן קינד...

— דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב דיר געלאָזט לויפן אהין העלפן! האָט דען דער קיבוץ נישט קיין קראַנקנשוועסטער? קיין דאָקטאָר?

געניא האָט צוגעטוליעט פנינהס קאָפּ צו זיך. פנינה האָט צוגעמאַכט די אויגן, פון וועלכע עס האָבן גערונען שטילע טרערן פון הילפלאָזיקייט. זי האָט זיך געלאָזט גלעטן פון דער געטרייער שוועסטערקע. נישט נאָר צו פנינהן האָט געניא אַרויסגעוויזן געטריישאַפט און פאַרשטענדעניש. אויך צו איר יינגל, צו זיאָמאַן, האָט זי אַרויסגעוויזן מיטלייד און גע-דולד. גאָר אין גיכן האָט זי געווונען דאָס עקשנותדיק שווערע האַרץ פון

דעם ייִנגל. גניא איז געווען די איינציקע, מיט וועלכער זיאָמאַ האָט געוואָלט טיילן זיינע אינטימע מינוטן, וואָס זיין מוטער האָט אים גע־קאָנט צוטיילן. זיי פלעגן צוזאַמען אַלע דריי גיין שפּאַצירן פאַרנאַכט און אום שבת. אַפילו אין אָוונט פלעג גניא נעמען אויף זיך די מיסיע צו גיין זאָגן „גוטע נאַכט" זיאָמאַן פאַר דער מוטער. ווייל פנינה האָט געוווּסט אַז מיט גניאן וועט ער נישט מאַכן קיין לאַנגע שיחות. גניאס ליבשאַפט צו פנינהן, איר געטריישאַפט צו דער מוטער האָט אינסטינקטיוו געווירקט אויף דעם אַביסל הינטערשטעליקן ייִנגל, וועלכער פלעג אויס־מיידן פרעמדע מענטשן. ער האָט אָנגעהויבן צו געטרויען גניאן און צו פאָלגן אירע עצות.

איינמאָל ביינאַכט האָט גניא, פאַרבייגייענדיק דעם בית הנערים (דאָס הויז פון די ייִנגלעך) דערהערט אַ געוויין. עס האָט זיך איר אויס־געדוכט, אַז דאָס איז זיאָמאַס שטים. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זיך צו־געהערט... ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס וויינט איר פנינהס זון, איז זי אַריינגעגאַנגען אין הויז אַריין. אַלע ייִנגלעך זענען געשמאַק גע־שלאָפן, נאָר זיאָמאַ האָט געוויינט אַריינגראָבענדיק דעם קאָפּ אין קישן.

„עפּעס האָט פּאַסירט מיט מיין מאַמען", האָט ער געפּליסטערט. „זי איז ניט געקומען מיר זאָגן „גוטע נאַכט" ווי זי האָט מיר דאָס צוגעזאָגט... זי איז נישטאָ ביי זיך אין צימער... איך קום איצט פון דאָרטן... ווו איז זי? ווו קאָן זי זיין?"

— קום! וועל איך דיר ווייזן, ווו דיין מאַמע געפינט זיך! — האָט גניא מיט זיכערקייט געזאָגט צום סענטימענטאַלן ייִנגל, איינוויקלענ־דיק אים אין זיין קאָלדרע האָט זי אים שטיל אַרויסגעפירט פון דעם בית הנערים, כדי די ייִנגלעך זאָלן נישט הערן קיין זאַך.

— דיין מאַמע אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. זי אַרבעט מער פון אַלע מענטשן אין דעם קיבוץ. זי איז דער וויכטיגסטער חבר אין גבעת חיים. און דו ווילסט עס נישט פאַרשטיין, זיאָמאַ! איך בין זיכער, אַז זי איז געווען ביי דיר, דיר זאָגן „גוטע נאַכט", נאָר דו ביסט שוין גע־שלאָפן, האָט זי דיך נישט געוואָלט וועקן.

ווי באַלזאַם זענען געווען געניאַס ווייכע ווערטער פאַרן געמיט פון דעם נערוועזן יינגל. זי האָט אים צוגעפירט צו דעם טורעם. זיי זענען ביידע אַרויפגעקראָכן אויף די שפּיץ־פינגער ביז צו דער העכסטער שטאַפּל. זי האָט אים שטיל אָנגעוויזן אויף זיין מוטער, אים אויף שנעל אַרונ־טערגעפירט.

— איצט גלויבסטו מיר, אַז דיין מאַמע איז שטענדיק פאַרטון אין איר אַרבעט! ווען דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו פאַרשטיין ווי וויכטיק די אַרבעט איז. זי און אַזעלכע ווי זי רעדן מיט די קאָלירטע סיגנאַלן פון אַלע עקן עמק חיפר... זיי באַשיצן דעם עמק חיפר!

— זאָג מיר, געניא, אָבער — דעם אמת! פאַרוואָס האָט מיין טאַטע זי פאַרביטן אויף מנוחהן? איז מיין מאַמע טאַקע אַזוי מיאוס? מיר דוכט זיך, אַז פאַרקערט. אַז זי איז... — האָט זיאַמאַ געבעטן אַן ענטפער פון דער, וועלכע האָט אים געטרייסט ווי אַ מאַמע.

— איך זאָג דיר, זיאָמאַ! אַ זי איז דער שענסטער מענטש וואָס איך האָב ווען געטראָפן!

געניאַ האָט אַריינגעלייגט דאָס יינגל אין בעט אַריין. ער איז באַלד איינגעשלאָפן.

פון אָט אַזעלכע און אַנדערע קורצע באַגעגענישן האָבן זיך געצויגן דינע נשמה־פעדים, וועלכע האָבן פאַרקניפּט און פאַרבונדן געניאַן מיט פנינהן און מיט איר זון. די פעדים זענען געוואָרן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, פון נאַכט צו נאַכט. אַרומלויפנדיק אין קיבוץ ביינאַכט כדי צו פאָרשן דאָס „נאַכט־לעבן" פון קיבוץ, האָט געניאַ איינמאָל איבערגע־כאַפּט אַ געשפּרעך. דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין פרדס. פנינה איז געשטאַנען ביי איין מאַראַנצן בוים; שלמה, איר געוועזענער מאַן, ביי אַ צווייטן. זיי האָבן געקוקט אין פאַרשידענע זייטן און, ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט געניאַ, גערעדט אויף פאַרשידענע שפּראַכן.

— איך בעט דיך, שלמה, גיי אַוועק פון דעם קיבוץ! — האָט פנינה גערעדט מיט אַ ווייכער שטים. — זיאָמאַ וועט דיך נישט זען און ער וועט פאַרגעסן די באַליידיקונג. ער איז סענסיטיווער ווי דו מיינסט, שלמה.

— דו האָסט אים אַזוי צעפּיעשטשעט. דו האָסט געמאַכט פון אים אַזאַ אַנאָרמאַל קינד. אַנדערע יינגלעך...

— צוליב וואָס איבערחזרן די זעלבע רייד, שלמה? זאָל זיין אַז די שולד איז מיינע. זאָל זיין אַז אַנדערע יינגלעך אין דעם עלטער זענען שוין גאַנצע מענטשן. אָבער עס איז דאָך פאַרפאַלן! זאָל זיין אַז די שולד איז אינגאַנצן מיינע, אַז עס איז נישט די שולד פון זיינע און אונדזערע אומשטענדן! אָבער איצט?... ווילסטו מיר נישט העלפן אים אַרויסראַטעווען פון זיין מעלאַנכאָליע? זעסט דאָך, אַז ער וויל צו דיר נישט קומען אין צימער אריין!

— אָבער וויאַזוי קאָן איך אַוועקגיין פון דעם קיבוץ, פנינה? איצט, מיט אַ ניי־געבוירן קינד? ווען מנוחהן קומט דאָ אַ לאַנגער אָפּרו? ווער וועט איר געבן אַזאַ אָפּרו אין אַן אַנדער קיבוץ? דאָ קאָן מען אונדז. מען ווייסט אַז זי דאַרף זיך נאָך לאַנג אָפּרוען. איר קימפּעט איז געווען נישט פון די לייכטע. עס קומט איר! נעם דו זיאַמאַן און גייט איר אַוועק אין אַן אַנדער קיבוץ. איבעראַל ווייסט מען, אַז דו האָסט גרויסע פאַר־דינסטן. אין דער הגנה, אין דער באַשיצונג פון לאַנד. דיר איז לייכטער!

לאַנג איז געשטאַנען געניאַ אונטער דעם פּלויט פון דעם פּרדס און זיך איינגעהערט אין די רייד. איצט האָט זי געוווסט מיט וועמען עס איז איר האַרץ! פון איצט אָן האָט זי געוווסט וועמען זי ליבט און וועמען זי האַסט אין דעם קיבוץ. די האַס האָט אין איר אויפגעוועקט מאָדנע שלעכטע געדאַנקען. די געדאַנקען פלעגן זי נישט זעלטן שרעקן. זי פלעג חלומען וועגן גרויסע אומגליקן; זיי מוזן פּלוצים באַפאַלן שלמהן און זיין מנוחהן. אַך! ווען פנינה וואָלט נישט געווען געראַטעוועט זייער ניי־גע־בוירן קינד דערנסטמאָל! עס וואָלט געשטאָרבן דאַן. שלמה מיט מנוחהן וואָלטן פאַרלאָזט גבעת חיים. און פנינה מיט זיאַמאַן וואָלטן זיך באַ־רואיקט. אָפטמאָל פלעג איר אַנכאַפּן אַ חשק אונטערצושטעלן מנוחהן אַ פיסל ווען זי גייט פאַרביי. זאָל זי פאַלן און ווערן אַ קריפּל — וועט שלמה זי מער נישט ליב האָבן! וועט ער ווערן ווייכער צו זיאַמאַן... וועט ער בעסער פאַרשטיין פנינהן!

אזוי האט געניא געלעבט א שטיק צייט אין קיבוץ גבעת חיים מיט פנינהס צרות, מיט איר ווייטיק, מיט אירע איבערלעבונגען, ביז וואנען זי האט דערפילט אז זי האט אן אייגן הארץ. איר הארץ האט אנגעהויבן צו קלאפן שטארק פון אייגענע געפילן און איבערלעבונגען.

## ניינטער קאפיטל

דאס האט פאסירט אין א בייַנאכט, ווען אין גבעת חיים איז פאר־געקומען די ערשטע גרויסע אלגעמיינע קיבוץ־פארזאמלונג נאך געניאס אנקומען אהין.

ביי דער פארזאמלונג האט באדארפט האלטן א גרויסן רעפעראט דער באוווסטער חלוץ פון גבעת ברענער, ערנא מילאני. מען האט אויך געוואלט מקבל־פנים זיין ביי דער געלעגנהייט א חבר פון בעסאראביע, וועלכער האט געפירט די אונטערגרונט־חלוצים־באוועגונג פון רומעניע קיין ארץ ישראל, איינארדענענדיק דעם אפפאר פון חלוצים אויף ספע־ציעל געדונגענע שיפן. דער גרויסער עסצימער פון קיבוץ איז פאר דעם אוונט פארוואנדלט געווארן אין א גרויסן זאל. דארט האבן זיך פאר־זאמלט עטלעכע הונדערט מענטשן כדי אויסצוהערן דעם אינטערעסאנטן רעפעראט פון ערנא מילאני.

אהין האבן געשטראמט פון אלע עקן קיבוץ מענער, פרויען און יוגנט־לעכע. אהין האבן זיך אויך געצויגן נאך דעם שווערן טאג ארבעט געניא מיט פנינהן. פנינה האט דערוואַרט פון דעם אוונט זייער א סך. מיט דעם רעפעראט האט ערנא מילאני געוואלט אנצינדן די יוגנט, אז זי זאל זיך פארשרייבן אלס וואלונטירן אין דער ענגלישער ארמיי, דארט זיך אויסלערנען ווי צו זיין גוטע סאלדאטן אין אלע פעלדער און הינזיכטן פון באשיצונג לעת צרה. ווען מ׳וועט דארפן. פנינה האט געהאפט אז ביי דעם „נשף” (אוונט) וועט זי קאנען באקענען געניאן מיט געניאס לאנדס־מאן, דעם חלוץ פון בעסאראביע, וועלכן ערנא מילאני האט מיטגעבראכט פון גבעת ברענער. ביי דער געלעגנהייט האט דער חלוץ באדארפט אפגעבן

א באַריכט וועגן דער עליה, מיט וועלכער ער האָט ביז איצט אָנגעפירט פון רומעניע. כאָטש פנינה האָט דעם נייעם חבר פון בעסאַראַביע נאָך נישט געקאָנט. האָט זי אָבער אַ סך געהערט וועגן אים, אַבוואַל ער האָט זיך געפונען אין לאַנד בלויז אַ קורצע צייט.

זי האָט געוואָלט באַקענען געניאַן מיט דעם חלוץ פון בעסאַראַביע כדי געניאַ זאָל זיך נישט פילן אַזוי איינזאַם אין לאַנד. פנינה האָט גוט באַמערקט אַז די יונגעלייט פון גבעת חיים האָבן געניאַן געלאָזט גלייכ־גילטיק. דעריבער האָט פנינה דעם גאַנצן וועג פון איר צימער ביז אין עסצימער אַריין, געהאַלטן אין איין רעדן צו געניאַן וועגן דעם אינטע־רעסאַנטן ניי־אָנגעקומענעם חבר, מיט וועלכן זי וויל געניאַן באַקענען היינט ביינאַכט.

פנינהס נייגער צו באַקענען געניאַן מיטן ניי־אָנגעקומענעם חלוץ, האָט קיין טיפן רושם אויף געניאַן, וווייזט אויס, נישט געמאַכט. ווי נאָר געניאַ איז אַריינגעקומען אין עסצימער פון קיבוץ און האָט אַרויפגעקוקט אויף דער בינע פון דעם זאַל, האָט זי זיך אָפּגערוקט פון פנינהן. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן איר, אָן די צוהערער, אָן דעם זאַל. זי איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטע. זי האָט דערזען אויף דער בינע נעבן יונהן, דעם סעקרעטאַר פון דעם קיבוץ, איר אַמאָליקן ברודער — חיים!

„וואָס טוט דאָ חיים צווישן אַזעלכע חשובע געסט?" — האָט אַ שניט געטאָן ביי געניאַן אין מוח. „ווייסט מען דאָ נישט ווער חיים, איר ברודער, איז? ווי אַזוי ער האָט זיך געפירט אויף דער שיף? ווייסט דאָ קיינער נישט, אַז ער איז צוגעשוווּמען צו דער ראַד ווו זי האָט זיך קוים אָנגעהאַלטן? אַז צוליב דעם האָט דער חלוץ פון פוילן געמוזט איר אָפּ־טרעטן זיין אָנהאַלט? איז דאָס חיים, דער וויכטיקער חלוץ־פירער פון בעסאַראַביע, וועגן וועלכן עס האָט גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג פנינה? מיט אים האָט פנינה זי געוואָלט באַקענען?"

געניאַס געדאַנקען האָט מען איבערגעשלאָגן. יונה, דער סעקרעטאַר פון גבעת חיים, האָט פאָרגעשטעלט דעם רעדנער פון אָוונט, ערנא מי־לאַני. עס האָט זיך אויפגעשטעלט פון יונהס רעכטער זייט אַ הויכער,

שלאַנקער איטאַליענער מיט אַ סמוגלע פּנים און גרויסע בלויע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי פֿון דעם זעלבן קאָליר ווי עס זעט אויס דער הימל אין ישׂראל אין אַ העלער לבֿנה־נאַכט.

די לאַנגע פֿינגער פֿון זיינע אַריסטאָקראַטישע הענט, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין טיש, די טיפֿע סאַמעטענע שטים, מיט וועלכער ער האָט געגלעט און באַצוווּנגען די צוהערער, די שיינע זשעסטן, וועלכע האָבן דערמאָנט אָן עלעגאַנטע שווימערס און טענצערס, אַלעס האָט אַזוי געווירקט אויף גענייאַן, אַז זי האָט אויף דער מינוט אינגאַנצן פֿאַרגעסן איר כּעס אויף חיימען. זי האָט פֿאַרגעסן אַז איר ברודער זיצט אויף דער פּלאַטפֿאָרמע מיט די חשובֿע מענטשן. זי האָט פֿאַרגעסן, אַז ערשט מיט אַ מינוט צוריק האָט זי געוואָלט פֿאַרלאָזן דעם זאַל אין איר שטילן געהיימען פּראָטעסט וואָס חיים געפֿינט זיך אויך דאָ... זי האָט פֿאַרגעסן אַז ערגעץ, ווייט ווייט, אין ים, אויף זיינע כוואַליעס איז ער אַזוי נידעריק געפֿאַלן ביי איר אין די אויגן, אַז זי האָט נישט געוואָלט זיין זיין שוועסטער. זי האָט פֿאַרגעסן דעם גאַנצן אַרום! זי האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פֿון דער רעדע מיט אירע אויערן און יעדער באַוועגונג פֿון דעם רעדנער מיט אירע אויגן.

ווי אַ פֿאַרכּישופֿטע איז זי געשטאַנען אַפֿילו נאָך דעם, ווי דער רעדנער האָט געענדיקט. ווי אין אַ טראַנסע איז זי געשטאַנען אָן אָנגעשפּאַרטע ביי דער וואַנט פֿון זאַל אַ לאַנגע צייט. זי האָט נישט אַרונטערגענומען אירע אויגן פֿון דער בינע, וווּ עס איז געשטאַנען ערנאַ מילאַני און האָט גערעדט מיט חבֿרים. עס האָט זיך גענייאַן אויסגעדוכט אַז אויך ער, דער חשובֿער גאַסט, וועמעס באַקאַנטשאַפֿט עס זוכן אַלע חבֿרים, אַז אויך ער נעמט נישט אַרונטער זיינע אויגן פֿון איר...

— וואָס שטייסטו אַזוי? קום! איך וויל דיך באַקענען מיט אים!

— האָט איר אַריינגערוימט פּנינה אָנכאַפּנדיק זי ביי דער האַנט און שלעפּנדיק זי ערגעץ צווישן דעם גרויסן המון.

אָבער ווי אַנטוישט איז געווען גענייאַ ווען אָנשטאָט צו דערזען פֿאַר זיך ערנאַ מילאַנין, האָט זי דערזען פֿאַר אירע אויגן איר ברודער חיים!

חיים האָט געקוקט אויף איר מיט אַ מאָדנע ווייכן קוק. מיט דעם זעלבן קוק האָט ער געקוקט אויף איר איידער ער איז צוגעשוווּמען צו דער גומענער ראָד...

— זייט באַקאַנט! — האָט אויסגערופן פנינה — איר זענט, דאַכט זיך, לאַנדסלייט?... אויך פון בעסאַראַביע? נישט אַזוי?

אין דעם מאָמענט האָט ערנא מילאַני נישט געסטייעט פון דער פּלאַטפאָרמע. געניאַ האָט זיך אויסגעדוכט אַז אין גאַנצן זאָל זענען מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן די לאָמפּן. דער המון מענטשן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טונקעלע שוואַרצע כוואַליעס ווי אין יענעם פאַרנאַכט אויף דעם ים, ווען אַלע האָבן זיך געריסן מיט חיהשע אויגן צו די גומענע ראָדן... פון דעם גאַנצן המון איז געבליבן פאַר אירע אויגן בלויז איין חיים. ער האָט זיך אַריינגעריסן מיט חיהשער רציחה מיט זיין האַנט אין דעם שמאָלן אָנהאַלט פון דער גומענער ראָד...

— מיר זענען, דוכט זיך, אַמאָל יאָ באַקאַנט געווען! — מאַכט געניאַ מיט שטאָלץ און פאַראַכטונג צו דעם ברודער און צו פנינהן, וועלכע סטייעט נישט, אומישנע, כדי צו געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו בלייבן אַליין.

אָבער געניאַ וויל נישט בלייבן אַליין מיט דעם, וועלכער האָט אַזוי געזינדיקט אויפן ים. זי גיט אים אַ שטאָך מיט איר בת־מלכהשן קוק און דרייט זיך אויס צו אים מיט דער פּלייצע. חיים בלייבט אַליין אין דעם המון פון גבעת חיים אַ באַליידיקטער. איצט פילט ער גוט זיין שולד. הייסט עס, אַז ער איז טאַקע שולדיק געווען דאַן אין דעם, וואָס אַ חבר האָט נישט געסטייעט. הייסט עס, אַז די גאַנצע צייט פון דער רייזע האָט זי טאַקע דערפאַר נישט געוואָלט רעדן מיט אים? הייסט עס, אַז זי וויל אים טאַקע נישט מוחל זיין. ווייל ער איז אַ מערדער! מערדער! מערדער! חיים זוכט איבערן גאַנצן זאַל דעם שטאָלצן קוק פון דער בת־מלכה כדי זיך מודה זיין פאַר איר אַז ער איז טאַקע אַ מערדער. מיטאַמאָל כאַפּן אים אויף חברים — חלוצים פון רומעניע און פון בעסאַראַביע. זיי רינגלען אים אַרום, זיי שלעפּן אים אַוועק אין אַ וויטן ווינקל פון עסצימער. דאָרט זיצן שוין אַרום טיש חלוצים־לאַנדסלייט. זיי וואַרטן אויף

אים. חיים פֿילט זיך אויף דער מינוט אַביסל שטאַרקער, אַביסל פֿעסטער ביי זיך. הייסט עס, אַז ער איז נאָך נישט אַזוי נידעריק געפֿאַלן ווי זיין שוועסטער וויל דאָס האָבן! וואָלטן דען חברים־חלוצים געקוקט אויף אים מיט אַזאַ ליבע און מיט אַזאַ רעספּעקט, ווען ער וואָלט טאַקע געווען אַזאַ... מערדער, ווי עס האָט זיך אים ערשט נישט לאַנג אויסגעדאַכט?

חיים ווערט פֿריילעך. ער רעדט און שפּאַסט. ער לאַכט. חברים און בתוכם יונה, דער סעקרעטאַר פֿון דעם קיבוץ, ווילן פֿאַר זיין כבוד וועגן אָפּקאָכן אויף שנעל אַ מאַמאַליגע. מען ברענגט פֿון ערגעץ אַרויס אַ פֿלעשל וויין, אַביסל ווישניאַק און מען וואַרט אויף דער מאַמאַליגע. וואַרטנדיק אויף דער מאַמאַליגע דערמאַנט מען זיך אָן דער היים, אָן בעסאַראַביע און אָן רומעניע, אָן חברים און באַקאַנטע. מען פֿרעגט פֿראַגעס און מען ענטפֿערט זיי אַליין.

— איך וואָלט פֿאַרגעלייגט, — רופֿט זיך אָן איינער פֿון די חברים — אַז דו, חיים, אַ מענטש ווי דו, וועלכער קאָן פֿריי פֿירן נישט נאָר מיט דער צינג נאָר אויך מיט דער פֿען, אַז דו זאָלסט פֿאַרצייכענען פֿאַר אונדז אַלעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען ביי אייך אויף דער שיף.

— איך מיין צו זאָגן, — שגייט זיך אַריין אָן אַנדער חבר אין זיינע רייד, — אַז עס וואָלט צונוץ געקומען פֿאַר דעם צוקונפֿטיקן דור... פֿאַר די קינדער... זאָלן זיי וויסן ווי אַזוי עס פֿלעגן אָנקומען „מעפּילים", אומ־לעגאַלע אימיגראַנטן פֿון רומעניע אין דער צייט פֿון דעם ענגלענדער... זאָל דער קומענדער דור לייענען, אפֿשר טאַקע דיינע קינדער אַליין, אַז עס זענען אַמאָל אַרויסגעפֿאָרן פֿון קאָנסטאַנצאַ זייערע טאַטעס, אַז זייער שיף האָט אָנגעהויבן צו ברענען אויף דעם וועג, אַז מענטשן האָבן גע־שפּילט מיטן לעבן אין סאַמע מיטן ים ביז מען האָט זיי געראַטעוועט...

— זאָלן אונדזערע קינדער וויסן וועגן דעם חלוציִשן גייסט, וועלכער האָט געהערשט אויף דער שיף, בשעת דעם פֿאָרן און טאַקע אין צייט פֿון אומגליק. ווי אַזוי מענטשן האָבן אַרויסגעהאָלפֿן איינער דעם צווייטן אין אַן עת צרה. ווי אמתע חלוצים... פֿאַרשטייסט?

חיים פֿאַרשטייט! אַלעס ווערט מיטאַמאָל קלאָר פֿאַר אים. די רו־

מענער און בעסאראבער האבן אים אומישנע פארנארט אהערצו פון גבעת ברענער, ער זאל כלומרשט אפגעבן פאר זיי א באריכט וועגן דער חלוצים־באוועגונג אין דער אמאליקער היים... איצט פארשטייט ער, אז דאס איז בלויז געווען א תירוץ אים צו פארנארן אהערצו! זיי ווילן אים דא נעמען אויפן צימבל, אים צווינגען צו דערציילן לפני עם ועדה וועגן דעם, וואס ער האט דארט אפגעטון אין ים!

הייסט עס, אז געניא די שטאלצע בת־מלכה, וועלכע וויל אויף אים אפילו נישט קוקן, האט שוין באצייטנס אלעמען דערציילט ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט אויפן ים. נישט אומזיסט שטייט זי אצינד אן א זייט, גלייך ווי זי ווייסט פון גארנישט!

— חברים, לאמיר נישט שפילן קיין קאמעדיע. — פרובירט חיים מיט א שוואכער שטים. זיין געזיכט איז גרוי ווי אש און ליים. א שוויים באגיסט אים אזוי אז עם ווארגט אים דער אביסל צוגעשפיליעטער קאלנער — קומט ארויס אפן מיט אייערע דיבורים, חברים!

חיים גיט א ווארף אן אויג אויף געניאן, וועלכע שטייט אנטקעגן איבער דעם זאל אנגעשפארט אן דער וואנט איינע אליין. געניא נישטערט מיט די אויגן דעם גאנצן המון, וועלכער שפארט ארויס פון אלע טירן. זי נישטערט און זוכט דעם, וועלכער האט זי היינט אזוי באצוימערט, אויף וועלכן זי וואלט נישט מיד געווארן צו קוקן א גאנצע נאכט! אבער דער איטאליענער איז נישטא, גלייך ווי אנטרונען פון דאנען! קאן דאס זיין, אז ער איז שוין אפגעפארן צו זיך אין זיין גבעת ברענער אזוי שנעל, אין מיטן ביינאכט? זוכנדיק מיט די אויגן איבערן גאנצן זאל, דערזעט געניא אנטקעגן, ביים טיש, וווּ מען ווארט אויף דער מאמעליגע, דאס רחמנותדיקע פנים פון איר ברודער. אזא צער ליגט אויף אים, גלייך ווי מען האט אים צוגעשטעלט צו דער וואנט און מען וויל אים דארטן צערקוועטשן... געניאן דאכט זיך, אז זי האט דערהערט די שטים פון איר מוטער. זי רופט צו איר פון די סאמע כוואליעס: „העלף דיין ברודער, געניא... ער איז דאך אונטער דעם זעלבן הארצן געלעגן... איך האב אים מיט דער זעלבער ברוסט אויסגעהאדעוועט... ראטעווע אים!"

גיט זיך געניא אַ ריים אָפּ פון דער וואַנט און לויפט צו צום טיש, ווו איר ברודער זיצט.

— אַלזאָ, חברים! — שרייט אויס מיט אַן היסטערישער שטים חיים — איר ווילט דאָך וויסן דעם אמת! טאָ נאָט אייך דעם אמת! דער אמת איז...

— דער אמת איז, — כאַפּט אונטער געניא, וועלכע האָט זיך גע־יאָגט צו ראַטעווען איר ברודער, — דער אמת איז, אַז איך און חיים זע־נען מיר ברודער און שוועסטער. דאָס איז דער אמת!

עס ווערט אַ טומל, אַ געפּילדער ביים טיש. אַלע וווּנדערן זיך, טייל ווילן נישט גלויבן. ברודער? שוועסטער? ווי קאָן דאָס זיין? אַ רויט־האָריקער מיט בלויע אויגן און אַ ווייסע מאַדאָנאַ מיט שוואַרצע אויגן.

מען לאַכט, מען שרייט אויס, מען דריקט די הענט, מען גיט אָפּ מזל-טוב... חיים קוקט אַזוי מילד, גלייך ווי ער איז צוריק דער יינגל, וועלכן געניא געדענקט פון קינדערווייז אַן ווען זיי פלעגן זיך הוידען אויף דער הוידעלקע אונטער דעם אַקאַציע־בוים אין גאָרטן אַמאָל אין זייער רייכער היים.

געניאַ קוקט מילד אויף חיימען. זי הערט נאָכאַמאָל די שטים פון איר מוטער... זי פילט, אַז איר מוטער איז צופרידן, וואָס זי האָט אַזוי געטון, אַז זי איז גליקלעך...

מען ברענגט די מאַמאַליגע, מען וואַרפט זי אַרויס אויפן טישטוך, מען שניידט זי מיט פעדים, מען צעלאָזט אויף איר די מאַרגאַרינע.

— און ווו איז דער איטאַליענער? — רופט זיך אָן יונה. — אָן דעם איטאַליענער אַ שמחה?

חברים לאָזן זיך אַרויס זוכן ערנאַ מילאַני. עס ווערט ליכטיקער פאַר געניאַן דער עסצימער און זי קוקט אויף חיימען מיט ווייכע אויגן. טייל זאָגן, אַז ערנאַ וועט מען איצט שוין נישט קאָנען געפינען, ווייל ער שפּאַ־צירט שוין זיכער ערגעץ ווייט, מיט אַ יונג מיידל. עס ווערט נאָכאַמאָל טונקל פאַר געניאַן דער גאַנצער זאַל, נאָר טונקעלע כוואַליעס דרייען זיך פאַר אירע אויגן און אין די כוואַליעס דערזעט זי חיימס פּנים מיט יע־נעם חיהשן קוק. און זי הערט אויף צו קוקן אין זיין זייט. אָבער מיטאַ־

מאָל האָט אַ כּישוף־האַנט אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן אין עסצימער... אוועק די כוואַליעס, אוועק די נאַכט, עס איז אַרוים די זון אין מיטן ביינאַכט אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ שטאַרקע. עס האָט זיך באַוויזן ערנאַ מילאַני ביים מאַמאַליגע־טיש.

זיינע אויגן שניידן זיך איין אין געניאַס בשעת מען זעצט אים אַני־דער אַנטקעגן איר ביים טיש. זי קוקט אויף אים מיט אַ גוטן ווייכן קוק, פון וועלכן עס רינט אַרונטער האָניק אויך אויף איר ברודער, אויף חיימען.

גיט חיים זי אַ כאַפּ אָן ביי דער האַנט. הייסט עס, אַז זי איז שוין מער נישט ברוגז אויף אים? הייסט עס, אַז ער איז שוין מער נישט קיין... אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען... אַז ער האָט קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון? געניאַ לאָזט אים האַלטן איר האַנט. דאָס האַרץ אירס איז איבערגעפילט מיט גליק, אירע אויגן רייסן זיך נישט אָפּ פון ערנאַ מילאַנים, וועלכע זענען אַזוי שטאַרק און באַצווינגענד... אָבער — עס איז אַ ליגן! קיינער באַצווינגט זי נישט! זי וויל אַליין נישט אויפהערן צו קוקן אויף אים, ווייל וואָסאַרא ווערט האָט דאָס לעבן אָן דעם קוק? אָן זיין פּנים? שוועבט געניאַ אין אַ וועלט פון גליק. קוים וואָס זי הערט וועגן וואָס מען רעדט. צוליב וואָס הערן? וואָסאַראַ ווערט האָבן ווער־טער איצט, ווען עס איז פאַראַן אַזאַ טיפע שפּראַך פון אויגן?

אָבער וואָס איז געשען? ווער האָט געמאַכט מיטאַמאָל אַזוי פינצ־טער די גאַנצע וועלט? ווער האָט געוואַגט אַוועקצושלעפּן ערנאַ מילאַני פון דעם טיש? ווער האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם זיסן ווישניאַק, וועלכער האָט זיך געגאָסן פון קוק צו קוק?

געניאַ וויל שרייען... נישטאָ צו וועמען... אַלע חברים זענען זיך צעג־גאַנגען און זי זיצט אַליין מיט איר ברודער, איינע אַליין אין דעם גרויסן עסצימער... נאָר איין לאָמפּ ברענט פון דער סטעליע. אָבער געניאַ זעט בלויז אַ פינצטערניש פאַר די אויגן... נאָכאַמאָל כוואַליעס, נאָכאַמאָל ים, נאָכאַמאָל גומענע ראָדן און אָרום זיי פאַרגליווערטע הענט און חיהשע אויגן...

— זאָג עפּעס, געניק. — פּליסטערט חיים. — זאָג! האָב קיין מורא נישט. זאָג דעם אמת. בין איך?...

„זיכער ביסטו שולדיק!” — וויל געניאַ אויסשרייען צו חיימען. „זעסט דאָך ווי עס איז מיטאַמאָל פאַרחושכט געוואָרן די וועלט. איז דאָך אַ סימן, אַז דו ביסט שולדיק...”

אָבער געניאַ האַלט זיך איין. זי דערהערט נאָכאַמאָל דער מוטערס שטים פון די כוואַליעס: „האָב רחמנות אויף דיין אייגענעם ברודער, גע־ניאַ מיינע! האָט ער דען געוואָלט זיין שלעכטס?”

— איך ווייס נישט, חיימקע, וואָס דו מיינסט! — זאָגט זי מילד, אויסמיידנדיק זיין קוק.

— דו ווייסט יאָ! זאָג! האָב קיין מורא נישט! בין איך שולדיק?... דאָרט... אין ים... ביים ראָד?...

— יעדע זאַך האָט צוויי זייטן, — זאָגט געניאַ קוקנדיק צום דיל. — עס געוועגט זיך בלויז פון וואָסער זייט מען קוקט... יעדער מענטש, ווען ער דאַרף זיך ראַטעווען, ווערט אַ חיה.

אָבער דאָ קומט צו הילף פנינה. זי זוכט געניאַן. עס איז שוין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. אָבער זי וויל געניאַן נישט שטערן. פאַרקערט, זי איז צופרידן וואָס געניאַ פאַרברענגט מיט דעם בעסאַראַבער חלוץ פון גבעת ברענער, מיט וועלכן זי אַליין האָט זי געוואָלט צוזאַמענפירן...

לויפט פנינה בלויז דורך אין איילעניש. אָבער געניאַ אַליין פאַר־האַלט זי.

— איך גיי אויך, פנינה! וואַרט אויף מיר ביי דער טיר, — רופט זי גוים. און צו חיימען זאָגט זי זייער מילד און מיט גרויס מיטלייד — איך מוז גיין, חיימקע... זי מוז נעבעך אויפשטיין גאַנץ פרי און איך וויל זי נישט אויפוועקן מיט מיין אַריינקומען. אינדערפרי וועלן מיר נאָך רעדן. איידער דו וועסט אָפּפאָרן. דו פאָרסט גאַנץ פרי? מיט ערנא מיי־לאַני קיין גבעת ברענער?

געניאַ וואַרט נישט אויף דעם ברודערס ענטפער. זי ווייסט די אַלע זאַכן אויסנווייניק. זי מיידט אויס צו פאַרהאַלטן זיך נאָך אויף אַ מינוט

מיטן ברודער ער זאָל נישט פאָדערן פון איר דעם ענטפער... וואָסער ענטפער קאָן זי אים געבן? ווער ווייסט דעם ענטפער? לויפט זי אויף שנעל ארויס פון עסצימער, כאַפּט אָן פנינהן ביי דער האַנט און גייט מיט פנינהן אין צימער אריין שלאָפן.

— הייסט עס, אז דו ביסט טאקע יאָ געווען אמאָל באקאנט מיט דעם חלוץ? — פרעגט פנינה ווען זיי קומען אריין אין צימער.

— אך, פנינה, א מין גורלדיקער אוונט! אזעלכע מאָדנע באגעגע־נישן! איך האָב זיך אזוי פארליבט היינט, פנינה! אויף טויט! איך זאָג דיר — אויף טויט! ביזן טויט!

— אלעם היינט? אין איין אָוונט? דערפון האָט איר אזוי לאנג גע־רעדט? — פרעגט פנינה ארונטערנעמענדיק די קליידער פון זיך.

— קיין איין איינציק וואָרט נישט אויסגערעדט און זיך אזוי פאר־ליבט, — פליסטערט געניא גלייך ווי צו זיך אליין און טוליעט זיך צו איר קושן.

פנינה קוקט אין דער פינצטער אין דער סטעליע. זי הערט געניאַס פליסטער, אָבער זי מאַכט זיך נישט הערנדיק, כדי נישט צו שטערן גע־ניאַן איר חלום. אויך זי האָט אמאָל געהאַט א חלום. אויך זי האָט אמאָל ליב געהאַט. אָבער אין יענע צייטן האָט מען זיך געשעמט צו רעדן וועגן ליבע. מ'האָט גערעדט בלויז וועגן ארבעט... בויען... חלוציות... אָפּפערן... די ליבע האָט מען געכאַפּט פארבייגייענדיק דעם שווערן וועג פון חלו־צים... פון די ערשטע בויער... איז טאקע דערפאר קאָן זיין נישטאָ אין וואָס צו דערמאנען זיך. קיין איינציקער שיינער זכרון. ליידיק! פוסט! ווי אן אויסגעליידיקטער זאק. נאָר זיאָמאַ... זיאָמאַלע... זיאָמאַלע מיינער...

## צענטער קאַפּיטל

א גאַנצע נאַכט האָט געניא נישט צוגעמאַכט קיין אויג. א געשפּרעך מיטן ברודער און א קוק אויף ערנא מילאני און נאָכאמאָל א געשפּרעך

מיטן ברודער און ווידער אַמאָל אַ קוק אויף דעם, וועלכער קאָן זיך אַזוי טיף איינשניידן מיט זיינע הימל־נאַכט אויגן!

און אַט איז שוין אַריבער די נאַכט. עס טאָגט נאָך נישט, אָבער די האָנען קרייען שוין! זיי זאָגן אָן, אַז עס איז שוין די דריטע אשמורה, עס איז שוין פאַר באַגינען.

גניאַ טוט זיך שוין אָן. אָט האַלט זי שוין ביים אַרויסגליטשען זיך פון דעם צימער, ווו פנינה שלאָפט נאָך מיט איר לייכטן שלאָף פון אַן אָנגעליטענעם מענטשן.

— וווהין, ציג? — פרעגט פנינה און נימ אַ הייב אויף דעם זייגער, וועלכער שטייט ביי איר בעטל אויף אַ שטול — דער שומר לילה (נאַכט־וועכטער) האָט דאָך נאָך אַפילו נישט געקלאַפט אין פענצטער.

— איך האָב אָבער געגוג אַרבעט אָפּצוטון — באַשטייט גניאַ, — איידער עס גייט אַרויס דער אָמניבוס פון דאַנען... איך וויל האָבן גענוג צייט כדי צו קאָנען זיי באַגלייטן צום אָמניבוס!

זי לויפט אַרויס. עס קריגן זיך נאָך טאָג און נאַכט אין הויף פון דעם קיבוץ. עס דרייט זיך נאָך אַרום די שומרת לילה (נאַכטוועכטערין) מיט איר לאַמטערנע אין האַנט איבער די געביידעס, ווו עס וווינען דעם קיבוצס קינדער, און גניאַ איז שוין אין איר בית התינוקות.

זי הייצט אונטער דאָס אויוועלע כדי אָנצוואַרעמען די וואַסער איידער די חברה כאַפּן זיך אויף. זי גייט צו צו די בעטלעך צו זען צי טייל פון דעם קליינוואַרג ליגט שוין מיט אָפענע אויגן? וואַרט שוין עמיצער פון זיי, אַז מען זאָל אים אַרונטערנעמען פון בעטעלע צום טעפעלע? זי לויפט צו צום שטומען מיידעלע. זי באַקוקט עס מיט ליבע, ווי עס איז איר שטייגער אַלע פרימאָרגן, איידער עס מאַכט אויף די אייגעלעך. דאָס שטומע קינדערלע עפנט אויף די אויגעלעך. גניאַ גיט איר אַ שפּילעכל זי זאָל זיך נישט לאַנגווייל ביז וואַנען גניאַ וועט זיך באַפרייען און קאָנען צוקומען צו איר, זי נעמען צו זיך אויף די הענט און זיך שפּילן מיט איר אַביסל. די אַרבעט ברענט אונטער גניאַס הענט שטענדיק אין די פרימאָרגן שעהען, אָבער נאָך מער ווי שטענדיק ברענט זי היינט אינדער־

פרי. זי וויל אָפּטון פיל אַרבעט איידער פנינה קומט אַריין, איידער זי וועט דאַרפן אַוועקלויפן צום אָמניבוס וועלכער שטייט ביים עסצימער פון קיבוץ. דער אָמניבוס וועט אַוועקפירן קיין גבעת ברענער ביידע... איר ברו־דער און דעם, וועלכער האָט געקוקט אויף איר די גאַנצע נאַכט מיט זיין שניידנדיקן קוק...

אַט שטייט שוין געניאַ אין אָמניבוס. זי שטייט נעבן חיימען. ער פרייט זיך מיט איר און לאָזט נישט אָפּ איר האַנט. ער רוקט זיך אָפּ און זי זעצט זיך נעבן אים. ער פרעגט אין אַ פליסטער: — ביסט מיר געקו־מען געבן דיין ענטפער, געניק?

— וואָסאַראַ ענטפער? — וווּנדערט זיך כלומרשט געניאַ, כאָטש זי ווייסט גוט, וואָס דער ברודער מיינט. — ביסטו גוט געשלאָפן ביי אונדז אין גבעת חיים, חיימקע?

— איך האָב געוואַרט די גאַנצע נאַכט אויף דיין ענטפער, געניק... זאָג! בין איך?...

אָבער אין דעם מאָמענט קומט אַריין ערנאַ מילאַני. ער איז נאָך פאַרשלאָפן. עס דוכט זיך געניאַן אַז ער זעט זי אפילו נישט אָבער אָט זעצט ער זיך אַנידער פונקט אַנטקעגן און איר קוק פאַלט אַריין אין דער בלויער טיפעניש פון זיינע אויגן. עפּעס ווערט דאָרט אויפגערודערט, גלייך ווי ער האָט זיך דערמאָנט אָן עפּעס. געניאַ הייבט אָן צו גלעטן איר ברודערס קאָפּ, זי טוליעט זיך צו צו אים, כאָטש די אויגן זענען צוגעקאָ־וועט צו ערנאס.

— נאַרישקייטן! — שמייכלט זי מיט ליבע צום ברודער און אין דער לופטן אַריין. — דער עיקר איז די שיינע זון, וואָס גייט אויף פאַר אונדז אַלעמען...

— אויך פאַר מיר? — פליסטערט חיים, זוכנדיק איר קוק, וועלכער בלאָנדזשעט איבער ערנאַן..

אָט איז שוין געניאַ אין דרויסן. זי קוקט אויף ביידע, וועלכע שטעקן אַרויס זייערע פנימער פון צוויי פאַרשידענע פענצטער.

— ווען וועסטו קומען קיין גבעת ברענער? — פֿרעגט דער ברודער איידער דער באַס רירט זיך פֿון אָרט.

— אינגיכן... גאָר אינגיכן... — שרייט זי נאָך צוביידע. צו דעם, וועלכער פֿרעגט מיט ווערטער און צו דעם, וועלכער פֿרעגט מיטן קוק.

— גאָר אין גיכן, גאָר אין גיכן, — פֿליסטערט געניאַ צו זיך, כאָטש דער אָמניבוס איז שוין ווייט אין דעם וואָלקן זאַמד, וועלכן ער האָט אויפֿגערודערט.

— וואָס שטייסטו אַזוי, געניאַ? — זאָגט יונה דער סעקרעטאַר, וועלכער באַגלייט יעדן פֿרימאָרגן דעם אָמניבוס מיט די חברים, וואָס אַרבעטן אין שטאָט. — צו וועמען רעדסטו דאָס אַזוי? — שמייכלט דער קלייענדיקער יונה, פֿון וועמעס אויג עס איסקאַפּעט גאַרנישט. — צום ברודער צו דיינעם? צי צו דעם איטאַליענער? זע, קינד מײַנס, זײַ פֿאַרזיכטיק! פֿאַרליב זיך נישט אין אים! ער געפֿעלט אַלע מיידלעך... דאָ, ביי אונדז אין לאַנד... אָבער דער עיקר, ער האָט אַ ווייב...

צו געניאַן דערגייט דאָס לעצטע וואָרט יונהס ווי עס דערגייט אַ פֿייל צו אַ לויפֿנדיק הירשל. געניאַ לויפֿט צוריק אין בית התינוקות, וווּ עס וואַרט אויף איר די אַרבעט, פּנינה, דאָס שטומע מיידעלע און די אַנדערע קינדערלעך.

אָבער לויפֿנדיק פֿילט זי אַז אַ פֿייל איז אַריינגעפֿלויגן צו איר אין האַרצן. עס ווערט איר אַזוי מאָדנע שלעכט. זי וואָלט געוואָלט וויינען... זי וואָלט געוואָלט אַנידערפֿאַלן אַ געחלשטע, אַבי נישט פֿילן די פֿייל, מיט וועלכער יונה דער סעקרעטאַר האָט איז איר געטראָפֿן...

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס, געניאַ? פֿרעגט פּנינה, — וואָס האָסטו באַדאַרפֿט אַזוי לויפֿן?

— איך האָב דאָך פֿאַרשוווענדט אַזוי פֿיל צייט ביי דעם אָמניבוס...

— פֿאַרשוווענדט? נאַריש קינד! דו האָסט זיך דאָך איינגעליבט... טאָ זײַ גליקלעך!

— גליקלעך? ער האָט דאָך אַ ווייב...

— דער בעסאַראַבער חלוץ איז שוין אַ באַווייבטער? טאָ ווו איז זיין ווייב?

— חיים איז מיין ברודער, פנינהלע... פאַרליבט מען זיך דען אין אַ ברודער?

— איז אין וועמען האָסטו זיך פאַרליבט?

— אין איטאַליענער... — שמייכלט געניאַ מיט אַ קרענקלעך שמייכעלע.

— איך וועל דיך נישט לאָזן! גיי אַרבעטן! וועסטו פאַרגעסן אָן אים! גיי!

געניאַ גייט צו דער אַרבעט. עס ברענט ביי איר די אַרבעט איצט נאָך מער ווי אַן אַנדערש מאָל, אָבער פאַרגעסן דאָס, וואָס פנינה הייסט איר פאַרגעסן, קאָן זי נישט...

מיט דעם שניידנדן קוק פון די זייער טונקל־בלויע אויגן, מיט דעם סמוגלע פנים אַנטקעגן אירע אויגן, טוט זי אָפּ אַלע אַרבעטן פון טאָג אין בית התינוקות. עס קומט דער אָונט, געניאַ לייענט אין בית התרבות די צייטונגען — אָבער ער שטייט פאַר די אויגן. זי נעמט זיך צו אַ בוך, אפשר וועט דאָס בוך גיכער אָפּווענדן אירע געדאַנקען? עס העלפט נישט! „איך בין פאַרליבט אין אים", פליסטערט געניאַ צו זיך ביינאַכט, ווען זי גייט שלאָפן. זי וויל שוין מער נישט אויפשטיין אין מיטן ביינאַכט, ווי זי פלעג טון ביז איצט. צוליב וואָס אַרויסקריכן פון בעט? כדי צו פאַרשן דאָס נאַכט־לעבן פון קיבוץ? וואָס גייט איר איצט אָן יענעמס לעבן? וואָס גייט איר איצט אָן פנינה? איז איר נישט אַלציינס, וואָס שלמה רעדט צו פנינהן, ווען מנוחה איז נישטאָ דערביי? עס אַרט איר נישט אויב זיאָמאַ וויינט, וואַרטנדיק אויף זיין מוטער! פנינה האָט נישט פאַרגעסן צו קומען אים זאָגן „גוטע נאַכט"! פנינה איז אומישנע נישט געקומען זאָגן אים „גוטע נאַכט!" אָבער וואָס גייט עס איצט איר אָן? קיינער גייט איר איצט ניט אָן! נאָר דער, אין וועמען זי האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט, נאָך וועלכן עס גייט איר אויס ס'חיות... זי מוז אים זען! זי האָט אַ גוטן תירוץ — זי וויל זען איר ברודער... איז דען חיים נישט

איר ברודער? איז דען נישט אָנגענומען אין דער וועלט, אַז אַ שוועסטער פֿאָרט זען איר ברודער?

נאָך עטלעכע ענדלאָזע טעג פון שרעקלעכער בענקשאַפט, שטייט גענייא אין מזכירות אַנטקעגן יונהן.

— אַלזאָ, ווילסט פֿאָרן קיין גבעת ברענער? — פרעגט יונה דער קלייענדיקער, רויט־האָריקער סעקרעטאַר מיט זיינע שאַרפע רויט־בלויע אויגן, אָנפּילנדיק בשעת מעשה לאַנגזאַם זיין פּיפּקע מיט טאַבאַק, — עס קומען דיר שוין עטלעכע שבתים. כאָן איך דיר גאָרנישט זאָגן קעגן דעם... איבערהויפּט, אַז דו ווילסט זען דיין ברודער! האַ? דיין ברודער?...

זיין קוק שנייט ווי אַ שאַרף מעסערל איבער ריער הויט. גענייאַן דוכט זיך, אַז איר פּנים, וועלכעס ווערט בלאַס און רויט, גיט אַרויס דעם גאַנצן אמת...

אַט־אַט, דוכט זיך איר, וועט זי נישט אויסהאַלטן און וועט אַליין אויסשרייען צום יונהן: „טו מיר עפּעס! וויל איך פֿאָרן זען דעם איטאַליע־נער! נישט מיין ברודער... ווילסט וויסן דעם אמת? דער עיקר מיין איך אים... אים! אים!" — אַלזאָ, יונה? פֿאָר איך היינטיקן פרייטיק? — ענדיקט זי מיט אַ פייערדיקן קוק, וועלכער ראַשט איבער יונהן מיט זיין ברען...

גענייא וואַרט אויף דעם פרייטיק, ווי אַ פרומער ייד אויף אַ נס. „פרייטיק, פרייטיק", — חזרט זי איבער צו זיך אַליין בייטאָג און ביי־נאַכט. נאָך אַ טאָג ביז פרייטיק. נאָך אַ האַלבער טאָג. עס איז שוין פריי־טיק פרי. די אַרבעט אין בית התינוקות ברענט אונטער אירע הענט אַזוי, אַז פנינה האָט כמעט גאָרנישט וואָס צו טון. זי האָט דאַריבער מער צייט צו באַאָבאַכטן גענייאַן. זי קוקט איר נאָך יעדן טריט און שריט. עס דוכט זיך איר, אַז עס בלאָזט פון גענייאַן אַ הייסער ווינט, וועלכער איז אומ־שטאַנד צו פאַרברענען אַלעס אויף זיין וועג! „זאָל זי נישט אָפּטון צו בעאַטריטשען דאָס, וואָס מנוחה האָט מיר אָפּגעטון!", טראַכט פנינה, „אַ רחמנות אויף בעאַטריטשען! אַוועקגעפֿאָרן קיין איטאַליע זיך זען מיט אירע עלטערן און דאָרט געבליבן שטעקן צוליב דעם קריג... קאָן זיין ווען

זי וועט זיך צוריקקערן וועט זי שוין קיין מאַן נישט האָבן!... ערנא מי־לאַני איז אַזוי שיין! אַלע לויפן אים נאָך... זאָלן אַנדערע... אָבער נישט זי... נישט געניאַ... נישט מיין שוועסטערקע..."

— הער זיך צו, ציגן! — זאָגט פנינה ווען געניאַ איז שוין פאַרטיק — זאָלסט וויסן, אַז דאָס לעבן איז אַ גרויסער אויוון, וווּ אַלעם ברענט איבער! אַלעם! קריך נישט אין פייער אַריין, כל זמן דו קאָנסט עס אויס־מיידן!

פנינה נעמט געניאַס פנים אין אירע דאַרע הענט, זי קוקט אַריין אין אים ווי אין אַ שפּיגל, זי קושט געניאַן אין ביידע באַקן, אין די אויגן, אין קאָפּ, אַזוי, אַז געניאַן ווילט זיך וויינען...

געניאַ רייסט זיך אַרויס פון אירע הענט און לויפט. פנינה רופט זי, שרייט איר עפּעס נאָך, אָבער זי וויל זיך נישט אומקוקן... זי האָט מורא פאַר עפּעס... טאָמער וועט זי זיך אומקוקן און זען פנינהס פנים, וועט זי דאָ בלייבן. וועט זי נישט פאָרן קיין גבעת ברענער... אָבער זי מוז! זי מוז! לויפט געניאַ ווייטער, ווייטער... זי קוקט זיך נישט אום, זי רופט זיך נישט אָן... אָט איז זי שוין אין דעם אָמניבוס, זי רוקט זיך אַריין אין אָמניבוס טיפער און טיפער כדי נישט צו קאָנען פון דאָרט הערן פנינהס רוף. זי וויל קיינעם נישט זען! זי מוז פאָרן אַהין! צו אים!

אָט קומט שוין דער באַס צו צו דער „אגד" סטאַנציע, וווּ עס קרייצן זיך אַזוי פיל וועגן. דאָרט דאַרף זי נעמען דעם אָמניבוס קיין גבעת ברע־נער. געניאַ שטייגט אויס פון דעם גבעת חיים אָמניבוס און שטייט און וואַרט. דער אָמניבוס איז נאָך נישטאָ. שטייט זי און וואַרט, און אין די אויערן זשומעט: „אַ אויוון... פייער... פאַרברענט ווערן... היט זיך..." און פנינהס פנים שטייט פאַר די אויגן און רופט זי צוריק.

— וווּהין גייט דער אָמניבוס? — גיט זי אַ שנעלן פרעג דעם מנהל התנועה, דעם אויפפּאַסער פון דער „אגד"-באַוועגונג.

— וואָסאַרא אונטערשייד דיר, שיינהייט, וווּהין דער באַס גייט?

— ענטפערט ער איר געדולדיק ניט אַרונטערנעמענדיק קיין אויג פון דעם ליכטיקן פנים אירן — דו דאַרפסט דאָך קיין גבעת ברענער! האָסט דאָך

מיר אזוי געזאָגט! און דער אָמניבוס גייט קיין כפר וויטקין! פאַר־שטייסטו? שיין קינד וואָס דו ביסט!

— קיין כפר וויטקין? — גיט געניאַ אַ געשריי — צו מאַניאַן? צו דבורהן?

און אָט לויפט געניאַ שוין מיט איר קליין פּעקעלע און מיט אירע בויגיקע דינע הירשן־פיס, און אָט איז זי שוין אין דער ריי, וועלכע שטייט פאַר דעם כפר וויטקין אָמניבוס.

— אך ווייבער, ווייבער! — שאָקלט מיטן קאָפּ דער מנהל התנועה — וואָס שענער איר זענט, אַלץ לייכטזיניקער זענט איר! גיי, ווייס וואָס עס שטעקט אין אייך! גבעת ברענער צי כפר וויטקין?

אָבער געניאַ שמייכלט צו אים גוטמוטיק פון איר ריי. „איך היט זיך פון דעם פייער, ווי פנינה וויל דאָס האָבן", וויל זי אויסשרייען צום מנהל התנועה — „איך פאָר קיין קפר וויטקין", שרייט זי צו אים פון ווייטנס מיט אַ נצחון אין שטים, „צו מיין שוועסטער!" איז דען מאַניאַ נישט איר שוועסטער? איז דען נישט רעכט פון איר זייט צו פאָרן צו איר עלטערער שוועסטער, צו דערציילן איר וועגן איר לעבן אין קיבוץ?

וועט זיך דען מאַניאַ נישט פרייען מיט איר? אפילו איר כמורער, שטענדיק אומעטיקער מאַן, איר גרשום, וועט אויך זיין צופרידן זי צו זען נאָך אַזאַ צייט!... אַפילו איר ייִנגל — מוניק. אפילו ער, וועלכער זעט קיינעם נישט אַ חוץ זיין אייזעלע, ער וועט זיך אויך פרייען מיט איר... זי פילט זיך פריילעך איצט. זי זיצט שוין אין אָמניבוס! פאַרפאַלן! מען וואַרט אויף מיר אין כפר וויטקין! וויל זי טראַכטן.

געניאַ איז גערעכט. אַלע פרייען זיך מיט איר! דער ערשטער, ווער עס האָט זי געזען, איז געווען שמשון, דער „נהג" פון דעם „מקשר". ער האָט זיך געפרייט מיט געניאַן דער ערשטער.

— ענטפער מיר, געניאַ, — כאַפּט ער נאָך איידער געניאַס דינע האַנט איז דערטרונקען געוואָרן אין זיין לאַפּע — יאָ צי ניין?

ער פרייט זיך מיט געניאַן ווייל ער זעט אין איר פנים און אין איר גאָר קליין פעקעלע, אַז זי קומט נישט צוריק קיין כפר וויטקין.

— דאָס הייסט, אַז דו פאַרבלייבסט אין קיבוץ? — שרייט ער אויס. אויב אַזוי, איז ווייל צו דיר! וואָס האָט אַזאַ יונג מיידל ווי דו צו טון אין מושב עובדים, וו קיין מושבניק האָט נישט קיין רעכט צו דינגען אַן אַרבעטער, צו נוצן פרעמדע הענט פאַר זיין ווירטשאַפט?

שמשון איז גליקלעך וואָס גנניא קומט נישט צוריק קיין כפר וויט־קין ווינען. דער מושב, וועלכן ער ליבט אַזוי קרענקלעך איז נישט פאַר גנניאַן. ער האָט זיך גענוג אָנגעפלאָגט דאָ. זיין ווירטשאַפט האָט ער געמוזט צוריקגעבן מיט זיין נחלה צום דאָרפס־ראַט און ווערן אַ שאָפער פון „אגד". גוט וואָס דער דאָרפס־ראַט האָט גענומען אין איינ־באַטראַכט זיינע לייסטונגען, וועלכע ער האָט געליטן אין סאַמע אָנפאַנג כפר וויטקין, און לאָזט אים בלייבן ווינען אין דאָרף, אין מושב עובדים, כאָטש ער איז שוין נישט מער אַן עובד, קיין ערדאַרבעטער! גוט וואָס דאָס דאָרף טיילט אים צו אַלע רעכט פון אַ מושבניק און גיט אים אפילו הילף אַ פּאָר מאָל אַ וואָך פאַר זיין קראַנקער פרוי, פאַר זיין פרומע, וועלכע ליגט צו בעט שוין לאַנגע יאָרן. דאָס דאָרף האָט גענומען אין איינבאַ־טראַכט דאָס, וואָס פרומע האָט געגעבן כוח אוועקגעגעבן כפר וויטקין ווען עס זענען נאָך דאָ נישט געווען די שיינע פעלדער און די רייכע הויפן — בלויז מאַלאַריע, זומפּן און מאָסקיטן! טאַקע דערפאַר וואָס דאָס דאָרף אָנערקענט נאָך עד היום זיינע לייסטונגען און זיין ווייבס, איז שמשון נאָך עד היום אַן אמתער חבר פון דעם מושב. ער נעמט אַנטייל אין דעם ראַט, אין דער הגנה. ער פירט זיין „מקשר" נישט אַזוי פאַר דער „אגד"-קאָאָ־פּעראַטיווע, ווי פאַר דעם מושב, פאַר זיינע אייגענע דאָרפסלייט...

שמשון איז געטריי זיינע דאָרפסלייט און זיי זענען אים געטריי. פון צייט צו צייט כאַפּט זיך אַריין איינע פון די מושבניצעס צו אים אין הויז, גיט אַ לופטער אויס דאָס בעטגעוואַנט און מאַכט פעלדיק דאָס גאַנצע הויז. דערפאַר ווייסן שוין די כפר וויטקין־לייט, אַז זיי דאַרפן זיך נישט זאָרגן ווען זייערע קליינע קינדער ווילן פאָרן ערגעץ ווייט, באַזוכן זייערע קרובים — שמשון וועט זיי שוין פירן צום שליאַך, ער וועט זיי דאָרט איבערגעבן אין די הענט פון דעם פּאַסנדן שאָפער, וועלכער וועט דאָס

קינד צושטעלן לויט שמשונס באַפעל צום ריכטיקן פּלאַץ. און ווען מען דאַרף האָבן פון דער שטאָט אַ ביכל, אָדער אַ פּעקל, אָדער אַ רפואה — צו וועמען דאַרף מען איבערגעבן די זאַך? נישט צו שמשונען? שמשון פאַרזאָרגט יעדן איינעם מיט אַלעמען, וואָס די שטאָט פאַרמאָגט און וואָס דאָס דאָרף האָט נישט; ער איז אַן אייגענער צו יעדן איינעם פון כפר וויטקין. וווּנדערט זיך דעריבער קיינער נישט וואָס שמשון שטעלט זיך אָפּ עטלעכע מאָל אַ טאָג ביי מאַניאַס הויז איצט, בשעת זי איז אַביסל חולהוואַטע און ליגט צו בעט.

היינטיקס מאָל איז דאָס גאַנצע דאָרף באַזאָרגט מיט מאַניאַס ליגן אין בעט. ווי קאָן עפּעס געטון ווערן אין כפר וויטקין אָן מאַניאַן? אי־בערהויפּט אַזאַ אָוונט, וועלכן דאָס דאָרף האָט אונטערגענומען פאַר די ענגלישע מיליטערלייט פון דעם לאַגער, וואָס געפינט זיך ביי חירות.

פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן אַזעלכע אָוונטן פאַרן מיליטער אין אַלע שטעט פון ארץ ישראל. אָבער כפר וויטקין איז דער ערשטער מושב עובדים, וועלכער טוט נאָך דער שטאָט און מאַכט אַזאַ אויפנאַם־אָוונט פאַרן מיליטער, ער בשותפות מיט כפר חירות. גייען ביידע מושבים, ביידע דערפער, אויף רעדלעך! ווייבער קאָכן, באַקן, גרייטן צו געבעקסן, אויפשניטן, געטראַנקען, די בעסטע פרוכטן פון די פּרדסים. די לערער פון דער שולע גרייטן צו די קינדער מיט דעקלאַמאַציעס און געזאַנגען. דער דאָרפס־אָרקעסטער טראָמ־פּייטעט אויף וואָס די וועלט שטייט; דער מוזיק־לערער איז שוין הייזע־ריק פון זיין כאָר און קוקנדיק אויף אים, זענען הייזעריק געוואָרן די קינ־דער פון אַזוי פיל פּראַקטיצירן. און דאָ, אין מיטן דערינען, איז מאַניאַ געוואָרן חולהוואַטע... און ווער קאָן האַלטן אַ גוטע באַגריסונגס־רעדע פאַר די געסט אויב נישט מאַניאַ? און ווער קאָן נאָך ווי מאַניאַ אָנשרייבן פאַר דעם הויפּט פון דאָרפס־ראַט אַזאַ גוטע רעדע ווי זי? אַ רעדע וועל־כע וועט דערלאַנגט ווערן צום מיליטער אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, כּדי די ענגלענדער זאָלן וויסן, אַז די יידן ווילן זיך באַפריינדען מיט זייערע סאָלדאַטן; אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיך פילן היימיש אין לאַנד...

דאַריבער לויפֿט שמשון דער „נוהג" אַריין אין מאַניאַס הויז יעדעס מאָל וואָס ער פֿאָרט פֿאַרביי אויפֿן וועג צום שליאַך.

אמת, נישט יעדעס מאָל, וואָס דער „מקשר" פֿאָרט פֿאַרביי מאַניאַס הויז, וואָס שטייט ביים סאַמע וועג, האָט ער וואָס איר איבערצוגעבן פֿון דעם דאָרפֿס־ראַט אָדער פֿון דער צוגרייטונגס־קאָמיסיע. אָבער שמשונען גלוסט זיך סיי־ווי־סיי אַריינגיין אויף אַ מינוט צו מאַניאַן, זען וואָס זי מאַכט און אַ קוק טון אויף איר פּנים.

ווייל ווען שמשון זעט מאַניאַס פּנים, ווערט ער גאָר אַן אַנדער מענטש!

איצט, ווען זי איז חולהוואַטע און דרייט זיך אַרום אין הויז אָנגעטון אין דעם בלויען פֿלאַנעלענעם שלאָפֿראָק, דער האַלדז אונטערגעבונדן מיט אַ הויכן ווייסן קאָמפּרעס, קריצט זיך איין איר פּנים אין זיין האַרצן אַזוי, אַז ער קאָן עס נישט פֿאַרגעסן אַ גאַנצן טאָג. ווען שמשון זעט מאַניאַן אַזוי, דוכט זיך אים, אַז ער שטייט ווי אַ קנעכט פֿאַר אַ גראַפֿיניע, אין וועמענס בלויע אויגן עס וויגט זיך אַן אַלטע דערינערונג אָדער אַ בלויע הילפֿסלאָזע בענקשאַפֿט נאָך אַ זאַך, וועלכע וועט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומקערן, נאָך וועלכער עס בענקט זיך דאָך. אין אַזעלכע מינוטן ווילט זיך אים פֿאַלן צו אירע פֿיס מיט אַן אָנגעבוויגענעם קאָפּ, קושן אירע הענט און בעטן ביי איר אַ נדבה: אַ גלעט איבערן קאָפּ... שטייט ער אָפּט פֿאַר מאַניאַן אָן לשון. אויך מאַניאַ שטייט פֿאַר אים אָן ווערטער. עס דוכט זיך איר, אַז זי זעט אין זיין שמייכעלע עפּעס, וואָס עס דערמאַנט איר אין איר אַמאָליקן חתן, מוסיאַן, מיט וועלכן זי האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. פֿון דעם־אַ לאַנגן שטיין און קוקן איינע אין דעם צווייטנס אויגן, ווערט מאַניאַן עפּעס אומבאַקוועם. גיט זי זיך אַ ווייצל און אַ פֿאָר מיט דער האַנט איבער זיין נאָז. דאַן ווערט מאַניאַ אוים גראַפֿיניע און איז צוריק די בעסטע מושבניצע פֿון כּפֿר וויטקין. אָבער אַרונטערנעמען פֿון איר זיינע אויגן ווילט זיך אים דאָך נישט... שטייט ער אַזוי ביז איינער פֿון זיינע פּאַסאַזשירן ווערט אומגעדולדיק און גיט אַ בלאָז דעם שופֿר. דער שופֿר דערמאַנט שמשונען, אַז ער איז

דער „נהג" פֿון „מקשר". ער לויפֿט אַרויס... און עס ווילט זיך אים דאָ זינגען און שרייען אויף אַ קול; זינגען אַן אַמאָליק ליד פֿון רוסלאַנד, ווען ער איז נאָך געווען אַ גימנאַזיסט און פֿלעג ביינאַכט זיך שפּילן שפּעט מיט גימנאַזיסטקעס איבערן בוג.

אַזוי לייכט, אַזוי ייִנגליש, פֿילט זיך שמשון יעדעס מאָל וואָס ער זעט מאַניאַן, אַז עס איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט פֿאַר אים זי צו זען. ווען זי איז געזונט, זעט ער זי אָפֿט אין דער הגנה, אין דאָרפֿס־ראַט, ווו זיי זענען צוזאַמען אין איין קאָמיסיע... שווער איז געוואָרן פֿאַר אים ווען מאַניאַ האָט זיך פֿאַרקילט. כּדי צו זיין אומשטאַנד פֿאַרצוזיצן ביי דעם וויכטיקן אָוונט, האָט דער דאָקטאָר איר געהייסן בלייבן אין הויז ביזן סאַמע „נשף". זוכט דעריבער דער בענקענדיקער שמשון יעדעס מאָל אַ תּירוץ אַריינצוקומען צו מאַניאַן אויף אַ מינוט. אַ רפֿואה, אַ בוך, אַ באַפֿעל פֿון דאָרפֿס־ראַט, אַ באַשלוס פֿון דער קאָמיסיע.

אָבער איצט האָט ער דעם בעסטן תּירוץ — ער פֿירט צו מאַניאַן אַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! געניאַן! שרייט ער אויס, צופֿירנדיק געניאַן צו דער אונטערשטער טיר. שרייט און רופֿט, און גייט אַריין מיט איר.

— אַזאַ גאַסט! — פֿליסטערט מאַניאַ און באַקוקט נייגעריק געניאַן.

אָבער שמשונען איז נישט גענוג וואָס זי קוקט אויף געניאַן. ער וויל אויך האָבן פֿון איר אַ קוק. דעם בלויען קוק, וועלכער איז ווי אַ באַלזאַם צו אַן איינזאַמען מענטשן ווי ער. וואַרט ער און וואַרט אויף מאַניאַס קוק אַזוי לאַנג, ביז אַן אומגעדולדיקער פּאַסאַזשיר פֿון שטאָט האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט אַ בלאָז געטון מיטן שופֿר פֿון זיין אָמניבוס.

איז שמשון אַרויסגעלאָפֿן ווי אַ צערייצטער הונט, איבערלאָזנדיק געניאַן מיט מאַניאַן.

— ווער האָט עס אַזוי קיין צייט נישט? — האָט ער אויסגערופֿן און זיך אַ כאַפּ געטון צום רעדל פֿון זיין אָמניבוס.

— אַזאַ מאָדע ביי אייך, וואָס דער נהג גייט אַריין פּראַווען וויזיטן בשעת ער פֿירט זיין „מקשר"? — האָט זיך אָנגערופֿן מיט גיפֿט דער שטאָטישער אומגעדולדיקער פּאַסאַזשיר.

— ווען מען עס געפעלט נישט אונדזער מאָדע, קאָן גיין צופוס! — האָט זיך אָנגערופן אַ מושבניצע פון כפר וויטקין. — ביי אונדז איז נישט תל־אביב! מיר האָבן צייט! אָבער, דער עיקר וויל איך אַז איר זאָלט וויסן, אַז ביי אונדז אַ „נהג" איז אַ מענטש, אַ חבר פון דעם מושב! און ווען דער שאָפער, דער חבר אונדזערער, פילט פאַר נויטיק ארייננצוגיין אויפן וועג אין אַ הויז, איז אַ סימן, אַז ער דאַרף דאָס טון! און קיינער האָט נישט וואָס צו קריטיקירן אונדזער נהג! מיר נעמען נישט אָן קיינע באַפעלן פון תל־אביב. אונדזער נהג טוט ווי ער דאַרף טון, ווייל ער דאַרף אזוי טון!

## עלפטער קאַפּיטל

„ווייל ער דאַרף אזוי טון", האָט געהאַלטן אין איין זשומען אין שמשונס אויערן, ווען ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין אָמניבוס ביי דער צרכניה (קאָאָפּעראַטיווע) פון כפר וויטקין. צעגאַנגען זענען זיך די פּאַסאַזשירן, יעדער איינער איז זיך צעלאָפן אָן זיין זייט, צו זיין היים. שמשון האָט יעדן איינעם איבערגעגעבן זיינע פּעקלעך און גרוסן פון דאָ און פון דאָרט. אין דער שטילקייט פון דעם דאָרפס־אָוונט איז ער אַוועק צו זיך אַהיים. אין אמתן גערעדט האָט ער קיין גרויסן חשק נישט געהאַט צו גיין צו זיך אַהיים... ער האָט געוווסט אַז זיין פרומע ליגט ווי שטענדיק, אַז אירע גרינע אויגן שטאַרטשען אַרויס פון איר פאַרגרינטן פון מאַלאַריע פּנים. ער האָט געוווסט, אַז זי וועט אים באַגעגענען ווי שטענדיק מיט אַ ברוגז פּנים, גלייך ווי ער איז שולדיק אין דעם, וואָס זי איז אַזוי פאַרקריפּלט געוואָרן פון די אַלע קראַנקהייטן, פון וועלכע זי האָט זיך אָנגעליטן אין דעם לאַנד און אין כפר וויטקין.

ער האָט געוווסט, אַז קיין וועטשערע איז נישט אָנגעגרייט פאַר אים, אַז ער וועט דאַרפן צונויפשטעלן אויף שנעל אַ שטיקל וועטשערע פאַר זיך און אויך פאַר איר, אויב זי האָט נאָך נישט געגעסן, ער וועט איר דערלאַנגען דאָס עסן, כאָטש ווען ער איז נישטאָ נעמט זי זיך אַליין.

ער האָט געוווסט, אַז קיין גרויסן אַפּעטיט צום עסן וועט ער נישט האָבן, כאָטש, בשעת דער אַרבעט, איז ער שטענדיק גאַנץ הונגעריק און יעדער געשמאַקער ריח פֿון געקאָכטע עסנוואַרג רייצט אים און גיט אים בויך־ווייטיקן פֿון הונגער.

און נאָכן עסן? וועט ער גיין צו אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דעם מושב, און אויב עס איז היינט נישטאָ קיין פֿאַרזאַמלונג, וועט ער אַריינגיין אין בית התרבות און אַריינקוקן אין אַ צייטונג ביז עס וועט קומען די שעה פֿון גיין שלאָפֿן.

נישט שטענדיק שלאָפֿט שמשון איין, כאָטש ער איז זייער מיד פֿון דעם טאָג אַרבעט. אַפֿילו ווען ער שלאָפֿט באַלד איין, געדויערט נישט לאַנג זיין ערשטער דרעמל. און ווען ער כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף, ליגט ער לאַנג און לייענט יידישע געשיכטע־ביכער כדי צו פֿאַרגעסן אין דעם פֿאָלקס פֿאַרגאַנגענהייט זיין קעגנוואַרט. כדי צו פֿאַרגעסן, אַז ער איז נאָך איינזאַמער פֿון אַן אַלמן, אַז ער האָט נישט מיט וועמען אין זיין הויז אויסצורעדן אַ וואָרט! אָפּטמאָל, ביינאַכט, בייסט ער דעם לייַלעך און דאָס קישן כדי צו באַזיגן זיין טעמפּעראַמענט, וועלכער זאָגט זיך אָפּ צו שטאַרבן נאָך דערפֿאַר, וואָס זיין ווייב איז געוואָרן אַ קריפּל פֿון מאַלאַריע און טיפֿוס.

שמשון איז געגאַנגען אַהיים. איצט, נאָך מער ווי פֿריער, האָט גע־זשומעט אין די אויערן: „ווען אונדזער נהג גייט אַריין אין אַ הויז איז אַ סימן אַז ער דאַרף אַריינגיין...״

„דאַרף איך אַריינגיין?״, האָט ער זיך געפֿרעגט. „פֿאַרוואָס דאַרף איך? איך מוז! איך וויל! וויל אָן איר פּנים פֿאַר מיינע אויגן — וואָס איז מיין לעבן ווערט? אָבער ווען דער מושב ווייס אַז איך גיי אַריין נאָר דערפֿאַר, וואָס איך וויל, וואָס איך מוז זען מאַניאַ, און נישט ווייל איך דאַרף איר עפּעס איבערגעבן, וואָס וואָלט ער געזאָגט? און וואָס זאָגסטו, מאַניאַ? איך האָב דיר נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז איך ליב דיך, אָבער עס איז דאָך אַזוי קלאָר, אַז דו פֿאַרשטייסט עס אַליין! אָבער —

וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם, וואָס איך ליב דיך? ליבסטו מיך אויך, מאַניאַ? וואָס זאָגסטו דערויף, מאַניאַ? וואָס זאָגסטו?"

פונקט אין דער צייט ווען שמשון איז געשטאַנען ביים טויערל פון זיין הויפל און האָט געוואָלט טרעפן וואָס מאַניאַ וואָלט געזאָגט, ווען זי וויים, אַז ער האָט זי ליב, איז מאַניאַ געשטאַנען ביי זיך אין קיך, און קוקנדיק מיט ליבע אויף געניאַן, אַזוי געזאָגט צו איר:

— און איך, נאַר, האָב געמיינט אַז דו ביסט געקומען אַהערצו ווייל עס איז אוים מיטן קיבוץ! ווייל עס איז דיר שוין נמאס געוואָרן דאָרטן. איך האָב זיך אַזוי געשראָקן פאַר דעם. צום סוף... הייסט עס, אַז דיין ערשטן שבת, וואָס האָסט באַקומען גיסטו מיר?

— אין אמתן גערעדט, מאַניאַ, בין איך געקומען נאָך אַן עצה. עס האָט עפּעס פּאַסירט ביי מיר אין מיין לעבן. וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָס דו דענקסט דערויף. פנינה זאָגט, אַז מען דאַרף זיך היטן פון דעם פייער. אָבער דו, מאַניאַ? פאַרשטייסט, מאַניאַ?...

— רעד אָפענע דיבורים, געניאַ! וואָס? ווער? ווען? זיך פאַרליבט? ווילסט חתונה האָבן?

— ער האָט אַ ווייב, מאַניאַ.

גרשומס אַריינקומען אין הויז אַריין האָט איבערגעשלאָגן דעם גע־שפּרעך. מאַניאַ האָט באַדאַרפט מאַכן וועטשערע, כאָטש זי איז נאָך אַלץ געווען אַביסל חולהוואַטע.

אין מושב פּיעסטשעט מען זיך נישט ווען מענער קומען אַהיים הונ־געריקע פון פעלד!

איז געוואָרן אַ טומל, אַ געפּילדער, מען פרעגט פראַגעס, מען שטעלט צום טיש. אפילו דער כמורער, שטענדיק שווייגנדיקער גרשום, האָט גע־וואָלט וויסן ווי עס געפעלט געניאַן דער קיבוץ און וואָס מען טוט אין קיבוץ, ווי אַזוי זי אַרבעט דאָרט? ביי וואָס און צי עס געפעלט איר? און נאָך וועטשערע האָבן גרשום מיט מוניקן אָפּגעפירט געניאַן צו דבורהן, ווייל ביי מאַניאַן איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ מיידל צו נעכטיקן.

איז געבליבן אַז מען וועט רעדן וועגן די וויכטיקע זאַכן מאָרגן, ווען גניאַ וועט קומען אינדערפֿרי פֿון דבורהן.

אויף מאָרגן איז געווען שבת. אַ שבתדיקע אַטמאָספֿער האָט גע־הערשט ביי דבורהן. גענוג געהאָרעוועט שבתים און יום־טובים אין אַמע־ריקע! דאָ, ווען עס קומט שבת, שפּרייט ער זיך אויס אין דבורהס געמיט, אין האַרצן פֿון ישראלן איר מאַן, וועלכער גייט אַפֿילו נישט אַ קוק טון אויף דעם פּרדס! דעם שבת קאָן מען אָנטאַפּן אין יעדער ווינקעלע פֿון זייער אָרימער קליינערווירטשאַפֿט. קיכעלעך און פֿלעצעלעך און אַ ווייס טישטוך און פֿלעקן פֿון וויין אויפֿן טישטוך. אַ הויז פֿול מיט עסנוואַרג — קומט מענטשן, עסט און טרינקט! עס איז שבת אויף דער וועלט. שבת מיט אַלע פּיטשעווקעס! אָבער דער שבת איז געווען אַן אויסערגעוויינלע־כער שבת, ווייל שבת־צו־נאַכט דאַרף פֿאָרקומען דער „נשף" פֿאַר דעם מיליטערישן לאַגער פֿון נעבן כפֿר חירות און דבורה איז געווען אין דער קאָמיסיע, וועלכע האָט צוגעגרייט פֿאַר דעם מיליטער די גוטע געבעקסן פֿאַר נאָך דער פֿאָרשטעלונג.

דבורה האָט באַלד אַריינגעפֿירט גניאַן אין אַ קליינעם קאַמערל, נעבן דעם שטאַלכל, און האָט איר געוויזן וואָס עס איז געבאַקן געוואָרן פֿאַר דעם וויכטיקן נשף פֿאַרן מיליטער. דערנאָך האָט זי אַריינגעפֿירט גניאַן צוריק אין קיך אַריין, און, אָנווייזנדיק אויף דעם דיל, ווו עס איז געשטאַנען דאָס קליינע טישל, אַזוי געזאָגט בלשון ווונק און רמז:

— קיכעלעך און אַ טרונק צו די קיכעלעך איז איין זאַך, אָבער די צווייטע זאַך טאָרן מיר אויך נישט פֿאַרגעסן... גוטע באַציאונגען מיט די סאָלדאַטן? אוודאי און אוודאי! אָבער אין די הענט מוז מען האָבן עפּעס. און דיין דבורה, ווייזט אויס, טויג זיך אויס צו דעם!

און דבורה גיט אַ פֿיר מיט דער האַנט איבער דער קיך און ווייזט איר אָן אויף די באַלאַטעס (די שטיינערנע קוואַדראַטן) פֿון אונטערן טיש.

קוקט גניאַן אויף דעם דיל און זעט דאָרט גאָרנישט.

אָבער דבורה זעט יאָ מיט אירע שטאָל־גרויע אויגן, וואָס עס ליגט דאָרט אונטער די באַלאַטעס, כאָטש דער דיל איז גאַנץ ווי עס דאַרף

זיין א דיל אין א קיך. זי זעט דארט די ביקסן, וועלכע עס האט ערשט נישט לאנג דארט באהאלטן כפר וויטקין ביי איר, ווייל מען איז זיכער, אז אפילו עס זאל ווען קומען צו א זוכונג, וועט מען נישט זוכן ביי דעם אלטן פארפאלק פון אמעריקע קיין געווער.

ישראלן פארדריסט וואס דבורה גיט אוים אזא וויכטיקן סוד צו געניאן. ווייל ער אויסשרייען עפעס אויף „לשון קודש", ווי אמאל, אין אמעריקע, אז דער „ערל", דער קונה זאל נישט פארשטיין. לאכן זיי אלע צוזאמען: ער, געניא און דבורה פון דעם „לשון קודש".

— דער פעטער ישראל האט פארגעסן, אז איך בין „מבין כל די־בור" — לאכט געניא און קלאפט אים איבער דער פלייצע. — אבער, זארגט זיך נישט, פעטער ישראל, איך קאן האלטן א סוד... אבער איך האב נישט געוווסט, אז די מומע דבורה איז אזא מזיק!

אין אמתן ווייסט געניא נאך אלץ נישט וואס עס איז דארט בא־האלטן. ווען זי שעמט זיך נישט, וואלט זי אויפגעהויבן די באלאטע און א קוק געטון; אבער עס פאסט נישט. דבורה וויל געניאן פארערדן די ציין, אז געניא זאל נישט געדענקען וועגן דעם ווונק צום דיל. ווייל דבורה האט זיך בשעת מעשה דערמאנט אן דער שבועה, וועלכע זי האט גע־געבן צום דארפס-ראט אין כפר וויטקין. זי פילט א גרויסע שרעק אין הארצן... זי געדענקט גוט די שבועה... א שבועה אז קיינער וועט נישט וויסן וואס מען האט ביי איר באהאלטן! א מאדנע שבועה האט זי געגעבן אין יענעם אוונט. קיינעם נישט געזען, נאר א פאר אויגן האבן ארויס־געקוקט פון צוויי לעבער, וועלכע זענען געווען אויסגעשניטן אין א שפא־ניער ווענטל. נאר אזוי האט זי געמוזט שווערן: נישט זעענדיק די, וועל־כע האבן זי געפרעגט צי זי וויל ביי זיך באהאלטן געווער. זי האט גע־שווירן... און דא, מיטאמאל, האט זי זיך ארויסגעכאפט! זיך געוואלט בארימען פאר איר געניאן. פאר איר טאכטער, וועלכע וועט דאך אפשר אמאל ווערן איר שנור. זיך אזוי ארויסגעכאפט!

פארדריסט דבורהן ביז גאר, וואס זי האט זיך אזוי ארויסגעכאפט. זי וויל פארערדן די ציין מיט די רייכע געבעקסן, וועלכע זי האט אנגע־

גרייט פאַר דעם „נשף”. אָבער זי פילט, אַז גניאַ איז דאָך חושד אין עפּעס, כאָטש זי האָט שוין אויפגעהערט צו קוקן צום דיל... דבורה פירט אַרויס גניאַן פון הויז. זי וויל איר ווייזן דעם נייעם איבערנאַכט אויס־געפלאַסטערטן שליאַך, וואָס פירט פון מיליטערישן לאַגער קיין כפר וויטקין. אפשר וועט דאָס העלפן אָפּמעקן פון גניאַס זכרון דבורהס פריערדיקע רייד וועגן דיל?

— ווי אַזוי געפעלט דיר אונדזער שליאַך? — זאָגט זי. — דאָס האָבן די ענגלענדער געטון אויף זייער חשבון. זיי דאַרפן דאָך פאַרבייפאָרן מיט זייערע לאַסט־אויטאָמאָבילן. אָבער די טראָקטאָרן — דאָס איז אונדזער אַרבעט! גוטע אַרבעט! די בעסטע! אַליין געטון און אַליין באַשלאָסן... און דיין דבורה האָט אויך אַ דעה געהאַט ביים באַשליסן. אַזוי איז עס דאָ! מען וווינט ביי זיך אין לאַנד, ביי זיך אין מושב האָט מען די דעה צו באַשליסן וועגן דעם אייגענעם טראָקטאָר. וועגן דער שולע. כאָטש קיין קינדער האָב איך אין שולע נישט. עס איז אָבער מיין דאָרף. נישט אַזוי? מיין שולע! מיין מושב עובדים! מיר וועלן דאָך אייביק נישט לעבן. וועלן דאָך די קינדער איבערנעמען דאָס דאָרף נאָך אונדז. וויל איך, דבורה, אַז די קינדער זאָלן זיין געלערנטער פון אונדז. זיי זאָלן קאָנען מער פון אונדז... און כדי צו קאָנען מער, דאַרפן זיי לערנען בעסער. און כדי צו לערנען בעסער — דאַרף מען האָבן אַ גוטע שולע. מען טאָר נישט אַריינ־זעצן אין איין קלאַס „איסע מיט שטריסע”, כדי איינצושפּאָרן געלט! האָט דיין מומע דבורה איבערגעוויגן. די זאָגן, — עס מאַכט נישט אויס! און די, מיט וועלכע דיין מומע דבורה האָט געשטימט, האָבן גע־זאָגט: „זאָל קאָסטן צוויי מאָל אַזוי פיל! זאָל מען די קינדער פירן אַלע טאָג אין כפר וויטקין אין דער גרויסער שולע אַריין, וווּ מען וועט פאַר יעדן קינד געפינען זיין פּאַסנדן קלאַס!” אַזוי, קינד מיינס, פילט מען, ווען מען לעבט אין דיין אייגן לאַנד, אין דיין אייגן דאָרף!

דבורה פירט גניאַן צו די ציגן אין שטאַלכל אַריין. גניאַ פאַלט צו צו די ציגן; זי גיט זיי אַ כאַפּ ביי די סטענגעס און לויפט מיט זיי אַרויס אין פּאַשע, ווי אַמאָל. דבורה קאָן איר נישט נאָכלויפן אַזוי שנעל. שטייט

דבורה און קוקט איר בלויז נאָך מיט אַ שמייכעלע פון אַ ליבנדער מוטער.

געניא לויפט און לויפט און די צעשראָקענע ציגן לויפן מיט איר איבער גריבלעך און דערנער. זי לאָזט זיי שטיין ביי אַ דין מאָגער גע־וויקסעלע און זי אַליין לויפט צום ים.

געניא קוקט צו זיינע כוואַליעס. רואיק און ריטמיש פאַלן זיי צום ברעג אָן רוגז און אָן וויטיק, גלייך ווי זיי האָבן באַשלאָסן זיך איבער־צוגעבן זייער גורל. צו בלייבן דאָרט אין דעם ים, וווּ גאָט האָט זיי אָנ־געצייכנט זייער פּלאַץ. עס דוכט זיך געניאַן, אַז אויך איר מוטער האָט זיך שוין באַרואיקט דאָרט, אינעווייניק, ערגעץ ווייט ווייט, אין די טי־פענישן פון ים. אַז זי האָט זיך שוין אויך אונטערגעגעבן איר גורל און זי רופט שוין נישט געניאַן ווי אַמאָל...

פאַרוואָס דוכט זיך אַזוי געניאַן? ווייל איצט וואָלט זי שוין מער נישט געוואָלט גיין אין די כוואַליעס אַריין ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען אַזוי עלנט דאָ, ביי דעם נייעם ברעג. דעמאָלט האָט זי דאָך קיינעם נישט געהאַט דאָ! איצט האָט זי דאָ שוין אַזויפיל שוועסטער... איז דען פנינה נישט איר שוועסטער? און מאַניאַ? אָט־אָ די שווייגנדיקע מאַ־ניאַ — וויפל געטריישאַפט זאָגט זי אַרויס מיט איר בלויען קוק? און אַפילו דער שווייגנדיקער גרשום, איר שטילער, ווי אַ גרויע כמארע מאַן? און שמשון — איז ער דען איר נישט ווי אַ ברודער? האָט ער זיך נישט דערפרייט מיט איר ווי עס דערפרייט זיך אַ ברודער?

ברודער? האָט זי דען נישט געפונען דאָ איר ברודער, דעם ברודער וועלכן זי האָט קיינמאָל נישט געקאַנט און וועלכן זי האָט דערקאַנט בלויז פון איין פראַגע זיינער. „זאָג, געניק, בין איך?...” הייסט עס, חיימקע, אַז עס פלאָגט דער געוויסן? אוי, ברודער מיינער! דיך פאַרלאָרן אויף די כוואַליעס פון ים און דאָ, אין גבעת חיים, דיך צוריק געפונען!

געניא קוקט מיט אָנגעגאָסענע אויגן אין די שטילע רואיקע כוואַליעס.

„האָסטו זיך שוין באַרואיקט דאָרט, מאַמע?” פּליסטערט זי שטיל.

„איך בלייב דאָ, מאַמע! איך האָב דאָ געפונען אַזוי פיל... איך האָב דאָ

געפונען מיין פארלוירענעם ברודער. דיין זון, דיין חיימקען. אבער דאס איז נישט אלעס. מאמע! איך האב דא געפונען... ליבע... איך האב מיך אזוי פארליבט! אזוי שטארק פארליבט... איך וויל בלייבן לעבן, מאמע!

## צוועלפטער קאפיטל

אבער נישט לאנג קאן געניא בלייבן אליין, קוקן אליין אויף די כוואליעס. דבורה און ישראל לויפן איר נאך דערשראקענע. זיי געדענקען נאך פון אמאל (עס דוכט זיך שוין אזא לאנגע צייט אין דעם!) ווען מא־גיא האט געראטעוועט מיט איר שאס געניאן פון לויפן אין די כוואליעס אריין. דארף מען דאך זי היטן אויך איצט! קומען זיי צולויפן ביידע, פארסאפעטע, צום ברעג ים מיט א תירוץ, אז עס איז שוין צייט צו עסן פרישטיק. נאכן פרישטיק ווילן זיי נעמען געניאן אין „בית העם" פון כפר וויטקין, כדי זיך באריימען פאר איר מיט די קולטור־רעפעראטן, פון וועלכע זיי געניסן יעדן שבת. מיט דער צייט, ווען כפר חירות וועט אויס־וואקסן, ווען זיי האבן אן אייגענעם „בית העם" און דארט וועלן זיי האבן אייגענע רעפעראטן, אייגענע קולטור.

— אבער ווען וועט קומען די צייט? — זאגט ישראל אביסל פע־סימיסטיש — אונדזערע אמעריקאנער, וועלכע האבן געקויפט זייערע נחלות דא, אין חירות, שיקן דאס געלט צום „יכין" ער זאל אויסהא־דעווען א פרדס, אבער אליין איילן זיי זיך נישט צו קומען אהערצו. דער־פאר וואקסט חירות נישט...

דבורהס אויג ווערט דערביי שארפער און גרויער ווי שטענדיק. זי זעט בשעת מעשה פאר זיך איר אמעריקע, ווו זי האט איבערגעלאזט אירע צוויי זין, די גויאישע סביבה אין דעם קליינעם שטעטל פון אי־לינאי, ווו איינער ארבעט אלס דאקטאר און דער צווייטער אלס אדוואַ־קאט... עס גיט בשעת מעשה א פלי דורך דער געדאנק וועגן די זין. מיט וועמען גייען זיי אום? מיט וועמען פירן זיי ליבעס? מיט וועמען וועלן זיי חתונה האבן? אפשר האבן זיי שוין חתונה געהאט און זיי מאכן א

שוויינ? אַט־אָ דער שווייגן איז אַזוי שווער... נישטאָ קיין בריוו אַזאַ לאַנגע צייט! פאַרוואָס?

נאָך דער „קולטור" פון כפר וויטקינס „בית העם" דאַרף מען שוין לויפן עסן מיטאָג. מיטן מיטאָג פאַרקלאַפּט זיך דבורה אַביסל דעם קאָפּ.

נאָכן מיטאָג גייט ישראל שלאָפן דעם זיסן שבתדיקן שלאָף, אויף וועלכן ער וואַרט אַ גאַנצע וואָך. אַזויפיל יאָרן האָט ער אים דורכגעלאָזט אין אַמעריקע! אין משך פון אַזויפיל יאָרן געפּראַצעוועט און נישט גע־ווסט פון שבת־רו און שבת-שלאָף!

— זאָל ער זיך אויסשלאָפן! שבת איז ער שטענדיק שלעפעריק! — גיט דבורה אַ גוטמוטיקן מאַך מיט דער האַנט אין דער זייט פון דעם שלאָפצימער. זי פירט אַרויס געניאַן פון דער הייזקע צו כאַפּן אַביסל זון אויף דער באַנק, וועלכע שטייט ביים טויערל.

געניאַס האָפענונגען — זיך צו באַפרייען פון דבורהן, גייען צו גרונט. זי האָט אַזוי געהאָפט און געוואַרט אויף דער שעה, ווען דאָס אַל־טע פּאָרפאָלק וועט גיין כאַפּן דעם שבתדיקן דרעמל. דאַן וועט זי אַוועק־לויפן צו מאַניאַן און מיט איר רעדן וועגן די זאַכן, וועגן וועלכע זי איז געקומען רעדן! נאָך ביז איצט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו רעדן. וואַרט דען נישט מאַניאַ, אַז זי זאָל איר דערציילן אין וועמען זי האָט זיך אַזוי פאַרליבט! ביזן טויט!?

אָבער פון דבורהן רייסט מען זיך נישט אַרויס אַזוי שנעל. זי אַליין וואָלט אויך געוואָלט וויסן ווי עס גייט געניאַן דאָרט אין קיבוץ. ווי גע־פעלן איר די חברים פון קיבוץ, די יונגעלייט... אַך, ווי דבורה וואָלט געוואָלט וויסן צי זי האָט נאָך האָפענונג, אַז געניא זאָל אַמאָל ווערן איר שנור! דאַריבער ציט זי אַזוי פּאַמעלעך איר געשפּרעך. און דערפון ווערט געניאַן אומעטיק און נודנע. קאָן זי דען דבורהן דערציילן דאָס, וואָס זי וואָלט דערציילט מאַניאַן?

רייסט זיך געניאַ אַרויס קוים מיט צרות פון כפר חירות און לויפט צופּוס קיין כפר וויטקין, צו מאַניאַן.

אָבער ביי מאַניאַן אין הויז איז איצט אויך נישט די שעה פאַר

אזעלכע געשפרעכן. דאָס הויז איז פול מיט מענטשן. שכנות, וועלכע האָבן א גאַנצע וואָך נישט געקאָנט געפינען גענוג צייט אריינצוקומען מבקר־חולה־זיין מאַניאַן, כאַפּן און טוען דאָס איצט, כאָטש זיי ווייסן שוין, אַז מאַניאַ איז געזונט און וועט זיין פאַרזיצערן פון אוונט פאַרן מיליטער, ווי עס איז פּלאַנירט געוואָרן לכתחילה.

עס שטייט אין דער לופט פון עסצימער אַ רעש פון אַלערליי קולות, ס׳רוב פרויען־שטימען. אַלע ווילן דערציילן מאַניאַן ווי עס זענען פאַר־ענדיקט געוואָרן די צוגרייטונגען צו דעם היסטאָרישן אָוונט.

מאַניאַ לאַכט אויף אַ קול און שמייכלט צו געניאַן אַלע ווײַלע אין געהיים, ווי איינער זאָגט: „זעסט דאָך, ווהין דו ביסט אריינגעפאַלן! איך בין אויך אריינגעפאַלן, קינד מיינס! מיך נודיעט אויך פון זיי און פון פיל אַנדערע זאַכן. אָבער אַזוי איז שוין דאָס לעבן!”

שמייכלט געניאַ צוריק צו מאַניאַן. זי גייט אַרויס אין הויף זיך באַ־שעפטיקן מיט די הינער און מיט די הינדיקעס, פון וועלכע זי איז אַזוי ווייט אין גבעת חיים. אַט גייט איר נאָך אין הויף אַריין גרשום, מאַ־ניאַס כמורער מאַן. ווייזט אויס, אַז ער לאַנגווײַליקט זיך אויך אין הויז מיט אַזויפיל ווײַבער אַרום מאַניאַן.

ער וואָלט געוואָלט האָבן מאַניאַן פאַר זיך, פאַר זיך אַליין, נישט טיילן זי מיט דער גאַנצער וועלט מענטשן! אָבער פון זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט מאַניאַן האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט דעם גע־פיל, אַז זי איז בלויז זיינע. אמת, מאַניאַ האָט אים קיינמאָל נישט גע־נאַרט: אפילו ווען ער האָט איר געבעטן אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט אים נאָך איר חתנס פּלוצימדיקן טויט, האָט זי אים אָפן געזאָגט, אַז איר מור־סיאַן וועט זי קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן! אַז זי איז מסכים חתונה צו האָבן מיט אים בלויז דערפאַר, וואָס זי וויל אויך פאַרלאָזן די קבוצה, ווו עס איז איבערגעברענט געוואָרן איר האַרץ. דערפאַר האָט זי געוואָלט גיין אויף התיישבות אין אַ מושב עובדים.

ער האָט געוווּסט פון אירע אייגענע ווערטער, אַז זי וויל זיך פאַר־געסן אין אַ נייער אונטערנעמונג, ווי עס איז געווען דאַן כפר וויטקין:

אַ דאָרף פון עטלעכע פאָרלעך, אָבער אַ דאָרף בלויז אין נאָמען! — אין רעאַליטעט — אַ גרויסער טאָל פון זומפּן, און צווישן זיי זאַמדן. פלעג גרשום מקנא זיין יעדן איינעם פון די מושבניקעס, וועלכנס ווייב איז געגאַנגען צוליב איר מאַן, און נישט צוליב איר אידייע צו באַזעצן עמק חיפר! ער פלעג זיין אייפערזיכטיק צו יעדער שטיקעלע ערד, וועלכעס מאַניאַ פלעג אָנרירן מיט אירע הענט, וועלכעס פלעג אין אירע פלינקע איבערגעגעבענע הענט פאַרוואַנדלט ווערן אין פרוכטבאַרן באָדן. ער פלעג זיין אייפערזיכטיק צו די בהמות, צו די עופות, וועלכע זי האָט געציכטעט מיט אַזויפיל ליבע און אויפמערקזאַמקייט. ער איז אַפילו געווען אייפערזיכטיק צו זיין אייגן קינד, וועלכעס האָט באַקומען פון מאַניאַן אַזויפיל ליבע, צו אירע עופות און בהמות...

איין זאַך האָט גרשום קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס מאַניאַ האָט אַזוי ליב איר יינגל, מוניקן, פון זינט זיין געבורט? זי האָט קיינמאָל נישט ארויסגעוויזן קיין ליבע צו אים, צו זיין פאָטער. ער קאָן זיך אַפילו נישט דערמאַנען, אַז זי האָט אים ווען אַ קוש געגעבן. אַפילו ווען זי שמייכלט צו אים, דוכט זיך אים אַז דאָס זענען אָפּפאַלן פון שמייכלען, מיט וועלכע זי באַשענקט די גאַנצע וועלט. צופעליקע אײַבערבלייבענישן אויף איר פנים, אויף אירע ליפּן, אין אירע אויגן. זיי פאַלן צופעליק אין זיין זייט. איז ער דאַריבער אייפערזיכטיק צו אַלע מענטשן, מיט וועלכע מאַניאַ קומט אין קאָנטאַקט: צו דעם דאָרפס-ראַט, צו דער הגנה, וועלכע האָט איר געגעבן אַלס אָנערקענונג פאַר אירע ליים-טונגען אַ נייעם „כלי” (רעוואָלווער). ער איז אייפערזיכטיק אַפילו צו די נעכט, אין וועלכע זי שטייט אויף דער וואַך און טוליעט צו צו איר וואַרעמען קערפּער דעם „כלי”, אייפערזיכטיק צו די „מעפילים”, וועלכע זי העלפט אַרונטערנעמען ביינאַכט מיט אַזויפיל ליבע און מיטלייד פון די שיפן.

קאָן זיין, אַז זיין אייפערזיכטיקייט מאַכט אים אַזוי כמורנע און שווייגנדיק? קאָן זיין, אַז דערפאַר גייט ער אַרום שטענדיק אַן איינגעבויגענער, גלייך ווי ער זוכט אין דער מוטער ערד דעם ענטפער צו זיין

שטענדיקן שווערן געמיט? און אפֿשר קוקט ער שטענדיק אַרונטער צו דער ערד ווייל ער וויל אויסמיידן די בליקן פֿון זיינע דאָרפֿסלייט?

נישט איינמאָל דוכט זיך אים, אַז זיי פֿרעגן אים: „גרשום! וואָס איז דער מער מיט דיר? האָסט די שענסטע און די גרעסטע ווירטשאַפֿט אין כּפֿר וויטקין, אַ גוט יינגל, און דער עיקר, אַזאַ ווייב! אַזאַ גוטע, געזונטע פֿריילעכע ווייב! אַזאַ מאַניאַן! אַזאַ אוצר אין הויז! ווער קאָן זיך צוגלייכן צו דיר און צו דיין גליק?"

ווייסט גרשום נישט וואָס צו ענטפֿערן אויף אַזעלכע שטילע פֿראַגעס וועלכע ווערן געפֿרעגט מיט די בליקן פֿון זיינע חברים מושבניקעס! דעריבער בויגט ער דעם קאָפּ נידעריקער צו דער ערד, ווען ער גייט אַרויס אין דער פֿרי מיט זיין אַקעראייזן אין פֿעלד, און אין אָוונט, ווען ער קומט צוריק פֿון דער אַרבעט.

נישט זעלטן, ווען גרשום קערט זיך אום אין אָוונט פֿון דער אַרבעט, באַגעגנט ער זיך מיט שמשונס אָמניבוס, וועלכן שמשון, דער „נהג" פֿון דעם „מקשר", פֿירט פֿאַרביי אויפֿן וועג צו דער צרכניה (קאָאָפּעראַטיווע).

— שלום! — גיט שמשון אַ שריי אויס און פֿליט פֿאַרביי.

ער פֿאַרשטייט נישט פֿאַרוואָס גרשום איז אַזוי כּמורנע! אַזאַ ווייב! אַזאַ הויז! אַזאַ פֿרייד אַריינצוקומען אין דעם הויז! בלויז קוקן אויף דער מאַניאַ! וואָסעראַ גליק ווען זי גיט אַ פֿאָר איבער דער נאָז מיט איר שטיפֿערישער האַנט!...

אָפֿטמאָל ווען זי טוט דאָס, גלוסט זיך שמשונען זי אַ כאַפּ טון ביי דער האַנט און זיך איינבייסן אין איר ווי מען בייסט זיך איין מיט די ציין אין אַ זאַפֿטיקער זיסער באַר. פֿאַרשטייט נישט שמשון פֿאַרוואָס דער גליקלעכער גרשום איז אַזוי כּמורנע און אומעטיק. אָפֿטמאָל ווען ער פֿליט פֿאַרביי מיט זיין אָמניבוס, גלוסט זיך אים אויסשרייען צו גרשומען: „בהמה, וואָס דו ביסט! ווייסטו וואָס פֿאַראַ אוצר דו פֿאַרמאָגסט ביי זיך אין הויז בייטאָג און ביינאַכט? דו וואָלסט דאָך באַ-

דאַרפט שפּרינגען פון גליק! ווען איך וואָלט פאַרמאָגט דעם אוצר, וואָלט איך געזונגען בייטאָג און ביינאַכט!"

אָבער שמשונען איז, ווייזט אויס, נישט באַשערט צו זינגען נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט, כאָטש ער וואָלט זיין לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אַ שטימונגספולן ליד. שמשון טאָר נישט זינגען ווען ער געפינט זיך אין דער היים. זיין פרומע קאָן נישט ליידן. „וואָס איז דיין שמחה?" גיט זי אַ פרעג ווען זי דערהערט זיין שטים אום שבת.

„טאַקע, וואָס איז די שמחה?" פרעגט זיך שמשון דאַן און וואונדערט זיך וואָס האָט אים געבראַכט צו זינגען? זאָל דאָס זיין די פרייד, וואָס ער פילט, ווען ער האָט צייט צו שטיין אין זיין אָרימען גאָרטן? אך! ווען ער וואָלט נישט באַדאַרפט ארויסלויפן גאַנץ פרי אַלע טאָג מיט זיין „מקשר"! ווען ער וואָלט געקאָנט זיין אַ מושבניק ווי אַלע מושבניקעס! אָבער כדי צו זיין אַ מושבניק דאַרף מען האָבן אַ געזונט ווייב, וועלכע זאָל מיטהעלפן אין דער ווירטשאַפט. ער האָט דאָס נישט געהאַט, קאָן מען זאָגן, פון אָנפאַנג אָן, פון סאַמע בראשית פון כפר וויטקין!

קאָן זיין, אַז טאַקע דערפאַר וואָס שמשונען איז נישט באַשערט גע־ ווען צו זיין אַ מושבניק ווי ער האָט געוואָלט, איז ער אַזוי נייגעריק צו זען זיין ביימעלע וואַקסן אַרום זיין פענצטער? און אַ נייער פויגל־נעסט רופט אַרויס ביי אים אַ געזאַנג אין הארצן... קאָן זיין דערפאַר, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אייגן קינד?

אָפטמאָל מאַכט שמשון זיין באַלאַנס: נישט קיין קינד, נישט קיין ווירטשאַפט, אַפילו נישט קיין ווייב! אָפטמאָל, אין אַ שבת נאָך מיטאָג, ווען עס ווערט אים נמאס צו לייענען די ביכער און די צייטונגען, מיט וועלכע ער פאַרזאָרגט זיך פון פרייטיק כדי אָפּצושטופּן דעם לאַנגן רו־ טאָג, ווילט זיך אים אַ וואָרף טון אַלעס צו ,דער ערד און זיך צערעווען פון גרויס עלנט. ער ווייסט, אַז זינגען טאָר ער נישט ווייל פרומע קאָן דאָס נישט פאַרליידן. אין אַ ליד, אין אַ רוסישן ליד פון אמאָל, וואָלט ער געקאָנט אַביסל אויסגיבן זיין אומעט.

און ווער אין כפר וויטקין פאַרמאָגט נאָך אַזוי פיל אומעט אין

הארצן ווי שמשון? זיין גאנץ לעבן שטופּט ער אָפּ אָן א חבר און אָן א ווייב. אמאָל איז זיין פרומע געוועזן זיין ווייב, זיין חבר — אָבער פון זינט זי איז קראַנק געוואָרן, איז זי אייפערזיכטיק צו יעדער זאַך אין לעבן, וועלכע איז געזונט. איצט קאָן ער מיט איר קיין וואָרט נישט אַרויס־רעדן. אין יעדן וואָרט זעט זי אַ פאַרקערטן געדאַנק, נישט דאָס וואָס ער מיינט. אָט אַזוי שטופּט ער די יאָרן אָן אַ חבר און אָן אַ ווייב.

נישט איינמאָל לאַכן פון אים זיינע חברים, שאָפערן פון „אגד", וואָס ער זיצט אין דעם „פאַרשאָלטענעם מושב", ווו אַ מאַן קאָן זיך נישט אַ קער טון אָן אַ זייט.

„פאָר אין שטאָט אַריין, שמשון!" ראָטן אים די „נהגים" פון „אגד" — „עס וועט זיך פאַר דיר עפענען אַ נייע וועלט! מיר פאַרשטייען אַז דיין ווייב קאָנסטו נישט פאַרלאָזן, ווייל זי איז אַ קריפּל. און דו ביסט אַ פיינער מענטש! אָבער ביסט דאָך אַ מענטש! אַזאַ געזונטער מאַן! אין שטאָט קאָנסטו באַקומען ליבע וויפל דאָס האַרץ גלוסט! דאָרט איז אַ גרויסע וועלט! עס ווערן פאַרווישט דאָרט אַלע שפּורן! איינער ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך ביים צווייטן. פאָר אַרויס אין שטאָט! וואָס גיט דיר דער מושב?"

אָבער שמשונען דוכט זיך, אַז זיינע „אגד"־חברים, וועלכע וווינען אין שטאָט און וועלכע זענען קיינמאָל קיין מושבניקעס נישט געוועזן, וועלן אים קיינמאָל נישט פאַרשטיין.

— איר פאַרשטייט? — פּרובירט ער אַמאָל, ווען זיי זיצן צוזאַ־מען אויפן שליאַך און וואַרטן אויף אַן אָמניבוס פון שטאָט — דאָ בין איך אַ חבר. איך האָב אַ דעה אין דאָרף, איך שטים פאַר דעם אויפבוי פון דעם בית הנוער (יוגנט־הויז), איך בין עמיצער. און דאָרט?

— נאַרישקייטן! — האַקן אים אָפּ זיינע אגד־שאָפערן.

ווען עס קומט אָן דער אָמניבוס צעפאָרן זיך די שאָפערן יעדער איינער אין זיין זייט, יעדער איינער מיט זיין אָמניבוס. און שמשון פאָרט צו זיך אין דאָרף אַריין, אין כפר וויטקין, מיט זיין מיינונג: „וואָס איז פאַר אים די שטאָט מיט איר רעש, מיט אירע פרעמדע מענטשן? ווי

קאָן אַ מענטש ווי ער, קומען אין שטאָט אַריין קויפן אַביסל ליבע פאַר געלט ווי די שאָפערן ראַטן אים? קאָן ער זיך לאָזן פירן צו קוקן אויף אַנדערע פרויען, ווען זיינע אויגן זעען שטענדיק פאַר זיך מאַניאַס אַביסל אומעטיקע, אַביסל הוידענדיקע זיך אויגן־בלויקייט!..״

אַליין שטופט שמשון די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. ער שטופט די שבתים און די יום־טובים ווען דער אַמניבוס רוט. ער קאָן אַפילו נישט פאַרבייפאָרן מאַניאַס הויז אין אַזעלכע טעג. ער שטופט די שבתים לייענענדיק ביז עס הייבט ביי אים אָן צו שווינדלען אין די אויגן. ביז עס ווילט זיך אים גיבן אַ וואָרף אַלע ביכער צו דער ערד און זיי טרעטן מיט די פיס. זיי צערייסן אויף שטיקלעך און שרייען אויף אַ קול. אָבער ער טוט עס נישט. שטילערהייט לייגט ער אַוועק אַלע ביכער אויפן פּלאַץ, ער מאַכט אָרדענונג אין הויז און כאַפּט זיך אַרויס פון הויז, לאָזנדיק פרומען דרימלען איר גרינעם פאַרביטערטן פון כינין און גאַל דרעמל.

און ער לאָזט זיך גיין. וווהין? עס ווילט זיך אים נישט זען זיינע שכנים, ווען ער געפינט זיך אין אַזאַ שטימונג. אפשר זיך לאָזן גיין אין די פעלדער פון כפר וויטקין? דאָרט באַווייגען זיין גורל? דעם גורל פון אַ קינדערלאָזן שאָפער, וועלכן עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו זיין אַ מושבניק? צו אַרבעטן די ערד, ווי ער האָט געוואָלט?

עס דערגייען צו זיינע אויערן די געזאַנגען פון בית הנוער. ער אַליין האָט געהאָלפן אים בויען. ער ווייסט, אַז דאָרטן זינגען און רעדן איצט יוגנטלעכע, בחורים און מיידלעך. ווען דער גורל וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט צו אים, וואָלט זיין זון אָדער זיין טאָכטער אויך געווען איצט דאָרט, צווישן די וועלכע פראַווען זייער יוגנטלעכן עונג שבת

כאַפּט זיך שמשון אַריין צו דער יוגנט. ער ווייסט, אַז די יוגנט האָט נישט ליב צו זען די עלטערע מענטשן ביי זיך, אין זייער בית הנוער. אָבער צו אים ווייזן זיי שטענדיק אַרויס אויפמערקזאַמקייט. קאָן זיין, אַז זיי שטויסן זיך אָן אָן זיין ביטער האַרץ? קאָן זיין, אַז מען רעדט וועגן זיין אומגליקלעכן לעבן ביי זיי אין די היימען? און קאָן זיין, אַז זיי דולדן

אים דערפאר, וואס שמשון קומט נישט אריין בלויז צו קוקן אדער צו הערן.

— חברה! אלעס אין ארדענונג? אפשר דארפט איר עפעס? — רופט ער שטענדיק אויס גלייך ווי פארביגייענדיק.

— צי מיר דארפן עפעס? — כאפן זיך אן די חברה, וועלכע ווייסן, אז שמשון איז א מייסטער אויף אלע הענט. — גאט אליין האט דיך צוגעשיקט, שמשון! — איז שטענדיק דער ענטפער פון דער יוגנט, בשעת זי פראוועט עונג שבת אין בית הנוער.

און שמשון הייבט אן אריינצודרייען שרייפלעך, ווו עס איז נייטיק, ציען די עלעקטרישע פעדים, ווו זיי פעלן, פארריכטן א באנק, אז זי זאל זיך נישט שאקלען. און דערווייל הערט ער זיך צו צו די רעדעס פון די יונגע חברה. ער זינגט מיט מיט זיי אלע זייערע לידער, ביז עס ווערט טונקל אין בית הנוער, ביז עס ווערט אוים שבת. ער זיצט מיט די יונגע חברה אין דער טונקל פון זייער קלוב־הויז און באגלייט מיט זיי צוזאמען דעם שבת מיט שטילע ריטמישע, אביסל אומעטיקע געזאנגען, ביז עס ווערט נאכט.

## דרייצנטער קאפיטל

פונקט אזוי ווי אלע אנדערע שבתים האט שמשון פארבראכט אויך דעם שבת פון דעם „נשף" פארן מיליטער מיט דער יוגנט פון כפר וויטקין אין בית הנוער.

ערשט ווען עס איז שוין געווארן גאנץ טונקל און צוזאמען מיטן שבת איז אויסגעגאנגען דאס קול פון געזאנג, האט זיך שמשון דערמאנט, אז עס איז שבת־צו־נאכט אויף דער וועלט און אויך אין כפר וויטקין. אז ער דארף אהיימלויפן איבערבייטן זיין קליידונג, אנטון די „אגד"־אוני־פארמע און ארויספירן זיין „מקשר" צום שליאך.

פארבייפארנדיק מאניאס הויז האט ער געזען דארט די ליכט אין פארדערשטן צימער, וואס האט געדינט ביינאכט אלס שלאפצימער. אך,

ווי האָט ער געוואָלט טרעפן ווי אַזוי עס פילט זיך איצט מאַניאַ! וועט זי טאַקע קומען צום נשף און זיין די פּאָרזיצערן, ווי עס איז אַראַנזשירט געוואָרן פון דער צוגרייטונגס־קאָמיסיע?

אויב יאָ, וועט ער זי זען היינט אָוונט. דאָס וועט זיין זיין באַלוינונג נאָך דעם לאַנגן שבת פון אנדערטהאַלבן מעת־לעת.

צו שמשונס גליק איז מאַניאַ יאָ אַרויסגעגאַנגען צום נשף. אמת, זי איז נאָך געווען מיד פון דער פאַרקילונג, מיד פון די געסט, וועלכע זענען געקומען גראָדע דעם שבת, מיד פון די וועלכע האָבן זי אָפּגענודיעט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג! און דאָך איז איר פּאָרזיצונג געווען אויסערגעוויינלעך גוט. אַלנפאַלס אַזוי האָט זיך אויסגעדוכט שמשונען. ער איז געווען זיכער, אַז נישט נאָר ער, נאָר אַפילו דער ענגלישער מאַיאָר, וועלכער איז געזעסן אין בית העם אין דער ערשטער ריי, האָט מאַניאַן געשלונגען מיט די אויגן. ווי וואונדערבאַר עס האָט אויסגעזען איר בלאַס פּנים אין דעם שוואַרצן קלייד! און איר שטים, אַביסל אַן אויפגערעגטע, האָט געהאַלטן אין זיך אַ געמיש פון ציטער און אַן אָפּקלאַנג פון אַ וייטן פרויען־געזאַנג.

שמשון איז געזעסן מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און האָט געבעטן גאָט פאַר מאַניאַן. און מאַניאַס רעדע איז אַריבער אויסגעצייכנט. די גאַנצע פּראָגראַם, דער כאָר, דער אָרקעסטער, די רעציטאַציעס פון די קינדער, אַלעס איז געווען וואונדערבאַר און אין צייט. און דער סוף פון דעם נשף, די עסנווארגן און די געטראַנקען, האָבן נאָך מער אויסגענומען ווי דערוואַרטעט — אַלע טעלער, אַלע פּאַלומעסיקן, אַלע פלעשער, אַלעס איז געבליבן ליידיק. גלייך ווי אַ היישעריק זיך פאַרבייגעלאָפן. גלייך ווי דאָס מיליטער פון דעם לאַגער, נעבן כפר חירות, האָט שוין אַ פּאָר טעג נישט געגעסן און נישט געטרונקען.

צופרידן זענען אַרוים אַלע די, וואָס האָבן אַריינגעלייגט געגוג אַרבעט און כוחות אין די צוגרייטונגען. צופרידן איז אַרוים דאָס מיליטער, וועלכעס האָט זיך פאַרנומען נאָכן נשף אויף זיינע לאַסט־אויטאָמאָבילן, אויטאָמאָבילן און דזשיפּן אין דער זייט פון כפר חירות.

די כפר חירותער מושבניקעס האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים צו־פֿוס, כאָטש שמשון האָט פֿאָרגעלייגט אָפּצופֿירן זיינע כפר וויטקינס שכנים אויף זיין אָמניבוס. קיינער האָט נישט געוואָלט אָננעמען זיין פֿריינטלעכן אָנבאָט. אַלע האָבן געוואָלט גיין צופֿוס, כּדי אַזוי אַרום צו באַשפּרעכן די גרויסע געשעעניש, דעם נשף.

דבורה און ישראל האָבן אויך געוואָלט גיין צופֿוס. זיי האָבן נישט אָפּגעלאָזט פֿון זיך געניאַן, כאָטש זי האָט זיך אַלע ווײַלע גערוקט צו מאַניאַן און איר געפּינטלט מיט די אויגן, אַז זי זאָל זי אַרויסרייסן פֿון דעם אַלטן פֿאַרפֿאַלקס הענט.

מאַניאַן האָט זי קיין סך נישט באַדאַרפֿט פּינטלען מיט די אויגן, זי האָט באַלד פֿאַרשטאַנען וואָס געניאַ איז אויסן מיטן פּינטלען: זי אַרויס־רייסן פֿון דבורהס הענט האָט מאַניאַ אַליין געוואָלט. אַז געניאַ זאָל גיין צו איר נעכטיקן איז געווען איר ווונטש. מיט געניאַן האָט זי דעם שבת בייטאָג נישט געקאָנט קיין וואָרט אויסרעדן צוליב די כפר וויטקין מושב־ניצעס. פֿאַרוואָס האָבן זיי געפֿונען פֿאַר נייטיק צו קומען זי מבֿקר חולה זיין גראָדע היינט, ווען מאַניאַס האַרץ האָט זיך געריסן פֿונקט אַזוי שטאַרק צו געניאַן, ווי געניאַס האַרץ צו איר עלטערער שוועסטער? מיט דער שוועסטער האָט זי געוואָלט אַזויפֿיל איבעררעדן! וועגן אַזויפֿיל זאַכן!

אָבער נישט שטענדיק איז די שטאַרקע מאַניאַ אומשטאַנד צו טון דאָס וואָס זי וויל. איבערהויפּט ווען גרשום דרייט זיך אַרום אַן אָנגע־בלאָזענער. איבערהויפּט ווען זי פֿילט זיך אַביסל שולדיק אַנטקעגן גרשו־מען. און שולדיק האָט זיך מאַניאַ געפֿילט די גאַנצע וואָך, ווייל שמשון פֿלעגט אַריינלויפֿן אין הויז אַריין אַ פּאָר מאָל אַ טאָג בשעת דער אָמני־בוס האָט געוואַרט אין דרויסן מיט זיינע פּאַסאַזשירן.

פֿאַרוואָס זי האָט זיך געפֿילט שולדיק האָט זי אַליין נישט געקאָנט זיך געבן קיין חשבון. קאָן זיין דערפֿאַר וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל אין אַ סך יאָרן דערפֿילט אַן ענלעכקייט צווישן שמשונס שמייכעלע און איר אַמאָליקן חתנס? קאָן זיין דערפֿאַר וואָס זי האָט איצט, צום ערשטן מאָל אין איר לעבן נאָך אַזויפֿיל יאָרן גלייכגילטיקייט צו אַלע מענער,

דערפילט א ציטער אין איר גאנצן וועזן... שמשונס קוק האט ארויסגערופן דעם ציטער. מיט דעם קוק אין זכרון האט זי געלעבט די גאנצע וואך פון איר קראנקהייט.

זי פלעג אפט פילן אין זיין קוק א מאדנע רוף... גלייך ווי ער רופט זי, און ווערטער, זי זאל אנטלויפן מיט אים ערגעץ ווייט ווייט.

שטייט דאריבער מאניא מיט א שולדיקן געוויסן נעבן גרשומען אנטקעגן גניאן. זי קוקט אויף גניאן און גניא קוקט אויף איר. זי האלט נישט אוים און רופט אוועק אן א זייט גרשומען:

— איך וואלט זייער געוואלט, אז גניא זאל גיין צו אונדז נעכטיקן!

— זאגט זי מיט א ראבקער שטים.

— דו קאנסט זי דאך נישט לייגן שלאפן אין איין צימער מיט מוניקן, — ענטפערט שטרענג גרשום.

מאניא האט שוין ווייטער גארנישט וואס צו פרעגן. דאס הייסט גאנץ קלאר, אז גרשום זאגט זיך אפ צו שלאפן מיט מוניקן אין פאדערשטן צימער, ווי ער האט עס געטון בשעת מאניא איז געווען פארקילט.

בלייבט מאניא שטיין אן לשון. זי ענטפערט גארנישט גניאן אויף אירע ווונקען.

— קום מארגן גאנץ פרי, — זאגט זי בלויז ווען דבורה רייסט גניאן אוועק מיט זיך.

מאניא גייט אהיים מיט אן ארונטערגעלאזטן קאפ. זי וואלט זיך געוואלט אנהאלטן אין עמיצן, אזוי שוואך דערפילט זי זיך פלוצים. אבער אן וועמען זיך אנהאלטן? איר מוניק לויפט פאראוים, גלייך ווי ער האט דערפילט, אז זיין מוטער זוכט זיין האנט. ער וויל איר נישט געבן די האנט. גייט מאניא שווייגנדיק נעבן גרשומען, אבער אירע געדאנקען זענען ווייט ווייט פון אים. זי האט איצט רחמנות אויף זיך אליין! זי פילט זיך ווי א קינד, וועמען מען האט פארבאטן צו שלאפן מיט א ליאלקע, וואס ס'האט אזוי ליב. גניא איז דאך איר ליאלקע, פארוואס קאן זי נישט שלאפן מיט גניאן היינט ביינאכט? הערן וואס גניא וויל איר דערציילן!

אָבער ניין! דער גורל וויל נישט! ריכטיקער — גרשום וויל נישט!

און דערפֿאַר וואָס גרשום איז געווען שלעכט צו איר, לויפֿט מאַניאַ אויף שנעל אַריין אין שלאָפֿצימער, טוט זיך אויס און לייגט זיך אַריין אין בעט, מאַכט זיך שוין שלאָפֿנדיק.

— שוין שלאָפֿסטו? — פֿרעגט גרשום אַן אַנטוישטער, אַנידער־זעצנדיק זיך אויף מאַניאַס בעט.

קיין ענטפֿער! ער חזרט איבער זיין פֿראַגע נאָך אַמאָל שטיל. ער גלויבט נישט, ער בייגט זיך אָן צו איר. איר אָטעם איז ריטמיש. הייסט עס — זי שלאָפֿט! זי האָט נישט געוואָלט וואַרטן אויף אים. ער האָט דאָך מיט מוניקן געטרונקען טיי אין קיך! פֿאַרוואָס איז זי שוין איינגע־שלאָפֿן?

— אפשר ווילסטו אַ גלאָז וואַרימע מילך? — פֿרעגט ער אין אַ פֿליסטער.

קיין ענטפֿער. לייגט ער זיך אויף זיין בעט, אָבער לאַנג ליגט ער נישט איין דאָרט. ער פֿילט זיך אַזוי געקריוודעט. פֿאַר יעדן איינעם האָט זי אַ שמייכעלע. נאָר נישט פֿאַר אים. ער כאַפּט זי אַרום שטאַרק.

— איך בין נאָך אַזוי שוואַך, גרשום! האָב רחמנות!

— רחמנות? ברומט ער אומבאַוווסטזיניק.

— זיי אַ מענטש, גרשום! זיי נישט קיין חיה!

— היינט וויל איך זיין בלויז אַ חיה! דו מאַכסט זיך קראַנק... פֿאַר אַלעמען ביסטו געווען געזונט היינט... נאָר פֿאַר מיר... מאַכסטו זיך נאָך אַלץ חולהוואַטע.

עס הייבט זיך אָן אַ שטילער קאַמף צווישן זיי ביידע.

— איך בעט דיך, גרשום! אונדזער מוניק איז שוין אַ גרויס יינגל... ער הערט דאָך...

— דו ווילסט מיר פֿאַררייִדן די ציין! עס אַרט מיך נישט. זאָל ער הערן! איך קריג זיך נישט!

מאַניאַ פֿילט אַ מאָדנע פֿאַרדרוס, וואָס זי איז אַזוי שוואַך, וואָס אי־רע כוחות זענען אַזוי נישטיק אין פֿאַרגלייך מיט זיינע... עס דוכט זיך

איר אוים אז גרשומס כוחות קאָן זי איצט צוגלייכן צו די כוחות פון כפר וויטקינס בוהאַי, וועלכער ליגט אין זיין פאַרצוימטן חצרל... פונקט ווי דער בוהאַי, אזוי מאַכט זיך גרשום שטיל און שלעפעריק; אזוי אַז מענטשן מיינען אַז ער קאָן קיין צוויי ווערטער נישט אַרויסרעדן. אָבער ווען מען לאָזט אַריין צו דעם בוהאַי איינע פון דעם מושבס בהמות? ווי קאָן זיך די שטאַרקסטע און פלינקסטע בהמה ווערן קעגן דעם בוהאַי דאָן?...

מאַניאַ פאַרלירט אירע אַמביציעס צו קעמפן. וואָס איז די פעולה? דער בוהאַי איז שטאַרקער, פליסטערט צו איר פון דער פינצטער אַ שטים. און דו ביסט שוואַך...

מאַניאַ וויל נקמה נעמען פאַר איר שוואַכקייט. זי קוקט מיט די אויגן אין דער פינצטער אַריין... זי רופט אַרויס פון דאָרטן איר מוסיאַס געשטאַלט. זי פאַרגעסט, אַז גרשום איז נעבן איר. עס דוכט זיך איר, אַז עס איז צוריקגעקומען פון זיין ווייטן ווייטן וועג איר אַמאָליקער חתן, וועלכער איז ערהרגעט געוואָרן ערב דער חתונה... זי וויל רעדן צו איר מוסיאַן. זי וויל גלעטן זיין פנים, אים פאַרזיכערן, אַז זי האָט אים נאָך אַלץ ליב, ווי אַמאָל... אָבער מוסיאַס פנים צעגייט זיך ווי שניי אין אירע הענט. עס צעשווימען זיך אין אַלע זייטן זיינע אברים. אויף מוסיאַס אָרט באַווייזט זיך שמשונס פנים...

פונקט אזוי האָט ער היינט אַ גאַנצן אָוונט געקוקט אויף איר בעת זי איז געווען אויף דער בינע. קיין אויג נישט אַרונטערגענומען פון איר. זי האָט זיך געפילט אזוי מאָדנע פון זיין קוקן. צי האָט זיך איר אויס־געוויזן אזוי?

— שמשון! — פרעגט מאַניאַ אָן ווערטער אין דער פינצטער אַריין

— דו האָסט מיך טאַקע אזוי ליב? מען דאַרף נישט... וויל איך... איך האָב דאָך ליב... מוסיאַן... מוסיאַן! אַוו איז מוסיאַ? נישטאָ מער... דו שמשון! דו!...

גרשומס כראָפּען רופט זי צו דער ווירקלעכקייט. זי לויפט אַרויס מיט אַ מאָדנע עקל פון דעם בעט. זי לויפט צו דער אונטערשטער טיר. עס דוכט זיך איר אוים, אַז שמשון קלאַפּט דאָרט. עס איז דאָך זיין שטיי־

גער אַזוי צו קלאַפּן יעדן בייטאָג, ווען ער פֿאָרט פֿאַרביי מיט זיין אָמניבוס.

זי עפֿנט די טיר. טרויעריק קוקט אַ האַלבע זייער פֿאַרשפּעטיקטע לבֿנה אַרונטער צו איר. מאַניאַ וויקלט זיך איין אין איר קאַלדרע און לויפֿט אַרויס פֿון הויז.

ווען שמשון וואָלט איצט געווען דאָ, וואָלט זי צוגעלאָפֿן צו אים, זיך צוגעטוליעט צו אים און שטיל געוויינט. אָבער שמשון איז ערגעץ ווייט ווייט. וואָס טוט ער איצט אין זיין היים אין צווייטן עק פֿון כּפֿר וויט־קין? פֿילט ער אַז זי בענקט נאָך אים? ווייזט זיך איר אויס אַז ער פֿילט אַלעם?

מאַניאַ לויפֿט צו צום אָראַנזשן־ביימל, וועלכעס שטייט ביי דער זייט פֿון איר הויז. זי ווישט זיך מיט זיין ראָסע די הענט און דאָס פּנים. זי פֿילט זיך נאָכאַמאָל ריין, גלייך ווי זי איז נאָכאַמאָל אַ קליין קינד... אַ כּלה... וועמעס כּלה איז זי איצט? מוסיאָס? צי שמשונס?

## פֿערצנטער קאַפּיטל

אָט אַזוי אין נאַרישע געדאַנקען לויפֿט אַריבער די נאַכט פֿאַר מאַניאַן. און אָט איז שוין פֿאַרטאָג און מען דאַרף שוין אויפֿשטיין צו דער אַר־בעט. די ווירטשאַפֿט איז גרויס, זי מאָנט אַלע כּוחות און אַלע שעהען פֿון טאָג. עס בלייבט קיין כּוח און קיין צייט נישט צו טראַכטן וועגן נאַ־רישקייטן נאָכן שווערן טאָג אַרבעט.

מאַניאַ איז צופֿרידן וואָס עס איז נישטאָ קיין פֿרייע מינוט צווישן מעלקן און היטער האָדעווען, צווישן באַלעבאַטישקייט און גאָרטן־אַרבעט. קיין מינוט צייט איז נישטאָ אַ טראַכט צו טון וועגן עמעצן.

און פּלוצים דערמאָנט זי זיך, אַז זי איז נישט נאָר אַ מושבֿניצע, נאָר אויך אַ מאַמע. מוניקן דאַרף מען וועקן און אָנעקשיקן אין שולע אַריין. און גרשום פֿאָדערט אויך זיין פֿרישטיק. מיט דעם פֿרישטיק וואָלט ער געוואָלט באַקומען אויך אַ קוק פֿון מאַניאַן. דער קוק זאָל אים זאָגן, אַז ער איז געווען גערעכט! אַזוי דאַרף אַ מאַן זיך פֿירן מיט אַ ווייב, וועלכע איז אויפֿמערקזאַם צו דער גאַנצער וועלט, אַ חוץ צום אייגענעם מאַן!

וואַרט גרשום אויף מאַניאַס קוק, אָבער ער דערוואַרט זיך נישט און גייט אַרויס אין פּרדס אַ כמורנער; דער קאָפּ נאָך מער אָנגעבויגן.

מאַניאַ בלייבט אַליין. זי ווייסט נישט וואָס צו טון פריער. אַזויפיל אַרבעט וואַרט אויף איר. אָבער אין מיטן דער אַרבעט פרעגט זי זיך נאָך אַליין: מוסיאַ? צי שמשון? אויב שמשון — טאָ וואָס פילט שמשון איצט דאָרט, אויפן צווייטן עק דאָרף?

ווייזט אויס אַז אין האַרץ פילט דאָס צווייטע.

שמשון זוכט אויך אַ קוק צו טון אויף מאַניאַן נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט. וויאַזוי פילט זי זיך נאָך דעם נשף? האָט איר נישט פאַרשאַט דאָס אַרויסגיין אין דרויסן נאָך אַזאַ פאַרקילונג? און דאָס שטיין אַזאַ לאַנגע צייט נאָכן נשף נעבן געניאַן און דבורהן?

שמשון איז פול מיט זאָרג. אַ חוץ דער זאָרג קאַלופּעט אין זיין נשמה אַזאַ מאָדנע בענקשאַפט, אַז ער קאָן מער נישט אויסהאַלטן.

ער פאָרט מיטן אָמניבוס קיין כפר חירות, ווו געניאַ וויל זיך אַרויסרייסן פון דבורהן.

— פאָרט שוין דיין אָמניבוס אַריין אין כפר חירות אויך אינדערפרי?

— וווּנדערט זיך דבורה, ווען זי זעט שמשונען ביי איר הויז.

— דערווייל פאָרט דער אָמניבוס אַריין נאָר דריי מאָל אַ טאָג, ווי פריער, אָבער איך בין געקומען נעמען געניאַן צו מאַניאַן זי זאָל נישט דאַרפן גיין צופוס. זי וויל דאָך רעדן מיט מאַניאַן איידער זי פאָרט אָפּ...

— שמייכלט שמשון צו ביידע פרויען. אָבער יעדע איינע זעט אַז אַנדער שמייכל אין זיין פּנים.

עס העלפט נישט דבורהן. זי מוז אָפּלאָזן געניאַן און טאַקע גאַנץ שנעל. עס וויל זיך איר טאַקע נישט. ווען נישט די אַרבעט אין הויז, וואָלט זי אויך מיטגעפאָרן צו מאַניאַן מיט געניאַן. שמשון פילט עס. ער גיט אַ שנעלן רוק אַריין געניאַן אין אָמניבוס און דרייט זיך אויס. דבורה בלייבט שטיין אַליין. זי טראַכט אירע מאָדנע געדאַנקען: „וועט געניאַ אַמאָל נאָך זיין איר שנור? ווער ווייט? דאָס האַרץ אירס איז שווער... עפּעס צו לאַנג נישטאָ קיין בריוו פון דאָרטן. און אפשר וויל ישראל איר

נישט אויסזאָגן? עפּעס האָט זי אים געזען אַריינקוקן אין אַ פּאַפּיר. פאַרוואָס האָט ער שנעל אַריינגערוקט דאָס פּאַפּיר אין קעשענע, ווען זי האָט זיך באַוויזן? זאָל דאָס זיין אַ שלעכטע בשורה?"

זי קוקט טרויעריק נאָך דעם „מקשר", וועלכער האָט אוועקגעפירט איר שנור, איר געניאַן.

— דבורה! — רייסט איבער אירע געדאַנקען די שטילע שטים פון הערין, וועלכער אַרבעט אין דער „צרכניה" אין כפר חירות.

דבורה זעט אים נישט, זי פילט בלויז זיין קלאַפּן. ער קלאַפּט אין איר אַקסל. זי ווייסט אַז דאָס איז זיין שטים, זי דערקענט זיין רייש. פון דעם אַמעריקאַנער רייש זיינעם קאָן זיך הערי נאָך אַלץ נישט באַפרייען.

— דבורה, — חזרט הערי איבער איר נאָמען — פאַרגעס נישט אַז דו האָסט היינט אַ „פייוואָקלאָק טי" מיט די טאַמים, דבורה!

— דבורה פאַרגעסט נישט! זי האָט אַלעס אויף איר קאָפּ! — ענטפערט דבורה און לויפט אַריין אין קיך צוגרייטן מיטאָג פאַר ישראלן.

און בשעת זי גרייט דעם מיטאָג און פאַרנעמט זיך מיט דער ווירטשאַפט, טראַכט זי נאָך אַלץ וועגן געניאַן און וועגן אירע זין, און וועגן דעם בריוו, וואָס ישראל האָט אַריינגערוקט אין קעשענע אַ צעקנייטשטן. צי האָט זיך דאָס איר אויסגעדוכט?

דער געדאַנק וועגן אַ צעקנייטשטן, אויף שנעל באַהאַלטענעם בריוו, טרעט נישט אָפּ פון דבורהן. צוערשט נודיעט ער זי ווי אַ זלידנע פליג אין אַ רעגנדיקן טאָג. ווי אַ פליג פון וועלכער מען קאָן זיך נישט אָפּטשעפּען. דערנאָך הייבט זי אָן צו פילן אַז איר האַרץ קלאַפּט שנעלער און שנעלער. ווען געניאַ איז באַטש דאָ! פאַרוואָס האָט זי שמשונען געלאָזט זי אוועקשלעפּן אַזוי שנעל פון איר? ווען געניאַ איז מיט איר, איז זי רואיק. זי דאַרף דאָך געניאַן האָבן מער ווי די רייכע מאַניאַ! אַלעס האָט זי — אַ מאַן, אַ קינד, אַגרויסע ווירטשאַפט, אַ קאָפּ! אַלעם!

אָבער די „רייכע" מאַניאַ דאַרף, ווייזט אויס, אויך האָבן געניאַן. ווען נישט וואָלט זי זיך נישט דערפרייט אַזוי מיט איר, ווען שמשון האָט זי אַריינגעבראַכט דורך דער אונטערשטער טיר. פון פרייד איז מאַ־

ניאַס האַרץ ווי אַן איבערגעפּולטע כלי. איבער די ווערכעס פון כלי גיסן זיך שטאַרקע ווײַנען. פון די שטאַרקע ווײַנען קלאַפּט שטאַרק מאַניאַס האַרץ. מאַניאַ ווייסט אַליין נישט צוליב וועמען עס קלאַפּט אַזוי איר האַרץ. צוליב געניאַן, צי צוליב שמשונען? זי שטייט און קוקט אויף בײַדע מיט אַן האַלב אָפן מויל, מיט אַ נישט דערענדיקט וואָרט. איר בלויע אַרבעטס-קלייד מאַכט נאָך בלויער אירע אויגן, בלויער פון דעם פלאַנעלענעם שלאָפראָק, וועלכן מאַניאַ האָט געטראָגן ווען זי איז געווען קראַנק. איצט זעט זי אויס בײַ שמשונען אין די אויגן ווי אַ יונגע געזונטע שיקסע. עס כאַפּט אים אָן אַ מאָדנער חשק צו פאַרטראָגן די באָרוועסע שיקסע אין אַ ווײַטן סטאָג היי... עס אַרט אים נישט וואָס זי וועט שרײַען און זיך בריקען מיט די פיס און מיט די הענט... ער ווייס, אַז דערנאָך וועט זי אים אַליין האַלדזן און קושן...

— וואָס קוקסטו אַזוי, שמשון? — פרעגט מאַניאַ.

אין אמתן גערעדט וואָלט זי געוואָלט אים פרעגן צי ער איז געשלאָפן בײַנאַכט? און ווען עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ער קלאַפּט אין דער טיר, וווּ איז ער דאַן געווען? און וואָס האָט ער געטון פונקט אין דער צייט, ווען זי האָט זיך געוואַשן מיט דער ראָסע פון דעם מאַראַנצן-ביימל? און ווען זי האָט זיך אַזוי געוואָלט צוטוליען צו אים אַז ער זאָל זי טרייסטן, ווען גרשום האָט זי אַזוי באַליידיקט, וואָס האָט ער געטון דאַן? איז ער געשלאָפן, צי ער האָט געפילט ווי זי רײַסט זיך צו אים?

— איך קוק אויף דײַנע באָרוועסע פיס, — זאָגט שמשון מיט אַביסל אַ פאַרטרוקנטן גאָרגל — זאָלסט זיך נישט צוקילן... דער דיל איז אַ קאַלטער, עס איז ווינטער, מאַניאַ!

ער וואָלט נאָך געוואָלט זאָגן אַ סך זאַכן, אָבער דער שופר פון זײַן „מקשר” גיט אַ בלאָז. עס בלײַבן הענגען אין דער לופט פון מאַניאַס קיך איבערגעריסענע געוועבן פון זײַנע געפילן. די בלויקייט פון אירע אויגן זאַפּט זיי אײַן.

אויך פון געניאַס שוואַרצע סאַמעטענע אויגן איסקאַפּען נישט בײַדנס

בליקן. זי פֿילט עפּעס... זאָל דאָס זיין ליבע? הייסט עס, אַז איר עלטערע שוועסטער פֿאַרשטייט אויך, אַז מען קאָן זיך פֿאַרליבן אַזוי?

— וואָס שטייסטו אַזוי, נאַרישע מויד? — גיט מאַניאַ אַ האַק איבער אַלע אירע געדאַנקען. — לאָמיר רעדן אַביסל! די צייט איז אַזוי קורץ... און פֿאַרוואָס איז קיינמאָל נישטאָ קיין צייט צו רעדן דאָס, וואָס מען וויל? קום! גיי מיר נאָך וווהין איך גיי! איך האָב אַזויפֿיל אַרבעט צו טון! דערצייל מיר, שנעל! אַלעס, אַלעס! פֿון אָנפֿאַנג אָן. ערשטנס וועגן דעם קיבוץ. וואָס טוסטו אין קיבוץ? האָט מען דיר געגעבן אַרבעט, וועלכע עס געפֿעלט דיר? הינער, בהמות, קעלבלעך? זאָג! וואָס שווייגסטו, גולם?

— איך בין די גאַנצע צייט ביי די קינדערלעך, מאַניאַ, — זאָגט געניאַ מיט בענקשאַפֿט אין שטים.

— קינדערלעך? ביסט נאָך אַליין אַ „מטפּלת”? אַזאַ יונג מיידל?...

— מאַניאַ! ווען דו וואָלסט וויסן, ווי זיי זענען טייער! אַלע ווייכע סאַמעטענע הענטעלעך... אַזעלכע... זיידענע פֿינגערלעך! זיי שטופּן דיר די פֿינגערלעך אין די אויגן אַריין. זיי ווילן זאָלסט זיך שפּילן מיט זיי... איבערהויפּט מיין שטום קינדעלע, מאַניאַ! איך קאָן איר קיינמאָל נישט אָפּזאָגן. איך שטיי אויף פֿריער כדי צו האָבן צייט פֿאַר איר. מיט איר מוז איך זיך שפּילן אַביסעל אַלע טאָג. אַפֿילו ווען די אַרבעט ברענט, אַפֿילו ווען פּנינה איז אין כעס מאַניאַ... און אפֿשר מאַכט זי זיך אין כעס, מאַניאַ? זי האָט אַליין ליב דאָס שטומע קינדעלע. פּונקט ווי איך...

— וואָס וועט שוין זיין ווען וועסט אַליין האָבן אַ קינד? — זאָגט מאַניאַ און באַוווּנדערט איר שיינקייט. — אָבער וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, נאַר? נאָך וועמען בענקסטו איצט אַזוי? — רעדט מאַניאַ מיט באַוווּנדערונג.

געניאַס אויגן זעען טאַקע אויס גלייך ווי זיי זענען פֿייכט. זי האָט מיטאַמאָל דערפֿילט אַ מאָדנע בענקשאַפֿט נאָך דעם שטומען מיידעלע. אָבער דער געפֿיל גיט אַ לויף דורך ווען מאַניאַ קוקט אויף איר און וויל מיטן קוק איר דערמאַנען, אַז זיי דאַרפֿן רעדן וועגן יענע וויכטיקע זאַכן,

צוליב וועלכע גניאַ איז געקומען קיין כפר וויטקין. אָבער ווי הייבט מען אָן צו רעדן וועגן דעם? זי ווייסט דאָך אפילו נישט צי דער, אין וועלכן זי האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט, טראַכט אַפילו וועגן איר. ער האָט דאָך אַ ווייב!

— מאַניאַ! האָט מען ליב אַ קינד נאָר ווען מען האָט ליב זיין פאָטער? — גיט זי אַ שיס אַרויס נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן.

— עס האָט גאָרנישט צו טון מיט ליבע, ציג! אַ קינד האָט מען ליב, ווייל עס איז דיינס! דיין בלוט און פלייש, ווייל עס זויגט דיין מילך! ווייל עס וואַקסט אויף דיינע אויגן ווי עס וואַקסט אַ ביימעלע... זעסט דאָס מאַראַנצן־ביימל? מאַי דאָך דאָס ביימל, וועלכעס איז אויסגעוואַקסן אויף דיינע אויגן ליבט מען אַזוי... שטעל זיך פאָר אַ קינד?

אָט קומט ווי אַ וויכער אין הויז אַריין מוניק. ער גיט אַ וואָרף די ביכער אויפן דיוואַן. אין הויז ווערן באַלד אָנגעוואָרפן העפטן, פענעו... אַ טומל! אַן אומאָרדענונג! מען קאָן שוין נישט רעדן.

מאַניאַ איילט זיך שנעל צו גיבן אים זיין מיטאָג כדי אים ווידעראַמאָל אַרויסשיקן פון הויז. און אָט קומט שוין גרשום, אויך אים דאַרף מען אָנהאָדעווען כדי וואָס שנעלער פּטור ווערן פון אים. צונויפגענומען ווידעראַמאָל די פעדעם, וועלכע זענען איבערגעריסן געוואָרן, איז נישט אַזוי לייכט! דאָס הויז איז שוין טאַקע ווידעראַמאָל שטיל געבליבן, דער טאַטע מיטן זון זענען שוין אַוועק, אָבער די איבערגעריסענע געוועבן זענען פאַרקראָכן ערגעץ ווייט ווייט אין די ווינקעלעך. מען דאַרף זיי אַרויסשלעפן פון דאָרט, זיי צוריק צונויפקניפּן און זיי לאָזן רעדן!

און דאָ איז שוין ווידער די טיר פון דער קיך צעשפּראָלט — און אין איר שטייט שוין שמשון.

— נו? זיך אָנגערעדט? — שמייכלט ער — יללאַ, קינדערלאַך! עס איז שוין שפּעט! גניאַ דאַרף דאָך כאַפּן דעם אָמניבוס פון גבעת חיים... איילט זיך צו, חברה! — און בשעת ער זאָגט דאָס, וואָלט זיך אים געוואָלט איינפלעכטן מיט זיינע גרויסע לאַנגע אָרעמס אין די אַקסלען פון די ביידע שוועסטער און זיך שטעלן טאַנצן מיט זיי אַ קאַ-

מאַרינסקי, ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ גימנאַזיסט, ווען ער איז גע־ווען דער בעסטער טענצער אין זיין שטעטל!

אָבער נאָכאַמאָל דער פאַרשאָלטענער „שופר" פון דעם אָמניבוס. קיינמאָל האָבן זיי קיין צייט נישט. וווהין איילן זיי זיך אַזוי? וואָס וועלן זיי פאַרשפעטיקן? דעם אָמניבוס קיין גבעת חיים?...

דערמאָנט זיך שמשון. ער גיט אַ כאַפּ געניאַן ביי דער האַנט, אַ וואָרף אַ קוק אויף מאַניאַן און אָט איז ער שוין ביים רעדל, און גע־ניא ווינקט שוין פון אינעווייניק צו מאַניאַן...

אָט פליט שוין דער אָמניבוס צום שליאַך און עס בלייבן אין דער לופטן הענגען אָפּקלאַנגען פון האַרצקלאַפּענישן און שטיקלעך געדאַנ־קען און געפילן.

„אין וועמען האָט זי זיך פאַרליבט אַזוי?" — טראַכט מאַניאַ. „נו, און איך? איז נישט נאַריש ליב צו האָבן אַזוי שפּעט? אפשר איז דאָס גאָרנישט שמשון? אפשר נאָך אַלץ מוסיאַ?" אָט אַזוי פרעגט זיך מאַניאַ שטייענדיק אַ באָרוועסע אויף דעם אָנגעוואַרימטן פון דער ווינ־טער־זון זאַמד ביים אַריינגאַנג צו איר טויערל, מיט די פון דער לופט אָפּגעטרוקנטע הענט אונטער איר הויכער ברוסט.

זי האָט פאַרגעסן אַז עס וואַרט אויף איר די ווירטשאַפט, אַז זי איז אונטערשטעליק אין איר אַרבעט, אַז עטלעכע מאָל איז זי איבער־געריסן געוואָרן... זי שטייט ווי אין אַ טראַנסע, ווי אין שלאָף. נאָר אָט גיט אַ פאָר צוריק פון שליאַך דער אָמניבוס פון כפר וויטקין. שמשון זעט זי פון דער ווייטנס. עס פּאַסט נישט אָפּצושטעלן דעם „מקשר". אָבער ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער זי אָנגענומען ביי די אַקסלען און זי אויפגעוועקט פון דעם חלום... טראַכט זי נאָך אַלץ וועגן איר מוסיאַן?

„לאָז די טויטע, מאַניאַ!" — וויל ער אויסשרייען. „חלום נישט וועגן זיי! קוק אויף מיר, איך ליב דיך אַזוי, מאַניאַ! וואָס איז מיין לעבן אָן דיר?"

אַזוי טראַכט דער „נהג" בשעת ער פירט צו דעם „מקשר" צו דער „צרכניה" פון כפר וויטקין.

# פינפצנטער קאַפּיטל

ביי דער צרכניה פון כפר וויטקין בלייבט דער מקשר איצט נישט שטיין אויף לאַנג. אַרונטערגעוואָרפן זיינע פּאַסאַזשירן און זייערע פּעק־לעך, פאָרט שמשון ווייטער אין כפר חירות. דאָס איז די צייט ווען דער מקשר נעמט אויף די כפר חירות פּאַסאַזשירן דירעקט פון דער צרכניה פון כפר חירות.

איצט האָט דער נהג פון דעם מקשר אַ פּאָר מינוט צייט זיך אָפּ־צורוען אין דער שטיל, איידער זיין אָמניבוס ווערט אָנגעפּולט מיט פּאַסאַזשירן.

זיצט שמשון ביים רעדל, דער קאָפּ אַריינגעטון אין די הענט. איצט קאָן ער טראַכטן אומגעשטערט וועגן דער, וועלכע האָט זיך אויסגע־שפּרייט איבער זיין גאַנצן האַרצן...

— שמשון! — טאָרעט אים דבורה מעסינג — קום אַריין! כ׳האָב אַ גוטע גלאָז טיי פונדיינעטוועגן!

— ווער וויל טיי? — וויל שמשון אויסשרייען מיט כעס. — וואָס לאָזט מען אים נישט צורו?

אָבער דבורהס פּנים איז אַזוי נעבעכדיק; די אויגן אַזוי פייכט, גלייך ווי זי האָט נאָר־וואָס געוויינט. שמשון קאָן איר נישט אָפּזאָגן, כאָטש ער וואָלט בעסער געבליבן אַליין דאָ.

— נישטאָ קיין מזל! — זאָגט דבורה שטיל אָנגיסנדיק אים די גלאָז טיי, — צו קינדער דאַרף מען האָבן מזל, שמשון! געלט, קאַריע־רע — איז נישט אַלעס, שמשון!

פון דבורהס אויגן גיסן זיך צוויי ריטשקעלעך טרערן, וועלכע זי גיט אַ וויש מיטן פאַרטוך.

— זיי וועלן נאָך אַמאָל קומען אַהערצו, דבורה! נישט געזאָרגט!

— וויל שמשון טרייסטן דבורהן.

— איצט, דוכט מיר, איז פאַרפאַלן! אָנגעווווירןביידע קינדער, שמשון!

— שוין חתונה געהאט? — פרוווט שמשון ווייך אויספארשן — זיי וועלן נאך קומען אמאל מיט די ווייבער און מיט די קינדער... אמאל קומט מען צוליב די קינדער. זענען הערים עלטערן נישט געקומען אהער־צו צוליב הערין? אריין אין השומר הצעיר און עס איז אוועק „פאלעס־טיין"! ווען נישט ער, וואלטן זיינע עלטערן קיינמאל נישט געקומען אהערצו! אזוי קאן זיין מיט אייערע זין! קאן זיין, אז זייערע קינדער וועלן זיי צווינגען, דבורה! מיט דער צייט... מען זאגט אז דארט...

— ניין! ניין, שמשון! — רייסט איבער דבורה אומגעדולדיק — הלוואי וואלט איך געקאנט האבן האפענונג... איך האב קיינע, שמשון! זיי זענען אוועק... זיך פארנומען אויף אנדערע וועגן...

— וואס קאן מען וויסן פון א בריוו? עס דוכט זיך אייך, דבורה! ווארט אויף אן אנדער בריוו. — וויל שמשון טרייסטן. — און דער־ווייל לאמיר א שמועס טון וועגן דעם נשף. וואס זאגט איר אויף אונדזער נשף? אויף דעם דערפאלג? איך זאג אייך, דבורה, ווען נישט מאניא, זאל לעבן, וואלטן מיר קיינמאל אזא דערפאלג נישט געהאט! מאניא מיט איר קאפ!

— מילא! — גיט דבורה א מאך מיט דער האנט מיט א שטיקל פארדרוס. — איז זי דען די איינציקע, וואס האט געטון אין דער זאך? ביים „טאמי" זענען די געבעקסן און די געטראנקען אויך א וויכטיקער ענין! און ווער האט געבאקן מער פון דבורהן, שמשון?

— מיט דבורהן קאנען זיך זייער ווייניקע פארמעסטן! — שרייט אויס שמשון מיט פרייד, וואס ער האט אביסל פארטריבן דבורהס או־מעט און אירע טרערן. — אבער מאניאן קאן מען נישט...

— ניין! שמשון! מאניאן קאן מען נישט אוועקמאכן מיט דער האנט... איך וויל דאס אויך נישט! מאניא האט א קאפ! מאניא האט לשון. מאניא האט א פנים, אזא יאר אויף מיר, שמשון... אבער זאג מיר, שמשון? דו ביסט זייער פארליבט אין מאניאן? הא?

— נו, און אז איך בין פארליבט, דבורה? ווער איז דאס נישט פארליבט אין מאניאן? ווער, דבורה?

שמשון גראבט איין זיין קאפ אין די הענט און עס דוכט זיך דבורהן אז ער וויינט. אבער א נהג קאן נישט טראכטן לאנג זיינע אייגענע געדאנקען. א נהג געהערט דאך צום מושב. און שמשון געהערט צו צוויי מושבים!ביידע מושבים, אי כפר וויטקין, אי כפר חירות, האבן גע־מאכט אן אפמאך מיטן נהג.

אויך אין כפר חירות זענען פאראן אומגעדולדיקע פאסאזשירן, וועלכע לאזן דעם נהג נישט אפטרינקען רואיק א גלאז טיי.

לויפט שמשון ארויס צו זיין ארבעט, צו די פאסאזשירן און צו זייערע פעקלעך. עס בלייבט שטיין נאך אים א האלבע גלאז טיי אויף דעם טיש ביי דבורהן אין קיך. און דבורה אליין שטייט ביים טויערל פון איר הויפל. זי ווארט ביז דער אמניבוס מיט איר פריינט דעם נהג וועט אפציען. און אפילו ווען דער אמניבוס ציט אפ, בלייבט זי ווייטער שטיין. זי קוקט ערגעץ אין דער ווייטנס. עס דוכט זיך אז זי וויל טרעפן, וואס פארמאגט פאר איר דער ווייטנס, וועלכן מען רופט אמע־ריקע. אבער הערי פון דער צרכניה לאזט איר נישט שטיין לאנג אזוי.

הערי פון דער צרכניה פון כפר חירות האט אויף זיין יונגן קאפ געצוג פליכטן. גייט ער צו צו דבורהן און גיט איר נאכאמאל א ריר ביים אקסל.

— פייוואקלאק טי! דבורה! — גיט ער א פליסטער און גייט צו־ריק צו זיין ארבעט אין צרכניה.

זיינע ווערטער ברענגען צוריק דבורהן צו דער ווירקלעכקייט.

„דו האסט דאך געשווירן, דבורה!" — זשומעט עפעס ביי איר אין די אויערן — „טא טו דיין פליכט! טו מער ווי דיין פליכט! זעסט דאך ווי אלע ארבעטן! אין געהיים און אן לוין. טא שטייג איבער אנדערע... אין דיין ארבעט וועסטו געפינען דיין טרייסט, דבורה!"

דבורה דערזעט פאר זיך די צוויי אויגן, וועלכע האבן ארויסגע־קוקט פון די לעבער פון שפאניער ווענטל אין יענעם ביינאכט אין סע־קרעטאריאט פון כפר וויטקין... האסט געשווירן, דבורה! זאגט זי צו זיך. יענע אויגן מאנען. זיי רופן: „פארגעס אן זיך, דבורה! פארגעס אן דיי־

נע קינדער איצט! מיר דאַרפֿן האָבן געווער; איצט איז די צייט אָנ־צוהייבן צו טון אין דעם עפּעס!"...

דבורה גיט זיך אַ רייס אָפּ פֿון דעם אָרט ווו זי איז געשטאַנען ווי אין אַ טראַנסע. זי גייט צו צום טויער פֿון דעם מיליטערישן לאַגער, וועלכער איז טאַקע דאָ־אָ ביי איר הויז.

— סאַני! (זון) — זאָגט זי צום וועכטער־סאָלדאַט אויף איר ענג־ליש, וועלכער האָט אַ ליטווישן אַקצענט — זאָג די „בויס" (די יונ־גען) אַז זיי זאָלן קומען צו דבורהן היינט טרינקען די „פּייוואָקלאָק טי"! עס איז דאָך היינט זונטיק אויף דער וועלט! דבורה די אַמעריקאַנערן האָט גוטע זאַכן פֿאַר זיי! קומט אַרום פֿינף אַזייגער... קלייב אויס אַ האַלבן טוץ חברים... ווייל מיין הויז דאָ איז נישט קיין גרויס און נישט קיין רייכס ווי עס איז געווען אין אַמעריקע! דאָך, זאָג זיי, אַז מיר וועלן האָבן אַ „גוטמיים" (פֿאַרברענגען)! איך האָב נייע רעקאָרדן פֿון אַמעריקע!...

דער סאָלדאַט פֿאַרשטייט דבורהס ווונק. ער אַליין האָט שוין פֿאַר־זוכט דעם טעם פֿון דבורהס גוטע געבעקסן און צוקערקעס, וועלכע זי זאָגט, אירע זין האָבן איר געשיקט פֿון אַמעריקע. אים אַליין וואָלט זיך אויך געוואָלט כאַפּן אַ פּאָקסטראָט ביי דבורהס גראַמאָפֿאָן־וויקטראָ־לאַ. אָבער לײדער וועט ער נישט קאָנען. ער שטייט היינט אויף דער וואַך ביזן אָוונט. אָבער ער וועט שיקן זיינע חברים; די, וועלכע זענען היינט פֿריי נאָך מיטאָג.

דבורה גייט גרייטן דעם טיש אין איר קיך. בשעת מעשה כאַפּט זי אַ קוק אויף די „באַלאַטעס", איבער וועלכע עס שטייט איר טיש מיט די זיסע זאַכן פֿאַר די „טאָמים". אַזאַ מאָדנע וועלט! — טראַכט דבורה און שמייכלט צו זיך אַליין. פֿון אויבן — אַ טאָרט און שאָקאָלאַד, און פֿון אונטן — געווער! אין אַמעריקע ביסטו, דבורה, געווען אַ נישטיקע קרעמערקע, און דאָ — ביסטו אַן איינגעשווירענע! און דו מוזט טון דיין פֿליכט... ווייל האָסט אַליין אויסגעקליבן דיין פֿליכט. מען דאַרף האָבן געווער מיט וואָס צו באַשיצן דאָס לאַנד! דיין לאַנד!

און אַט קומען שוין די „טאָמים".

— בוים (יונגען)! למען השם, לאָזט אייערע ביקסן אין שטאַלכל!

— זאָגט זי און דעקט צו די אויגן מיט די הענט פאַר שרעק. — די אַלטע דבורה האָט מורא פאַר ביקסן — זאָגט זי צו די טאָמים. — אַ ביקס איז אַ פינצטערע זאַך! זי קאָן פון זיך אַליין אויסשיסן... איך בעט אייך, קינדער! לאָזט זי איבער אין שטאַלכל! מיינע ציגן זענען איצט נישטאָ דאָרטן. זיי וועלן אייערע ביקסן ניט אָנרירן!

דבורה לאַכט אַליין פון איר חכמה און מיט איר צוזאַמען לאַכן אויך די טאָמים. זיי לאַכן פון דבורהס מורא. טייל גיבן אומישנע אַ קיצל די ביקסן כדי זי צו שרעקן. אַלע לאַכן און בשעת מעשה לאָזן זיי די ביקסן טאַקע שטיין ביי דבורהן אין שטאַלכל אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט.

אָבער נישט לאַנג בלייבן די ביקסן אַזוי אָנגעשפּאַרט. ווי נאָר עס דערהערן זיך די ערשטע קלאַנגען פון דעם אַמעריקאַנער פאָקסטראָט אויף דבורהס גראַמאָפאָן, הייבט אָן הערי זיך באַשעפטיקן מיט די ביקסן. זיין צרכניה איז איצט צוגעשלאָסן. דאָס צעטל אויף דער טיר זאָגט דייטלעך אַז הערי איז געפאָרן ברענגען סחורה פון דער שטאָט.

הערי איז אַ מזיק אַ יאַט, כאָטש ער קאָן נאָך עד היום די רייש נישט אַרויסרעדן ווי אַ „סברא". כאָטש ער זעט אויס צו זיין פויל און לאַנגזאַם צוליב זיין גרויסן און דיקן גוף, איז הערי דאָך פלינקער פון צען אַנדערע מיט זיין בלייִשטיפט און מיט זיינע הענט. זיינע הענט ציען זיך פון דער צרכניה דורך אַ געהיימען טירל אין דבורהס שטאַלכל אַריין, בעת דער גראַמאָפאָן רייסט זיך אויף אַ קול דורך דבורהס פענצ־טער. ער ציט אַריין צו זיך אין צרכניה מיט צאַרטקייט און מיט גרויס פאַרזיכט יעדע ביקס באַזונדער. ער באַקוקט גוט גוט, מיט אַ גענייטן אויג אירע גדיירים, און בשעתן קוקן, פירן זיינע לאַווקע הענט מיטן בלייִשטיפט איבער אַ ווייסן העפט, ווו ער גיט יעדער ביקס אָפּ אַ באַ־זונדערן בלאַט.

און בשעת מעשה גיסט דבורה אָן טיי פאַר אירע געהויבענע געסט,

די „טאָמים״. זיי וואַרפן זיך אַרויף אויף אירע מיט גרויס געשמאַק צוגעגרייטע זאַכן. זיי קייען אויף ביידע באַקן.

— לאָמיר טאַנצן, בויעס! טאָם! דו נעם דיקן און טאַנצט! וואָס קאָנען מיר טון איצט, ווען עס איז מלחמה און איר זענט אין אַ לאַ־גער? ווען עס וועט זיך ענדיקן דער קריג וועט איר פאָרן אהיים, דאָרט וועט איר טאַנצן מיט מערין און מיט סילוויאַן! און דערווייל טאַנצט „בוי מיט בוי״, יינגל מיט יינגל!

עס לאַכן די „בויעס״. זיי טאַנצן איינער מיטן צווייטן ווי דבורה הייסט זיי. דער פּאָקסטראָט גרילצט ביי דבורהן אין די אויערן, אָבער זי שמייכלט און טראַכט:

„אָט אַזוי טאַנצן מיינע זין, מיט פרעמדע... ווי פרעמדע... זיי טאַנצן נישט די הוירא, דבורה״;

עס גיסן זיך פון אירע אויגן טרערן. אַ טאָמי, וועלכער האָט שוין געכאַפּט אַ כוסה, קומט צו צו איר נעמען זי טאַנצן.

— קום, דבורה, קום! אין דער היים טאַנץ איך אַמאָל מיט מיין מאַמען אויך! קום טאַנצן, דבורה!

— וואָס ווייסטו, דבורה? — פרעגט אַ צווייטער, — אַזאַ פריי־לעכער פאָקסטראָט און דו ווייסט?

— פּונקט אַזוי ווי איר זענט דאָ, אַליין, אָן אייערע מאַמעס און כלות און ווייבער, איז דבורה דאָ אַליין, אָן אירע קינדער! — ענט־פערט דבורה און ווישט די טרערן פון די אויגן. און דערביי נעמט זי אַרויס פון דעם שופלאָד די בריוו, וועלכע ישראל האָט היינט ביים מי־טאָג אויסגעגליכט נאָך דעם ווי זי איז געלעגן ביי אים אין קעשענע אַ צעקנייטשטע עטלעכע טעג. צוזאַמען מיט דעם בריוו נעמט זי אַרויס די צוויי פאָטאָגראַפיעס פון אירע זין. קוקנדיק אויף זיי מיט פאַר־ווייינטע אויגן, זאָגט זי צו די „טאָמים״:

— מיינע זין, בויעס, זענען אויך סאָלדאַטן ווי איר. אויך מאָ־ביליזירט. דאָס איז זייער אוניפאָרם. איינער — אַ דאָקטאָר, און דער צווייטער אַן אַדוואָקאַט. אָבער ביידע, ווי איר סאָלדאַטן! עס איז

מלחמה אויף דער וועלט... אַ גרויסע מלחמה, בויעס! אויך ביי דער אַלטער דבורה איז איצט מלחמה. קינדער מיינע! טאַ ווי קאָן דבורה איצט גייען טאַנצן?...

## זעכצנטער קאַפּיטל

עס האָט זיך ביי דבורהן נישט געטאַנצט! עס האָט זיך ביי קיינעם נישט געטאַנצט אין כפר וויטקין.

אפילו אין גבעת חיים האָט זיך נישט געטאַנצט ביי פילע חברים. עפּעס האָט פּאַסירט אין קיבוץ, וואָס האָט דערשלאָגן פילע פון זיינע חברים ווי אַ דונער.

און פּאַסירט האָט עס אַזוי פּלוצים, אַז אפילו אויף דעם אויסזען פון דעם קיבוץ האָט דאָס געווירקט.

אויך געניא האָט דערפילט אַזוי, ווען זי איז אַהיימגעקומען צו זיך אין גבעת חיים, נאָך איר ערשטן ארויספאָר. זיצנדיק אין אָמניבוס האָט זי דערפילט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק.

אַרום אָמניבוס, וועלכער האָט זיך ווי זיין שטייגער אָפּגעשטעלט ביים עסצימער פון קיבוץ, זענען געשטאַנען פרעמדע מענטשן. געניא האָט זיי ביז איצט נאָך נישט געזען. אָבער דאָס האָט געניאן נישט איבערראַשט. זי האָט זיך דאָך שוין צוגעוואוינט צו זען כמעט אַלע נאַכט אַ ניי „פּעקל מיט מעפּילים" אָנקומען מיט לאַסט-אויטאָמאָבילן! די נייע „קלומיקלעך" פון ביינאַכט זעען אויס ווי פרעמדע מענטשן אויף מאָרגן, ווען זיי באַווייזן זיך אין עסצימער אָדער אין בית התרבות.

אָבער וואָס האָט געוווּנדערט געניאן איז געווען דער פאַקט, וואָס דער עסצימער, וועלכער איז שטענדיק פול מיט הונגעריקע נייגעריקע מיילער אין דער צייט פון אָוונטברויט, איז געווען צוגעשלאָסן, ליידיק. גלייך ווי דער קיבוץ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אכילה אויף שטענדיק.

— מען וועט היינט נישט גיבן קיין וועטשערע ביז נאָך דער לוויה,

— האָט איר געענטפֿערט איינער פֿון די פֿרעמדע, צו וועלכן זי האָט זיך געווענדט מיט דער פֿראַגע צי מען האָט שוין אָפּגעגעסן. — אַ פּיצעלע קינד... אָבער דאָך אַ לוויה! — האָט דער פֿרעמדער געזאָגט אין יידיש.

— וועמעס קינד? וואָסאַרא קינד? — האָט גענִיאַ געפֿרעגט פֿילנדיק אַז עפּעס האָט איר אַ זעץ געטון אין האַרצן.

נישט וואו־טנדיק אויף קיין ענטפֿער האָט זי זיך געלאָזט לויפֿן צו איר בית התינוקות. איר האַרץ איז געווען פֿול מיט אַ מאָדנער שרעק. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט דעם פֿרימאָרגן, ווען זי איז געווען ביי מאַניאַן און זי האָט איר דערציילט וועגן די קליינינקע קינדערלעך אירע, האָט זיך פֿאַרביי־געטראָגן פֿאַר אירע אויגן אַ שוואַרצע בּמאָרע, ווי אַ שוואַרצע פּרוכת, מיט וועלכער מען דעקט צו אַ מת. ווען איר פֿאָטער איז געשטאָרבן האָט זי געזען אַזאַ פּרוכת, אַזאַ שוואַרצן צודעק אויף איר טאַטן.

אָבער וואָס האָט דער שוואַרצער צודעק צו טאָן מיט איר בית התינוקות? מיט אים דעקט מען דאָך צו בלויז מתים? און אין בית התינוקות שפּילן זיך די קינדערלעך מיט די הענטעלעך, זיי קריכן אין די אויגן מיט זייערע קליינינקע זיידענע פֿינגערלעך.

אָבער פֿאַרוואָס שטייט פֿאַר דעם בית התינוקות זיאָמאַ? גלייך ווי עמיצער האָט אים אָנידערגעשטעלט, אַז ער זאָל היטן די קינדערלעך! ערשט צוויי מיט אַ האַלבן מעת־לעת וואָס זי האָט פֿאַרלאָזט דעם קיבוץ אויף איר „ערשטן שבת" און שוין אַזעלכע ענדערונגען! דער קאַפּריזנער קינדערישער, עקשנותדיקער זיאָמאַ איז שוין געוואָרן אַ שומר, אַ היטער פֿון דעם בית התינוקות? וואָס האָט דאָ געשען? זיאָמאַ — אַ שומר?

אָבער ניין! זיאָמאַ היט נישט דעם בית התינוקות. ער היט דעם אריינגאַנג. פּנינה, זיין מוטער, האָט גוט איינגעלערנט מיט אים, אַז גענִיאַן טאָר ער נישט אריינלאָזן אין בית התינוקות! זי זאָל דאָרט, חלילה נישט דערזען דאָס, וואָס קאָן זי דערשיטערן — אַ ליידיק בעטעלע!

— וואַרט דאָ צו מיט מיר, גענִיאַ! — בעט זיאָמאַ און פֿון גרויס

אויפרעגונג ציטערט זיין שטים אזוי, אז עס דוכט זיך אוים אז ער שטאַמלט. אַ כבד פּה געוואָרן פלוצים!

— אָבער צוליב וואָס זאָל איך וואַרטן דאָ? איך קאָן דאָך דערווייל אריינגיין צו מיינע קינדערלעך, זיך זען מיט זיי! — קריגט זיך מיט אים געניאַ און וויל אים אַוועקשטופּן אָן אַ זייט.

זיאָמאַ לאָזט זי נישט. האָט ער דען נישט געזאָגט זיין מוטער, אַז זי קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אים? אַז ער איז אַ גרויסער, אַז ער פאַרשטייט ווי וויכטיק עס איז אַז געניאַ זאָל בלייבן וואַרטן אין דרויסן ביז פנינה וועט זיך אומקערן פון דער לוויה?

— ווער איז געשטאָרבן, זיאָמאַ? — גיט געניאַ אַ שנייד מיט איר שטים און מיט אירע אויגן.

זיאָמאַ שטאַמלט ווי איינער וואָס ציטערט פון אַ קאַלטן דוש.

— מיין שטום קינדערלע? — גיט געניאַ אַ וואָרף, און, זעענדיק זיאָמאַס אויסגעקרימט פּנים, גיט זי אים אַ שטופּ מיט כוח און לויפט אריין אין בית התינוקות.

זי לויפט אַרוים פון דאָרטן ווי אַן אונטערגעשאָסענער הונט. רע־וועגדיק לויפט זי אַהין, פון וואַנען זי זעט חברים זיך אומקערן.

קיינער קאָן זי נישט פאַרהאַלטן איצט. זי לויפט שנעל, ווי אַ הירשעלע וועמען עס יאָגן נאָך אַ סוואָרע הינט. אַזעלכע שרעקלעכע הינט — די געדאַנקען!

איר שטום מיידעלע וויל מען אריינלייגן אין זאַמד אריין? און די אייגעלעך? און דאָס מיילעכל, מיט וועלכן זי קושט געניאַן יעדן אינדערפרי? און די הענטעלעך, וועלכע געניאַ וואַשט אַזוי אָפט, אַז עס זאָל, חלילה, נישט קראַנק ווערן! ווי וואַגן זיי צו טון אַזוינס צו איר קינדעלע? זי וועט לויפן אַהין. זי וועט נישט דערלאָזן! עס איז דאָך אירס, איר קינדעלע!

עס איז שוין נאָך אַלעמען. חברים פון קיבוץ גבעת חיים קערן זיך שוין אום נאָך דער לוויה. פאַמעלעך און שטילערהייט קערט מען זיך אום. אויף יעדן איינעמס פּנים איז טרויער, כאָטש פילע קאָנען נישט

וויינען... אָבער גניאַ לויפֿט נאָך אַלץ. זי וועט אויפֿדעקן דאָס קליינע קבֿרל! זי וועט אַרויסנעמען דאָס קינדעלע פֿון זאַמד! זי וועט...

אָבער זי טוט גאָרנישט... זי זעט ווי שולי, דעם קינדעלעס מוטער, ליגט אויף דעם זאַמד. קיינער טוט גאָרנישט פֿאַר איר. קיינער וויל נישט אויפֿגראָבן צוריק דעם קבֿר... קיינער!

און אָט שטייט דיקי, שולים מאַן, דער פֿאָטער פֿון קינדעלע. אויך ער טוט גאָרניט אַז מ׳זאָל אַרויסנעמען פֿון זאַמד דאָס קינד... ער בעט שולין, אַז זי זאָל זיך אומקערן מיט אים אין קיבוץ אַריין. גלייך ווי עס אַרט אים נישט איבערצולאָזן דאָס קינדעלע אין זאַמד.

עס איז שוין פֿינצטער. קיינער איז נישט געבליבן ביים קבֿרל. דיקי האָט אויפֿגעהויבן שולין. ער פֿירט זי שטיל צום קיבוץ. ער ווינקט צו גניאַן, אַז גניאַ זאָל זיך נישט וואַרפֿן אין די אויגן, איר גאָרנישט דערמאָנען.

דער ווייטיק פֿון פֿאַרלירן דאָס קינד אַזוי פּלוצים מוז, ווייזט אויס, שנעל פֿאַרגעסן ווערן! — טראַכט גניאַ. זי פֿילט זיך מאָדנע שלעכט. זי טרעט אָפּ אָן אַ זייט. אפֿשר איז זי שולדיק אין דעם אומגליק? אפֿשר איז זי שולדיק, וואָס זי איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ שבת און איבערגעלאָזט דאָס קינדעלע?

אָט לויפֿט גניאַן אַנטקעגן פּנינה. זיאָמאָ האָט איר שוין געזאָגט אַז גניאַ איז געווען אינעווייניק און האָט געזען דאָס ליידיקע בעטעלע... פּנינה נעמט אַרום גניאַן און פֿליסטערט:

— סע טרעפֿט אַזעלכעס... אַזוי האָבן געזאָגט די דאָקטוירים... אָבער פֿאַרוואָס האָט עס גראָדע געטראָפֿן צו שולין?... אַזאַ מאָדנע גאָט, גניאַ! ער שלאָגט דעם געשלאָגענעם! קאָן זיין, ווען מאַטילדאַ גייט צו צו איר גאַנץ פֿרי, ווי מ׳זאָל פֿלעגן דאָס טון... זי האָט דאָך נעבעך נישט געקאָנט רופֿן...

גניאַ קאָן שוין מער נישט הערן.

— מיין שולד! מיין שולד! — זיפֿצט זי אויס און בייסט זיך איין אין איר אייגענעם פֿינגער מיט די ציין ווי אַ חיהלע.

פנינה לויפט אין בית התינוקות. די לעבנגעבליבענע פאַדערן זייערס. די קינדערלעך שלאָפן שוין טאַקע, אָבער א קוק טון דאַרף מען היינט צו זיי. שטענדיק, אין דער צייט, גיט שוין אַכטונג אויף אַלע שלאָפנדע די שומרת לילה, וועלכע דרייט זיך אַרום מיט איר לאָמטערנע. אָבער היינט? הלילה הזה?...

פנינה הייסט געניאַן גיין צו זיך אין צימער אַריין, אַנידערלייגן איר פעקעלע, זיך אָפּוואַשן און קומען זי באַגעגענען אין עסצימער.

אָבער פנינה קומט א לאַנגע צייט נישט אין עסצימער אַריין.

געניאַ ווערט אומגעדולדיק. טרערן רינען פון אירע אויגן. אַרום איר זיצן היינט נאָר פרעמדע מענטשן. ווייזט אויס אָנגעקומען בעת זי איז אָפּוועזנד געווען. זיי קוקן אויף איר אַזוי מאָדנע, אַז געניאַ הייבט זיך אויף. זי וויל אַרויסלויפן. א שווערער פאַרהאַנג פון טרערן הענגט פאַר אירע אויגן. זי זעט כמעט קיינעם נישט פאַר זיך. זי הערט נאָר אַז מען רופט זי פון אַלע זייטן.

— וואָס האָט פּאַסירט, קינדעלע מיינס, וואָס דו הערסט גאָרנישט ווען מען רופט דיך? — און דער, וועלכער רעדט אַזוי זיס, כאַפּט זי אָן ביים קין און קוקט אַריין אין איר פּנים.

געניאַן ווייזט זיך אויס אַז זי חלשט פון גליק. עס דרייט זיך פאַר אירע אויגן דער גרויסער עסצימער פון דעם קיבוץ מיט זיינע עסערס. די דערלאַנגערס מיט זייערע טאַצן, וועלכע זיי נעמען אַרונטער פון די פאַרנדיקע אויף רעדלעך טישעלעך, קרייזן אין דער לופטן און אין אירע אויגן.

— ערנאַ! — פליסטערט זי — „איז דאָס א חלום?" — טראַכט זי און וויל זיך א קניפּ טון אין די באַקן. אָבער עס איז נישט נויטיק. זי זעט, אַז עס איז נישט קיין חלום, נאָר די ווירקלעכקייט.

— איר זענט נאָר־וואָס אָנגעקומען? — זאָגט דער רויט־האָריקער יונה, דער סעקרעטאַר, וועלכער וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד און שטייט צווישן איר און ערנא מילאַני.

— א שאָד! א שאָד! אַזעלכע שיינע אויגן מאַכט מען נישט קאַ־

ליע מיט טרערן! — זאָגט ערנאַ און ווישט איר אויס די טרערן מיט זיין טיכעלע.

יונה גיט אַ מאָדנע קוק אויף זיי ביידע און פֿאַרשווינדט. געניאַ איז גליקלעך. זי וויל עפּעס דערציילן ערנאַן. ער מוז דאָך וויסן ווי זי האָט געבענקט נאָך אים די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען אין כּפר חירות, אין כּפר וויטקין, די גאַנצע צייט וואָס זי איז געזעסן אין אָמ־ניבוס... זי וויל זיך אַנטשולדיקן, וואָס זי איז נישט געפֿאָרן קיין גבעת ברענער צו זען איר ברודער. אָבער עס איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן. ערנאַ מילאַני איז שוין נישטאָ...

וווהין איז ער אַוועק? צי אפֿשר איז דאָס טאַקע געווען אַ חלום?

געניאַ לויפֿט אַרויס פֿון דעם עסצימער. זי לויפֿט איבערן גאַנצן קיבוץ. זי מוז אים געפֿינען. אויב נישט, וועט זי שטאַרבן! אַט זעט זי פּנינהן. זי וויל צולויפֿן צו איר און איר פֿרעגן ווו עס איז אַהינגעקו־מען ערנאַ, אָבער פּנינה אַנטלויפֿט אויך פֿון איר. איז דאָס אפֿשר אויך אַ חלום? איר פּנינה זאָל אַנטלויפֿן פֿון איר? געניאַ וויל איר נאָכלויפֿן... עס ווייזט זיך איר אויס, אַז אין אַן אַנדער זייט האָט זי דערזען ערנאַס שאָטן. לויפֿט זי נאָך דעם שאָטן.

אַזוי, אַרומלויפֿנדיק אַרום דעם קיבוץ, האָט זי דערזען ליכט אין סעקרעטאַריאַט.

„די מזכירות איז דאָך פֿאַרמאַכט אין די שעהען, טראַכט געניאַ, וואָס פֿאַראַ ליכט דאָרט?"

דורכן פֿענצטער זעט זי דאָרט פּנינהן. געניאַ קוקט לאַנג פֿון דער ווייטנס אין פֿענצטער אַריין. פּנינה זיצט דאָרט. זי רעדט וועגן עפּעס וויכטיקעס מיט יונהן. וועגן וואָס רעדן זיי? עס דוכט זיך איר, אַז זי האָט דערזען אויף פּנינהס ליפּן איר נאָמען. אפֿשר איז זי אַרונטער פֿון זינען? און דאַריבער רעדט מען וועגן איר. אָך! אין איינע צוויי מיט אַ האַלבן טאָג האָט אַזוי פֿיל פּאַסירט! ווו איז דאָס קינדעלע אירס איצט? אין דער פֿינצטער! און ווו איז ערנאַ? וואָס האָט ער זיך באַוויזן פֿאַר איר? כּדי אַנטרונען צו ווערן פּלוצים? זי לויפֿט ווייטער. זי מוז

אים געפינען. זי מוז... סיידן — עס איז געווען א חלום? האָט ער דען איר נישט אויסגעווישט די אויגן מיט זיין אייגן נאָזטיכל?...

געניא איז שוין שרעקלעך מיד. זי וויל זיך אנידערזעצן אין דעם „גרינעם רינג" פון קיבוץ. אָבער עס דוכט זיך איר, אז אַלערליי קריי־לעכדיקע שאָטנס, טונקעלע און נאָך טונקעלערע, גייען אויף איר פון אַלע זייטן. דער קרייז פון די שאָטנס ווערט אַלץ ענגער און ענגער... אָט זענען זיי שוין אינגאַנצן אַרום איר קערפּער... נאָך אַביסעלע און זיי וועלן זי אינגאַנצן צעקוועטשן, צערייבן... זי נעמט זיך אָן מיט כוח, רייסט זיך אוים פון די שאָטנס און אַנטלויפט. דאָס ליכט פון הערי מזכירות גיט איר האַפענונג. זי לויפט אריין. איר פּנים איז בלאַס ווי קאַלך. יונה האָט טאַקע געוואַרט אויף איר. פנינה האָט אים גע־זאָגט אַז זי וועט זי שיקן. אָבער ווען ער דערזעט געניאַן, דערשרעקט ער זיך פאַר איר.

— מיין קינדעלע... יונה! — זאָגט זי מיט אַן אויסגעקרימטן פון געוויין פּנים.

— אונדזער אַלעמענס קינדעלע... — זאָגט יונה און וויל זי אַני־דערזעצן אויף דעם דיוואַן.

געניא פאַלט צו מיט איר קאָפּ צו יונהס ברוסט. זי הייבט אָן צו וויינען אויף א קול. יונה דריקט צו איר קאָפּ צו זיך. עס דוכט זיך אים, אַז פון איר האָר גיסט זיך א ריח פון רויזן... פון די זעלבע רויזן פלעגן יונהס מאַמע אַמאָל מאַכן רויזן-איינגעמאַכטס אין בעסאַראַביע. דער ריח רייצט און דערמאָנט די יונגע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַן עקסטערן. כאָטש ער איז געווען א רויט-האָריקער, פלעגן מיידלעך אים נאָכלויפן. אָבער איין מיידל, מיט אַזעלכע שוואַרצע אויגן פון סאַ־מעט ווי געניאַס, פלעג זיך שטענדיק בלויז רייצן מיט אים... אָבער דאָס מאָל האָט ער זי געכאַפּט! איצט וועט ער זי נישט אָפּלאָזן. ער דריקט זי צו צו זיך... אונטער איר סוועטער פילט יונה איר שטייפע ברוסט...

„אַזוי שטייף זענען יונגע קערפּערס", גיט א פלי דורך ביי אים

אין קאָפּ. זיינע ליפּן קושן די רויזן־בלעטער, וועלכע קריכן אליין אין זיין מויל אריין און לאָזן דאָרט איבער אַ מאָדנע דורשט.

געניאַס געוויין ווערט שטיל. איצט איז זי זיכער אַז די גאַנצע מעשה מיטן שטומען קינדעלע איז אַ ליגן, דאָס קינדעלע איז נישט געשטאָרבן... ליגט נישט אין דער זאַמד... איין זאַך איז אָבער אמת... אַז ערנאַ אַליין האָט זיך נישט דערוואַרט אויף איר און איז אַליין גע־קומען פֿון גבעת ברענער. הייסט עס, אַז ער האָט זיך אויך פֿאַרליבט אין איר ווי זי אין אים! נישט אומזיסט האָט ער אַזוי געקוקט אויף איר אין דעם ערשטן אָוונט פֿון זייער באַגעגעניש ביים טיש, אַרום דער מאַמאַליגע און אינדערפֿרי, אויף מאָרגן ביים אָמניבוס.

הייסט עס, עס איז אמת וואָס די וועלט זאָגט, אַז איין האַרץ פֿילט דאָס צווייטע?

— ערנאַ... — פֿליסטערט געניאַ צאַרט. עס רירן זיך ווי רויזן בלעטער קוים אירע ליפּן. אָבער פֿון דעם ריר פֿון אירע ליפּן ווערט יונהן זייער קאַלאַמוטנע. ער לאָזט זי אַרויס פֿון זיינע אָרעמס. עס שנייט איבער זיין האַרץ דער פֿליסטער, ווי אַ שאַרף מעסער שנייט ער.

געניאַ הייבט אויף צו אים די אויגן. אויך איר איז פֿריקרע און מאָדנע צו זען פֿאַר זיך יונהן אַנשטאָט ערנאַן.

אָבער — ווו איז ערנאַ? — וויל זי אויסשרייען. עס פּאַסט נישט. זי וויינט נאָכאַמאָל שטילערהייט. אין מיטן געוויין פֿליסטערט זי:

— עס איז מיין שולד, יונה! פֿאַרוואָס האָב איך איבערגעלאָזט מיין קינדעלע? פֿאַרוואָס בין איך געפֿאָרן קיין כפר וויטקין? פֿאַרוואָס?

יונהן פֿאַרדריסט געפּערלעך דער ליגן. אַזאַ יונג מיידל און וויל אים איבערכיטרעוועןǃ

— טאָ ווו האָסטו באַגעגנט ערנאַן? אין כפר וויטקין? — פֿרעגט ער איראָניש — צי ביים ברודער?

— ניין! דאָ! אין עסצימער!... איך בין נישט געפֿאָרן צו מיין ברודער דאָס מאָל... בלויז צו מאַניאַן!

„אומזיסט חושד געווען אַן אומשולדיק קינד", טראַכט יונה, „אייגנט־

לעך וואָס גייט עס דיר אָן, יונה? צו וועמען זי איז געפאָרן? דו ביסט דאָך סעקרעטאַר פון גבעת חיים! מזכיר! לאָז איבער די נאַרישע זאַכן! ערנאַ איז דאָך צו דיר געקומען, צום סעקרעטאַר! ווייזט אויס, וויכטיקעס האָט פּאַסירט ביי ערנאַן! אַנדערש וואָלט ער נישט געקומען!" און יונה ווענדט זיך צו געניאַן גוטמוטיק:

— הער, געניאַ! וואָלסטו געוואָלט פּרובירן אַרבעטן ביי אַן אַנדער זאַך, נישט אין בית התינוקות? אַ שטייגער ביים טראַקטאָר? ווי אַן אמתער מאַן? עס קומט דיר אַן איבערבייט! אַלזאָ מאָרגן פרי ביים טראַקטאָר וועט אויף דיר וואַרטן שלמה... ער וועט דיך לערנען, געניאַ! גיי! רו זיך אויס. שלאָף זיך אויס. טראַקטאָר איז אַ שווערע זאַך!

און מיט די ווערטער איז יונה אַרויסגעלאָפן פון דעם סעקרעטאַריאַט.

## זיבעצנטער קאַפּיטל

יונה איז געלאָפן זוכן ערנאַן. עס האָט אים נישט ווייניק פאַרדראָסן וואָס ער האָט אומזיסט חושד געווען אי ערנאַן אי געניאַן. אָבער איצט, ווען ער האָט שוין געוווּסט, אַז געניאַ קומט גאָר אָן פון כפר וויטקין, איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז ערנאַ קומט פון גבעת ברענער וועגן אַ וויכטיקער זאַך. און וואָס איז ערנאַס זאַך? — געוויער! עס האָט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס צוליב אייגענע קליינלעכע געפילן האָט ער פאַר־שווענדט ערנאַס צייט.

ערנאַס צייט איז טאַקע געווען זייער באַגרענעצט אין דעם אָוונט. ער איז געקומען קיין גבעת חיים בלויז אויף אַ שעה, אפשר נאָך ווייניקער. איבעררעדן מיט יונהן וועגן אַ וויכטיקן ענין. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געווער. מען האָט געקאָנט איצט אָפּקויפן אַ געוויסע צאָל געווער פון אַן ענגלישן קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן האָט זיך באַפריינדעט מיט ער־נאַן. ער האָט עס אים אַליין פאָרגעלייגט. מען האָט אָבער באַדאַרפט האָבן זיכערע פלעצער, אַוווּ צו באַהאַלטן דאָס געווער. מען האָט דאָס באַדאַרפט צעטיילן צווישן פאַרשידענע קיבוצים. מע האָט אויך באַדאַרפט וויסן ווו

צו באהאלטן דאס געווער, כדי מען זאל עס קאנען געפינען לעת צרה אויף שנעל. און דער עיקר, מען האט עס באדארפט אזוי באהאלטן, אז טאמער וועט קומען צו א זוכונג, זאלן די ענגלענדער נישט קאנען געפינען. צוליב די אלע זאכן איז ערנא געפארן רעדן פערזענלעך מיט די סעקרע־טארן. דערפאר איז זיין צייט געווען אזוי באגרענעצט.

דערפאר האט יונה געקוקט אויף אים מיט אויגן פול מיט חרטה.

— מיר האבן היינט געהאט א לוויה, — האט ער זיך פרובירט צו פארענטפערן — מיר האבן אנגעוווירן נישט נאר דאס קינד... מיר ווערן אן דעם בעסטן קיבוץ־חבר און זיין ווייב...

— א שאד! — האט מיטגעפילט ערנא — א חבר איז א פארלוסט! א גוטער קיבוץ־חבר איז א טאפלטע פארלוסט... זענען זיי שלעכטע חברים, אנטלויפן זיי אליין. זענען זיי גוטע חברים און ווילן בלייבן אין קיבוץ, שיקט זיי גאט צו אן אומגליק... א קרענק... אדער אנדערע צרות. מיר האבן אויך צרות מיט געניאס ברודער, יונה! זייער נערוועז... איך ווייס נישט וואס צו טון מיט אים? אזא רחמנות!

— וואס דארפסטו זיך זארגן? זאל זיך דיין סעקרעטאר זארגן פאר אים... — ווילצלט זיך יונה.

— ביז דער סעקרעטאר וועט זיך זארגן, דערווייל לייד איך. פאר־שטייסט, ער שלאפט מיט מיר! צום אנפאנג האב איך אים אליין אריינ־געלאזט אין מיין צימער. בעאטרימשע איז דאך נישטא. קיין דירות זע־נען דאך נישט פאראן. קיין חדרים פאר די נייע־אנגעקומענע אוואדאי נישט... טראכט איך מיר, א גוטער חבר, א חלוץ-טוער פון רומעניע, זאל גיין שלאפן אין א פאלאטקע? זאל ער שלאפן מיט מיר אין צימער. אבער דער חבר זעט, ווייזט אויס, געפערלעכע הלומות אלע נאכט. און זיי וועקן מיך אויף פון שלאף. און אים אליין איז די זאך ווייזט אויס אויך נישט איינגענעמען... וואס טוט מען? וואס טוט מען? האב איך געטראכט, איך זאל זאגן דיין געניאן וועגן דעם. קאן זיין, ווען זי קומט זען איר ברו־דער, וואלט ער זיך אביסל בארואיקט. וואס דענקסטו, יונה?

אבער יונה האט איצט קיין צייט נישט צו הערן וועגן די צרות פון

גבעת ברענער. ער האָט געגנוג זיינע אייגענע צרות, צרות פון גבעת חיים.
הערט זיך יונה דאַריבער כמעט נישט צו צו ערנאַס ווערטער. גאָר שנעל האָט ער אים איבער זיינע רייד פאַר זיי זאָלן צוטרעטן צום ענין „געוועד". ער פירט ערנאַן אין פּרדס אַריין. דאָס איז דאָס בעס־טע פּלאַץ צום באַהאַלטן דאָס געווער. דער ענגלענדער וועט דאָך נישט גיין אויפגראָבן דעם גאַנצן פּרדס, אויב עס וועט אים אַמאָל קומען אויפן געדאַנק צו זוכן דאָ געווער...

— אָבער ווי אַזוי וועט איר עס געפינען, אויב איר וועט דאַרפן אויף שנעל קומען צום געווער?

— מיין בעסטער ענטפער אויף דעם איז „חי", — זאָגט יונה שמייכלענדיק — אָנהייבן צו באַהאַלטן ביי דער ח' אין דער ברייט, און ביי דער יוד אין דער לענג...

— דאָס איז אַ געדאַנק, — לאַכט ערנאַ גוטמוטיק.

פאַר אים, וועלכער האָט זיך ערשט דאָ אין לאַנד אויסגעלערנט העב־רעאיש, איז אַלעס אַ נייעס, אַלע ראשי תיבות זענען ביי אים ווי אַ מין וווּנדער־שפּראַך. ווען ער לערנט אויס אַ פּאָר ראשי תיבות, וויל ער זיי נוצן איבעראַל.

— אויב אַזוי, — זאָגט ערנאַ — וועלן מיר איינפירן איבעראַל חי. איבעראַל ווו מיר וועלן באַהאַלטן געווער.

ער גייט אַרויס אַ צופרידענער צום טויער, עס וואַרט אויף אים אַ קליין דזשיפּל מיט וועלכן ערנאַ פאָרט מאַכן אַ סוף צום לאַנגן טאָג אַרבעט. אָבער יונה איז נאָך נישט פאַרטיק מיט זיין טאָג אַרבעט. עס איז שוין טאַקע נאַכט און צייט זיך אָפּצורוען, אָבער פאַר דעם סעקרעטאַר פון אַ קיבוץ איז קיינמאָל נישטאָ קיין אָפּרו. פאַר אים הייבט זיך ערשט איצט אָן די שווערסטע אַרבעט — ער מוז געפונען אין קיבוץ איינעם, וואָס זאָל פאַרנעמען דיקיס פּלאַץ! ערשטנס, וועט דיקי דאַרפן איצט זיצן שבעה נאָך זיין פּלוצים־געשטאָרבענעם שטומען קינדעלע, און צווייטנס, האָט יונה אַ פאַרגעפיל, אַז דיקי וועט איצט פאַרלאָזן דעם קיבוץ.

פאַרוואָס האָט ער אַזאַ פאַרגעפיל — ווייסט ער נישט! איז דען דער

קיבוץ שולדיק אין דעם וואס מאטילדא האט געפונען דאס שטומע מיידעלע טויט (אבער נאך ווארעם), נאכדעם ווי זי איז פארטיק געווארן מיט אלע קינדערלעך? איז דער קיבוץ שולדיק, וואס פנינה האט געארבעט א גאנצע נאכט אויף איר טורעם, סיגנאליזירנדיק צו דעם שאפער פון קאסט-אויטאמאביל, אז די ענגלישע פראזשעקטארן קויפן אים נאך? אז זיי נישטערן מיט זייערע ליכטיקע שטראלן דעם גאנצן ארום? איז דער קיבוץ שולדיק אין דעם וואס פנינה איז געווען אזוי מיד נאך דער גאנצער נאכט, אז ער, יונה, האט זי געצוונגען זיך צולייגן פארטאג כאפן א דרימל? איז דער קיבוץ שולדיק אין דעם, וואס מאטילדא האט נישט ארונטערגענומען דאס שטומע מיידעלע פון בעטעלע באלד ווי זי איז אריינגעקומען אין בית התינוקות, ווי פנינה האט זי געלערנט? דער קיבוץ איז טאקע אין גארנישט שולדיק, אבער דיקי וועט פארלאזן דעם קיבוץ! — טראכט יונה און לאזט זיך גיין צו דיקיס צימער.

אין צימער ברענט בלויז א ליכט. אזוי האט ווייזט אויס שולי געוואלט. שולי ליגט אין בעט און דיקי זיצט נעבן איר אויפן בעט. יונה קוקט אן אטעם דורכן פענצטער אין זייער צימער אריין. ער הערט זיך צו א ווײַלע. עס איז שטיל אין צימער. זאל ער אריינגיין מנחם-אבל זיין? שוין? דעם ערשטן אוונט? עס קומט אויס, אז דאס קינדערלע מעקעט נאך ארויס פון דעם זאמד! ניין! ניין! מע טאר נישט! זאל ער איצט זאגן דאס, וואס ער האט באדארפט זאגן דיקן נעכטן אדער אייערנעכטן? נארישקייטן! ווי וועט עס אויסזען איצט ביי אים אין די אויגן, ווען זיין קינד איז שוין נישטא? יונה גייט אוועק אויף די שפיץ פינגער. אין זיין קעשענע האלט ער דעם בריוו, וועלכן ער האט געוואלט ווייזן דיקין נאך איידער עס איז געקומען דער אומגליק. דעם בריוו האט ער באקומען פון דער שווייץ, און אין בריוו שרייבט מען, אז מען נעמט צו דאס שטומע קינדערלע אין אן אינסטיטוציע כדי עס אויסצולערנען עביסל צו רעדן, צו פארשטיין... דער סעקרעטאר פון קיבוץ האט שוין באשטימט אויף דעם, מיט דער הילף פון פינאנץ-קאמיסיע, א געוויסע סומע... אבער איצט — איז פארפאלן! יונה גייט צוריק אין זיין מזכירות. ער ווארט דארטן אויף

דיקן. ער ווייסט, אַז דיקי וועט נאָך אַריינקומען, כאָטש עס איז שוין שפּעט. ער ווייסט... ער וואַרט און האָט מורא פאַר דער באַגעגעניש. וועמען וועט ער אַנידערזעצן אויף דיקיס לאַסט־אויטאָמאָביל? עס האַנדלט זיך דען נאָר אין סחורות און אין מאַטעריאַלן, וועלכע ער פירט? עס האַנדלט זיך דאָך אויך אין מענטשלעכע „קלומיקעס"... און ווער נאָך, ווי דיקי, קאָן אויסמיידן די פּראָזשעקטאָרן, וועלכע דער ענגלענדער צעשפּרייט ווי העלע פּאָכערס פון אַלע זיינע לאַגערן איבער דער פינצטערניש פון דעם לאַנד? דיקי שלעפּט זיין לאַסט־אויטאָמאָביל אַזוי, אַז מען הערט נישט דעם מאָטאָר לויפן. אין אַן עת צרה וואָיעט דיקי ווי הונדערטער שאַקאַלן... אַזוי, אַז מען הערט נישט זיין מאָטאָר אָטעמען. מען הערט גאָרנישט אַ חוץ אַ שאַקאַלן־געוויין איבערן גאַנצן לאַנד! און ווער וועט זיך יאָגן נאָך שאַקאַלן? גייען די פּראָזשעקטאָרן שלאָפן און אַזוי אַרום ברענגט דיקי אַריין זיינע מעפּילים פון דעם ברעג...

טאַקע דערפאַר וואָס דיקי איז אַזאַ שאָפער, וועלכער שטעלט שטענדיק איין און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, ווען עס האָט צו טון מיט אַריינפירן די מעפּילים בשלום, האָט יונה אַזוי איינגעלייגט וועלטן פאַר דעם שטומען מיידעלע! ביז ער האָט געפּועלט אַז מען זאָל באַשטימען די גרויסע סומע געלט. נישט וויניק קיבוצניקעס זענען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל דאָס אָפּלייגן ביז וואַנען זיי וועלן באַקומען די נויטיקע מיטלען פון דעם קיבוץ אַריבערצוברענגען פון אייראָפּע זייערע קרובים! כאָטש די קרובים וועלכע עס לאָזט זיך נאָך אַריבערצוברענגען. מען האָט זיך נישט וויניק געקריגט, אָבער יונה האָט געוווּנען. ער האָט געוווּנען די נויטיקע סומע געלט, אַז מען זאָל דאָס שטומע מיידעלע שיקן אין דער שווייץ.

אָבער צוליב וואָס טראַכטן וועגן אַ זאַך, וואָס מען האָט שוין אָנגעווירן? דאָס קינדעלע איז שוין נישטאָ און דיקי וועט זיכער פאָלגן שולין! זי וועט מער דאָ נישט בלייבן... יונה פילט עס... יונה ווייסט עס... ער ווייסט אַפילו, אַז אַזוי סקריפּעט די טיר פון דעם סעקרעטאַריאַט, ווען דיקי עפנט זי. דיקי איז אַריינגעקומען... — טראַכט ער. יונה האָט מורא

אויסצודרייען דעם קאָפּ צו דער טיר. ער האָט מורא צו זען דיקיס פּנים. ער האָט מורא צו הערן דיקיס שטים. ער ווייסט וואָס דיקי וועט זאָגן...

— יונה! — זאָגט אַ שטים — יונה! דו שלאָפֿסט? צי דו קוקסט אין דיין בוך אַזוי?

אָבער די שטים איז גאָרנישט דיקיס. יונהס שרעק גייט אַריבער.

— וואָס טוסטו דאָ, מאַטילדאַ? אין אַזאַ שפּעטער שעה? די מזכירות איז איצט געשלאָסן.

— איך וועל אין בית התינוקות נישט בלייבן! — שרייט אויס מאַ־טילדאַ מיט איר דייטשן אַקצענט. — מיין פּלאַץ איז נישט ביי די קינדער! איך האָב געענדיקט טעכנישע פֿעאיקייטן! מיין פֿאָטער איז געווען אַ פֿאַברי־קאַנט פֿון אויטאָמאָבילן אין בערלין, ווען געניאַ איז אַרומגעפֿאָרן אויף אַ דראָזשקע ביי זיך אין דעם קליינעם שטעטעלע אין רומעניע. איך האָב געהאַט מיין אייגענעם אויטאָמאָביל, וועלכן איך האָב געפֿירט אין דעם גרעסטן טראַפֿיק! פֿאַרענטפֿער זיך נישט פֿאַר מיר! איך האָב נאָר־וואָס אַליין געזען אין בויגן פֿון „סידור עבודה (אַרבעט־צעטיילונג), אַז זי גייט מאָרגן פֿרי אַרבעטן מיט שלמהן ביים טראַקטאָר. איך וויל אויך גיין צום טראַקטאָר... איך בין אַ חלוצה שוין פֿיל יאָרן! זי איז ערשט דאָ אין לאַנד געוואָרן בלומרשט אַ חלוצה. זי זאָגט אַליין, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קומען אַהערצו. איך האָב מיין הכשרה דורכגעמאַכט נאָך אין דייטשלאַנד! און אין שוועדן האָב איך אויך...

אָבער יונה הערט שוין מער נישט דאָס וואָס מאַטילדאַ האָט צו זאָגן. ער קוקט אויף דעם האַרטן, אַזוי טיפּיש דייטשן פּנים און טראַכט: „אפֿשר איז דאָס גאָר אַ טעות? אפֿשר איז זי גאָר קיין יידיש מיידל נישט? צוליב וואָס איז אַזאַ איינע אַריין אין דייטשלאַנד אין החלוץ? כדי צו געפֿינען דאָרט אַ חתן? ווער וואָלט זיך אומגעקוקט אויף אַזאַ פֿאַרזעער־ניש?" איצט זעט יונה דעם טעות, וואָס ער האָט געמאַכט. פֿאַרוואָס האָט ער זי געשיקט צו די קינדער? אַזאַ־אַ דאַרף אַרבעטן בלויז ביי מאַשינען. אָבער וואָס טוט מען מיט געניאַן? פּנינה איז געערגט! געניאַן טאָר מען נישט לאָזן זען דעם בית התינוקות, ווו עס פֿעלט איר אין דעם בעטעלע

דאָס שטומע קינדעלע. גנעיאַן מוז מען גיבן דעם טראַקטאָר! איצט, פֿאַר־לויפֿיק! ביז זי וועט זיך אַביסל פֿאַרגעסן. טאָ וואָס טוט מען מיט דער־אָ?

די טיר האָט נאָכאַמאָל אַ סקריפּע געטון...

— מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם, מאַטילדאַ! — זאָגט יונה מיט אַ ציטערדיקער שטים נישט אומקוקנדיק זיך, — איצט בין איך פֿאַר־נומען... זעסט דאָך. — ווייזט ער אָן אויף דיקין.

— צי איך זע? — גיט מאַטילדאַ אַפּרעכן אויסגעשריי — אוודאי זע איך! איך זע, אַז אַפֿילו אין קיבוץ דאַרף מען האָבן „פּראָטעקציע" צום מזכיר (סעקרעטאַר)! איך זע, אַז אַ שיין פּנימל איז אַ גוטע „פּראָ־טעקציע" אַפֿילו פֿאַר אַ סעקרעטאַר, וועלכער שטעלט אָן אַ פֿרומען אויס־זען...

יונה ווייסט נישט צי ער זאָל באַגלייטן מאַטילדאַס פּרעכן קוק מיט זיינע אויגן צי ניין.

— זיץ, דיקי! — זאָגט ער אַריינקוקנדיק בלומרשט אין זיין פּינקס — שווער צו זיין מזכיר, דיקי! קיינעם טרעפֿט מען נישט צו! הלוואי וואָלט מיך נישט געווען געטראָפֿן דער אומגליק אויסדערוויילט צו ווערן אַלס סעקרעטאַר! אַלעם אויף מיין קאָפּ! אַ מלחמה... קיין אַרבעטער־הענט נישטאָ! אַרבעט — איבערן קאָפּ! איצט איז די צייט צו אַנטוויק־לען אַלערליי אינדוסטריעס און זיי פֿאַרקויפֿן... צום ענגלענדער און צו זיין מיליטער... קיין אָפֿענע אימיגראַציע איז נישטאָ און „מעפּילים" קאָסטן אָפּ מאַיאָנטקעס מיט געלט, אַרבעט, כוחות און אָנשטרענגונג. און דאָ פּאַס צו צו יעדן די אַרבעט, וועלכע ער וויל!

— איך פֿאַרשטיי דיין לאַגע, יונה! אָבער, ליידער, האָב איך איצט קיין צייט נישט אויסצוהערן. שולי האָט איינגעדרעמלט. זי קאָן זיך אויפֿ־כאַפּן צו יעדער מינוט... מוז איך זיין ביי איר... דו פֿאַרשטייסט דאָך אַליין, וואָס איך בין דיר געקומען זאָגן, יונה? טאָ צי מיך נישט ביי דער צונג. עס איז מיר נישט אַזוי לייכט דאָס צו זאָגן... צו טון... איך מוז עס אָבער...

— ביסטו זיכער אַז אַזאַ אומגליק וואָלט נישט געקאָנט פּאַסירן ביי

דער אייגענער מוטער אין דער היים, דיקי? האָט דאָס ערשטע קינד דיינס נישט אויסגעוואַקסן אין קיבוץ שענער פֿון אַנדערע?

— איך ווייס אַלעס אויסנווייניק, יונה! — שלאָגט איבער דיקי, — איך ווייס, אַז אין שטאָט וועט מיר זיין אומדערטרעגלעך... פֿון וואָס אַנ־צוהייבן? אַן אַ דירה, אָן געלט, אָן אַ מלאכה, אַ חוץ צו זיין אַ שאָפֿער אין שטאָט! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָס די שטאָט... אָבער איך האָב קיין כוח נישט צו קריגן זיך מיט אַזאַ געשלאָגענער ווי שולי. דו געדענקסט דאָך ווי זי האָט געליטן דאָ פֿון אַלערליי קראַנקהייטן! פֿון מאַליאַריע, פֿון די עקזעמעס... ווי זי איז געווען געשוואָלן אין צייט פֿון איר שוואַנגער... ווי זי איז געווען מעלאַנכאָליש, ווען עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס קינדעלע אונדזערס איז שטום. זי האָט די גאַנצע צייט געפֿאָדערט, אַז דאָס קינד זאָל זיין מיט אונדז, מיט איר אין צימער... אָבער דער קיבוץ דערלויבט עס נישט... זי איז זיכער, אַז ביי איר וואָלט אַזאַ זאַך נישט פּאַסירט, יונה... זי האָט געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי צו געניאַן, צו פּנינהן... זי האָט געפֿילט אַז זיי ליבן דאָס קינדעלע, אַז זיי... אָבער צוליב וואָס רעדן, יונה? ווען נישט די פֿאַרשאָלטענע נאַכט... ווען נישט די פּראָזשעקטאָרן וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך מיר און נאָך מיין לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָלט פּנינה נישט באַדאַרפֿט זיצן אַ גאַנצע נאַכט אויף דעם טורעם... און סיגנאַליזירן פֿון דאָרטן... אַזאַ שרעקלעכע נאַכט, און אַזאַ שרעקלעכער פֿרימאָרגן!

דיקי האָט אַריינגעגראָבן זיין קאָפּ אין די הענט, וועלכע זענען גע־לעגן ביי אים אויף די קני.

יונה האָט אויסגעמיטן צו קוקן אין זיין זייט. ער האָט געקוקט אין שויב פֿון דעם פֿענצטער. עס האָט זיך געזען בלויז אַ פֿינצטערע נאַכט פֿון דאָרטן.

און פּונקט ווי די נאַכט האָט אויסגעזען פֿינצטער, אַזוי האָט אויס־געזען פֿינצטער ביי יונהן אין די אויגן די צוקונפֿט פֿון דיקין: אין שטאָט — אַלע דריי, דיקי, שולי און זיין גרוים יינגל אין איין צימער. אָן לופֿט, אָן אַ גרעזעלע, אין אַ שטיקעניש, אין קאַרגשאַפֿט... אָבער וואָס קאָן אַ

סעקרעטאר פון א קיבוץ זאגן צו אזא איינעם, וועלכן עס האט געטראפן אזא אומגליק? אפשר וועט ער אליין קומען צום שכל, ווען זיין ווונד וועט זיך אביסל פארהיילן? און דערווייל, סעקרעטאר, טו דיין ארבעט! טו און שווייג! שווייג און טו! און בעט גאט אז דיין צוויי־יאריקער טער־מין פון „מזכיר" זאל שנעל פארבייגיין!

## אכצנטער קאפיטל

נישט נאר יונה האט געבעטן אויף זיך, אז זיין טערמין זאל שנעל פאריבערגיין... אויך געניא האט געוואַרט אומגעדולדיק, אז דער טערמין פון א „לערן־יינגל"ביים טראקטאר זאל וואס שנעלער פאריבערגיין.

נישט איינמאל פלעג זי נאכן טאג ארבעט אויף דעם טראקטאר, נאך דעם שפרינגען ארויף און ארונטער, האבן אזעלכע צעבראכענע פיס און הענט, אז זי פלעג אנידערפאלן אין אירע ארבעטס־הויזן אויף איר בעטל און איינשלאפן אן וועטשערע. ערשט שפעט אין דער נאכט, ווען אין עס־צימער איז שוין געווען טונקל און אין בית התרבות פלעג שוין שרייבן זיינע לידער דער פאעט — דער נאכט־וועכטער, פלעג זי זיך אויפכאפן און דערפילן אז זי איז הונגעריק. און זי פלעג זיך ערשט דאן לאזן גיין אין קיך אריין.

פון איין זאך איז געניא יא געווען צופרידן — וואס די מידקייט האט זי אזוי איינגעשלונגען, אז זי האט כמעט אינגאנצן פארגעסן אן איר מורא פארבייצוגיין דעם בית התינוקות.

ביינאכט פלעגט זי טאקע אונטערלויפן דאס שטיקל וועג צום עס־צימער. דער הונגער פלעג איבערוועגן די שרעק... די לערן־ארבעט האט איר פארקלאפט דעם קאפ אויף אזוי פיל, אז זי האט אויפגעהערט צו טראכטן אין די נעכט וועגן ערנאן, ווי זי פלעג עס טון פריער.

נאר אינדערפרי, אדער בייטאג ווען דער קערפער איז נאך נישט געווען אזוי מיד, פלעג זי טרוימען וועגן א פלוצימדיקער באגעגעניש מיט ערנאן! און טאקע אט־א־דא אין מיטן פעלד, ווו זי פירט אליין דעם

גרויסן גראָב־אייזן אַזוי גלייך, גלייך ווי עמיצער וואָלט איר אָנגעצייכנט מיט אַ ווירעלע... אַך! ווי עס האָט זיך איר געוואָלט, אַז ערנאַ זאָל זי זען גראָדע דאַן, ווען שלמה ווערט אַנטציקט פֿון איר רירעוודיקייט און פֿון איר שנעלקייט!

אָבער גראָד דאַן ווען איר האַרץ האָט אַזוי געטרוימט וועגן אים האָט זיך ערנאַ נישט באַוויזן! הייסט עס, אַז ער פֿילט נישט איר בענקשאַפֿט! הייסט עס, אַז מען דאַרף אָנווענדן אַלע מיטלען, כּדי אַרויסצוקלאַפּן זיין געשטאַלט פֿון קאָפּ, פֿון דעם האַרצן! ווי פּנינה זאָגט: מען דאַרף אַנט־לויפֿן פֿון דעם פֿייער, וועלכעס ציט צו זיך און וויל דיך פֿאַרניכטן.

דאַן פֿלעג געניאַ אַרבעטן שווערער און שנעלער. זי מוז מער מיד ווערן, כּדי אַנידערצופֿאַלן און איינשלאָפֿן. נישט בענקען! נישט טראַכטן! נישט פֿילן ווי ערנאַ האָט איר אָפּגעווישט אירע טרערן מיט זיין נאָזטיכע־לע! נישט הערן ווי ער האָט בעת מעשׂה זי אָנגערופֿן „טייער קינדעלע"...

איינמאָל, אין אַ ביינאַכט, ווען געניאַ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם ערשטן שטאַרקן שלאָף און האָט דערפֿילט, אַז זי איז הונגעריק ביזן טויט, האָט זי זיך געלאָזט גיין אין קיך אַריין כּדי דאָרט עפּעס אַ כאַפּ צו טון... ווי דערשטוינט איז זי געווען ווען צוריקקומענדיק פֿון דאָרט, האָט זי דערזען די גרויסע לבֿנה, וועלכע זי האָט כּמעט פֿאַרשלאָפֿן. די לבֿנה האָט זי פֿאַרשלעפּט אין פּרדס אַריין. דאָרט איז זי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אָנגעשפּאַרט אין איינעם פֿון די אָראַנזשן־ביימלעך. מיטאַ־מאָל האָט זי דערהערט פֿון ווייטנס ערנאַס שטים. נאָך ערנאַס שטים איז דערגאַנגען צו אירע אויערן יונהס שטים. עפּעס האָבן זיי געציילט, נישט מיט נומערן, נאָר מיט אותיות. געניאַ האָט זיך צוגעהערט. ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים אַרויסגיין פֿון דעם פּרדס, איז זי זיי געגאַנגען אַנטקעגן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

— אַזוי שפּעט שלאָפֿסטו נאָך נישט? — האָט יונה געקוקט פֿאַר־דעכטיק אויף איר.

ער איז שוין געווען גרייט צו פֿאַרשלעפּן מיט זיך ערנאַן. ערנאַ האָט

זיך געמאכט אז ער האט זי קוים דערקאנט. ווען ער איז שוין געווען א פאר טריט ווייטער האט ער אויסגערופן:

— אגב, געניא! איך האב א גרוס צו דיר פון דיין ברודער... פון גבעת ברענער. ווארט צו ביז איך וועל ענדיקן מיין געשפרעך מיט יונהן...

געניאס הארץ האט געקלאפט ווי עס קלאפט א פויגל, וועלכער וויל זיך ארויסרייסן פון א שטייג. זי האט זיך אנידערגעשטעלט אומישנע ביי איינעם פון די באלויכטענע פון דער לבנה ביימלעך. איר פנים איז געווען איצט אזוי בלאס אז עס האט אויסגעזען ווי פון שניי. די גרויסע שווארצע אויגן האבן אויסגעזען ווי צוויי גרויסע טיפע שווארצע טינט־פלעקן, אין וועלכע מ׳וואלט געקאנט טונקען און אן עק פאבלהאפטע פעדערן.

„הייסט עס, אז איין הארץ פילט יא דאס צווייטע?" האט געטראכט געניא. „ער האט דערפילט, אז איך בענק נאך אים און איז געקומען מיך זען... און וועגן גרוס פון חיימען?"

אבער איידער זי האט געוואלט אויסטייטשן ערנאס ווערטער וועגן דעם גרוס, איז ערנא שוין געשטאנען נעבן איר.

— יא, וועגן דעם גרוס... — האט ער אנגעהויבן און זיך מיטאמאל אפגעשטעלט. אזוי פארכאפט איז ער געווארן פון דעם, וואס ער האט דערזען. אזא ענלעכקייט צו דער, וועלכע האט אים באהערשט אין זיין יוגנט. ער האט שיר נישט אויסגערופן אויף א קול איר נאמען.

ער האט זיך באהערשט. אבער רעדן אין דעם זעלבן לייכטן, שפאס־סיקן טאן אין וועלכן ער האט אנגעהויבן, האט ער נישט געקאנט מער. פארכאפט איז ער געווען פון דער באצויבערנדער פיגור, וועלכע איז איצט געשטאנען אנגעשפארט אין ביימל. א לאנגע צייט איז אריבער אין שטיל־שווייגן. די ערשטע האט אנגעהויבן צו רעדן געניא.

— גלויבסטו, ערנא, אויך אז איין הארץ פילט דאס צווייטע? איך מיין צו זאגן, האסטו געפילט אז איך בענק נאך דיר אזוי... דערפאר ביסט אויך פארליבט ווי איך...

— נארישקייטן! דו רעדסט ווי א קינד, געניא! דו ביסט טאקע נאך

אַ קינד... איך בין שוין כמעט אַן אַלטער מאַן. איך בין שוין אַ באַווייבטער מאַן, ווייסטו דאָס, געניאַ?

— איך ווייס דאָס און עס אַרט מיך נישט... איך וויל וויסן צי דו ביסט אויך פֿאַרליבט ווי איך...

— נאַריש קינד! אַ מלאכה איז זיך איינצוליבן אין אַזאַ יונגער שיינהייט ווי דו? יעדער איינער, וואָס זעט דיך קאָן זיך איינליבן לייכט אין דיר... איבערהויפּט ווען דו דערמאָנסט אַזוי... גלייך ווי צוויי שוועסטער... גלייך ווי צוויי טראָפּן וואַסער...

— איך בין נישט ענלעך צו קיינעם! איך וויל קיינעם גאָרנישט דערמאַנען... איך בין געניאַ! איך... — האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ און פֿאַרדרייט דעם קאָפּ נאָך העכער צו דער לבנה.

— הער, געניאַ! אַמאָל אַמאָל, דוכט זיך מיר עס איז שוין דאָ אין דעם אַ וועלט מיט יאָרן... האָב איך ליב געהאַט אַן איטאַליעניש מיידל. זי האָט אויסגעזען ווי דו. איך האָב זי גערופֿן דאַן „מאַנאַליזאַ". אויך דו זעסט אויס ווי די „מאַנאַליזאַ" פֿון דעם באַוווּסטן בילד... איך האָב שיר נישט חתונה געהאַט מיט איר. אַזוי משוגע פֿאַרליבט בין איך געווען אין איר. איך בין געווען מיט איר אויף דער ריוויעראַ. מיין פֿאַמיליע האָט געפֿאָדערט אַז איך זאָל פֿאַרלאָזן רוים. מיין טאַטע איז פֿון ווייטיק קראַנק געוואָרן. ער איז געווען פֿון אַ באַוווּסטער פֿאַמיליע פֿון יידישע דאָקטוירים. וועלכע האָבן געהיילט די איטאַליענישע קרוין־פֿאַמיליע, עס האָט אים נישט אָנגעשטאַנען. פֿאַר דער קרוין, אַז זיין זון זאָל חתונה האָבן פֿאַר אַ קריסטלעך מיידל... ער איז געשטאָרבן פֿון האַרץ־ווייטיק. איך בין געקומען צו דער לוויה. די לוויה, נישט מיין לעבעדיקן טאַטנס ווערטער, האָט מיך צוריקגעבראַכט צו דער משפּחה... עס האָט מיר געפּאַסט געגנוג מי, געגנוג ביטערע טעג און נעכט, ביז איך האָב זיך באַצוווּנגען צו פֿאַרגעסן מאַנאַליזאַן. קאָן זיין, אַז די אידייע פֿון חלוציות, וועלכע האָט מיך פֿאַרכאַפּט דאַן, האָט מיר אַרויסגעהאָלפֿן... איך בין געוואָרן דער פּירער פֿון החלוץ! איך האָב באַלד חתונה געהאַט מיט איינער, וועלכע איך האָב באַקערט צום חלוציזם און... אָבער

דאָס איז נישט וויכטיק, געניא! וויכטיק איז, אַז איך בין באמת געקור־מען דיר איבערגעבן אַ גרוס פון דיין ברודער. איך גלויב, אַז וואָלסט באַ־דאַרפט קומען אים זען!

מיט די ווערטער האָט ערנאַ נישט געסטייעט.

אַליין איז געבליבן געניאַ שטיין. זי האָט געקוקט אין דער לבנהס פּנים אַריין. איצט האָט זי פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ערנאַ האָט אַזוי גע־קוקט אויף איר אין דעם ערשטן אָוונט אַרום דעם מאַמאַליגאַ־טיש... זי האָט אים אויך דאַן פּשוט דערמאָנט יענע מאַנאַליזאַ?

הייסט עס, ער איז נישט פאַרליבט אין איר? אַז זי האָט זיך איינ־גערעדט? אויב אַזוי דאַרף זי טאַקע אַרויסרייסן פון איר האַרצן אַלע גע־פילן, וועלכע זי האָט דאָרט אויסגעוועבט! געראַכט איז פנינה — היט זיך פון דעם פייער, געניאַ!

אויב אַזוי, וועט זי נישט פאָרן קיין גבעת ברענער זען איר ברור־דער. זאָל ער קומען זי זען דאָ, אין גבעת חיים!...

און דאָך האָט עפּעס געגאָיעט אונטערן לעפעלע: „דיין ברודער, גע־ניאַ! די מאַמע וואָלט געוועזן צופרידן! דיין מאַמע! זיין מאַמע! פאָר, גע־ניאַ! פאָר צום ברודער! זאָל איך פאָרן, פנינה?”

אָבער פנינה שווייגט. זי רעדט גאָרנישט. עס ליגט איר נישט אין קאָפּ צו ראָטן וועגן אַזעלכע זאַכן... זי האָט גענוג וויטיקן פון איר אייגן לעבן.. אין בית התינוקות איז שווער צו באַקומען אַ געהעריקע „עוזרת” נאָך דעם, ווי געניאַ איז אַוועק צום טראַקטאָר. וועגן מאַטילדאַן — זי איז קיינמאָל נישט געווען צופרידנשטעלנד פאַר פנינהן מיט אירע גרויסע פאָדערונגען. איז דאָך שוין אָפּגערעדט נאָך דעם אומגליק.

— ווען דו גייסט צו צו אַ קינד אַלס „מטפלת”, דאַרפסטו טראַכטן, אַז דו גייסט צו צו דיין אייגן קינד! — פלעגט פנינה שטענדיק אָנהייבן מיט יעדער עוזרת.

איז אַ וואונדער, וואָס מאַטילדאַ, מיט איר שנעלקייט ווי אַ מאַשין, האָט זי נישט געקאָנט צופרידנשטעלן? איז דען אַ וואונדער, וואָס, אפילו מאַמעס פון אייגענע קינדער וואָס האָבן שוין אַליין געפילט דעם טעם

פון צער גידול־בנים, האבן מיט גרויס שוועריקייט געקאנט בייקומען פנינהס פאדערונגען! זיך וואשן די הענט אזויפיל מאל וויפל פנינה פאַר־דערט!

עס פלעגט פנינהן נישט וויי̇ניק קרענקען ווען זי פלעג זיך דארפן פארלאזן אויף פרעמדע הענט. אבער זיך נישט פארלאזן אויף פרעמדע הענט, האט געהייסן אויפגיבן די ארבעט אויף דעם טורעם, די אסיפות אין סעקרעטאריאט, ווו מען פלעגט זיך צוהערן צו איר, ווו זי האט גע־נומען דעם גרעסטן אנטייל אין די דיסקוסיעס. אויב נישט דאס — אזוי וועט זי באקומען געגוג באפרידיקונג פאר איר בידנעם פערזענלעכן לעבן? נישט קיין ליבע, נישט קיין מאן, נישט קיין נארמאל יינגל! נישט קיין לערנער ווי אנדערע קינדער. אויף יעדער זאך ענטפערט ער נאר מיט א וואָרף, מיט א נערוועזן אויסגעשריי.

פנינהס הארץ איז געווען ווי א שווים, אנגעזאפט מיט ווייטיק. דער קאפ איר ער נישט ביי געניאן.

האט געניא געגומען אין אירע אייגענע הענט איר גורל! אין איין אוונט איז זי אוועק צו יונהן אין מזכירות אים זאגן, אז זי פארט צו איר ברודער קיין גבעת ברענער...

— אבער דאס מאל פארפאר נישט קיין כפר וויטקין, — האט זיך געוויצלט יונה. — געדענק! בלויז צום ברודער!

## נייצנטער קאפיטל

דער ברודער איז געווען דער איינציקער, וועלכער האט געווארט אויף געניאן אין גבעת ברענער, ווען דער אמניבוס האט זיך אפגעשטעלט ביים עס־צימער פון דעם קיבוץ, ערב שבת.

אבער געניא איז נישט געפארן בלויז צום ברודער. זי איז גע־פארן צו זען אויך דעם, וועלכן זי האט דערמאנט זיין אמאליקע מא־נאליזא. זי האט זיך געמוזט מודה זיין אין דעם. די האפענונג צו זען דעם, אין וועלכן זי איז געווען אזוי פארליבט, האט זי געמאכט אזוי

צאַרט און ווייך צום ברודער, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט איר פון גליק.

חיים, וועלכער איז אַוועקגעפאָרן פון גבעת חיים נאָך זיין ערשטער באַגעגעניש מיט זיין שוועסטער דאָ אין לאַנד, אַביסל אַן אַנטוישטער, האָט נישט דערוואַרט אַזאַ גוטע באַציאונג צו זיך.

האָט זי אים געגעבן אַן ענטפער, ווען ער איז געזעסן אין אָמניבוס אינדערפרי פאַר זיין אָפּפאָר פון גבעת חיים? אַזוי געוואַרט אויף דעם ענטפער דאַן! קאָן זיין, ווען זי זאָגט אים, אַז ער איז נישט שולדיק גע-ווען דאָרט, אויפן ים, ביים גומענעם ראָד, וואָלט ער זיך באַרואיקט? און ער וואָלט אויפגעהערט צו זען די בייזע חלומות!

אָבער זיין שוועסטער האָט אים דעם ענטפער נישט געגעבן אין יענעם גורלדיקן אינדערפרי! אין אָוונט, ווען זיי זענען געזעסן אין עס־צימער ביים מאַמאַליגאַ־טיש, נאָך דעם, ווי דער גאַנצער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט זי אים געזאָגט, אַז עס געווענדט זיך ווי מען קוקט אויף דער זאַך! קוקט מען פון איין זייט — איז ער שולדיק! קוקט מען פון אַ צווייטער זייט — איז ער אומשולדיק...

האָט חיים זיך אויסגעקליבן „שולדיק". דער „שולדיק" האָט געמאַכט פון אים אַ תל... נישט אומזיסט זעט ער אַזעלכע חלומות אַלע נאַכט! נישט אומזיסט — אַזעלכע קאָשמאַרן! אָבער דער פאַקט וואָס גניאַ איז געקומען צו אים איצט, מיינט דאָך אַז זי געפינט אים אומשולדיק?

נאָך דעם ווי מען האָט אַלע געראַטעוועטע פּאַסאַזשירן אַרויפגענו־מען אויף דער שיף, האָט זי מיט אים נישט געוואָלט רעדן. ווען זיי זע־נען אָנגעקומען קיין כפר וויטקין ביינאַכט, האָט זי געזאָגט, אַז זי איז איינע אַליין, אַז זי האָט קיין ברודער נישט, קיינעם נישט! ער האָט דאָס גוט געהערט. הייסט עס אַז גניאַ האָט געביטן איר מיינונג וועגן אים איצט! הייסט עס... — אַזוי האָט חיים געמאַכט חשבונות צו גוטן יעדעס מאָל וואָס זיין שוועסטער האָט זיך צוגעטוליעט צו אים גייענדיק מיט אים אָרעם אין אָרעם אַרום גבעת ברענער און זיין בית הבראה (דער היילונגס־הויז).

חיים איז געווען גליקלעך. ער איז ארומגעלאָפֿן פֿון חבר צו חבר און זי פֿאָרגעשטעלט: „מיין שוועסטער! מיין שוועסטער!", האָט ער געשטאַמלט. „איר גלויבט נישט? וויל איך בין אַ בלאָנדער און זי מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן? אָבער איין מאַמע האָט אונדז געהאַט! מיר האָבן געהאַט איין פֿאָטער..."

בעת ער פֿלעג אַזוי זאָגן, פֿלעג זיך אָנצינדן אַ פֿונק פֿון שטאָלץ אין זיינע אויגן. און אין קאָפּ פֿלעג דורכפֿליען: „הייסט עס, איך בין אַזוי גוט ווי זי... נישט שולדיק? נישט!"

אין די מאָמענטן האָבן געברענט פֿון זיינע אויגן בלויע פֿונקען פֿון גליק; זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר פֿלעגן פֿאַלן איבער די אויגן אויף אַ סעקונדע, פֿאַרדעקן דאָס גליק אויף אַ סעקונדע. ווייטער פֿלעג דאָס גליק אַרויסשווימען פֿון די אויגן און באַלויכטן זיין גאַנצן וועזן...

— ווי אַ מענטש קאָן זיך בייטן צוליב דעם קומען פֿון אַ שוועסטער! — האָט אויסגערופֿן ערנאַ צוקומענדיק צום טיש, ווו ברודער און שוועסטער זענען געווען אַרומגערינגלט מיט יונגע חברים.

פֿון ערנאַס קוק איז געניאַ נאָך פֿריילעכער געוואָרן. זי האָט זיך נאָך נעענטער צוגעטוליעט צום ברודער, זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין שולטער כּדי פֿון דאָרט טיף אַריינקוקן אומבאַמערקט אין ערנאַס אויגן.

אָבער ערנאַ קאָן נישט לאַנג אויסהאַלטן איר קוק! איר קוק איז ענלעך צו זיין אַמאָליקער מאַנאַליזאַס קוק. ער ברענגט אַרויף פֿון די באַהעלטענישן פֿון זיין נשמה די פֿאַרגאַנגענהייט...

ווען ער שניידט זיך איין מיט זיינע אויגן אין אירע, פֿילט ערנאַ דאָס זעלבע, וואָס ער פֿלעג פֿילן, ווען ער פֿלעג זיך באַגעגענען צופֿעליק מיט מאַנאַליזאַן, נאָך דעם ווי זיי זענען זיך צעגאַנגען.

„דו האָסט מיך טאַקע איבערגעלאָזט, ערנאַ, אָבער איך וועל שטענדיק לעבן ביי דיר אין האַרצן, אין זכרון... דו האָסט מיך איבערגעלאָזט צוליב דיין רעליגיע, איך וועל שטענדיק בלייבן דיין רעליגיע." — די ווערטער פֿלעג ער אָפֿט הערן פֿון זיין מאַנאַליזאַ. ער פֿלעג פֿילן אַ ציטער ווען זייערע אויגן פֿלעגן זיך באַגעגענען. דאָס זעלבע פֿילט ער אויך איצט,

ווען זיינע אויגן באגעגענען זיך מיט געניאס. דאס זעלבע האט ער גע־פילט אין דעם ערשטן אוונט, ווען זיי זענען געזעסן ארום דער מאמא־ליגא... דערפאר איז ער אזוי שנעל אנטרונען פון עסצימער. דערפאר דרייט זיך אויך איצט ערנא אוועק פון דעם טיש, ווו עס זיצן ברודער און שוועסטער. ער קלייבט אויס פאר זיך גאר א ווייטן טיש, כלומרשט כדי צו זיצן מיט זיינע פריינט.

געניא ווערט אנגעצונדן פון כעס, זי נעמט ארונטער דעם קאפ פון ברודערס שולטער.

— חברה! וואס איז מכוח א הוירא? עס איז דאך ערב שבת אויף דער וועלט! — זאגט זי.

איין מינוט און עס הייבן זיך שוין הענט און פיס, עס פלעכטן זיך אקסלען און קעפ אין מיטן עסצימער, עס ווערן צונויפגערוקט א פאר פרייע טישן און דארט דרייט זיך שוין א רעדל אין אן אומענדלעכן דריי. אבער אלע ווערן מיד פון דעם דרייען זיך, אלע פאלן אנידער, ווען עס קומט זייער צייט. נאר איינע ווערט נישט מיד — גלייך ווי א פונק פון גאט ברענט אין איר, גלייך ווי דער פונק דרייט איר פראכטפולן קאפ, הייבט אירע שלאנקע פיס! אלץ קלענער ווערט דאס רעדל, אלץ נעענטער ארום איר פליעסקען די חברים אין עקסטאז. אירע אויגן ברענען און רופן דעם, וועלכער זיצט ערגעץ ווייט און מאכט זיך גלייכגילטיק...

אבער זיין גלייכגילט דויערט נישט לאנג. צו אים דערגרייכט איר קוק, דער קוקט האט אים אויפגעהויבן פון ארט. ער שטייט איצט אויך ארום איר, אויך ער פליעסקעט מיט די הענט. זי דרייט זיך און דרייט זיך... זי וואלט אזוי געוואלט אנידערפאלן צו אים אין די ארעמס אריין. ער זאל זי אוועקטראגן ווייט ווייט, ווו קיינער וועט נישט הערן ווען זי וועט אים דערציילן ווי זי האט זיך פארליבט אין אים.

עס האט זיך פארדרייט אויך געניאס קאפ. זי פאלט. חיימס ארעמס כאפן זי אונטער און פארטראגן זי ווייט ווייט, צו אים אין ביידל.

— געניק! געניק! דו ביסט דאס שענסטע מיידל אין דער גאנצער

וועלט! — פליסטערט חיים צו זיין שוועסטער בעת ער לייגט זי אנידער אויף זיין בעטל.

אבער גניאן רירן נישט די ווערטער. ווו איז דער, צוליב וועמען זי האט אזוי געטאנצט? זי איז איינגאנצן אויסגעלאשן. זי איז ווי א קאַפּריזנע קינד. זי גראבט איין דעם קאפ אין קישן און וויל גארנישט רעדן איצט מיט חיימען.

לייגט זיך חיים שטילערהייט אויף דעם שוואכן צונויפגעלייגטן לייַוועטנעם בעטל אנטקעגן איר און ווארט ביז גניא וועט ווערן בעסער צו אים, דאן וועט ער זי פרעגן די פראגע, וועלכע עסט זיין מוח, זיין הארץ, זיין גאנצן געמיט.

אזוי ווערן זיי ביידע איינגעשלאפן. יעדער איינער מיט זיינע געדאנקען.

אבער גניא שלאפט נישט לאנג אזוי. עס וועקט זי אויף א גרויס געשריי, גלייך ווי מען ווארגט עמעצן אין דעם זעלבן צימער.

— חיימקע! וואס איז מיט דיר? — גיט זי א שריי אויס מיט שרעק.

— וואס, גניק? האב איך געשריגן פון שלאף? — פרעגט ער מיט שרעק.

חיים איז אפגעגאסן מיט שווייס. ער ווארט מיט שרעק אויף גניאס ענטפער. גניא איילט זיך נישט צו ענטפערן.

חיים האט געזען אין זיין חלום ווי דער חבר איז ארויס פון וואסער. ער האט אים אנגעהויבן צו ווארגן מיט זיינע קאלטע נאסע הענט, אים געשטאכן מיט זיינע לאנגע שפיציקע נעגל...

— וואס האסטו זיך אויפגעכאפט פון שלאף? — פרעגט ער — האב איך דיך אויפגעוועקט? מיט וואס?

— איך האב געזען א שלעקלעכן חלום! — פארכאפט גניא. עס ווערט פאר איר קלאר חיימס צושטאנד.

— לאמיר צוריק גיין שלאפן, — בעט זי; זי גיט א גענעץ, א דריי אויס די ליכט און א דריי אויס דעם קאפ אן א זייט.

זיי שלאפן שוין ווידעראמאל. חיים גיט ווידער א שריי אויס פון

שלאָף. דאָסמאָל איז גניא שוין צוגעגרייט צו דעם. זי שרייט שוין נישט אויס. זי הערט זיך נאָר צו צו זיינע ווערטער. פון די ווערטער ווערט איר קאַלט. חיים האַלט מלחמה מיט עמעצן...

— איך בין נישט שולדיק! איך בין נישט... — שרייט ער און כאַפּט זיך ווידעראַמאָל אויף פון שלאָף.

— גניק! — רופט ער מיט אַ שוואַכער שטים — דו שלאָפסט? האָב איך געשריגן, גניק?

אָבער גניא ענטפערט נישט. זי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי שלאָפט. זי וויל באַרואיקן איר ברודער. חיים גייט צוריק שלאָפן. אין אַ שעה אָדער צוויי, ווען גניא שלאָפט אַזוי געשמאַק, כאַפּט זי זיך נאָכאַמאָל אויף פון זיין אויסגעשריי. אָבער זי געדענקט, אַז זי דאַרף זיך מאַכן שלאָפנדיק, ווען חיים רופט זי. חיים וויל וויסן צי זי האָט עפּעס געהערט.

אַך! ווי ער וויל וויסן צי זיין שלאָף גיט אים אַרויס! אָבער וועקן די שוועסטער טאָר מען נישט! וואַרט חיים ביז זיין שוועסטער וועט זיך אויפכאַפּן. דאַן וועט ער זי פרעגן זיין פראַגע: „האָט ער געשריגן פון שלאָף? אויב יאָ — וואָס?" זי וועט אים מוזן געבן דעם ענטפער דאָס מאָל! דאָסמאָל וועט זי אים מוזן ענטפערן צי ער איז שולדיק, צי ניין...

טראַכטנדיק און וואַרטנדיק ביז וואַנען זיין שוועסטער וועט זיך אויפכאַפּן, דרימלט חיים נאָכאַמאָל איין. דער פאַרטאָגעדיקער דרימל איז דער בעסטער — אָן קאָשמאַרן. בעת ער דרעמלט אַזוי געשמאַק, עפנט גניא די אויגן, וועלכע זענען שוין געווען וואַך אַ לאַנגע צייט, זינט דעם ברודערס לעצטן אויסגעשריי. זי קוקט אַרויס דורך דעם פענצטערל פון דעםביידל. ערגעץ ווייט אין די הימלען איז אָן אָנזאָג אַז גיך, גאָר גיך וועט אָנהייבן טאָגן. זי כאַפּט זיך אַרונטער פון דעם בעט, וויקלט זיך איין אין איר קאָלדרע און כאַפּט זיך אַרויס פון ביידל.

זי לויפט שנעל, גלייך ווי עמיצער וואַרט אויף איר. ביים בית הבראה, וווּ זי האָט נעכטן ביים אָנקומען געזען אַזאַ פּראַכטפולן בלומען־גאָרטן, שטעלט זי זיך אָפּ. וויאַזוי זעען אויס די פּראַכטפולע בלומען איצט, גאַנץ קאַיאָר, ווען זיי זענען נאָך באַגאָסן מיט דער ראָסע? דער

גרויסער מזרח-הימל ווערט ווייס, ער איז אין א צושטאנד פון דערוואר־טונג. זיין גאסט, די זון, לאזט זיך ווארטן לאנג. מיטאמאל ברעכט זי זיך ארויס פון יענער זייט ערד און באגיסט אלעס מיט רויטן. עס ווערן רויט נישט נאר די וואלקנס נאר אפילו די ערד, אירע בלומען... דאס רויטע מאכט דעם נאטירלעכן קאליר פון די בלומען נאך מער פאנטאס־טיש. געניא איז אזוי אנטציקט פון דער פארב, וועלכע האט מיטאמאל איינגעוויקלט די גאנצע וועלט, אז זי לאזט זיך ארונטער צו די בלומען. זי גלעט זיי און קושט זיי. איר ערנא קוקט דאך אויף זיי יעדן טאג, יעדן פארנאכט... אפשר וועט ער דערזען אויף זיי די שפורן פון אירע הענט, פון אירע ליפן? הערט ער נישט ווי אירע ליפן רופן אים איצט?

געניא הייבט זיך אויף. וואס טוט ער איצט, דער, וועמענס נאמען איז ווי מוזיק? אוו איז ער איצט? שלאפט ער? פארוואס שלאפט ער איצט, ווען זי בענקט אזוי נאך אים? וו געפינט זיך זיין צימער? צי שלאפט ער אויך אין א ביידל? זי גיט דעם לעצטן קוק אויף די בלומען און וויל זיך לאזן גיין. עס שטייט פאר אירע אויגן ערנא מילאני...

איז דאס א חלום? צי זעען אירע אויגן האלוצינאציעס? א מיראזש?

ער נעמט זי אן ביי די הענט און קוקט איר גלייך אין די אויגן אריין...

„מאנאליזא" — פליסטערט ער שטיל און וויקלט זי איין שטייף אין איר קאלדרע — קיל זיך נישט צו.

אבער זי דרייט ארויס אירע הענט פון דער קאלדרע ווי א נישט געהארכזאם קינדעלע. זי נעמט אן זיין האנט און קוקט אים אריין אין די אויגן.

— ווילסט זיך נאכאמאל אריינרייסן אין מיין לעבן, מאנאליזא?..

— איך בין נישט מאלאליזא... איך בין געניא... מיין טאטע האט מיך גערופן געניק... מיין מאמע האט מיך גערופן געניק, מיין ברודער רופט מיך געניק...

זיי האלטן זיך ביי די הענט ווי קינדער און פארגייען אין וועלדל אין חורשה, וואס געפינט זיך נישט ווייט פון דעם בית החבראה. דארט

זעצן זיי זיך אַנידער אויף דער ערשטער באַנק און נעמען נישט אַרונ-טער די אויגן איינער פון דעם צווייטן...

ערנאַ בייגט אָן איר קאָפּ און לייגט אים צו זיך אויף זיין ברוסט. ער קושט צאַרט אירע האָר. זי רייסט אויף די אויגן און שטעכט זיך איין אין אים מיט איר קוק.

— האָסטו געפילט אַז איך בין וואך? דערפאַר ביסטו אַרויסגעגאַנ-גען פון דיין בײדל מיך באַגעגענען? פאַרוואָס זשע האָסטו נישט געוואָלט אויף מיר קוקן ווען איך האָב געטאַנצט?

— ווייל איך האָב מורא פאַר דיר, מאַנאַליזאַ... איך וויל מער נישט איבערגעבערענט ווערן, ווי אַמאָל...

— דו האָסט אויך מורא פאַר דעם אויוון, וועלכער וויל אַלעם פאַר-ברענען? אַזוי זאָגט פנינה... אָבער איך האָב נישט קיין מורא! עס אַרט מיך נישט. אַבי מיט דיר, ערנאַ, אַבי...

אירע ליפּן רירן אָן זיינע.

— פאַר וועמען האָסטו מורא? פאַר די פייגעלעך? פאַר זייער זינגען? פאַר דעם פרימאָרגן? האָב קיין מורא נישט! דער גורל הייסט אַזוי! עס איז אונדזער גורל אַזאַ...

## צוואַנציקסטער קאַפּיטל

מען שלאָפט נאָך אין אַלע עקן פון גבעת ברענער מיט דעם זיס-שבתדיקן שלאָף. זיי צעשיידן זיך. נישט אַזוי לייכט איז צו צעשיידן זיך מיט דעם, וועלכן מען האָט געפונען נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון זוכעניש. און געניאַן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט ערנאַן געזוכט אַזאַ לאַנגע צייט ביז זי האָט אים ענדלעך געפונען. דאַריבער קאָנען זיך אירע אויגן נישט אָפּרייסן פון זיינע.

און ערנאַ? האָט ער דען נישט געזוכט זיין מאַנאַליזאַ מיט יעדן אָטעם פון זיין אונטערבאַוווסטזיין, כאָטש ער האָט זיך שוין לאַנג איינ-גערעדט, אַז ער האָט זיך אויסגעהיילט פון דער חולאת, וועלכע מען רופט

ליבע? האָט ער דען נישט געזען אין יעדער מאַרקע אויף אַ בריוו פון איטאַליע, וועלכע זיין בעאַטריטשע פלעג אים צושיקן, מאַנאַליזאַס געשטאַלט? האָט ער דען נישט געהערט אין יעדן רעקאָרד פון איטאַליענישער מוזיק מאַנאַליזאַס שטים? האָט ער זי דען איצט ענדלעך נישט געפונען אין דער „חורשה" (וועלדל") נעבן „בית ההבראה" נאָך אַזוי־פיל יאָרן זוכעניש און בענקשאַפט. דערפאַר קאָנען זיך זיינע ליפּן נישט אָפּרייסן פון אירע... האָט ער געפונען זיין מאַנאַליזאַ דאָ אין גבעת ברענער? צי דאָס איז אַ יידיש מיידל פון בעסאַראַביע, וועלכע הייסט געניק? אויב דאָס איז געניק און נישט מאַנאַליזאַ, טאָ וואָס פאַרפלאָנטערט ער זיך נאָכאַמאָל? ער האָט דאָך אַ ווייב! בעאַטריטשע! ער ליבט דאָך זי!...

ערנאַ מילאַני האָט געהאַלטן מלחמה מיט זיינע געפילן דעם גאַנצן שבת פרימאָרגן. ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אין דער זייט, ווו עס זענען געזעסן געניאַ מיט איר ברודער, אויסגעפּוצטע אין ווייסע בלוזעס און האָבן געגעסן לאַנגזאַם דעם שבת־פרישטיק ווי ס'רוב חברים. ער האָט אויך אויסגעמיטן צו קוקן אין זייער זייט, ווען זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרעם אין אָרעם אַרום קיבוץ כדי דערנאָך אַריינצוקוקן אין בית התרבות הערן דעם שיעור אין אגדה.

ערנאַ האָט אַפילו געוואָלט היינטיקן שבת פאַרפעלן דעם שיעור אין אגדה, כאָטש אים איז געווען טייער און וויכטיק יעדעס וואָרט, וואָס דער לערער פלעג לערנען זיין קלאַס יעדן שבת אינדערפרי. פאַרפעלן דעם קלאַס — וועט זיך וואַרפן אין די אויגן סיי ביי דעם לערער, סיי ביי חיימען, וועלכער איז זיין מיטשילער אין דעם קלאַס...

איז ערנאַ אַריינגעקומען אין „בית התרבות" אומישנע שפּעט כדי צו פאַרנעמען אַן הינטערשטע באַנק. אָבער געניאַ האָט געפילט זיינע אויגן אויף איר פּלייצע. זי האָט פון צייט צו צייט זיך אומגעקוקט און זיך איינגעשניטן מיט אירע אויגן אין זיינע, אים אַ שמייכל געטון...

פון דעם שמייכל איז ערנאַ געוואָרן אַזוי פריילעך, אַז ער האָט פאַרגעסן וועגן גאַנצן אַרום. עס האָט זיך אים געוואָלט פייפן, ווי אַמאָל, ווען

ער איז געווען אַ סטודענט אין איטאַליע, ווען ער פֿלעג זיך לאָזן וווילגיין ווו און וויאַזוי עס איז אים געווען באַקוועם...

ער האָט צוריקגעשמייכלט צו געניאַן און זי גערופן מיטן קוק ארויס־צוגיין פון דאַנען, לויפן מיט אים אויף די ברעגעס פון דער איטאַליענישער ריוויערא, ווי זיי פלעגן דאָס טון אַמאָל אַמאָל. זיין קוק האָט גערופן גיין שפילן אין רוליעט, טאַנצן, זינגען, נעמען אַ גאַנדאָלע און פאָרן אַ גאַנצע נאַכט.

חיים האָט איבערגעכאַפּט דעם קוק. חיימס שמייכל איז אויסגעלאָשן געוואָרן. האָט ערנאַ פאַרגעסן אַז געניק, זיין געניק, איז דאָס שענסטע מיידל נישט נאָר אין גבעת ברענער און אין גבעת חיים, נאָר אין גאַנצן לאַנד? אין דער גאַנצער וועלט? האָט ערנא פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ ווייב? אַז זיין בעאַטריטשע איז געבליבן שטעקן אין איטאַליע צוליבן קריג? פון דעם קוק, וועלכן חיים האָט אים געשיקט איבער זיין שוועסטערס שולטער, איז ערנאַן געוואָרן אומעטיק אויפן הארצן. ער איז אַוועק פון דעם בית התרבות אויסמיידנדיק שוועסטער און ברודער. מיטן מיטאָג עסן האָט ער אויך געוואַרט ביז ער האָט זיי געזען גיין האַנט אין האַנט פון עסצימער.

האַנט אין האַנט זענען געגאַנגען ברודער און שוועסטער צו חיימען אין ביידל אַריין. וויל זיך דען געניאַ נישט אָפּרוען? זי איז דאָך אַזוי ווייניק געשלאָפן די נאַכט! זאָגט חיים אומישנע...

חיימען מאַטערט נאָך אַלץ דער געדאַנק: הערן די, וועלכע שלאָפן מיט אים אין זיין צימער, דאָס וואָס ער הערט בעת ער זעט זיינע חלומות?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין ווייניק געשלאָפן? — לאַכט געניאַ שטיפעריש — ווי אַן אייזן!

אַזוי שפּילט זי מיט איר ברודער דעם גאַנצן נאָכמיטאָג די שפּיל פון פרייליכקייט. אָבער טיף אין הארצן איז זי באַזאָרגט: וואָס וועט זיין פון חיימען, אויב ער וועט אַזוי אָנגיין אַלע נאַכט מיט זיינע קאָ־שמאַרן? זי קושט אים, זי האַלדזט אים, זי לאָזט אים נישט אָפּ אויף קיין מינוט. עס איז פאַראַן אין דער צאַרטקייט מער רחמנות ווי

ליבע! אָבער חיים טייטשט עס אויס אויף זיין אופֿן: הייסט עס אַז גע-ניק, זיין געניק, געפֿינט אַז ער איז נישט שולדיק אין קיין זאַך! הייסט עס, אַז ער קאָן אָנהייבן לעבן ווי יעדער אַנדער מענטש?

חיים ווערט פֿריילעך. ער הייבט אָן צו שפּאַסן. ער גייט מיט איר אַרום צווישן זיינע חברים. טייל פֿון זיי זענען שוין באַווייבטע. זיי נעמען אויף ברודער און שוועסטער ווי חשובע געסט.

— ווען מאַן און ווייב לעבן אין איין צימער, זעט דאָס צימער אויס אַנדערש, פֿריילעכער! — באַמערקט חיים, ווען זיי גייען אַרויס פֿון איין חבר, נאָך אַ שבתדיקן וויזיט צו אַן אַנדערן. — אַפֿילו אין אַ קיבוץ איז בעסער ווען מען לעבט אַ פֿאַמיליע-לעבן, געניק! — זאָגט ער.

— דו האָסט אפֿשר פֿון מיינעטוועגן אַ שידוך? — שפּאַסט זי.

— אַזאַ שיינהייט ווי דו, געניק! דו ביסט די שענסטע אין לאַנד!

ער דערמאָנט זיך אין דעם איבערגעכאַפּטן קוק, וועלכער האָט זיך געצויגן אין בית התרבות צווישן ערנאַס אויגן און געניאַס. עס פֿאַר-דריסט אים איצט נאָכאַמאָל, וואָס זיין בעסטער פֿריינט ערנאַ האָט גע-קוקט אַזוי אויף זיין שוועסטער. ווען נישט דער קוק, וואָלט ער אַריינ-געגאַנגען צו ערנאַן אין צימער, ווי ער טוט עס אָפֿט, ווען ער פֿילט זיך איינזאַם און ערנאַ פֿילט זיך איינזאַם.

— דו ווייסט, געניק, ערנאַס ווייב איז געבליבן שטעקן אין איטאַליע צוליב דעם קריג? — גיט ער אַ שיס אויס צו זיין שוועסטער.

ניין! איצט וועט ער נישט אַריינגיין צו ערנאַן. ער וועט אים אויס-מיידן ביז געניק וועט אַוועקפֿאָרן. ער פֿירט זי צו ראָזאַן, וועלכע איז דאָ, אין גבעת ברענער, בלויז אַ פּאָר טעג.

אין ראָזאַס צימער, וווּ עס געפֿינען זיך נאָך אַ פּאָר רווקות (מייד-לעך) קאָן מען נישט אַריינקומען. טייל פֿון אירע, חברות ליגן אין די בעטן, טייל זענען נישט אָנגעטון געהעריג. גייט ראָזאַ אַרויס צו זיי און שפּאַצירט מיטן ברודער און שוועסטער אַ שטיקל צייט איבערן קיבוץ.

געניאַ רעדט פֿריינטלעך צו ראָזאַן. עס דוכט זיך איר, אַז חיים קוקט אויף ראָזאַן מיט פֿאַרליבטע אויגן. „זי געפֿעלט אים", טראַכט געניאַ.

נישט אומזיסט האָט ער געזעדט פון פאַמיליע־לעבן אין קיבוץ... קאָן זיין ווען חיים וואָלט חתונה געהאַט, וואָלט ער געזונט געוואָרן?... הייסט עס, מיין ברודערקע איז קראַנק? פון דעם געדאַנק ווערט איר קוק צום ברודער נאָך צאַרטער, מילדער...

עס לויפט אריבער דער שבת. חיים איז גליקלעך: פון איין זייט זיין גענייק מיט איר צאַרטקייט; פון דער צווייטער זייט — ראָזאַ, די ניי־אָנגעקומענע פוילישע שיינהייט, וועלכע האָט געקוקט אויף חיימען מיט אַביסל טרויעריקע, אָבער נישט אָפּשטופּנדיקע אויגן...

עס איז אַוועק דער שבת. עס האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיטאַמאָל די נאַכט. מען האָט אַרונטערגעריסן פון עסצימער די ווייסע טישטוכער פון די טישן. מען האָט דערלאַנגט די בידנע וועטשערע אויף די הוילע טישן. מען האָט גערעדט וועגן „סידור עבודה", וועגן „געשעפט", וועגן אַרבעט, וועגן בייטן די אַרבעט. מען האָט זיך געאײַלט צו דער אַלגעמיינער קיבוץ־אסיפה.

ערנאַ האָט באַדאַרפט האַלטן אַ רעפעראַט וועגן וואָלונטירן זיך אין דער ענגלישער אַרמיי כדי זיך דאָרט אויסלערנען אַלערליי מלחמה־מלאכות. די מלאכות וועלן צונוצקומען לעת צרה. ערנאַ האָט גערעדט געשעפטלעך, לאָגיש. ער האָט געקוקט אויף דעם המון פון זיינע צוהערערס נישט זעענדיק געניאַן. זי האָט געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס און פרובירט צו כאַפּן זיין בליק. עס האָט נישט געהאָלפן. עס האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז ערנאַ זעט זי נישט, כאָטש זי האָט זיך אומישנע אַנידערגעזעצט אין דער ערשטער ריי.

נאָך דער אסיפה איז ערנאַ באַלד ערגעץ אַנטלאָפן מיטן סעקרעטאַר פון דעם קיבוץ. חיים האָט געניאַן מילד דערמאָנט, אַז מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג, אַז מען דאַרף אויפשטיין זייער פרי. דער אָמניבוס גייט אַרויס פינף אַזייגער. שוועסטער און ברודער זענען אַוועק צום ברודער אין ביידל אַריין. אָבער קיין גרויסע רו האָבן זיי ביידע די נאַכט נישט געהאַט. מיט דער וואַכעדיקייט, וועלכע האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף

דעם קיבוץ, האָט זיך אויסגעלאָשן חיימס פריילעכקייט, זיין גלויבן אין זיך, אין זיין אומשולד.

ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגן האָט ער אָנגעהויבן צו זען זיי־נע חלומות. גניאַס געשמאַקער דרעמל איז איבערגעריסן געוואָרן דורך זיין געוויין. מיט דעם געוויין האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעהויבן אַ סעריע אויסגעשרייען, פון וועלכע חיים האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט גע־וועקט זיין שוועסטער, געוואָלט ווּיסן צי זי האָט עפּעס געהערט.

אַזוי איז אַריבער די נאַכט. גניאַ האָט מיט ווייטיק געטראַכט וועגן איר ברודער. מען דאַרף אים ראַטעווען! אָבער ווי אַזוי? ער מוז חתונה האָבן! אָבער ער וועט נישט חתונה האָבן ביז וואַנען ער וועט זיך נישט איבערצייגן, אַז ער איז נישט שולדיק.

טאָ ווי אַזוי איבערצייגט מען אים אין דעם? רעדן וועגן דעם איצט, ווען זי האַלט ביים גיין צום אָמניבוס, הייסט זיך מודה זיין אין דעם, אַז זי האָט אים גענאַרט! הייסט זיך מודה זיין אין דעם אַז זי האָט גע־הערט ביינאַכט אַלעס. דאָס הייסט זאָגן אים אָפן, אַז זי ווייסט וועגן זיינע קאָשמאַרן, וועלכע ער לעבט איבער אַלע נאַכט. דאָס קאָן האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג. מען דאַרף געפינען אַן אַנדער וועג. האָט זי דען אַמאָל נישט געלערנט אין דער גימנאַזיע „תרבות“, אין בעסאַראַביע, אַ ווערטל פון די אַלטע יידישע חכמים, וועלכעס זאָגט אַז צוליב שלום קאָן מען זאָגן אַ ליגן. און שלום, פרידן, הייסט נישט נאָר מיט עמיצן, נאָר אויך מיט דיין אייגענעם געוויסן... חיימקע האַלט מלחמה מיט זיין געוויסן. דער געוויסן מאַטערט אים. חיים מוז זיך באַרואיקן! ער מוז גע־פינען זיין שלום... ער מוז! אָבער ווי אַזוי?

## איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיט אָט דעם געדאַנק האָט זיך גניאַ אַריינגעזעצט אין אָמניבוס, וועלכער איז געשטאַנען פאַר דעם עמצימער פון גבעת ברענער. דער גע־דאַנק וועגן ברודער און זיין געוויסן — איין זאַך.

אָבער איר יונגע נשמה האָט געזוכט אויך שלום פאַר זיך. ווי קאָן זי אָוועקפאָרן פון דאַנען און נישט זען ערנאַן? פאַרוואָס קומט ער נישט צום אָמניבוס? שלאָפט ער נאָך? האָט ער נישט געקאָנט צוליב איר אויפשטיין אַביסל פריער? הייסט עס, אַז ער מאַכט זיך נישט קיין גרויסן ווען פון איר! ער האָט נישט געקאָנט צוליב איר מקריב זיין אַ האַלבע שעה פון זיין שלאָף? און אפשר וויל ער אומישנע זי נישט זען? כדי קיינער זאָל נישט באַמערקן זיין קוק? הייסט עס, אַז ער האָט מורא. פאַר וועמען? פאַר דעם ווייב וועלכע איז נישטאָ דאָ? פאַר די חברים? עס פאַסט אים נישט, ווייל ער איז אַזאַ וויכטיקער חבר דאָ? קאָן ער דאָך בלויז איין קוק טון און זי וועט פאַרשטיין פון דעם קוק אַלעם!

דער אָמניבוס וועט שוין באַלד אָפּגיין און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ! וועט ער שוין טאַקע נישט קומען? איר קוק איז פול מיט טונקעלער כמאַרע... זי קוקט אין אַלע זייטן...

אויך חיים קוקט אין אַלע זייטן. חיים קוקט אויף דעם זייגער. „גוט וואָס ערנאַ איז נישט געקומען צום אָמניבוס... גוט!" — טראַכט ער.

אָבער אָט באַווייזט זיך ערנאַ. חיים זעט נישט ערנאַן, ער זעט זיין שוועסטערס אויגן, און אין די אויגן דערקענט ער, אַז זי האָט דערזען ערנאַן...

ערנאַ לויפט שנעל פון ווייטנס. ער לויפט צו צום נהג, כלומרשט אים איבערגעבן אַ בריוו. געניאַס אויבערשטע ליפּ גיט זיך אַ באַוועג פון דער רעכטער זייט.

פונקט ווי אויף דעם בילד... מאַנאַליזאַ! — טראַכט ערנאַ און גיט זיך אַ שנייד אַריין אין אירע אויגן, רעדנדיק צום נהג. דער קוק זיינער באַלויכט די גאַנצע וועלט געניאַס ווי אַ גרויסע זון. עס ווערט איר אַזוי ליכטיק, אַז זי צעשמייכלט זיך ברייט צום ברודער. זי קוקט אַרויס פון דעם פענצטער, בעת דער אָמניבוס שלעפּט זי אַוועק. זי לאָזט איבער צוויי שטראָמען מיט שמייכל צו צוויי פאַרשידענע מענטשן. איר נשמה לייכט זיך פון איין גרויס שמייכל: „ערנאַ האָט מיך ליב! ער איז מיינער!"

שלום! איצט האָט זי פרידן אין איר נשמה. זי קאָן רואיק טראַכטן וועגן

איר ברודער. וואס טוט מען כדי אים צו באַרואיקן? מען קאַן זאָגן אַ ליגן צוליב שלום... מען קאַן!

מיט דעם געדאַנק איז גניא געקומען צו זיך אין גבעת חיים.

זי האָט געהאַט אַ שעה צייט ביז מיטאָג. נאָך מיטאָג וועט זיך אָנ־הייבן איר אַרבעטסטאָג הײַנט.

זי האָט געפונען אַן עצה. זי זעצט זיך באַלד צום טיש אין איר צי־מער און שרייבט אַ בריוו צו איר ברודער. אין בריוו שרייבט זי אַזוי:

„חיימקע, ברודער מיינער! ווי מאָדנע איז אונדזער גורל! הײַנט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין גבעת חיים, בין איך אַריינגעגאַנגען אין אונדזער בית התרבות אַ לייען טון אַביסל. איך האָב דאָך צייט געהאַט ביז מיטאָג, ווייל מיין אַרבעטסטאָג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך מי־טאָג. מיטאַמאָל געפין איך אין איינער פון די צייטונגען אַזעלכע צוויי ידיעות: מען האָט זיך געראַטעוועט צוויי חלוצים, וועלכע מען האָט שוין לאַנג געהאַלטן פאַר דערטרונקענע... אַן ענגלישער אַעראָפּלאַן האָט זיי אויפגעכאַפּט אין מיטן שוואַרצן ים נישט ווייט פון טערקישן ברעג, ווי זיי האָבן אויסגעהאַלטן אַמאָל אין ברעטער פון די שיף „קאָנסטאַנצאַ". די ביידע חלוצים זיינען די וואָכע צייט געווען אינטערנירט אין איסטאַנבול ביז די טערקישע רעגירונג לעצטנס ענדגילטיק באַשלאָסן מען זאָל זיין באַפרייען...

אַלזאָ, ווי דו זעסט, חיימקע, האָבן זיך געראַטעוועט אונדזערע חברים מיטפאָרער, וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג גערעכנט פאַר פאַרלוירן־גע־גאַנגענע. דערפון איז ביי מיר אַ גוטע שטימונג אַ גאַנצן טאָג. צו דעם מוז איך צורעכענען מיין דערפאָלג ביים טראַקטאָר. שטעל זיך פאָר, אַז שלמה וועלכער לערנט מיך, האָט מיר שוין הײַנט געטרויט אַליין צו פאָרן אויף אים!... איך בין גאַנץ מיד און דעריבער פאַרענדיק איך איצט דעם בריוו. דיין שוועסטער, וועלכע האָט דיך זייער ליב. גניק."

אָבער דערמיט האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט גניאַס קאָרעספּאָנדענץ איר מיטלייד צו דעם קראַנקן ברודער איז געוואַקסן פון דער וויטנס מער ווי פון דער נאָענט. זיצנדיק אַליין אין דעם צימער האָט זי זיך איצט קלאָר פאָרגעשטעלט ווי עס אַרבעטן ביי איר ברודער בייטאָג די געדאַנקען

וועלכע ברענגען צו אזעלכע קאשמארן ביינאכט. זי האט זיך דערפילט שולדיק אנטקעגן אים. פארוואס האט זי אים נישט באַרואיקט אין יענעם אינדערפרי, ווען ער איז צום ערשטן מאל געווען אין גבעת חיים? ווען ער האט פארן אפפאר געוואַרט אויף איר ענטפער? און פאַרוואס האט זי אים דעם ערשטן אָוונט, ווען זיי זענען געבליבן אליין זיצן אין עסצימער, נאך דעם ווי אלע זענען זיך צעגאנגען פון דעם מאמאליגא־טיש, נישט געזאגט גלייך אז ער איז נישט שולדיק? עס איז געווען אין אירע הענט דאן צו באַרואיקן איר ברודער און זי האט עס נישט געטון! און פאַר־וואס האט זי איר ברודער אזוי דערנידעריקט אין דבורהס אויגן, ווען זי איז נאר אנגעקומען? פאַרוואס האט זי נישט פרובירט אים רייניקן, ווען זי האט באַזוכט דבורהן? ער איז דאך איר ברודער, איר מאמעסזון!

דער געוויסן האט געמאַטערט גענואן. זי האט גענומען א צווייט ביינעלע פאַפיר און האט אנגעשריבן צו דבורהן אזא בריוו:

„טייערע מומע דבורה! און טייערער פעטער ישראל! וואס מאכט איר, מיינע טייערע? און וואס מאכן אייערע ציגעלעך? און וואס הערט איר פון אייערע זין אין אמעריקע? איך וואלט אייך שוין נאכאמאל גע־וואלט זען. קאן זיין, אז כ׳וועל זיך טאקע אינגיכן צו אייך נאכאמאל אריי־בערכאפן. אבער דערווייל וויל איך אייך דערציילן וועגן א מאדנע גליק־לעכן צופאל, וועגן וועלכן איך האב איצט געלייענט אין די צייטונגען. צוויי חברים, וועלכע זענען געפארן מיט אונדז אויף דער „קאנסטאנצא", זענען געראטעוועט געווארן. מען האט זיי געבראכט מיט אן אעראפלאן קיין איסטאמבול. און מיר, איך מיטן ברודער, האבן זיי שוין לאנג אוים־געמעקט פון דעם צעטל פון די לעבנגעבליבענע! און איך, מומע דבורה, בין געווען אזוי שלעכט צו מיין ברודער! איך האב אים באשולדיקט אין שרעקלעכע זאכן. אך, דבורה! פאר וואס האב איך דאס געטון? וועט מיר גאט אמאל מוחל זיין פאר באשולדיקן אן אייגענעם ברודער אין זאכן, אין וועלכע ער איז גארנישט שולדיק געווען? אבער איצט האב איך קיין צייט נישט צו שרייבן מער, טייערע מיינע! בעט איך אייך ביז מיר וועלן זיך זען, גיט איבער א גרוס צו מיין שיינער עלטערער שוועסטער, צו

מאַניאַ און אויך צום פּריינטלעכסטן „נהג” אין גאַנצן לאַנד, צו שמשו־נען. אייער געניאַ, מיט ליבע.”

געניאַס געוויסן האָט זיך אַביסל באַרואיקט נאָך דעם ווי זי האָט פֿאַרענדיקט דעם צווייטן בריוו. זי האָט ביידע בריוו פֿאַרקלעפּט, אַריינ־געוואָרפֿן אין פּאָסט־קעסטל און איז געגאַנגען עסן מיטאָג. דערנאָך — צו איר אַרבעט, צום טראַקטאָר.

ווי אין אַ טראַנסע האָט זי געאַרבעט דעם גאַנצן טאָג. נישט גע־פֿילט די מידקייט פֿון דער רייזע. זי האָט באַרואיקט מיט די צוויי בריוו איר געוויסן, און מיט יונגער זאָרגלאָזיקייט האָט זי זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן גורל. דער גורל וועט היטן חיימען. איצט קאָן זי טראַכטן וועגן איר ערנאַן. צוליב אים, אײגנטלעך, איז זי דאָך געפֿאָרן קיין גבעת ברענער. די ליכ־טיקסטע מאָמענטן אין גבעת ברענער האָט זי דאָך פֿאַרבראַכט מיט אים.

די גורלדיקע באַגעגעניש מיט אים פֿאַר באַגינען, ביי די בלומען פֿון בית ההבראה, איז געשטאַנען פֿאַר געניאַס אויגן בעת זי איז געזעסן אויף דעם טראַקטאָר. זייער זיצן אויף דער באַנק אין דעם וועלדל ביי דעם בית ההבראה, ווען איר קאָפּ איז געלעגן ביי אים אויף דער ברוסט, קאָן זי פֿאַרגעסן? זיין קוק בעת זיי זענען געזעסן אין דעם אגדה־קלאַס אין בית התרבות, דער קוק, וועלכן חיים האָט איבערגעכאַפּט, האָט דען אָן ווערטער נישט פֿאַרזיכערט, אַז ער ליבט זי? אמת, זיין רופֿן זי „מאַנאַ־ליזאַ” געפֿעלט איר נישט, באַאומרואיקט געניאַן, אָבער זי האָט פֿאַר דעם אויך קיין מורא נישט — איר נאָמען וועט איינגיכן פֿאַרטושן מאַנאַ־ליזאַס... זי וויל נישט זיין קיין איטאַליענישע שיינהייט. זי וויל בלייבן דאָס, וואָס זי איז! זי וויל און וועט געווינען ערנאַס ליבע מיט אירע איי־גענע כוחות! ווען זי איז שוין געזעסן אין אָמניבוס כדי אָפּצופֿאָרן פֿון גבעת ברענער איז זי געווען זיכער, אַז ער וועט שוין נישט קומען זי באַגלייטן — ווי נאַריש איז זי געווען דאַן! האָט דען ערנאַס קוק, בעת ערנאַ האָט גערעדט צום שאָפֿער, נישט געזאָגט מער ווי טויזנטער שבו־עות, אַז ער איז געקומען צעלויפֿן צוליב איר? ווען קומט מען צעלויפֿן אַזוי? נישט ווען מען ליבט?

אַזוי האָט געניאַ געקייט און איבערגעקייט די אַלע געדאַנקען אין איר נשמה, ביז וואַנען עס איז פאַריבער דער נאָכמיטאָג פון אַרבעט אויף דעם טראַקטאָר. אַ מידע, אָבער אַ גליקלעכע, איז זי געלאָפן מיטן טראַקטאָר, אים אַנידערשטעלן צווישן די מאַשינען אויף זיין פּלאַץ.

פון דאָרט האָט זי זיך געלאָזט לויפן צום דוש. איצט וועט זי זיך אויסבאָדן אונטער דעם דוש, אַריינגיין אין איר צימער און איידער פנינה קומט אַריין פון איר אַרבעט, וועט זי זיך אַנידערזעצן נאָכאַמאָל צום טיש און וועט אָנשרייבן אַ בריוו. אַ גאַנצע ליד — צו ערנאַן! אין דעם ליד וועט זי אים אַרויסשרייבן וועגן דער ליבע, וועלכע צוויטעט אין איר... אָבער דאָס ליד איז געניאַן נישט באַשערט געווען אָנצושרייבן אין דעם שפּעטן נאָכמיטאָג.

עס איז איר אויך נישט באַשערט געווען זיך אויסצובאָדן אונטער דעם וואַרימען דוש, ווי זי פלעגט עס טון שטענדיק באַלד נאָך דער אַרבעט. ווייל בעת זי איז געלאָפן פון דעם טראַקטאָר אין דוש־צימער אַריין, האָט זי פנינה גערופן פון דער טיר פון איר בית התינוקות:

— יונהס ווייב, מרים, גייט צו קינד... מיר דאַרפן האָבן דיין הילף, געניאַ! — האָט פנינה געזאָגט.

געניאַ האָט זיך געלאָזט לויפן אויפן וועג צו מרימס צימער נישט וואַרטנדיק אויף קיין אַנדערע אינסטרוקציעס. אָבער אין האַרצן האָט זי זיך געוואונדערט: וואָס קאָן אַזאַ ווי זי טון ביי איינער וועלכע גייט צו קינד? זי איז דאָך נישט קיין קראַנקנשוועסטער?

— וווהין לויפסטו, ציג? — האָט פנינה איר נאָכגעשריגן מיט אַ שוואַכן, זייער מידן געלעכטערל.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז מרים, יונהס ווייב... — האָט געניאַ פּרובירט ענטפערן באַוואונדערנדיק פנינהן און איר גוטמוטיק מלאכיש שמייכעלע.

— גיי צו דער מסגריה (סלעסאַרניע)! דאָרט וועסטו זען איינעם, וועלכער פירט דעם לאַסט־אויטאָמאָביל... וועסטו אים זאָגן אַזוי: „פנינה האָט מיך געשיקט, איך זאָל העלפן!"

— צוליב וואָס אַזוי פיל... — האָט גנניאַ זיך געוווּנדערט און זיך געלאָזט ווייטער לויפן כּדי אַרויסצוהעלפן דער גערווינערין, וועלכע גייט צו קינד און וואַרט אויף איר הילף.

— אַ מיידל? — האָט זיך געוווּנדערט דער נייער שאָפער פון קיבוץ.

— גאָר אַ מיידל? נו! מילא... גיי אַרונטער אַהין! — און ער האָט אָנגעוויזן אויף דער סלעסאַרניעס טיר.

פאַר גנניאַן האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט, ווען זי איז אַריין אין דער סלעסאַרניע. וויפל מאָל זי איז דאָ געווען האָט זי נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט געזען, אַז אין דיל פון סלעסאַרניע איז גאָר פאַראַן אַן אייזערנע טיר. אַז פון דער טיר פירט אַרונטער אַ לייטער. ווען גנניאַ האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דעם אייזערנעם לייטער, ווי אַ לאָווקע יינגל, האָט זי ערשט דאַן דערזען אַ נייע וועלט: קופּעס מיט אַלערליי טיילן פון ביקסן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. זיי האָבן אָנגעזאָגט אַז דאָ ווערט עפּעס געטון אין באַהעלטעניש. איצט האָט זי מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז דער קעלער פון דער סלעסאַרניע האָט עפּעס אַ שייכות צו דעם דיל פון דבורהס קיך, אויף וועלכן דבורה האָט אַזוי סודותדיק אָנגעוויזן אין יענעם שבת אינדערפרי. גנניאַ האָט דענסטמאָל טאַקע גאָרנישט פאַרשטאַנען. אָבער איצט...

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? — האָט זיך אָנגערופן יונה, וועלכער איז אויסגעוואַקסן פלוצים. — מען האָט דאָך דיך געשיקט צו העלפן! טאָ נעם און טו דאָס זעלבע וואָס דער חבר טוט!

ווי אַ מאַשין, נישט וויסנדיק וואָס זי טוט, האָט גנניאַ נאָכגעטון דעם צווייטן חלוץ. זי האָט געשלעפּט די אָפּגעפּולירטע טיילן פון ביקסן, זיי אויף שנעל אַרויסגעטראָגן אין לאַסט־אויטאָמאָביל און זיי דאָרט אויסגעלייגט אין רייען. אַזוי איז זי געלאָפן אַרונטער די טרעפּ און צוריק אַרויף, ביז מען האָט אויסגעלייגט דעם גאַנצן דנאָ פון דעם טראַק מיט דער „סחורה". דערנאָך איז דער טראַק צוגעפאָרן צו יונהס צימער. דאָרט האָט יונה אַליין אַרויסגעפירט זיין פרוי. זיין מרים האָט אויסגעזען אַזוי פאַרשוואָלן, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען איר פּנים און איר פיגור. מען

האָט מרימען אַנידערגעלייגט אויף דעם מאַטראַץ, וועלכן מען האָט אויס־געשפּרייט איבער די טיילן פון די ביקסן. יונה האָט זיך געזעצט מיט דעם נהג, וועלכער האָט געזאָגט צו יונהן, אַנווייזנדיק אויף געניאַן:

— זאָל זי מיטפאָרן. בעסער אַזוי. זאָל הייסן אַז דאָס יונגע שוועס־טערל פאָרט מיט...

דער לאַסט־אויטאָמאָביל האָט זיך גערירט פון אָרט. ער האָט אַוועקגע־טראָגן נישט נאָר מרימען, וועלכע האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן פאַר ווייטיק, נאָר אויך געניאַס צעטומלטע געדאַנקען. אירע געדאַנקען האָבן געזוכט פעדים, מיט וועלכע צונויפצוקניפן דבורהס דיל, אירע „באַלאַ־טעס”, מיט די אַלע זאַכן, וועלכע זענען געלעגן איצט אונטער מרימען...

אָבער נאָך מער איז זי צעטומלט געוואָרן ווען אַן ענגלישער סאָל־דאַט האָט אויפן וועג אָפּגעשטעלט דעם לאַסט־אויטאָמאָביל. אין אונדזער לאַנד? — האָט זי אַ טראַכט געטון. אַן אָפיציר, וועלכן דער סאָלדאַט האָט אַרויסגערופן, האָט געוואָלט באַזוכן דאָס, וואָס עס ווערט געפירט דאָ. יונה האָט אים געזאָגט, אַז עס ווערט געפירט אַ געווונערין אין שפּיטאָל אַריין פאַר קימפּעטאָרינס.

גוט וואָס מרים האָט אין צייט געגעבן אַ געשריי! ווייזט אויס אַז דער געשריי האָט עפּעס דערמאָנט דעם אָפיציר. ער האָט זיך פאַרשעמט, אַ קוק געטון אויף געניאַן און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַז דער אויטאָמאָביל קאָן פאָרן ווייטער.

— אַריבער בשלום! — האָט דער שאָפער אַרויסגערעדט מיט פרייד און פאַרויכערט אַ סיגאַרעט.

אָבער דערמיט האָט זיך נאָך געניאַס טאָג פון באַוווּנדערונג נישט געענדיקט. ווען מען איז צוגעקומען צום שפּיטאָל, האָט געניאַ אויך גע־וואָלט אָננעמען ביי איין האַנט מרימען כדי העלפן יונהן זי אַריינפירן אין דער געביידע.

— יונה וועט שוין אַליין אַכטונג געבן אויף מרימען! — האָט שטרענג אַ זאָג געטון דער „נהג”. — דיך, געניאַ, האָט מען צוליב דעם נישט מיטגענומען! דו גיי אַרונטער, ווו וועסט זען די אויפשריפט

„מכבסה״ ((וועשעריי), דאָרט וועסטו זאָגן, אַז שלום שיקט דיך צום דאָקטאָר! וועט מען פאַר דיר עפענען די טיר, וועסטו אַנידערלייגן דעם מאַטראַץ מיט די זאַכן.

גניא האָט קוים פאַרטראָגן דעם מאַטראַץ מיט די חלקים פון די ביקסן אין קעלער אַריין. ווען זי האָט געזאָגט דאָס, וואָס דער נהג האָט זי געלערנט, האָט מען אין דער וועשעריי פאַר איר געעפנט אַ טיר אין דיל, פונקט אַזאַ טיר ווי אין סלעסאַרניע. איבער דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַשין, וועלכע מען האָט אָפּגערוקט. ווען זי איז אַריינגעקומען צום „דאָקטאָר״, האָט זי דערזען עטלעכע „דאָקטוירים״ אין ווייסע פאַרטוכער. זיי האָבן מיט דאַשיקעס איבער די שטערנס, געאַרבעט ביי גרויסע העלע לאָמפּן. צווישן די דאָקטוירים איז געשטאַנען דער גרעס־טער ווונדער — ערנאַ! גניא האָט שיר נישט אויסגעשריגן פון פרייד. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט זיינע.

— וואָס שטייסטו אַזוי, האָט ערנאַ אין אַ פליסטער אַ זאָג געטון, — זעסט דאָך אַז מיר וואַרטן אויף דער „סחורה״. גיי שנעל אַרויף.

גניא איז געלאָפן עטלעכע מאָל אַרויף און אַראָפּ מיטן מאַטראַץ בעת דער שאָפער האָט געהיט זיין לאַסט־אויטאָמאָביל אין דרויסן, ביים שפּיטאָל. ענדלעך האָט גניא אַריינגעבראַכט דאָס לעצטע ביסל „סחורה״, עס אַנידערגעלייגט ווו מען האָט איר אָנגעוויזן. אָבער זי האָט נישט גע־וואָלט, נישט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ! זי מוז נאָכאַמאָל זען דעם, מיט וועמען זי האָט זיך אַזוי אומגעריכט באַגעגנט, נאָך וועלכן עס גייט איר אַזוי אויס דאָס האַרץ!

זי איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט. ענדלעך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים. זי האָט געזוכט ווי אַזוי צו פרעגן ערנאָן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט וויסן: ווען וועט זי אים נאָכאַמאָל זען. אָבער די צונג האָט זיך נישט גערירט.

— גיב איבער יוגהן, אַז איך וועל אין אָוונט זיין אין גבעת חיים

וועגן אַ וויכטיקן ענין, — האָט ערנא איר געזאָגט אַריינשניידנדיק זיך אין אירע אויגן.

„אין גבעת חיים" — האָט געזשומעט ביי געניאַן אין קאָפּ. הייסט עס ער וועט קומען צו מיר, מיך זען! הייסט עס, אַז ער בענקט נאָך מיר ווי איך נאָך אים... זי איז אַרויסגעלאָפן. מיט די געדאַנקען, זיך ברייט צעשמייכלט צו דעם שאָפער און האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם לאַסט־אויטאָמאָביל.

— אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט! — האָט דער נהג איר אַ קלאַפּ געגעטון איבער דער פּלייצע. — איצט קאָנען מיר זינגען! — און ער האָט פאַרצויגן: „יאַבלאָטשקאָ, יאַבלאָטשקאָ! קודאַ קאַטישסיאַ? נאַ אַלמאַז פּאָפּאַדיאַש, ניע וואָראָטישסיאַ!

געניאַ האָט אים נאָכגעזונגען און צוריקגעקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע ווי אַ יינגל. אויפן וועג צוריק האָט דער ענגלישער סאָלדאַט נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט דעם לאַסט־אויטאָמאָביל.

מען קוקט דאָ אויף איר נישט ווי אויף אַ יינגל, האָט זי אַ טראַכט געטון דערפילנדיק דעם סאָלדאַטס קוק. דער סאָלדאַט האָט אַרויסגערופן דעם אָפיציר. לייטענאַנט וויטקאָמב האָט געשמייכלט צו איר.

— פריער האָב איך דיך נישט געוואָלט פאַרהאַלטן ווייל ביסט געפאָרן מיט דיין שוועסטער אין שפּיטאָל אַריין, — האָט ער געזאָגט נישט אַרונטערנעמענדיק זיין אויג פון געניאַן — אָבער איצט האָט איר דאָך צייט, כאָטש עס ווערט שוין פינצטער און עס הייבט זיך באַלד אָן די „קוירפיו" (פאַרבאָט פון באַוועגונג)! זאָג מיר נאָר, פון וואַנען ביסטו און ווי אַזוי לאָזט מען ביי אייך אין קיבוץ אַרבעטן אַזעלכע שיינע מיידלעך? — האָט ער געשמייכלט.

— איך פאַרשטיי ווייניק ענגליש, אָבער אויב איר פאַרשטייט פראַנצויזיש, וועל איך אייך דערציילן. איך בין פון גבעת חיים. אויב איר ווילט, קומט אין גבעת חיים וועט איר זען ווי עס אַרבעטן ביי אונדז נאָך שענערע פון מיר.

— שענערע? דאָס קאָן שוין נישט זיין! — האָט געשמייכלט דער לייטענאַנט וויטקאָמב — ביי אונדז אין ענגלאַנד האָט אַ פיל מיאוסערע געוווינען דאָס האַרץ פון אונדזער קעניג. צוליב איר האָט ער זיך אָפּגע־זאָגט פון זיין טראָן... — האָט ער געשפּאַסט.

בשעת מעשה האָט ער פּרובירט זיך דערמאָנען אַוו האָט ער געזען אַ בילד, וועלכעס דערמאַנט אים אָן דער שיינהייט וואָס טראָגט אויסגע־פּלעקטע בלויע אַרבעטס־הויזן.

— אַלנפאַלס, פאַרשרייבט מיר דאָ אייער נאָמען און דעם נאָמען פון אייער קיבוץ. איך וועל זיכער אָננעמען אייער איינלאַדונג און וועל קומען אייך זען.

— איך וועל אייך ווייזן דעם גאַנצן קיבוץ. איר וועט זען ווי איך פאָר אויף מיין טראַקטאָר, — האָט געניא געשמייכלט בעת דער נהג האָט אָנגעהויבן צו פאָרן ווייטער.

זייער ליד האָט איצט אָנגעפילט די לופט מיט קלאַנגען. די קולות און זייערע אָפּקלאַנגען זענען פאַרקראָכן אין די ווייטע ווינקלעך פון עמק חיפר. זיי זענען צוגעקומען צום טויער פון גבעת חיים. דער שומר האָט אויפגעהויבן זיין לאַמטערנע צו זיי.

— נאָך שמייכלסטו צום לייטענאַנט? — האָט דער נהג אויסגערופן צו געניאַן, ווען ער האָט דערזען איר באַלויכטענעם פון דער לאַמטערנע פנים.

— צום לייטענאַנט? צו וועלכן לייטענאַנט? — האָט זיך געניא גע־וווּנדערט.

זי האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אין די ווערטער און דעם געשפּרעך מיטן ענגלישן לייטענאַנט און זי האָט איינפאַך אַ זאָג געטון: — איך שמייכל צו זיך אַליין, חבר! היינט איז מיין גליקלעכסטער טאָג!

— דו מיינסט צוליב דעם שטיקל אַרבעט, וואָס מיר האָבן אָפּגעטון? צי עפּעס אַנדערש האָט ביי דיר פּאַסירט?

— איך מיין דאָס, וואָס וועט נאָך היינט פּאַסירן. — האָט געניא שטיפעריש געזאָגט און איז אַנטלאָפן.

זינאַ ראַבינאָוויטש

# צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

געניאַ איז געלאָפן אין דוש־צימער. פון דאָרט איז זי געלאָפן עסן און ווען זי האָט אָפּגעגעסן, האָט זיך ערשט פאַר איר אַנטפּלעקט אַ נייע פּראָבלעם: ווו וועט זי זען דעם, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו קומען היינט אין אָוונט זי זען?

דער קיבוץ איז אַזוי גרויס. קיין באַזונדער צימער האָט זי נישט. ער וועט דאָך זי נישט קומען זוכן אין פּנינהס צימער! טאָ ווו זאָל זי וואַרטן אויף אים? אפשר אין סעקרעטאַריאַט?

אַ לאַנגע צייט איז פאַריבער. געניאַ איז אַרומגעלאָפן פון איין עק קיבוץ אין צווייטן. דאַן האָט זי באַשלאָסן, אַז דער בעסטער פּלאַץ איז דער לייען־צימער אין בית התרבות. זי וועט וואַרטן אויף אים דאָרטן. אַהין קאָן יעדער איינער אַריינקומען און מען קאָן קיינעם אין גאָרנישט חושד זיין. — האָט געטראַכט געניאַ און איז אַריין אין בית התרבות.

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. ערנאַ איז נאָך אַלץ נישט געקומען. „אפשר האָט ער מיך אַרומגעזוכט אין אַנדערע פּלעצער?" האָט זי געטראַכט. אפשר איז ער אַוועקגעגאַנגען? אָבער עס איז דאָך „קוירפּיו" אין לאַנד, וועט ער דאָך מוזן דאָ בלייבן נעכטיקן. אָבער ווו איז ער? וועט ער פילן אַז איך וואַרט אויף אים דאָ — איז אַ סימן אַז ער ליבט מיך. אויב נישט...

די טיר פון דעם בית התרבות האָט זיך געעפנט. מיט אַ לייכטן כמעט אומהערבאַרן טראָט איז אַריינגעקומען ערנאַ.

געניאַס אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן. זי האָט זיך אָנגעבויגן נאָך נידעריקער צו דער פראַנצויזישער צייטונג, וועלכע זי האָט געלייענט. זי האָט גאָרנישט געזען אין איר איצט. מיט אירע טרערן האָבן זיך אויסגעמישט אַלע אותיות אין איין מאַסע...

— ווו פאַרלע פראַנסע? — האָט ער אַ פּליסטער געטון אַנידערזעצנדיק זיך נעבן איר — איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָ וועל איך דיך טרעפן...

נישט ענטפערנדיק אים, האָט זי זיך אויפגעהויבן. מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ האָט זי געשפּאַנט פאָראויס. איצט איז זי געווען זיכער, אַז ער וועט איר נאָכגיין וווהין זי וועט אים פירן. אין דרויסן, אין דער פינצטער פון דער נאַכט, האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און שנעל שנעל אַוועקגעפירט אים צום סאַמע ענדע פון דעם „גרינעם קרייז", אַהין, וווּ עס איז געשטאַנען דער דיקסטער העכסטער בוים פון קיבוץ. דאָרט, אָנשפּאַרנדיק זיך אין דעם בוים, האָט זי צו אים אַזוי גע־פּליסטערט:

— איצט ווייס איך אַז דו ליבסט מיך...

אירע הענט האָבן זיך געצויגן צו זיין האַלדז. אָבער ער האָט זיי אויסגעמיטן מיט אַלע מיטלען.

— דו דאַרפסט עס מיר נישט זאָגן... דאָס וואָס דו ביסט געקומען מיך זוכן אין בית התרבות, איז גענוג...

— רעד נישט אַזוי, מאַנאַליזאַ... דו ווייסט דאָך, ווי איך שרעק זיך פאַר דיר!...

— איך בין נישט מאַנאַליזאַ... מאַנאַליזאַ איז שוין לאַנג אָפּגע־שטאָרבן אין דיר, אין דיין האַרצן... איצט האָסטו ליב מיך... מיך און ווייטער קיינעם נישט, ליבסטער מיינער...

— דו טאָרסט זיך נישט איינרעדן אַזוי, געניק! וואָס קאָן איך דיר געבן? דו ווייסט דאָך, אַז...

— איך ווייס אַלעס! — האָט זי געזאָגט פאַרדעקנדיק זיין מויל אַז ער זאָל נישט קאָנען אַרויסרעדן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט — איך ווייס אַפילו אַז זי הייסט בעאַטריטשע, אַז זי איז אין איטאַליע... אַז האָסט זי געמאַכט פאַר אַ חלוצה און דערנאָך חתונה געהאַט מיט איר...

אירע ליפּן האָבן געזוכט זיינע. ער האָט זיי אויסגעמיטן מיט אָנ־שטרענגונג און האַרצקלאַפּעניש.

— זי וועט זיך אומקערן אַהערצו נאָכן קריג... קינד מיינס... פאַר־וואָס זוכסטו זיך ווייטיקן? איך וועל זי קיינמאָל נישט איבערלאָזן, קינד

מיינס! לאָמיר זיך צעשיידן היינט... דאָ... און מער קיינמאָל נישט קוקן איינער אויף דעם צווייטן.

— קאָנען דען מענטשן אויסמיידן זייער גורל? — האָט זי שטיל געזאָגט, אָנרירנדיק מיט אירע ליפּן זיינע.

— קינד מיינס! דו רעדסט וועגן גורל? דו? פון וואַנען ווייסטו וואָס גורל איז?

ער האָט פּרובירט אין דער פינצטער פון דער נאַכט אַריינקוקן אין די טונקעלע אויגן. אַ מאָדנע טיפקייט האָט ער געזען אין זיי. אין דער טיפקייט האָט זיך באַהאַלטן עפּעס וואָס ער האָט געוואָלט אויסמיידן... אפשר איז זי גערעכט? אפשר איז דאָס גורל? קאָן אַ מענטש אויסמיידן זיין גורל?

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו אים אויף זיין ברוסט.

— לאָמיר נעמען דעם גורל אין אונדזערע הענט, — האָט ער געבעטן אויפהייבנדיק איר קאָפּ — לאָמיר גיין יעדער איינער זיין וועג. אויב נישט וועלן מיר פאַרברענען איינער דעם צווייטן.

— ווייזט אויס, אַזוי וויל אונדזער גורל, — האָט זי געפליסטערט ווי אין אַ טראַנס.

זייערע ליפּן האָבן זיך ענדלעך געפונען. איין אָטעם, איין ריח איז געוואָרן פון צוויי. אַ ריח פון שטאַרקע בשמים האָט אָנגעפילט זיי ביידע. עס האָבן זיך צעגאָסן אין אַלע זייערע אברים שטאַרקע ווייגען. עס האָבן געציטערט צוויי הערצער מיט איין ריטם; צוויי וואָס זענען געוואָרן איינס. דאָס איינע האַרץ האָט זיך געצויגן פון איין גוף צום צווייטן מיט אָנזעבאַרע פעדים. עס האָבן געשפּילט ווי פיינע האַרפעס איין האַרץ צום צווייטן, ווי נאָר־וואָס באַשאַפענע מעלאָדיעס האָבן זיך געריסן איינער צום צווייטן די געפילן.

זענען דאָס געווען די בעסטע מינוטן פון איר לעבן? צי די בעסטע שעהען? ווער ווייסט? מיט זיי האָט געניא געלעבט דערנאָך

פילע אָוונטן און פילע טעג ווען דער גורל אין וועלכן זי האָט געגלויבט, פלעג זי צעשיידן פון איר ליבסטן.

פילט ער, אַז זי איז וואַך? אַז זי טראַכט וועגן אים? — פלעג זי זיך וווּנדערן ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען. אַ טאָג צי עטלעכע טעג שפּעטער פלעג זיך אַרויסווייזן, אַז אויך ער, ערנאַ, האָט אין דער נאַכט, אין די זעלבע שעהן געטראַכט וועגן איר. ער האָט זיך אויך אין איר אומבאַהאָלפן פאַרליבט. אין סאַמע אָנהויב האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט זיך אומגעקערט צו אים זיין אַלטע ליבע. אָבער וואָס מער ער האָט זיך באַגעגנט מיט געניאַן, אַלץ אָפטער פלעג ער זי אָנרופן מיט איר אייגענעם נאָמען. אַלץ איבערצייגטער איז ער געוואָרן אין דעם, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אויפסניי! דאָס פלעג אים נישט ווייניק שרעקן. וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם? איצט, צוליב דעם, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט דעם ענין געוווער און פאָרט אַרום פון קיבוץ אין קיבוץ, קאָן ער געפינען תירוצים, זיך אַריינכאַפּן אין גבעת חיים אויף אַ שעה צוויי, און צוליב דער „קוירפּיו" בלייבן נעכטיקן אין קיבוץ.

אָבער וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם? נישט טראַכטן וועגן דער צוקונפט? וועגן בעאַטריטשע? פאַרגעסן אין אַלץ, אין די נעכט?

זיסע נעכט!

נעכט פון אַרומבלאָנקען פון איין עק קיבוץ אין צווייטן. נעכט פון זוכן אַ פּלאַץ, וווּ זיי זאָלן קאָנען שטיין אומגעשטערט אין אַ זיסער אומאַרמונג שעהען לאַנג! אָבער אַזעלכע פּלעצער זענען אין קיבוץ כמעט נישט געווען. איבעראַל פלעג מען זיך אָנשטויסן אָן עמיצן. אַזוי אַז ס'רוב קיבוצניקעס האָבן שוין געוווּסט אַז ערנאַ מילאַני קומט זען געניאַן.

יונה מיט זיין דורכשניידנד אויג, פון וועלכן עס פלעגט גאָרנישט פאַרלוירן גיין, האָט שוין אויפגעהערט צו גלויבן ערנאַן, אַז ער קומט בלויז וועגן ענין געוווער... פּנינה, וועלכע פלעג הערן געניאַן זיך אַריינכאַפּן אין איר צימער שפּעט נאָך מיטן נאַכט, פלעג זיך מאַכן שלאָפנדיק. אינדער־פרי, זעענדיק ווי עס איז געניאַן שווער זיך אויפצורייסן פון דעם שלאָף,

פלעג זי בלויז אַ מאַך טון מיט דער האַנט ווי איינער זאָגט: „צוליב וואָס רעדן? עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט!”

און ווען ערנאַ פלעג זיך נישט ווייזן אַ שטיק צייט און געניאַ פלעג זיצן אין בית התרבות ביז שפעט ביינאַכט און שרייבן בענקשאַפט־ און ליבע־לידער, פלעג יונה פאַרבייגייענדיק אַ זאָג טון: „לידער? ווי קומט עס וואָס ערנאַ איז שוין לאַנג נישט געווען?”

און דאָך, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען, פלעגן זיי דאָס טון אין געהיים, קיינער זאָל זיי נישט זען. דאָס געהיימע, דאָס באַהאַלטן זיך, די זוכענישן פון געהיימע פלעצער, זוכענישן אויף וועלכע זיי פלעגן נישט זעלטן פאַרשווענדן די בעסטע צייט פון די באַגעגענישן, פלעגן זיך איינקאַרבן אין האַרצן. זיי פלעגן ברענען מיט אַ שטענדיק פייער די צוויי נשמות. דאָס פייער האָט געברענט אויך די גופים. ביידע זענען געוואָרן דין, די אויגן ווי צוויי פלאַמען פייער. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פלאַמען וועלן זיי ביידע שנעל אויפעסן.

ווען פנינה פלעג טראַכטן וועגן זיי, פלעג זי פילן אַ טאָפּלטן ווייטיק: איין ווייטיק — פאַר געניאַן, וועלכע נעמט אויף איר קאָפּ, מיט די אייגענע הענט, אַ טראַגעדיע! דעם צווייטן ווייטיק האָט זי געפילט פאַר בעאַטריטשען. עס וועט זיך דאָך אַמאָל ענדיקן דער קריג און זי וועט זיך אומקערן פון איטאַליע... וועט זי האָבן צו וועמען זיך אומצוקערן? צי עס וועט זיין דאָס זעלבע, וואָס ביי איר, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון דעם שפיטאָל נאָך איר טיפוס? וועט ערנאַ אויך טון דאָס זעלבע, וואָס איר שלמה האָט געטון? אויב נישט — וואָס וועט זיין מיט געניאַן? מיט דער יונגער ציג, וועלכע קריכט אַליין אין פייער אַריין?

אָבער שנעל האָט פנינהס אייגענע איבערלעבונג אַרויסגעשטופּט אַלע געדאַנקען וועגן אַנדערע און וועגן געניאַן. איינמאָל, ווען זי האָט זיך שפעט, גאָר שפעט, געזעגנט מיט איר קאַפּריזנע זיאָמאַן, וועלכער האָט זי נישט געוואָלט אָפּלאָזן, האָט זי קושנדיק אים אין שטערן, דערפילט אַז ער האָט היץ. ווען זי האָט אים אָפּגעמאָסטן דעם פיבער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער ברענט ווי פייער.

גאַנץ פֿרי האָט מען אים פֿאַרנומען אין שפּיטאָל אַריין. פֿון גבעת חיים. דער דאָקטאָר האָט זיך געשראָקן, חושד געווען טיפֿוס. דער דאָקטאָר איז נישט געווען דער איינציקער. אויך פּנינהן האָט געזאָגט דאָס האַרץ, אַז זיאָמאַ ברענגט נישט אומזיסט.

ווען יונה האָט אויסגעפֿונען ביים דאָקטאָר, אַז דאָס זענען אַלע סימפּטאָמען פֿון טיפֿוס, האָט ער לאַנג געטראַכט אין זיין מזכירות וועגן פּנינהן. ער האָט געצונדן איין פּאַפּיראָס נאָך אַ צווייטן, כאָטש ער איז געווען מיד פֿון נישט שלאָפֿן האָט ער געהייסן דעם נאַכטוועכטער, אַז ער זאָל שיקן געניאַן צו אים אין מזכירות אַריין. ווען ער וועט זי וועקן גאַנץ פֿרי פֿון איר שטאַרקן שלאָף.

— גענוג שוין קלאַפּן אין מיין פֿענצטער! — האָט זיך געניאַ געבייזערט אויף דעם נאַכטוועכטער — איך וועל נישט איינשלאָפֿן נאָכאַמאָל! זאָרג זיך נישט! איך שטיי אויף!

אָבער צוליב וואָס גיין פּלוצים צו יונהן אין מזכירות גאַנץ קאַיאָר? האָט עפּעס פּאַסירט? אפשר מיט ערנאַן? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון.

זי האָט איבערגעריסן די פֿעדעם פֿון יונגן שלאָף און איז געלאָפֿן אין מזכירות, וווּ עס האָט נאָך געברענט דער לאָמפּ.

— דו מוזט מיר אַרויסהעלפֿן, געניאַ! — האָט יונה זי געבעטן — אַלעס געווענדט זיך איצט אָן דיר, געניאַ. זיאָמאַ האָט טיפֿוס. דו קאָנסט דאָך זיאָמאַן! דו קאָנסט אויך פּנינהן, געניאַ! דער קיבוץ זאָגט, אַז אַ חולה דאַרף זיין אין שפּיטאָל אין די הענט פֿון אונדזער שוועסטער און אונדזער דאָקטאָר. אָבער עס זענען פֿאַראַן אויסנאַמען, געניאַ! איך האָב מורא, אַז זיאָמאַ וועט נישט געזונט ווערן שנעל, אויב ער וועט נישט זען זיין מאַמען, צו וועלכער ער איז אַזוי קרענקלעך צוגעבונדן. מיר זענען פּנינהן שולדיק מער ווי אַנדערע חברים פֿון קיבוץ. זי האָט מער פֿון אַנדערע זיך אָנגעליטן אין קיבוץ... פֿאַרן קיבוץ... אין איר לעבן האָט זי איצט גאָרנישט אַ חוץ זיאָמאַן... איך וואָלט איר געוואָלט צוטיילן דעם פֿאַרגעניגן צו זיין נעבן זיאָמאַן די גאַנצע צייט. אָבער דו ווייסט דאָך, וואָס טיפֿוס איז? זי דאַרף פֿאַרלאָזן דעם בית התינוקות! אָבער

ווער קען דאָרט פאַרנעמען איר פּלאַץ? ווער אויב נישט דו? עס זענען איצט נישטאָ קיין אַרבעטער־הענט. צו דיר האָבן אַלע צוטרוי. איך קען נישט צווינגען, אַז זאָלסט איבערלאָזן די אַרבעט ביים טראַקטאָר אויב דו ווילסט נישט. איך וועל אָבער נישט זיין אומשטאַנד צו טון פּנינהן דאָס, וואָס איך וואָלט געוואָלט טון, אויב דו וועסט ניט איבערנעמען דעם בית התינוקות ביז זיאַמאַ וועט געזונט ווערן... געניאַ! צוליב פּנינהן!..

— איך נעם איבער דעם בית התינוקות! — האָט געניאַ שטיל גע־ ענטפערט און איז אַוועק אַהין.

## דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פריקרע איז געניאַן געווען אַריינצוקומען אין בית התינוקות נאָך אַזויפיל צייט. עס האָט ביי איר געקלאַפּט דאָס האַרץ ווען זי האָט זיך דערנענטערט. די שומרת לילה (די נאַכטוועכטערין) האָט זיך דערוויי־ טערט פון דאָרט מיט איר לאַמטערנע אין די הענט.

צוליב פּנינהן! צוליב פּנינהן! — האָט ביי איר געזשומעט אין קאָפּ, ווען זי האָט מיט שרעק געעפנט די טיר. צו איר גליק האָט זי געטראָפן אַלע בעטלעך אין גאָר אַנדערע פּלעצער; נישט ווי אַמאָל. זי האָט אפילו נישט געקאָנט באַמערקן אין וועלכן בעטעלע עס האָט איר געפעלט דאָס שטומע מיידעלע.

געניאַ האָט זיך גענומען באַלד צו דער אַרבעט אין בית התינוקות. איר אָפּוועזנהייט פון טראַקטאָר האָט איצט דערפילט שלמה. ביז איצט פלעג ער באַמערקן מיט גדולד דעם אונטערשיד צווישן געניאַן און מאַ־ טילדאַן, וועלכע יונה האָט אים אויך געגעבן אַלס „לערן־יינגל". אָבער אָן געניאַן, אָן איר פלינקער הילף איז אים געוואָרן גאָר שווער איצט. דאָך איז שלמה געווען צופרידן וואָס געניאַ האָט איבערגענומען פּנינהס אַר־ בעט. גוט וואָס פּנינה איז אַוועק אין שפּיטאָל אַריין צו זיין דאָרט מיט איר זון ביז ער וועט געזונט ווערן!

— אין אמתן בין איך נישט מסכים מיט דעם, אַז אַ מאַמע זאָל זיין

די קראַנקנשוועסטער פֿון איר קינד, — האָט שלמה גרויסמוטיק געזאָגט צו זיין ווייב יענעם טאָג — אָבער קאָנענדיק אי דעם זון אי די מוטער, בין איך צופֿרידן, וואָס זיי וועלן זיין צוזאַמען. און איך בין דאַנקבאַר געניאַן, וואָס זי האָט איבערגענומען פֿנינהס אַרבעט, כאָטש מאַטילדאַ איז אַ שטיק האָלדז אין פֿאַרגלייך מיט געניאַן ביי מיין טראַקטאָר...

שלמה האָט מנוחהן נישט געזאָגט מער. אָבער אין די באַהעלטענישן פֿון זיין נשמה האָט ער געדאַנקט גאָט און געניאַן, וואָס זיי האָבן אים באַפֿרייט אויף אַ שטיקל צייט פֿון פֿנינהס טענות, מיט וועלכע זי האָט געזוכט אים איבערצייגן, אַז ער וואָלט באַדאַרפֿט פֿאַרלאָזן דעם קיבוץ און זוכן פֿאַר זיך און פֿאַר זיין פֿאַמיליע אַן אַנדער פּלאַץ.

אָבער נישט נאָר שלמה האָט גענאָסן דערפֿון וואָס געניאַ האָט געהאָלפֿן פֿנינהן זיך איינשפּאַרן אויף אַ לאַנגער צייט אין שפּיטאָל מיט איר זון. געניאַ איז געבליבן איינע אַליין אין פֿנינהס צימער נאָך דעם, ווי זי האָט פֿנינהן צוגעבראַכט צום פֿענצטער פֿון שפּיטאָל אירע זאַכן.

צום ערשטן מאָל האָט זיך געניאַ דערפֿילט פֿריי צו טון אין די אָוונטן דאָס וואָס זי וויל. שלאָפֿן ווען זי וויל. אויפֿשטיין ביינאַכט ווען זי וויל, זיך נישט דאַרפֿן אַרויסגנבענען אויף די שפּיץ-פֿינגער כדי פֿנינהן נישט אויפֿצוּוועקן. די פֿרייהייט אָנצוצינדן אַ לאָמפּ ווען זי האָט געוואָלט, האָט אַרויסגערופֿן אַ מאָדנע ווילן צו שרייבן בריוו צו ערנאַן אין מיטן נאַכט, נאָך דעם, ווי דער ערשטער דרימל האָט זי אַביסל דערפֿרישט. פֿון די בריוו פֿלעגן אַרויס נישט זעלטן גוטע לידער. זי פֿלעג אים פֿאָרלייענען די לידער אויסנווייניק, ווען זיי פֿלעגן זיך באַגעגענען.

איינמאָל האָט זי גאַנץ איינפֿאַך געזאָגט צו ערנאַן: — היינט דאַרפֿן מיר שוין מער נישט אַנטלויפֿן ווייט! איך בין אין צימער אַליין. מיר קאָנען רואיק בלייבן ביי מיר אין צימער וויפֿל מיר ווילן...

פֿון די ווערטער איז ביי ערנאַן געוואָרן פֿאַרטרוקנט אין מויל. ער האָט זיך פֿאַרלוירן.

— געניק! איך בעט דיך! מען דאַרף נישט!... איך האָב עפּעס וויכ-

טיקס דיר צו זאָגן, — האָט ער געבעטן ווען זי האָט אים אויף די שפּיץ־פינגער אַריינגעצויגן אין דער פֿינצטער פֿון דעם צימער.

— איך ווייס אויסגווייניק וואָס דו ווילסט מיר זאָגן! — האָט זי געפּליסטערט אים אין פּנים אַריין און אין די ליפּן אַריין מיט איר הייסן מויל. — איך ווייס דאָך שוין, אַז דו האָסט אַ ווייב, אַז זי הייסט בעאַטריטשע, אַז זי איז אין איטאַליע, אַז דו וועסט זי קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזן... וואָס נאָך, ליבסטער מיינער? — און זי האָט אַריינגעצויגן זיינע ליפּן אין אירע.

— גענוג! ליבסטע מיינע! הער זיך צו! איך וויל דיר זאָגן גאָר אַן אַנדער זאַך. — האָט ער געשטאַמלט שטייענדיק מיט איר ווי אַ שאָטן אין דעם ווינקעלע פֿון איר איינזאַמען צימער — איך מוז אַוועקגיין... פֿון דאַנען... איך גיי אין אַרמיי אַריין...

— אין אַרמיי? איך וועל דיך נישט לאָזן. דו ביסט דאָך מיינער! מיינער! וועל איך דיך נישט לאָזן!... דו מוזט בלייבן מיט מיר... אָט אַדאָ... הערסט! איך וויל דאָך זיין דיינע! דיינע אינגאַנצן!

— מען דאַרף נישט, גענוק... איך וועל אינגאַנצן אַרונטער פֿון זינען. בלייב אַזוי ווי דו ביסט... בלייב מיר אייגן נאָר מיט דער נשמה, ווי ביז איצט... איך וועל זיך נישט קאָנען אָפּרייסן פֿון דיר...

— דו קאָנסט שוין איצט נישט... מיר זענען דאָך שוין לאַנג, אייגנטלעך, פֿאַרקנסט... חתן־כּלה... אָבער היינט וועלן מיר חתונה האָבן... מיר וועלן ווערן מאַן און ווייב. ליבסטער! דער גורל וויל אַזוי...

אין דער שטילקייט, אין דער איינזאַמקייט פֿון איר צימער האָט דער גורל אַליין מקדש געווען די געהיימע ליבע פֿון די צוויי נשמות אויף אייביק זי מקדש געווען.

געניאַס צימער איז געוואָרן דער טעמפּל, וווּ דער גאָט פֿון ליבע האָט געגעבן זיין הסכּמה. דער גאָט האָט געהייליקט די געפֿילן פֿון צוויי מענטשן, וועלכע האָבן ענדלעך געפֿונען איינער דעם צווייטן נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אַרומגעזוכט לאַנגע יאָרן.

אָבער נישט שטענדיק איז דער גאָט פֿון דער ווירקלעכקייט געווען

אזוי מילד צו זיי ווי דער גאָט פון ליבע. אָפטמאָל פלעג מען זיי שטערן מיט אַלערליי אסיפות, מיט פראַגעס פון גרויס און קליין וויכטיקייט. זיי פלעגן זיך מוזן צעשיידן אין די שענסטע מאָמענטן ווען עס פלעג זיך זיי אויס־ווייזן, אַז אַ חוץ זיי איז גאָרנישט פאַראַן אויף דער וועלט.

אזוי האָט פּאַסירט אין אַן אָוונט, ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין גניאַס צימער און זי אַרויסגערופן אין סעקרעטאַריאַט פון גבעת חיים.

— אַן ענגלישער לייטענאַנט פרעגט זיך אויף דיר, גניא! יונה האָט געזאָגט זאָלסט קומען אַן אויסגעפּוצטע! — איז מען געקומען אָנזאָגן פון מזכירות.

— איך קאָן קיין לייטענאַנט נישט! איך ווייס פון גאָרנישט! עס איז זיכער אַ טעות! — האָט געטענהט גניאַ.

עס האָט נישט געהאָלפן. זי האָט געמוזט קומען אין מזכירות, ווו עס איז געזעסן מיט יונהן לייטענאַנט וויטקאָמב.

— לייטענאַנט וויטקאָמב! — האָט גניאַ געמאַכט אַ פרייליכן אָנ־שטעל. אָבער געטראַכט האָט זי: וואָס טוט מען כדי זיך צו באַפרייען פון אים? כדי קאָנען צוריקלויפן אין צימער אַריין,, צו ערנאַן?..

— איר האָט מיר צוגעזאָגט צו ווייזן אייער קיבוץ, בין איך געקו־מען. איר האָט מיך דאָך איינגעלאַדן!? נישט אַזוי? פריילין...

— מיין נאָמען איז גניאַ, — האָט גניאַ כאַפּנדיק אויף יונהן אַ קוק געשמייכלט צום ענגלענדער — ביי מיר אַ וואָרט איז אַ וואָרט! געזאָגט? וועל איך אייך ווייזן דעם קיבוץ! איך גלויב אָבער אַז ביי אונדז זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע ווייסן מער וועגן קיבוץ פון מיר. זיי וואָלטן אייך געקאָנט געבן מער אינפאָרמאַציע...

— אָבער איך בין געקומען צוליב אייך... איך מיין, כדי איר זאָלט מיר ווייזן...

— טאָ קומט מיט מיר! — האָט זיך גניאַ געמאַכט האַרץ נאָך דעם ווי יונה האָט צו איר נאָכאַמאָל אַ ווונק געטון.

גניאַ איז אַרויס פון מזכירות. דער ענגלענדער איז איר נאָכגע־

גאַנגען. איצט האָט לייטענאַנט וויטקאָמב זיך דערמאָנט ווו ער האָט געזען די שיינהייט.

— איר ווייסט, געניאַ, איך האָב זיך איצט דערמאַנט ווו איך האָב אייך באַגעגנט צום ערשטן מאָל? איר וואונדערט זיך? איך מיין נישט אויף דעם לאַסט־אויטאָמאָביל! איך מיין אין לוווּר! איך בין דאָרט געווען ווען איך האָב געהאַט אורלויב פון דער אַרמיי. מיט מיין ווייב בין איך געווען. דאָרט האָבן מיר געזען אַזאַ בילד פון אַ מיידל אַנגעטון ווי אַ יינגל. אַ שאָד וואָס איר זענט היינט נישט אָנגעטון אין די אַרבעטס־הויזן, ווי דענסטמאָל...

געניאַ האָט געקוקט אויף אים נישט פאַרשטייענדיק פון וואַנען נעמט זיך צו אים די היימישקייט. זי האָט געשוויגן און געפירט אים פון איין געביידע אין דער צווייטער.

— דאָס איז דער בית התינוקות ווו איך אַרבעט איצט. פריער גע־אַרבעט אויף דעם טראַקטאָר און איצט ווידער אַ „מטפלת". וואָס? עס געפעלן אייך נישט קיין פּיצלעך קינדער? איר לאַנגווייליקט זיך מיט זיי? טאָ קומט פון דאַנען צו די גרעסערע קינדער.

— ווייסט איר פאַרוואָס איך האָב זיך געאיילט פון דאָרטן, געניאַ? מיין קינד איז געווען אין דעם זעלבן עלטער, ווען עס איז צוזאַמען מיט זיין מוטער באָמבאַרדירט געוואָרן. זיי זענען ביידע צעריסן געוואָרן אויף שטיק־שטיקעלעך.

— עס טוט מיר לייד, לייטענאַנט וויטקאָמב... — האָט געניאַ גע־זאָגט אָננעמענדיק זיין האַנט.

— און וועגן דעם בילד פון לוווּר... מיר האָבן עס געזען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, איך און מיין פרוי... איך בין אַוועק אין דער אַרמיי. אין דער אַרמיי בין איך געבליבן לעבן און זי איז געבליבן אין דער היים כדי אין לאָנדאָן צעריסן צו ווערן...

— יעדער איינער פון אונדז לעבט איבער די מלחמה. מיר וועלן אַלע האָבן וואָס צו געדענקען, האָט זי געזאָגט.

גנעניאַ האָט מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט געוויזן אים אַלעס, וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

— נאָר איין זאַך האָט איר מיר נאָך נישט געוויזן! און איך האָב צוגעזאָגט צו שרייבן אין מיין צייטונג אַ דעטאַלירטע באַשרייבונג פֿון אַ קיבוץ. ווי אַזוי ער גייט און שטייט...

— איך בין זיכער, אַז איך האָב אייך אַלעס געוויזן... איר מיינט אפֿשר דעם דוש־צימער, ווו עס באָדן זיך איצט נאָך טייל פֿרויען וואָס ענדיקן שפּעט זייער אַרבעט, לייטענאַנט? — האָט זי געזאָגט און בשעת מעשה דערפֿילט, אַז איר האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן שנעלער.

— איך מיין האָט די קליינע געביידע, — ציינגט אָן וויטקאָמב אויף דער סלעסאַרניע.

— די געביידע? — גיט גנעניאַ בלומרשט אַ צעלאַך זיך אויף אַ קול — דאָס איז דאָך אונדזער סלעסאַרניע! גלויבט מיר, לייטענאַנט, אַז איך פֿאַרשטיי אין דעם קלאַפּערגעצייג וואָס ווערט ביי אונדז פֿאַרריכט אין סלעסאַרניע ווי אַ האָן אין „בני אָדם". נאָר אויב איר ווילט אַזוי?... מיך גודיעט פֿון די זאַכן. עס גודיעט געפֿערלעך... קאָן זיין ווייל איך פֿאַרשטיי גאָרנישט אין דעם... נאָר אויב איר ווילט וועל איך נעמען די שליסל! — און גנעניאַ גיט שוין אַ דריי אויס דעם טישל אין אַן אַנ־דער זייט. זי לויפֿט ווי אַ שטיפֿעריש יינגל אין מזכירות אַריין.

— דאָס זעלבע יינגל ווי אויף דעם בילד אין לוווּר — רעדט צו זיך וויטקאָמב און קוקט איר נאָך מיט ליבע.

גנעניאַ לויפֿט אַריין אַ פֿאַרסאַפּעטע אין מזכירות. איר פּנים איז בלאַס ווי קאַלך.

— יונה! ער וויל זען די „מסגריה"! — זאָגט זי אַ דערשראָקענע.

— וואָס זאָל איך טון?

— מען מוז אים ווייזן, גנעניאַ! — זאָגט יונה אַ בלאַסער — און איר, חברה, לויפֿט אָנזאָגן דורך דעם טונעל אַז מען זאָל אויפֿהערן צו אַרבעטן דאָרטן. אויסלעשן די ליכט. און דו, גנעניאַ, נוץ דיין קאָפּ! און דאָרט, ווו ער וועט שוין נישט אַרויסהעלפֿן, נוץ דיין פּנים...

געניא גייט צוריק צו וויטקאמבן. זיי שפאצירן פאמעלעך אויפן וועג צו דער מסגריה. זי דערציילט אים מעשיות און פארהאלט אים אומישנע אויפן וועג.

— אז איר זענט יא אזוי נייגעריק, טא עפנט אליין דעם שלאס...

— זאגט זי און גיט אים דעם שליסל אין די הענט, אז ער זאל זיך אביסל צומוטשען ביים עפענען.

— דאס איז אלעס וואס איר קאנט דא זען! מאשינען און מכשי־רים... נודנע! אומעטיק!

זי גיט א פאלשן געניץ און וויל ארויסגיין. אין דער מינוט דוכט זיך איר, אז דער לייטענאנט האט געווארפן אן אויג אויף דעם דיל, וווּ עס געפינט זיך די טיר אין קעלער אריין... די טיר איז, צום גליק, פאר־שטעלט מיט א שווערער מאשין.

— אויב איר ווילט, קאנט איר דא בלייבן אביסל... איך וועל אויף אייך ווארטן אין דרויסן, — מאכט געניא דאס מאל מיט א גרויסן געניץ. זי לייגט בשעת מעשה אריין איר האנט אין זיינער.

דער לייטענאנט איז באוווירקט. ער וויל אליין נישט בלייבן. ער האלט איר האנט. ער גייט ארויס נאך איר. ער שליסט צו די סלעסארניע מיט די אייגענע הענט.

געענדיקט דעם באזוך אין סלעסארניע! געניא איז גליקלעך. אבער עס ווארט אויף איר ערנא אין צימער. ווי ווערט מען פטור פון דעם ענגלענדער?

— איך בין היינט אזוי מיד! — זאגט זי מיט א געניץ. — א גאנצע נאכט באדארפט זיצן ביי א קראנק קינדעלע. ווען נישט מיין מידקייט, וואלט איך גאר אנדעריש...

— אויב אזוי, גיי איך פון דאנען... אבער איך וויל ביי אייך בעטן דערלויבעניש צו קומען...

— איר קאנט קומען וויפל אייער הארץ גלוסט. — כאפט זיך אן געניא מיט פרייד. — וויפל איר ווילט אליין... — און זי פירט אים דערוויל צו צום טויער פון קיבוץ, ווו עס שטייט זיין דזשיפ.

פטור געוואָרן פון דעם ענגלענדער! געניאַ לויפט צו זיך אין צימער, ווו עס וואַרט ערנאַ. ער זיצט און לייענט געדולדיק די צייטונג.

געניאַ גיט אַ פלי אַריין אין צימער, אַ דריי אוים די ליכט און זי זיצט שוין אויף זיינע קניעס.

— ליבסטער מיינער! אַנטשולדיק מיר! מען האָט מיך אַוועקגעריסן פון דיר אויף אַזאַ לאַנגער צייט! — פליסטערט זי צו אים. — אָבער איצט וועל איך דיך שוין נישט לאָזן אַליין! איך וועל זיין מיט דיר ביזן...

— געניאַ! — דערהערט זיך יונהס שטים פון דרויסן — וואָס איז געוואָרן מיטן אָפיציר, געניאַ?

אָפיציר! וואָסער אָפיציר? — רעדט געניאַ גלייך ווי פון אַן אַנדער וועלט.

עס ווערט איבערגעריסן דער זיסער פאָדעם, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געצויגן פון איין נשמה צו דער צווייטער... אָפגעריסן האָבן זיך די אָרעמס און די דורשטיקע ליפן, וועלכע וואַרטן אַזוי לאַנג! ערנאַ זיצט איז אַ ווינקעלע אויף דעם שמאָלן בעטל ווי אַ שולדיק יינגל. געניאַ שטייט מיט אַ שולדיקן קאָפּ ביי דער טיר, ווו עס וואַרט יונה אויף איר ענטפער.

— וואָסאַראַ אָפיציר? — קרימט זיך נאָך יונה מיט כעס — ווו האָסטו אים איבערגעלאָזט? ווו איז ער?

— ער איז דאָרט, ווו ער דאַרף איצט זיין. — ענטפערט געניאַ. — איך האָב זיים געשיקט אַהיים, שלאָפן! עס איז דאָך שוין שפעט אַפילו פאַר אַן אָפיציר!

יונה שמייכלט. — וואָס זשע האָסטו מיר נישט אָנגעזאָגט אַז ביסט שוין פטור געוואָרן פון אים? און איך זיץ אין איינע יסורים. דו ווייסט דאָך ווי זיי זענען... די ענגלענדער! מ'טאָר זיי נישט געטרויען. זיי זאָגן איין זאַך און מיינען גאָר אַ צווייטע זאַך! איז דאַריבער — כבדהו וחשדהו! (רעספעקטיר זיי, אָבער זיי זיי חושד)...

נאָך די ווערטער לויפט יונה צוריק אין סעקרעטאַריאַט אַריין, עס וואַרטן אויף אים נאָך געננג אַרבעטן און פראַגעס דאָרט.

און געניאַ איז צוריק ביי ערנאַן אויף זיינע קניעס. עס פלעכטן זיך

שוין ווידער העגט און אָרעמס. עס ווערן צונויפגעגאָסן אָטעמס, ליפּן ווערן צונויפגעבאַקן. די פינצטערניש פון דעם צימער צעשפּרייט איבער זיי גוטמוטיק אירע פליגלען. זי באַשיצט זיי ווי אַ מאַמע. זאָל קיינער נישט זען די הייליקע ליבע פון די צוויי נשמות. זאָל קיינער נישט הערן קיין פּיפּס. זאָל נאָר דאָס צימער און זיין חלל אַריינזאַפּן אין זיך דאָס שטאָנען און דאָס וויינען, דאָס בענקען פון צוויי, וועלכע רייסן זיך אַזוי איינער צו דעם צווייטן.

## פיר און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פּונקט אַזוי, ווי עס האָבן זיך געצויגן די צוויי נשמות איינע צו דער צווייטער, פון גבעת ברענער צו גבעת חיים, אַזוי האָבן זיך געצויגן צוויי אַנדערע נשמות איינע צו דער צווייטער אין כפר וויטקין.

דער אונטערשיד צווישן ערשטן פּאָר נשמות און דעם צווייטן איז באַשטאַנען אין פאָלגנדן: די ערשטע פּאָר האָט זיך געצויגן איינע צו דער צווייטער פון פאַרשידענע קיבוצים, און דאָך געפונען אַ מעגלעכקייט צו זיין צוזאַמען, צונויפגיסן ביידע בענקשאַפטן אין איין שטילן געזאַנג פון הארצקלאַפּעניש. די צווייטע פּאָר נשמות האָט געוווינט אין איין דאָרף. ס'האָט געאָטעמט מיט דער זעלבער לופט, ס'האָט אַרויפגעקוקט צו די זעלבע הימלען, צו די זעלבע שטערן, אָבער פון פאַרשידענע עקן פון זייער איינזאַמקייט. די נשמה פון דעם נהג איז געווען די איינ־זאַמסטע אין דאָרף, די צווייטע האָט זיך געווייקט אין דער אומרואי־קער בלויקייט פון מאַניאַס אויגן. אויך זי איז געווען גענוג איינזאַם, כאָטש זי האָט געהאַט אַ מאַן און אַ יינגל.

און עס האָט פּאַסירט, אַז דער גאָט פון ליבע, וועלכער איז מקדש יעדע ליבע אַבי זי איז אַן אמתע און אַן ערנסטע, האָט זיך דערבאַרימט אויך איבער די צוויי איינזאַמע נשמות. כאָטש זיי האָבן ביידע קיינמאָל ביז איצט נישט גערעדט וועגן ליבע, האָט זיי דער גאָט פון ליבע פּלוצים צוזאַמענגעפירט. מקרב געווען...

און פאסירט האט דאס צוליב א צופאל. צוליב א בריוו... א בריוו, וועלכער האט אין אמתן זייער ווייניק געהאט צו טון מיט זייער ליבע.

דער בריוו, וועלכער האט צופעליק געבראכט די ביידע מענטשן אין אזא נאענטן קאנטאקט, איז געווען געניאס א בריוו, וועלכן זי האט געשריבן פון גבעת חיים.

דעם בריוו האט געניא געשריבן נישט צו מאניאן, נישט צו שמשונען, נאר צו דבורהן, וועלכע האט אים איבערגעלייענט און איבערגעקייעט עטלעכע מאל. נאך דעם האט דבורה באשלאסן, אז עס איז איר חוב צו גיין צו מאניאן און איר אפגעבן א גרוס פון געניאן.

דבורה האט צו ערשט איבערגעגעבן דעם גרוס שמשונען. מיט אים זעט זי זיך כמעט דריי מאל א טאג, דאס הייסט יעדעס מאל בעת דער אמניבוס פון כפר וויטקין פארט אריין אין כפר חירות און שטעלט זיך אפ נעבן דבורהס פענצטער. אבער כדי איבערצוגעבן דעם גרוס מאניאן, האט זיך דבורה געמוזט אויספוצן און טאקע אפשטאטן א ספעציעלן וויזיט.

אייגנטלעך האט זי זיך שוין לאנג געקליבן צו גיין צו מאניאן. זי ווייסט, אז מאניא איז א פארנומענער מענטש, אז מאניא איז אין הגנה, אז זי שטייט נישט זעלטן ביינאכט אויף דער וואך ווי א מאן מיט איר „כלי" אין דער האנט. אז זי איז אין אלערליי קאמיסיעס פון דעם דארפס־ראט. אבער זי, דבורה, איז אויך נישט אבי ווער! אמת, אין אמעריקע איז זי געווען בלויז א קרעמערין, זי האט באדארפט העלפן איר מאן צו־נויפקלאפן די פאר טויזנט דאלאר פאר דעם פרדס. ארויספירן די זין אויפן וועג פון קאריערע. אבער דא, אין כפר חירות, ווייסט יעדער איי־נער, אז אן איר ווערט גארנישט געטון, כאטש זי קאן נאך נישט רעדן עברית.

און אויב זי דערציילט קיינעם נישט, ווייל זי איז נישט פון די רעד־נערקעס, איז אבער קלאר אז זי איז אן איינגעשווירענע! און זי האט זיך נישט געשראקן צו באהאלטן אין איר קיך געווער שים־שפילעכלעך... און ערגעץ־ווו, אונטער דעם שפאניער ווענטל, ווייסט מען אז זי און נישט

אַן אַנדער פרוי מאַכט די „פייפאַקלאַק טים" פאַר די ענגלישע „טאָמים"...

אַלזאָ, איז נישט מער ווי רעכט, אַז אַזעלכע צוויי פרויען, ווי זי און מאַניאַ פון כפר וויטקין, זאָלן זיך באַפריינדען, כאָטש עס איז אַזאַ אונטערשייד צווישן זיי אין עלטער און אין שפּראַך. — זיי האָבן ביי־דע איין פריינט כאָטש דער מענטש האָט צו זיי פאַרשידענע געפילן. איז דען שמשון נישט דבורהס בעסטער פריינט, ווען זי האָט אַנפאַרטרויט די באַהאַלטנסטע סודות וועגן אירע זין? צווייפלט זי אַפילו אויף איין מינוט, אַז איר סוד איז אין גוטע הענט? אַז שמשון וועט אים נישט אַרויסגעבן צו קיינעם נישט אין כפר וויטקין, נישט אין כפר חירות איז זי זיכער! האָט דען שמשון נישט אַנפאַרטרויט איר, דבורהן, זיין טיפסטן סוד, אַז ער ליבט מאַניאַן? איז דען נישט רעכט, אַז זיי ביידע, זי און מאַניאַ זאָלן זיך באַפריינדען?

איז דאַריבער דבורה געגאַנגען מיט זיכערקייט און מיט שטאָלץ אי־בערצוגעבן מאַניאַן דעם גרוס, וועלכן געניאַ האָט געשיקט פון איר קיבוץ צו זיי אַלעמען מיט גרוים ליבע. אָבער נישט דעם גרוס איז דבורה געוועזן אויסן מיט איר אומדערוואַרטעטן פאַר מאַניאַן וויזיט. דבורה האָט דאַ־ריבער, אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן דעם קיבוץ מיטן מושב. דאָס לעבן דאָרט, מאַכט דבורה, איז זיכער לייכטער פון דעם לעבן אין אַ מושב, איבער־הויפּט ווען עס טרעפט עמיצן אַן אומגליק!

— האָבן מיר דען נישט קיין „עזרה הדדית" (קעגנזייטיקע הילף) אין פאַל פון קראַנקהייט? — האָט מאַניאַ פאַרטיידיקט דעם מושב עובדים.

— ווי קאָן מען דאָס פאַרגלייכן מיטן קיבוץ? — האָט זיך דבורה געוואָלט אַרויסצייגן פאַר גאָר אַ פּראָגרעסיווער. — אָט נעמט אַ שטיי־גער דעם פאַל מיט שמשונען.

— וואָסאַראַ פאַל? — האָט מאַניאַ אָנגעשפּיצט די אויערן — וואָס איז שמשון ערגער פון אַנדערע?

— אַזאַ קלוגע פרוי ווי איר, מאַניאַ, זאָלט פרעגן אַזעלכע נאַרישע פראַגעס? — האָט דבורה גוטמוטיק אַ מאַך געטון — איר זענט אַמאָל געוועזן ביי שמשונען אין הויז? איר האָט געזען ווי ער לעבט נעבעך?

מסכן! (נעבעך) אמאָל פלעגט דער מושב שיקן אַ פּאָר מאָל אין וואָך פרויען, וועלכע זאָלן אַרויסהעלפן... איצט איז יעדע איינע פאַרנומען אי־בערן קאָפּ, צוליב מלחמה... דיווירטשאַפט איז איבעראַל אַ פאַרגרע־סערטע. ווען אַ פרוי כאַפּט זיך שוין יאָ אַריין צו אים, וויפל קאָן זי דאָרט אויפטון אין אַ שעה, אַנדערטהאַלבן? ווער האָט עס כּוח גאָר אויס־צושטיין פרומעס מעשיות און קרעכצן? נעבעך! אַזוי אַרבעט ער אָפּ אַ גאַנצן טאָג, קיינער דערלאַנגט אים נישט קיין מאָלצייט. און דערצו טרעפט ער שטענדיק אַזאַ הויז... ווי אַ שטאַל! איך זאָג אייך, מאַניאַ אַ שרעק! אַ שטאַל!

מאַניאַ האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפערלעכער רחמנות צו שמשונען, אַזוי האָבן געווירקט דבורהס ווערטער! זי ווייסט ווי שמשון האָט ליב ציכ־טיקייט! ווי זויבער ער קומט אַרויס צו דער אַרבעט אין זיין מקשר אין די גרעסטע היצן, ווען אַנדערע דאָרפסלייט שמעקן אַזוי נאָך שוויס! הייסט עס, ער ליידט נישט ווייניק פון דעם שמוץ אין זיין הויז, כאָטש ער האָט נאָך קיינמאָל מיט קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעכאַפּט זיך צו באַוויינען זיין גורל?!

מאַניאַ האָט צוגעגרייט די וועטשערע אויף שנעל נאָך דבורהס אַרויסגיין פון איר הויז, געכאַפּט אין איר קערבעלע אַן אַלט הויז־קלייד, כּדי נישט שמוציק מאַכן דאָס ווייסע קלייד, מיט וועלכן זי פלעגט זיך שטענדיק באַווייזן נאָך מיטאָג אין מושב, און זי איז אַוועק צו פרומען, וויסנדיק אַז שמשון איז איצט נישטאָ אין דער היים.

— איך בין געקומען אייך אַרויסהעלפן אַביסל אין דער הויז־אַרבעט!

— האָט זי פריילעך אַ זאָג געטון און אָנגעהויבן אויסצוטון דאָס ווייסע קלייד.

— וואָס גאָר פלוצים? — האָט זיך אָנגערופן פרומע מיט אַ גרין פּנים און מיט אַ גרין מויל פון וועלכן עס זענען אַרויס מאָדנע ווערטער — וואָס זענט איר אויסן דערמיט, מאַניאַ? פשוט טון אַ טובה? וועמען? מיר, צי שמשונען? צי אפשר ווילט איר זיך גאָר איבערצייגן אין דעם, אַז עס איז טאַקע אַ רחמנות אויף שמשונען, נעבעך? איר דאַרפט זיך

נישט פאַרענטפערן פאַר מיר! וואָס זשע, איך ווייס נישט אַז ער גייט אַרום איבערן גאַנצן דאָרף און באַוויינט זיין גורל פאַר יעדן איינעם? אַזאַ נאַר, מיינט איר, בין איך? איך ווייס אַלעס! איך זיץ אין הויז און זע אַלעס! יאָ! יאָ! איר מיינט, אַז איך זע נישט ווי איר גייט מיט שמשונען פון די אַסיפות שפּאַצירן? יאָ! וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? וואָס איך האָב אַלעס אַזוי געטראָפן? איר מיינט, אַז איך האָב קיין אויערן נישט? וואָס? איך הער נישט וואָס דער גאַנצער מושב רעדט? יאָ! איך הער און זע אַלעס! איך בין טאַקע אַ קריפּל, איך ליג טאַקע צו בעט די גאַנצע צייט אָבער איך ווייס וועגן יעדער זאַך וואָס קומט פאָר ביי אונדז אין דאָרף! אַלץ ווייס איך! ביסט נישט גענוג קלוג, אַז זאָלסט מיך איבערכיטרעווען!

די לעצטע ווערטער זענען דערגאַנגען צו מאַניאַן ווען זי איז שוין געווען אין הויף. אין איר ארבעטס-קלייד, האַלטנדיק איר ווייס קלייד אין האַנט איז זי געלאָפן צו זיך אַהיים, אויסמיידנדיק צו קוקן עמיצן פון די כפר וויטקין-תושבים אין פנים אַריין. עס האָט זיך איר געדוכט אַז אירע ציטערנדיקע ליפן גיבן זי אַרויס, אַז איר בלאַס פנים זאָגט עדות צו דעם, וואָס עס איז נאָר-וואָס פאָרגעקומען אויף דעם צווייטן עק כפר וויטקין. גוט וואָס קיינער האָט זי נישט געזען אַריינקומען צו פרומען! גוט, וואָס קיינער האָט זי נישט געזען אַרויסלויפן פון דאָרט ווי אַן אָפּ-געשמיסענע! און פאַרוואָס? נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט געוואָלט העלפן אַ קראַנקן מענטשן צו ברענגען אַביסל ריינקייט אין דער פאַרלאָזענער שמוציקער דירה! זאָל זיין, אַז זי איז געקומען העלפן נישט פרומען נאָר שמשונען! קומט איר אַזאַ באַליידיקונג דערפאַר? איז דען פאַראַן אפילו אַ וואָרט אמת אין דעם טייך מיט שמוץ, וועלכן זי האָט אויסגעגאָסן פון איר גרין מויל אויף מאַניאַן?!

מאַניאַ האָט געזאָטן פון פאַרדרוס. וואָלט עס כאָטש געווען אמת! וואָלט כאָטש אַ צענטל געווען אמת! עס וואָלט איר דאַן נישט געאַרט! ,

מאַניאַ איז געווען צופרידן וואָס קיינער האָט זי אויפן וועג נישט אָפּגעשטעלט, וואָס כפר וויטקין האָט נישט דערקאָנט אויף איר געזיכט וואָס עס קומט פאָר ביי איר אין האַרצן! גוט, וואָס זי האָט גענוג צייט

זיך צו בארואיקן אין דער היים איידער גרשום קומט פון דער ארבעט. האט זי דאריבער געמאכט איר אנשטעל פון שטענדיקער רואיקייט. ווי שטענדיק אן אויסגעפוצטע אין איר ווייס דארפס־קלייד האט זי דערלאנגט די וועטשערע דעם מאן און דעם זון. אבער ווען זי האט פארענדיקט דעם טאג ארבעט און האט זיך געלאזט גיין צו דער אסיפה פון דעם דארפס־ראט, האט זי געפילט, אז אירע בלוטן הייבן נאכאמאל אן צו קאכן אין איר. דארט וועט זי דאך זען שמשונען, דעם, צוליב וועמען זי האט היינט געמוזט אזויפיל אראפשלינגען... צוליב אים... יא! אייגנטלעך איז זי דען נישט געגאנגען מאכן ארדענונג ביי פרומען אין הויז צוליב אים? כדי עס זאל אים זיין מער איינגענעמען צום קומען אהיים נאך דער ארבעט? הייסט עס, אז נאר צוליב אים? וואס זשע איז דאס? בלויז רחמנות צו איינעם וועלכער געפינט זיך אין א נויט? צי?...`עס איז א ליגן! נישט בלויז רחמנות! זי האט אים ליב... איר לעבן ווערט פול מיט אינהאלט ווען זי זעט אים. זי זעט איצט מער נישט מוסיאן... זי זעט שמשונען. בלויז אים. צו יעדער מינוט ווען זי האט צייט צו טרוימען, צו טראכטן...

א גאנצן אוונט, אין דער צייט פון דער אסיפה, האט זי געקוקט אויף שמשונען. מיט אזעלכע ליבנדע אויגן האט זי געקוקט, אז עס איז אים געווארן פריילעך, זיס און ווארעם אויפן הארצן. שמשון האט פארגעסן זיין עלנד, וואס ווארט אויף אים אין הויז, זיינע שבתים פון איינזאמקייט, ווען ער דרייט זיך ארום אין זיין הויז ווי א פארשפארטער הונט. עס רינט אריבער אלע ווערכעם זיין ענערגיע און מען לאזט אים אפילו נישט א זינג טון! ער האט פארגעסן זיינע נעכט ווען ער וויל צעררייסן די לייי־לעבער און די קישנס פון אנהייבארער שלאפלאזיקייט. אלעס האט ער פארגעסן...

מיט דעם זיסן געפיל פון איינעם, וואס האט פלוצים געפונען אן אוצר איז ער געגאנגען צופירן מאניאן צו איר הויז. צום ערשטן מאל זינט זייער באקאנטשאפט האט ער זיך דערפילט אן לשון. שטענדיק פלעגן זיי, גייענדיק צו איר הויז, רעדן וועגן דעם וואס עס איז פארגעקו־

מען אויף דער באַראַטונג. זיי פּלענן רעדן הויך אויף אַ קול, ווייל וואָסאַרע סודות האָבן זיי געהאַט פון כפר וויטקין?

אָבער היינט האָט שמשון דערפילט, אַז פאַרזעצן רעדן וועגן דעם, וואָס עס איז געדעדט געוואָרן דאָרט איז נאַריש און נישט אמת. ווייל דאָס, וואָס עס איז דאָרט גערעדט געוואָרן, האָט היינט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט מיט דעם, וואָס ער האָט געפילט בעת אירע אויגן האָבן געגאָסן אויף אים פון זייער בלויער וואַרימקייט. פון דער וואַרימקייט, וועלכע ער האָט היינט דערפילט, האָט זיך ביי שמשונען אָפּגענומען דאָס לשון. ער האָט זיך געלאָזט גיין אין דער זייט פון מאַניאַס גאַס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זוכנדיק וואָס צו זאָגן. קוקנדיק אַראָפּ צו דער ערד, האָט ער נישט באַמערקט אַז מאַניאַ איז געבליבן שטיין.

— גייסט נישט אַהיים? — האָט ער זי געפרעגט פאַרוואונדערט ווען ער האָט זיך אומגעקוקט. — האָט עפּעס פּאַסירט? — און ער האָט זיך דערנענטערט צו איר.

— קום מיט מיר! — האָט זי בלויז געזאָגט און האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אוועקגעפירט אָן דער זייט פון דעם ברעג ים.

— ביז היינט האָב איך נישט געוווסט... אפשר האָב איך געוווסט, נאָר נישט געוואָלט וויסן? אָבער היינט, שמשון, האָט עפּעס פּאַסירט... איך ווייס איצט, אַז... — און זי האָט אים דערציילט אַלעס וואָס האָט פּאַסירט ווען זי איז געגאַנגען צו פרומען ווייניקן דאָס הויז. און בעת זי האָט גערעדט, האָבן זיי ביידע מאַרשירט אין דער פינצטער פון דער נאַכט איבער די זאַמדיקע בערגלעך און גריבלעך, וועלכע זענען געלעגן אויפן וועג צום ים.

— זאָל זי נישט רעדן אומזיסט! — האָט מאַניאַ געשמייכלט מיט אַ בלאַס שמייכעלע, ווען זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביים ברעג פון איינעם פון די גריבלעך.

מאַניאַ האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע, וועלכע זענען געלעגן ביי אים אויף די קניעס. זי האָט פּרובירט אַריינקוקן אין זיינע אויגן כדי צו זען דאָרט זיין ענטפער.

שמשון איז געווען אַזוי איבעראַשט מיט דער מאָדנער אויפ־פירונג, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון מיט זיך. זיינע לאַנגע שטאַרקע הענט האָבן זיך געצויגן צו איר, זי געוואָלט ארומנעמען. אָבער ער האָט נישט געוואַגט. זיינע ליפּן האָבן געוואָלט קושן די בלויע אויגן פון דער גראַפיניע וועלכע איז אַזוי מילד און גוט צו אים. זיין אָטעם איז געווען הייס. זיין האַלדז טרוקן. עס האָבן זיך געביטן געפילן ווי כוואַליעס, וועלכע פאַלן צו צום ברעג ים. עס ווילט זיך אים זי אויפהייבן און זי אַוועקטראָגן ווייט ווייט, אין אַ פּרדס דאָרט זיך באַהאַלטן מיט איר אונטער אַ בוים ביז איינדערפרי. אָט ווילט זיך אים שטיין פאַר איר ווי אַ געצנדינער אויף די קני און בעטן זי זאָל אים נישט איבערלאָזן, זי זאָל אַזוי האַלטן אירע הענט אויף זיינע אַ גאַנצע נאַכט ביזן פרימאָרגן. זי זאָל זיין מיט אים, ער זאָל זיך נישט דאַרפן איינער אַליין אומקערן צו זיין פאַרשאָלטענער איינזאַמקייט. אָט ווילט זיך אים וויינען און איר דערציילן וועגן זיין שלאָפלאָזן אַרומגערינגלטן מיט צייטונגען און ביכער געלעגער...

פון די אַלע געפילן איז ער אַזוי צעטומלט, אַז ער זיצט ווי אַ גע־פּענטעטער...

מאַניאַ בייגט אָן איר קאָפּ צו אים. איר באַק רירט אָן זיינע. אַזוי וואָלט ער געוואָלט זי זאָל בלייבן זיצן ביזן סאַמע באַגינען. אירע האָר גלעטן אַזוי מילד זיין שטערן.

— וואָס שווייגסטו, שמשון? בין איך אפשר באַגאַנגען אַ פעלער, וואָס איך האָב געוואָלט... — פרעגט זי אַריינקוקנדיק אים אין די שוואַר־צע אויגן, ווו עס שפּיגלען זיך אָפּ די שטערן פון הימל.

אָבער שמשון לאָזט איר נישט פרעגן די נאַרישע פראַגע. אַ פעלער? מאַניאַ קאָן נישט באַגיין קיין פעלער! זי איז געגאַנגען צו אים אַהיים... הייסט דאָס, אַז זי ליבט אים? אפשר איז דאָס רחמנות? פּשוטער מיט־לייד? דער געדאַנק ערגערט אים... רחמנות וועט ער נישט דולדן!

— ביסט געגאַנגען ווייל די „עזרה חדדית" האָט דיך געשיקט? — פרעגט ער.

— עזרה חדדית? — שמייכלט זי איראניש און נעמט ארום זיין האלדז אריינקוקנדיק אים אין פנים אריין.

פון דעם קוק ווערט שמשונען נאך קלארער. פריער האט ער זיך אויך אנגעשטויסן... עס איז אבער שווער צו גלויבן... מאניא האט אים ליב! ער הייבט זי אויף. שטייענדיק קוקט ער א לאנגע צייט איר אין די אויגן אריין. ער הייבט זי דערנאך אויף ווי מען הייבט אויף א קינד און פאר־טראגט זי אין א צווייטן זאמדיקן גריבל. ערגעץ ארום דעם גריבל האבן געוויינט אומעטיקע שאקאלן, ערגעץ האבן געפינטלט אין ים ענגלישע „שומרים"־שיפלעך. עס האבן ערגעץ באקעמפט די פינצטערניש ענגלישע פראזשעקטארן, וואס האבן געזוכט אומלעגאלע אריינקומער אדער אנדע־רע אויסטערלישע זאכן אין דעם אויסטערלישן לאנד. שמשונען און מא־ניאן איז דאס נישט אנגעגאנגען! זיי זענען געזעסן אין א זיסער אומ־ארמונג. אין א הייליקער שטילקייט האבן זיי באוואונדערט דעם נס וואס דער גאט פון ליבע האט געטון מיט זיי; זיי געהאלפן געפינען איינער די צווייטע. אזוי זענען זיי געזעסן ביז וואנען די האנען פון דער דריטער אשמורה האבן אנגעהויבן צו קרייען.

און אפילו ווען זיי האבן זיך צעשיידט, זענען זיי נאך אלץ געווען צוזאמען אין די געדאנקען, אין די הערצער, אין די אטעמס. זיי זענען געווען איינער מיט דער צווייטער אפילו ווען די לאנגע אכזריותדיקע טעג פלעגן זיי צעשיידן. ווו איינער פון זיי איז געווען, אהין האט זיך שטענ־דיק געצויגן מיט דער נשמה דער צווייטער, פון ווייטנס. מיט די אויגן פון דער נשמה האבן זיי שטענדיק געזען אין צענטער פון דעם גאנצן ארום בלויז איינער די צווייטע.

און ווען זיי פלעגן זיך באגעגענען אין דער געהיים פון די נעכט, נאך די אסיפות, פלעגן זיי אין דער זיסקייט פון דעם גליק, שטענדיק בא־דויערן דאס, וואס זיי האבן פארלוירן אזעלכע וואונדערבארע שעהן, טעג און נעכט ביז אין דעם גורלדיקן טאג ווען מאניא איז געגאנגען מאכן זויבער דאס הויז פאר שמשונען.

— מאדנע! — פלעג מאניא רעדן שטיל אריינשמייכלענדיק מיט

אירע ליפּן אין זיינע — ווען נישט דבורה וואָלט מיר קיינמאָל נישט גע-קומען אויפן געדאַנק צו גיין צו דיר אַהיים... ווען נישט דבורה! ווען נישט דער גרוס פון געניאַן! ווען נישט איר בריוו!

## פינף און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

ווען נישט געניאַס בריוו וואָלט אפשר אין גבעת ברענער אויך נישט פאָרגעקומען דאָס, וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען.

און פאָרגעקומען איז אָט וואָס: געניאַס בריוו איז אָנגעקומען צו חיימען גראָדע אין אַן אינדערפרי ווען ראָזאַ האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים אין בלומען־גאָרטן נעבן דעם בית ההבראה.

ווען חיים האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, אַז עס האָבן זיך געפּור־נען די פאַרלוירענע חברים, איז ער געוואָרן אַזוי פריילעך, אַז ער האָט זיך שטיל צעוויינט. אָנכאַפּנדיק ראָזאַן ביי די הענט, האָט ער געמורמלט אַ לאַנגע צייט: — ראָזאַ! ראָזאַצקאַ! ווען איר וואָלט ווויסן וואָס עס האָט פּאַסירט!

— וואָס האָט פּאַסירט, חיים? באַרואיק זיך! — האָט זי אים גע־וואָלט טרייסטן. — אַן אומגליק? זאָג?

אָבער אַנשטאָט צו זאָגן האָט חיים פּשוט געקוקט אויף איר מיט באַוווּנדערונג דורך זיינע העלע טרערן, ווו עס האָט זיך געבראָכן ווי אין אַ בורשטין די גאַנצע וועלט. אַלעס האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעביטן פאַר אים. עס איז געוואָרן אַ לויטערע וועלט, אַ וועלט וואו עס האָבן צוזאַמען מיט די בלומען אין דעם ים פון זונענשטראַלן, געלויכטן ראָזאַס אויגן, אירע ליכטיקע ווי רייפער ווייץ האָר. עס זענען אַוועק די טונקעלע כוואַליעס פון אַמאָל. מיט זיי איז אַנטרונען דער גומענער ראָד אַלע ספּי־קות, צווייפלען און מוראס. חיים האָט זיך דערפילט לויטער, זויבער ווי אַ קינד. ער האָט געוואָלט אָנגעמען ראָזאַן און זיך שפּילן מיט איר אויף דער יבשה ווי עס פלעגן אַמאָל טון קינדוויז ער און זיין שוועסטערל. ער האָט געוואָלט זינגען אויף אַ קול און אויסשרייען: — „ראָזאַ, ראָזאַטשקאַ!

איך בין איצט פריי פון אַלע שרעקן און חלומות, פון אַלע קאָשמאַרן... איך בין איצט אַ מענטש מיט מענטשן גלייך..."

דער געזאַנג האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. ווען עס איז געקומען דער אָוונט, האָט ער נישט געפילט מער קיין אומעט, ניט די אומבאַוווסטזיניקע שרעק ווי אַלע אָוונטן. ער האָט אין דעם אָוונט געגעבן ראַזאַן זיין לעקציע אין עברית לענגער ווי שטענדיק. ער האָט זיך פיל לענגער פאַרהאַלטן מיט איר ביים באַגלייטן זי. אָנשטאָט אַריינצוגיין דערנאָך אין בית התרבות כדי זיך דאָרט „פאַרקלאַפן" דעם קאָפ ביז נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער איר פאָרגעלייגט זיי זאָלן גיין אַביסל שפּאַצירן אַרום דעם קיבוץ. דער שפּאַציר אַרום קיבוץ איז געווען דער גליקלעכסטער אין חיימס לעבן.

קאָן זיין דערפאַר, וואָס בעת זיי האָבן שפּאַצירט, האָבן זיך אָנגערירט פון צייט צו צייט זייערע פינגער. קאָן זיין דערפאַר, וואָס נאָך דעם שפּעטן שפּאַציר, האָט חיים גאָרנישט געזען פאַר זיך אַ חוץ ראָזאַס העלבלויע אויגן, אירע ליכטיקע ווי רייפער צום שניט ווייץ האָר און איר אַביסל אומעטיק שמייכעלע? קאָן זיין, אַז דער אָוונט האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זיין האַרצן ווייל אין יענער נאַכט האָט ער צום ערשטן מאָל נישט געזען קיין חלומות און קיין קאָשמאַרן. אין זיין שלאָף האָט ער געפילט, אַז עמיצער שטייט נעבן זיין בעט און צעשפּרייט די פליגלען אַרום אים, כדי נישט צו דערלאָזן צו אים דעם מלאך פון די בייזע חלומות.

און ווען ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דער, וועלכע האָט צעשפּרייט אירע פליגלען און געוואַכט איבער אים, האָט ער דערזען פאַר זיך ראָזאַס פּנים. פון דעמאָלט אָן איז ראָזאַס פּנים געוואָרן פאַר אים דער סימבאָל פון רו און גליק... ער האָט געזוכט צו זען ראָזאַס פּנים נישט נאָר אין די חלומות, אין די געדאַנקען, נאָר אויך אין דער ווירקלעכקייט. זייערע באַגעגענישן ביי דער אַרבעט זענען פאַר אים איצט נישט געווען גענוג! צוליב די באַגעגענישן מיט ראָזאַן האָט ער איצט נישט געוואָלט איבערבייטן די אַרבעט אין גאָרטן אויף אַן אַנדער אַרבעט, ווי ער האָט פּלאַנירט פריער.

די שעהען, ווען ער פלעג זי לערנען העברעאיש און דערביי הערן פון צייט צו צייט איר הויכן געזונטן געלעכטער זענען איצט געווען צו קורץ פאר אים. די שפאצירן נאך דעם לערנען פלעגן זיי ארויספירן פון דעם קיבוץ, וווּ קיינער האט זיי נישט געקאנט זען, גלייך ווי זיי האבן זיך געהיט פאר עמיצן.

וואס האבן זיי זיך באדארפט היטן? זענען זיי ביידע נישט קיין פרייע מענטשן? פריי צו טון וואס זיי ווילן, פריי צו ליבן איינער דעם אנדערן!

פלעג טאקע חיים איצט זייער אפט טראכטן וועגן ליבע, ווען ער פלעג זיך שפעט לייגן שלאפן אין זיין איינזאמעןביידל. ער האט איצט קיין קאשמארן נישט געזען, ער פלעג זיך מער נישט אויפכאפן אין די עטלעכע קורצע שעהען שלאף, וועלכע פלעגן פארבלייבן נאך די שפעטע שפאצירן ארום דעם קיבוץ. ער פלעג זיך אויפכאפן פון שלאף איצט נאר פון דעם קלאפן פון „שומר לילה״ (נאכטוועכטער)

דאס ביידל וואלט גאר אנדערש אויסגעזען ווען עס לעבט דא א פאמיליע, פלעגט ער אפט טראכטן.

פאמיליע!... פאמיליען־לעבן! — דער געדאנק האט אים געמאכט פריילעך און מונטער. ער האט זיך אנגעשטויסן, אז ראזא וואלט אויך געווען מיט דער זעלבער מיינונג ווען ער וואגט זי צו פרעגן וועגן דעם.

פאמיליען־לעבן — טובים השנים מן האחד! בעסער איז צוויי פון איינעם!

איינמאל בעת זיי האבן געענדיקט זייער שיעור און זיך געגרייט ארויסצוגיין פון דעם ביידל, האט חיים געזאגט: — ראזא! האסטו עמיצן דא אין לאנד?

ראזא האט געשוויגן. זי האט נישט געוווּסט ווי אזוי צו זאגן דעם גאנצן אמת.

— אין לאנד האב איך קיינעם נישט... איך האב געהאט א חתן, אבער ער איז אומגעקומען אויפן וועג אהערצו. בין איך איצט אינגאנצן אליין. איך וואלט געוואלט פארבלייבן אין דעם קיבוץ, עס זענען דא

נישטאָ מיינע פריינט די פּוילישע חברים אונדזערע, אָבער בעסער אַזוי! צווישן פרעמדע האָב איך שנעלער געקאָנט קומען צו זיך.

חיימען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט דערהערט אַ ציטער אין איר שטים. ער איז צו צו איר גאַנץ נאָענט, אַרומגענומען איר קאָפּ, וועלכער האָט געשמעקט ווי דער צייטיקער ווייץ פון זיין בעסאַראַביע און אים צוגעלייגט צו זיין ברוסט מיט גרויס מיטלייד...

— לאָמיר זיך טרייסטן... איינע דעם צווייטן! — האָט ער קוים געפּליסטערט — ווילסטו, ראָזאַ?

ראָזאַ האָט נישט געענטפערט. עס איז נישט געווען נויטיק. חיים האָט דערפילט איר ענטפער אין דער באַוועגונג, מיט וועלכער זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים...

— דו ביסט דער קוואַל פון מיין ערשטער פרייד דאָ אין לאַנד! — האָט ער געפּליסטערט קושנדיק אירע אויגן, אירע ליפּן און דעם שניי־וויסן האַלדז אירן. — דו האָסט מיר געבראַכט מיין רו, מיין פאַרלוירענעם געוויסן. דו ביסט מיין טרייסט! לאָמיר בלייבן דאָ אין דעם ביידל!

זיי זענען געבליבן אין ביידל ביז זייער שפּעט. זיי האָבן גאָרנישט באַשפּראָכן אין יענעם אָוונט. ווען ער האָט זי אָפּגעפירט צו איר וווינונג פון די „רוזקות" האָבן זיי ביידע דערפילט, אַז זיי וועלן לאַנג נישט בלייבן אַזוי ווייט איינער פון צווייטן. זי — מיט די „רוזקות" אין איר „קאַזאַרמע" און ער — איינער אַליין אין זיין ביידל.

נאָך דעם אָוונט, ווען אָן ווערטער איז אַזוי קלאָר געוואָרן פאַר זיי ביידע, אַז זיי האָבן זיך ליב, איז געווען אַזוי פאַרשטענדלעך אַריינצוגיין אין מזכירות און זאָגן אַז זיי ווילן איין צימער, אַז זיי ווילן חתונה האָבן, אַז זיי מוזן וווינען צוזאַמען.

אָבער גראָדע די פאַרשטענדלעכסטע זאַך האָט זיך חיים נישט געאיילט צו טון. האָט ער דען נישט געבענקט נאָך ראָזאַן? נאָך דעם וואָס ער פלעגט זי אָפּפירן „אַהיים" צו די מיידלעך, פלעגט ער שטענדיק פילן אַ ליידיקייט. די שעהען אין דער שטילקייט פון חיימס ביידל, אפילו ווען זיי פלעגן אויסלעשן די ליכט, זענען זיכער נישט געווען גענוג פאַר

חיימען! און דאָך האָט ער זיך נישט געאײַלט צו גיין אין מזכירות און זאָגן: „זאָלסט וויסן זיין, ברודערקע סעקרעטאַר, אַז מיר ווילן זיין מאַן און ווייב! אַז דו דאַרפסט פאַר אונדז מאַכן אַ „מסיבה" רופן אַ רב, פאַרשרייבן אונדז ערגעץ אין דיינע ביכער."

וועמעס פליכט איז צו טון די אַלע זאַכן? נישט דעם „בחורים"? און דער בחור, חיים, האָט עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג... ראָזאַן האָט נישט געפּאַסט צו פרעגן פאַרוואָס ער לייגט עס אָפּ.

אין אַ שיינער לבנה־נאַכט האָט זי זיך נאָכן שפּאַציר אָפּגעזאָגט צו גיין ווי שטענדיק צו חיימען אין זיין ביידל. דאַן איז פאַר איר קלאָר געוואָרן חיימס סיבה פון אָפּציען די חתונה. די סיבה איז געווען אַ פאַר־שטענדלעכע, זי האָט ראָזאַן באַרואיקט. חיים האָט געוואָלט צוערשט צו־פאָרן צו זיין שוועסטער, איבעררעדן מיט איר. זיי זענען דאָך איצט צוויי יתומים אויף דער גאָרער וועלט, ער און זיין שוועסטער! קיין מאַמען, קיין טאַטן! אַוודאי וואָלט ער געוואָלט זיין שוועסטער זאָל חתונה האָבן פריער פאַר אים, כאָטש זי איז יונגער פון אים. אָבער, אויב נישט, זאָל ער כאָטש איר אָנזאָגן וועגן דעם פּנים אל פּנים, נישט כאַפּן און חתונה האָבן און לאָזן וויסן דער שוועסטער אין אַ בריוו!

איז דען נישט פאַרשטענדלעך צו וואַרטן ביז וואַנען ער וועט פאַר־מעלעך, נישט איבעראַשנדיק, אָנזאָגן וועגן דעם זיין גליק? ער ווייסט, אַז ראָזאַ געפעלט געניקן! געניק פרעגט נישט זעלטן אין אירע בריוו וועגן דער שיינער „פּוילישער רויז".

חיים איז אויסן געווען מיט דעם וואַרטן נאָך איין זאַך. אַ חוץ מיט־צוטיילן געניאַן פּנים אל פּנים אַז ער וויל געניאַ זאָל קומען צו זיין „מסיבה", צו זיין חתונה, האָט חיימען נישט געלאָזט רוען נאָך איין זאַך. חיים האָט געוואָלט איבעררעדן מיט געניאַן אויך וועגן דער צייטונג, וועגן וועלכער זי האָט אים געשריבן. אין אמתן, האָט ער געוואָלט זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם אויסשניט פון דער צייטונג, אין וועלכער עס איז געשריבן געוואָרן וועגן די געראַטעוועטע דורך דעם ענגלישן אַעראָפּלאַן, חלוצים.

פון וואנען ווייסט גניק, אז דאס איז ער, דער יעניקער, וועלכער איז אוועק פון גומענעם ראד אין דעם אומבאוווסטן ים אריין? נישט זעלטן שווימט ארויף א מאדנע געדאנק צו חיימען. אבער זיין גליק, אין וועלכן ער האט זיך אנגעהאלטן מיט אלע כוחות, זיין ליבע צו ראזאן, וועלכע האט פון אים געמאכט א נייעם געזונטן מענטשן, פלעג שנעל אפשטופן דעם טונקעלן געדאנק. גניק וואלט נישט געשריבן ווען זי וואלט נישט געווען זיכער! אבער פארוואס שיקט זי אים נישט צו דעם אויסשניט? פארוואס ענטפערט זי כמעט נישט אויף זיין פראגע? האט זי פארלוירן דעם וויכטיקן דאקומענט? דאס איז דאך דער וויכטיקסטער פאפיר איצט פאר אים!

אט־א דער נייגער צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם דאקומענט, וועלכער האט אים ריינגעוואשן אין זיינע אייגענע אויגן, האט געצויגן חיימען צו גניאן. ביז ער האט ענדלעך באשלאסן צו פארן קיין גבעת חיים צו זיין שוועסטער. ער האט זיך אנגענומען מיט כוח, זיך אנידער־געזעצט און איר אנגעשריבן אז ער קומט קיין גבעת חיים איבעררעדן מיט איר וועגן וויכטיקע זאכן.

## זעקס און צוואנציקסטער קאפיטל

כאטש חיים האט גניאן גארנישט געשריבן וועגן דעם וואס באוועגט אים צו קומען צו איר, האט זי דערפילט אז א שווערע צייט רוקט זיך אויף איר מיט זיין קורצן וויזיט. אין אנהויב האט זי גאר חושד געווען אז חיים ווייסט וועגן אירע באציאונגען מיט ערנאן און וויל קומען זי „ראטעווען" פון דער „אומגליקלעכער ליבע"! איז ער דען נישט איר עלטערער ברודער? האט ער דען נישט א רעכט צו טון דאס? ווער נאך ליבט זי אזוי אין דער גאנצער וועלט, ווער ווי איר געטרייער ברודער, וועלכער וואלט זי געוואלט זען גליקלעך פארהייראט? האט ער דען נישט גערעדט וועגן פאמיליע־לעבן מיט אזא טיפן זינען אין זיין שטים אין יענעם שבת, ווען זי איז געווען צו גאסט אין גבעת ברענער?

פון דעם געדאַנק פלעג געניאַן ווערן גאַנץ קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן. וואָס וועט זי אים זאָגן? אַז ער זאָל זיך נישט מישן אין איר פּריוואַטן לעבן? ווייל זי זיך דען צעקריגן מיט איר איין און איינציקן ברודער? ווער־מען נאָך האָט זי אין דער וועלט? זאָל זי אַפּלייקענען אַלעס, וואָס איז דערגאַנגען צו אים? אַפּלייקענען דאָס וואָס איז איר הייליקער פון אַלע־מען אין לעבן? זאָגן אַ ליגן וועגן זיך, וועגן איר ערנאַ און אירע געפילן? דאָס וועט זי בשום אופן נישט טון! טאָ וואָס ענטפערט מען חיימען?

אָבער ווען חיים איז אָנגעקומען האָט זי זיך דערוווּסט אַז די פראַגע וועגן אירע באַציאונגען מיט ערנאַן קומט גאָרנישט אין באַטראַכט! עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז חיים זוכט גאָר אַן אַנדער ענטפער פון איר.

— איך בין געקומען נישט נאָר זען מיין שוועסטערקע, מיין געניק, — האָט ער געזאָגט בעת זיי זענען געגאַנגען מיט איינגעפלאָכטענע אַרום די אַקסלען הענט, ווי קינדוויז — איך בין געקומען זען אויך דאָס, וואָס מיין געניק האָט מיר נישט געוואָלט צושיקן, וויפל איך האָב זי געבעטן, נישט געוואָלט! איך מיין דעם אויסשניט... געניק!

— וואָסאַראַ אויסשניט? — האָט זיך געניאַ געוווּנדערט.

— פון דער צייטונג! האָסט דאָך זיכער באַהאַלטן פונמיינעטוועגן דעם אויסשניט, אויב נישט די גאַנצע צייטונג! — האָט ער געזאָגט, כּאַפּנדיק אַ זייטיקן קוק אויף זיין שוועסטער האָט זיך חיימען אויסגע־וויזן, אַז איר פּנים האָט זיך געענדערט. אַז עס איז בלאָס געוואָרן אויף דער מינוט. אָבער לאַנג האָט דאָס שלעכטע פאַרגעפיל ביי חיימען נישט אָנגעהאַלטן.

— די צייטונג? — האָט זיך געניאַ אַ כאַפּ געטון. — האָב איך דיר דען נישט געענטפערט, אַז זי איז אין שפּיטאָל, ביי פנינהן? איר ייִנגל ליגט דאָך מיט טיפוס. שוין געווען כמעט גוט. האָט זיך פאַר דעם סוף פון דעם קאַראַנטין דער טיפוס אומגעקערט צו אים. ווי קאָן מען אהין אַריינקומען?

— אָבער ווי קומט די צייטונג צו פנינהן, געניק? — האָט חיים

כמעט מיט טרערן אין שטים געוואָלט אויסבייזערן זיך אויף זיין שוועס־טער.

— פאַרשטייסט, חיימקע... אַלעס איז פאַרגעקומען אַזוי שנעל... אין מיטן בייטאָג איז זיאָמאַ קראַנק געוואָרן. גאַנץ פרי וועקט מיך דער שומר לילה, אַז איך זאָל לויפן אין מזכירות צו יונהן! פון מזכירות, נאָך דעם ווי איך האָב מסכים געווען איבערצונעמען פנינהס פליכטן אין בית התינוקות, לויף איך אַריין אין אונדזער צימער. איך כאַפּ אויף שנעל צונויף פנינהס זאַכן. זי קאָן דאָך שוין פון שפּיטאָל נישט אַרויסקומען צו מיר. טיפוס! פאַרשטייסט? טיפוס! און די תינוקות, די פּיצעלעך וואַרטן אויף איר אין בית התינוקות! פנינה איז דאָך נישטאָ דאָרט! האָב איך אין גרויס איילעניש געכאַפּט וואָס עס איז געקומען אונטער די הענט און איינגעוויקלט פנינהס זאַכן. איז ווייזט אויס די צייטונג אויך געווען צווישן די, אין וועלכע איך האָב פאַרטראָגן אירע זאַכן צו דער טיר, זי זאָל זיי פון דאָרטן אַריינגעמען אין שפּיטאָל. פאַרשטייסט, חיימקע? דערפאַר האָב איך נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן אויף דיין פראַגע.

— גלויבסטו אַז מיר וועלן די צייטונג נאָך אַמאָל געפינען, געניק? ווען דער קאַראַנטין וועט זיך ענדיקן? — האָט חיים מיט אַ געפאַלענער שטים געפרעגט.

— דו ווייסט דאָך ווי מען טוט בעת קאַראַנטין, חיימקע? — האָט זי געזאָגט כמעט אין אַ פליסטער.

— מען פאַרברענט! קאָן מען דאָך איידער מען פאַרברענט? — האָט איר ברודער אומבאַהאָלפן זיך אָנגעכאַפּט.

— און אפשר האָט זי שוין לאַנג די צייטונג פאַרנוצט? צעריסן? פאַרברענט? — איז געווען געניאַס ענטפער, מיט וועלכן זי האָט זיך גע־וואָלט באַוואָרענען פאַר דער צוקונפט, ווען עס וועט זיך ענדלעך ענדיקן פנינהס קאַראַנטין און זי וועט אַרויס פון שפּיטאָל צוזאַמען מיט איר זיאָמאַן.

— געדענקסטו נישט אין וועלכן נומער? אין וועלכער צייטונג, געניק?

— עס איז מיר גאָר אַרויס פון קאָפּ אַ קוק צו טון. איך בין דאָך גע

ווען זיכער, ווייל איך האָב די צייטונג באַהאַלטן אין צימער ביי מיר. ווען נישט דער אומגליק... דער טיפוס! איך האָב שוין פּרובירט קוקן ביי אונדז אין ביבליאָטעק צווישן די אַלטע צייטונגען... אפשר זאָלן מיר זיך נעמען ביידע איצט צו דער זאַך, איבערקוקן אַלע צייטונגען פון די לעצטע צוויי מאָנאַטן? נישט אַלע קאָן מען געפינען, פאַרשטייט זיך, אין בית התרבות.

ברודער און שוועסטער האָבן געקוקט אַ גאַנצן אָוונט אין די אַלטע צייטונגען פון בית התרבות. דער ביבליאָטעקאַר האָט זיי געוואָלט העלפן געפינען דאָס, וואָס זיי זוכן, אָבער ווי האָבן זיי אים געקאָנט זאָגן וואָס זיי זוכן?

געניאַ איז געזעסן געדולדיק נעבן איר ברודער. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי העלפט אים זוכן דאָס, וואָס האָט אים באַרואיקט, וואָס האָט אים געמאַכט צוריק פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן. לאַנג איז זי אַזוי געזעסן מיט איר ברודער אין בית התרבות, אָבער ווען איר געדולד האָט געפּלאַצט, האָט זי אים אָנגעהויבן צו רייסן ביים אַרבל.

— עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט און דו האָסט מיר נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן ראָזאַן. זאָג מיר, חיימקע, פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה מיט ראָזאַן? אַזאַ שיינהייט! אַזאַ „פּוילישע רויז”, חיימקע!

— נו און דו, געניק? פּאַסט מיר חתונה צו האָבן ווען מיין שוועס־טערקע...

— דיין שוועסטערקע איז דאָך יונגער פון דיר. זי וויל נאָך וואַר־טן! אפשר וועט דאָך קומען דער פּרינץ? גיי רואיק צו דער חופּה, חיימקע. זאָג מיר נאָר ווען? וועל איך אויך קומען. ווילסט דאָך, אַז איך זאָל קו־מען צו דיין חופּה...

— אוודאי וויל איך, אַז מיין שוועסטערקע זאָל קומען צו מיין חופּה.

— האָט ער געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטים. — דאָך בעט איך דיך, געניק, שיק איבער פּנינהן אַ צעטעלע אין שפּיטאָל אַריין, אַז זי זאָל אי־בערקוקן די צייטונגען.

— וואָס זאָל זי דאָרט זוכן? זאָל איך איר זאָגן, חיימקע, אַז...

— ניין! אַוודאי איז שווער איר צו דערקלערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך! אַוודאי! אַך, געניק, געניק! וואָס האָסטו מיר אָנגעטון? — האָט ער געזאָגט כמעט מיט טרערן אין די אויגן דריקנדיק נערוועז אירע הענט...

אַ שווערע כמאַרע האָט זיך צעשפּרייט איבער חיימס נשמה. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סאַמע אָפּפאָר זיינעם. וויפל געניאַ האָט פּרובירט צו שפּאַסן און צו פאַררײדן אים די ציין, האָט נישט געהאָלפן!

מיט דער שטימונג איז חיים אָפּגעפאָרן. אין זיינע בלויע אויגן האָט זיך אָנגעזען אַ מאָדנע גרינער אָפּשיין, גלייך ווי אַ שטראָם שטורמישע גרינע ים-וואַסער איז אַריינגעראָנען אין זיינע צוויי טייכן אויגן.

געניאַ איז געבליבן שטיין נאָך זיין אָפּפאָר מיט אַ טרויעריקן קוק. זי האָט דערפילט, אַז די אילוזיע, וועלכע זי האָט געוואָלט שאַפן מיט איר בריוו, רינט אויס, ווי עס רינט אויס די לופט פון אַ געפּלאַצטן לופט-באַלאָן...

עס האָט זיך שוין באַרואיקט די זאַמד, וואָס דער אָמניבוס האָט אויפגערודערט. עס זענען זיך שוין צעגאַנגען די קיבוץ-חברים, וועלכע האָבן באַגלייט אין שטאָט אַריין זייערע אייגענע. און זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען צוגעקאָוועט צו איר פּלאַץ, גלייך ווי די שווערקייט פון חיימס געמיט האָט זיך אַריבערגעגאָסן אין איר נשמה.

— וואָס שטייסטו אַזוי, געניאַ? — האָט געזאָגט יונה דער סעקרעטאַר, קלאַפּנדיק זי איבער דעם אַקסל מיט זיין פּאַפּיר. — דו וווּנדערסט זיך וואָס איך וואַקס אויס איבעראַל? וואָס איך בין דאָרט ווו עס זעען זיך חברים? דאָס איז דאָך מיין אַרבעט, קינד! סעקרעטאַר! מזכיר!

געניאַ האָט געקוקט אויף אים פאַרוווּנדערט גלייך ווי זי קומט נאָר וואָס פון אַן אַנדער וועלט. נישט ענטפערנדיק אים קיין וואָרט, האָט זי זיך געוואָלט לאָזן לויפן אין בית התינוקות.

— וווּהין איילסטו זיך אַזוי? — האָט יונה געשמייכלט. — אגב,

געניא, דערוואַרטסטו אַז היינט זאָל קומען דער לייטענאַנט וויטקאָמב? ער קומט איצט גאַנץ אָפט אין קיבוץ אַריין! האָ?

— יאָ, יונה, איך האָב טאַקע געוואָלט רעדן וועגן דעם מיט דיר. איך וויל מאַכן אַ סוף צו זיינע וויזיטן. ער האָט זיך צופיל זאַנאַדיעט. ער נעמט צו ביי מיר צופיל צייט. און דער עיקר... איך האָב מורא פאַר אים, ער זאָל זיך צופיל נישט... פאַרשטייסט יונה, ער איז זייער אַ פיינער מענטש. אַ ריינער מענטש. איך האָב מורא, אַז ער פאַרליבט זיך אין מיר.

— גיב אַ קוק אין וועמען מען קאָן זיך דאָ פאַרליבן! — גיט יונה אַ פאָר איר איבער דער נאָז מיט דעם פאַפיר. און אין קאָפּ גיט ביי אים אַ פלי דורך: „אַזעלכע אויסגעטאַקטע ווייסע פנימער, אַזעלכע אויסגע־טאָקטע הויכע העלדזער זענען געווען נאָר אין די אַמאָליקע גריכישע סקולפּטורן...״

— די צרה מיט די מיידלעך איז, אַז טאָמער איז זי אַביסל ניש־קשה, דאַכט זיך איר אויס אַז יעדער איינער איז פאַרליבט אין איר.

— עס דאַכט זיך מיר נישט אויס, יונה! און איך וויל אַזאַ אָרנט־לעכן מענטשן נישט אַראָפפירן פון דעם וועג! איך וועל אים זאָגן, אַז ער זאָל אויפהערן צו קומען.

— אָבער איידער דו זאָגסט אים דאָס, וויל איך אַז זאָלסט מיט אים כאַפּן אַ שטיקל „פאָר״ אין זיין דזשיפּ. גליובסטו אַז ער וועט היינט דאָ זיין? געדענק, דו וועסט אים בעטן ער זאָל דיר געבן אַ „פאָר״ אָדער ווי זיי רופן עס אַ „רייד״ אין כפר חירות.

# זיבן און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אַ נישט צופרידענע איז געניא אַוועקגעלאָפן אין בית התינוקות צו איר אַרבעט.

זי האָט שוין לאַנג געטראַכט ווי צו מאַכן אַ סוף צו וויטקאָמבס באַ־זוכן, וועלכע זענען געוואָרן גאָר אָפטע לעצטנס. צוליב זיינע וויזיטן מוז זי פאַרציכטן אויף איר לייענען אין בית התרבות. צוליב אים מוז זי

אָפּט אָפּלייגן דאָס שרייבן לידער צו ערנאַן ווען ער איז נישטאָ דאָ. ליי־דער און לאַנגע בריוו, וועלכע זי לייענט אים, ווען ער באַווייזט זיך ענד־לעך נאָך אַ לאַנגער צייט. נישט זעלטן טרעפט זיך אַזוי, אַז פּונקט ווען ערנאַ איז דאָ און זיי גנבענען די זיסע מינוטן אין איר צימער, קלאַפּט מען פון דרויסן און מען רופט זי אין סעקרעטאַריאַט. דאַן ווייסט זי שוין אַז וויטקאָמב וואַרט דאָרט אויף איר. דאָס הייסט אַ שעה צוויי אַרומ־שפּאַצירן אַרום קיבוץ און אויסהערן זיינע פּאַמעלעכע רייד וועגן זיין איינזאַמקייט.

אמת, זי לערנט זיך דערוויילע אויס רעדן ענגליש, ווייל פון בוך קאָן מען נישט רעדן. אָבער צוליב דעם רעדן ענגליש טאָר מען נישט אָראָפּ־פירן פון וועג אַזאַ מענטשן, וועלכער גלויבט אין דיר אַז דו ביסט אַ מלאך.

אָט דער גלויבן אין געניאַן, וועגן וועלכן וויטקאָמב רעדט ביי יעדן באַזוך זיינעם, קאָסט געניאַן נאָך מער געזונט, ווי דאָס צייט־פאַרלירן אויף אירע שפּאַצירן מיט אים. ווען וויטקאָמב הייבט אָן צו רעדן וועגן איר הייליקן פּנים, וועלכעס איז זיכער אַן אָפּשפּיגלונג פון איר ריינקייט און איר תמימות, ווערט געניאַן נאָך מער פאַרדריסלעך און טרויעריק. אמת, זי איז דעם לייטענאַנט גאָרנישט נישט שולדיק, זי דאַרף זיך מיט גאָרנישט פאַרענטפערן פאַר אים, אָבער פאַרוואָס זאָל ער גלויבן, אַז זי איז אַ צדקת, אַז עס איז אין איר נישטאָ קיין טראָפּן ליגן? ווען זי וואָלט געווען אינגאַנצן אַן אמתדיקער מענטש, וואָלט זי אים דען געלאָזט קומען צו איר? וואָלט זי דען אָנגעשטעלט אַ פריינטלעכע מינע? וואָלט זי אים נישט באַדאַרפט זאָגן: „וויטקאָמב! איך לאָז דיך קומען נאָר דערפאַר ווייל עס איז באַקוועם פאַרן קיבוץ וואָס דו נעמסט מיך אין דיין דזשיפּ אויף אַ „פאָר”, אויף אַ „רייד”, ווען איך וויל דאָס, ווען יונה נויטיקט זיך אין עפּעס? ווען זי וואָלט טאַקע געווען כולה אמת, ווי וויטקאָמב טראַכט, וואָלט זי אים נישט באַדאַרפט זאָגן, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי! אַז זי און ערנאַ... אָך! ווען ער ווייסט וועגן דעם! אָבער היינט, ווען ער וועט קומען — וועט נעמען אַ סוף צו די אַלע ליגנס. היינט וועט זי אים זאָגן אַלעס! ער וועט אויפהערן צו קומען.

פֿון דעם געדאַנק איז געניא געוואָרן פֿריילעך. זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען. איר אַרבעט מיט די פּיצעלעך קינדערלעך האָט אָנגעהויבן צו ברענגען אונטער אירע הענט.

עס איז געקומען די שפּעטע נאָכמיטאָג שעה. די מאַמעס מיט די טאַטעס זענען געקומען זיך שפּילן מיט זייערע קינדערלעך אין בית התי־נוקות. טייל האָבן גענומען די קינדערלעך צו זיך אין די צימערן כדי מיט זיי צו פֿאַרברענגען פֿאַרן שלאָפֿן גיין. געניא איז דאַן אַוועק צו זיך אין צימער אריין זיך אַביסל אָפּרוען. זי האָט דאַן דערפֿילט אַ טיפֿע מיטלייד צו דעם בלאָנדן לייטענאַנט, וועלכנס העל־בלויע תמימותדיקע אויגן האָבן שטענדיק געקוקט אויף איר מיט ליבע און מיט טיפֿן גלויבן אין איר ערלעכקייט. אָט אָט קומט ער! וואָס וועט זי אים זאָגן היינט? זאָל זי אים זאָגן אַז זי האָט ליב אַן אַנדערן? פּלוצים, פֿון דער העלער הויט אַרויס: — וויטקאָמבּ! הערט אויף צו קומען צו מיר? איך ליב אַן...

אָבער די געדאַנקען זענען איבערגעשלאָגן געוואָרן פּלוצים דורך דעם קלאַפּ אין טיר. זי האָט שוין געוווּסט אַז דאָס איז יונה. זי האָט שוין געקאָנט זיין קלאַפּ. אַזוי קלאַפּט יונה בעת וויטקאָמבּ זיצט אין מזכירות און וואַרט אויף איר. דאָס קלאַפּן פֿלעג אָנזאָגן געניאַן, אַז דער מזכיר דאַרף פֿון איר עפּעס אַ טובה. אַז זי דאַרף בעטן ביים פֿאַרליבטן לייטע־נאַנט אַ „פֿאָר", אַ „רייד", כדי מיט דעם „רייד" אָפּטון אַ געוויסע שלי־חות. ווען די שליחות וואָלט געווען בלויז פֿאַר יונהן, וואָלט געניא זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פֿון די שליחותן, ווייל וועלכע מען האָט באַדאַרפֿט רעדן בלויז אין געהיים. אָבער זי ווייסט, אַז די שליחות, וועלכע זי נעמט אויף זיך, איז פֿאַרן גאַנצן קיבוץ. און אפֿשר פֿאַרן גאַנצן לאַנד? איז ווי קאָן זי זיך אָפּזאָגן פֿון דעם?

— נו? — האָט געניא ברוגזדיק אַרויסגעשטעלט די נאָז פֿון אונ־טער דער טיר, אונטער וועלכער זי האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָנצוטון
— וואָס איז היינט, מזכיר?

— היינט, קראַסאַוויצע (שיינהייט), וועסטו פֿאָרן אין חירות.

— אין מיין כפר חירות? צו דער מומע דבורה? — האָט געניא מיט

קינדערשער באגייסטערונג אויסגעשריגן — און אין כפר וויטקין, צו מאניאן, נישט?

— דו ביסט נאך גאר א קינד, געניא! — האט יונה געקוקט אויף איר גוטמוטיק און מיט ליבע אין די אויגן. — נאר נאאיווע קינדער קאנען אזוי באגייסטערט ווערן! אבער צוריק צום געשעפט, יפיפיה (שיינ-הייט)! דו וועסט אריינגיין אין צרכניה פון חירות און דארט ביי דעם העריז, דעם אמעריקאנער, נעמען א קארב מיט הינדעלעך פאר אונדזער הינער־הויז. און זע, אז קיינער זאל נישט קריכן מיט די הענט אונטער דעם אויסגעבעטן שטרוי!

„פון יעדער זאך מאכן זיי א סוד אין קיבוץ!" — האט געניא ברוגזערהייט א טראכט געטון. „אפילו פון א קערבל מיט הינדעלעך... אפילו פון דעם שטרוי אונטער די נײ־געבוירענע„"

מיט דעם געדאנק האט זי זיך אויף שנעל אנגעטון, זי איז ארויס צו וויטקאמבען, וועלכער האט אויף איר געווארט ביים סעקרעטאריאט.

דאס ערנסטע פנים פון דעם ענגלענדער איז געווארן פול מיט זונען-שטראלן און שמייכלען, ווען ער האט זי דערזען פון ווייטנס. זי איז גע־לאפן צו אים א שמייכלענדיקע.

„שוין! היינט שמייכל איך צו אים צום לעצטן מאל!" האט זי גע־זאגט צו זיך אין הארצן. דערלאנגענדיק אים איר האנט, האט זי נאכאמאל זיך צעשמייכלט פון דעם געדאנק: צום לעצטן מאל! אוים ליגנס!

— וואס טוען מיר היינט, וויטקאמב? — האט זי געפרעגט נאך דעם ווי ער האט זיך געלאזט גיין מיט איר אין דער ריכטונג פון דעם „גרינעם קרייז". — לאמיר ערגעץ א „פאר טון! הא? עס איז מיר שוין נמאס צו זיצן אין קיבוץ! ליידער איז ביי אונדז אזא מאנגל אין ארבעטס־הענט, אז איך קאן קיין וואקאציע נישט בעטן אפילו אויף א פאר טעג רו!

— נעבעך! איך פארשטיי נישט ווי איר קאנט אויסהאלטן אזא שווערע ארבעט. ביי אונדז אין ענגלאנד וואלט מען אזא ווי איר אנגעטון אין שיפאן און אין זייד, איר געגעבן בודוארן פון זייד און פליוש, די

שענסטע דיוואַנען, אום ווינטער — ברענענדיקע קאַמינען, מען וואָלט געקניט פאַר אייך און געזונגען פאַר אייך ליבע־געזאַנגען...

— גענוג שוין וויצלען זיך, וויטקאָמב! לאָמיר פאַרן ערגעץ...

— פאַרן ווען מיר, געניאַ, וווהין איר ווילט. אָבער איך האָב זיך נישט געוויצלט! איך האָב געמיינט ערנסט דאָס וואָס איך האָב אייך נאָר־וואָס געזאָגט. אייך פאַסט צו זיין אַ פּרינצעסע און נישט...

— וויטקאָמב! איר ווילט מיך אָפּרעדן פון דעם קיבוץ? איך וועל זאָגן דעם סעקרעטאַר פון קיבוץ וועגן דעם. וועט ער אייך מער נישט אַריינלאָזן צו אונדז. — האָט געשפּאַסט געניאַ.

— דאָס איז טאַקע דער איינציקער מיטל מיר צו פאַרשפּאַרן דעם וועג צו אייך, געניאַ! — האָט ער אַ זאָג געטון מיט טרויעריקע קלאָרע אויגן — דער וועג צו מיר וואָס אַ טאָג מער.

— לאָמיר בעסער רעדן וועגן דעם איצטיקן וועג! — האָט זיך גע־מאַכט נישט פאַרשטייענדיק געניאַ — ווייסט איר וווהין מיר פאָרן היינט, וויטקאָמב? ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אַריין בין איך די ערשטע צייט געווען ביי אַן אַמעריקאַנער פרוי. זי וווינט אין כפר חירות נעבן כפר וויטקין. נעבן מיליטערישן לאַגער. איך וואָלט זייער געוואָלט זען אויף אַ פּאָר מינוט דבורהן מיט איר מאַן. און, אגב, וועל איך ברענגען אַ קאַרב מיט ניי־געבוירענע הינדעלעך פאַר אונדזער הינערהויז. וואָס זאָגט איר, וויטקאָמב?

— וווהין איר ווילט, געניאַ. אַבי מיט אייך. — האָט ער ערנסט געקוקט אויף איר.

— איר ווייסט, וויטקאָמב, איך קלייב זיך שוין לאַנג צו רעדן מיט אייך ערנסט. — האָט זי געזאָגט בעת דער דזשיפּ האָט זיך געריסן פאָר־אויס אויף דעם שליאַך פון עמק חיפר ווי אַ לייכטער פויגל.

— איך זוך אויך אַ מעגלעכקייט צו רעדן מיט אייך, געניאַ! איר ווייסט דאָך, אַז איך בין געבליבן אַן איינזאַמער מענטש אין דער גאַנ־צער וועלט. איך האָב אפילו נישט צוליב וואָס זיך אומצוקערן קיין ענג־לאַנד ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן. מיך אַרט נישט דאָ צו בלייבן.

מיר געפעלט דאָס לאַנד. איך זע דאָ זייער שיינע זאַכן. ביבלישע זאַכן, געניאַ! זאַכן, וועלכע מען זעט נישט אין אַנדערע לענדער. מיט דער צייט וועט דאָ נאָך שענער און בעסער, פרייער ווערן.

— פרייער? איר מיינט עס? מען זאָגט דאָך אַז עס ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. די „קוירפיו", די פאַרבאָטן פון אימיגראַציע. ווייסט איר וויפל פון אונדזערע מענטשן קומען אום אויף דעם פאַרשפּאַרטן וועג? וויפל דערקומען נישט? דערגרייכן נישט, ווערן דערטרונקען?...

— לאָמיר נישט רעדן דערפון, געניאַ! איך בין דאָך בלויז אַ שרייפּעלע אין דער גרויסער מאַשין, וועלכע הייסט ענגלאַנד, גרויס-בריטאַניע... איך מוז אויספאָלגן באַפעלן. לאָמיר רעדן וועגן זיך. עס וועט דאָך קומען אַ צייט, ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן. וואָלט איך דאַן געוואָלט דאָ בלייבן. און טאַקע... מיט אייך, געניאַ.

— וויטקאָמב! איך בעט אייך! איר טאָרט מיר נישט גלויבן. איך בין נישט אַזוי גוט, ווי איר מיינט! איך בין נישט דאָס זויבערע קינד, וועגן וועלכן איר מאַכט זיך אילוזיעס, וויטקאָמב!

— געניאַ! אַזעלכע אויגן ווי אייערע קאָנען זיין בלויז די אָפּשפּיגלונג פון אמת, פון הייליקייט!

— וויטקאָמב! איר מוזט אויפהערן צו קומען מיך זען. איך וויל אייך נישט... נאַרן.

— איר מיינט געניאַ, ווייל איך בין נישט קיין ייד?

— נישט דאָס וויטקאָמב! נישט דאָס! איר זענט אַן אָרנטלעכער מענטש, וויטקאָמב. איך ליב אַ פאַרהייראַטן מאַן, וויטקאָמב! איך בין נישט ווערט אייער ליבע, אייער גלויבן אין מיר. אָבער אָט זענען מיר שוין אין חירות!

און געניאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דזשיפּ. זי איז אַריינגעלאָפן אין דער צרכניה פון כפר חירות. הערי, „דער אַמעריקאַנער", האָט שוין לאַנג געדאַרפט זי צומאַכן. ווען נישט די הינדעלעך, וועלכע ער האָט באַדאַרפט אוועקשיקן קיין גבעת חיים, וועגן וועלכע יונה האָט אים טעלעפאָנירט.

— פּאַמעלעך, — האָט דער דיקער הערי געזאָגט באַקוקנדיק דורך זיינע דיקע ברילן פון אַלע זייטן דעם אָפּענעם קאַרב מיט די הינדעלעך — דאָס זענען לעבעדיקע נפשות. פון זיי הענגט אָפּ אַ צוקונפטיקער דור.. פון הינדעלעך... — האָט ער פּאַוואָליע געשמייכלט. — איז פּאַמעלעך מיט זיי!

געניאַ האָט אומגעדולדיק אַ כאַפּ געטון דעם קאַרב און אים אַריינגעשטעלט אין דזשיפּ, וווּ עס האָט געוואַרט אויף איר וויטקאָמב.

— און איצט לאָמיך אויף אַ מינוט אַריינלויפן צו דער, וועלכע איז געווען דאָ מיין מאַמע. — האָט געניאַ אַ זאָג געטון און איז אַוועקגעלאָפן לאָזנדיק נאָך זיך אַ בינטל זונען־שטראַלן פאַר וויטקאָמבן, כאָטש עס איז שוין געווען די גרויע שעה פון צווישן טאָג און נאַכט.

— דבורה! ישראל! מומע! פעטער! — האָט געניאַ אויסגעשריגן מיט פרייד, אַריינלויפנדיק צו דבורהן אין דער נידעריקער הייזקע און פאַלנדיק צו זיי אויף די העלדזער — וואָס הערט זיך, טייערע? וואָס שרייבן די זין אייערע פון אַמעריקע? און די ציגעלעך? שלאָפן זיי שוין?

אָבער נאָך איידער מען האָט איר געקאָנט ענטפערן אויף דעם מבול מיט פראַגעס און אויסגעשרייען, האָט זיך געניאַ פּלוצים אויסגעריסן פון דבורהס הענט: אַ מאָדנע געדאַנק איז פאַרבייגעלאָפן ביי איר אין קאָפּ. אפשר איז דאָרט עפּעס פאַראַן אונטער דעם שטרוי, וווּ די הינדעלעך ליגן? געניאַ האָט נערוועז אויסגעשריגן: — איך מוז לויפן, דבורה, איך מוז! מיינע הינדעלעך! מיינע ניי־געבוירענע... — און זי איז אַרויסגעלאָפן צום דזשיפּ.

געניאַ האָט זיך איינגעקוקט מיט אַ זייטיקן אָבער טיפן קוק אין וויטקאָמבן. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ער זיצט אומישנע אַזוי רויִק, אָן באַוועגונג, כדי זי זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער האָט אַריינגעקוקט טיף אונטערן שטרוי.

— וואָס מאַכן מיינע פּיצינקעלעך? — האָט זי מיט צאַרטקייט געגלעט די הינדעלעך און דערביי געוואָלט טרעפן צי זיי שטייען אויף דעם זעלבן פּלאַץ און אין דער זעלבער פּאָזיציע.

אָבער דאָ איז אַרויסגעלאָפן דבורה, און געניאַ האָט זי באַדאַרפט פאָרשטעלן פאַרן לייטענאַנט.

— קומט אַריין אין הויז וועל איך מאַכן פאַר אייך אַ גוטע אַמעריקאַנער קאַווע! — האָט דבורה געזאָגט אויף ענגליש מיט איר ליטווישן אַקצענט. — איז דען פאַראַן אַ „קוירפיו" אויך פאַרן מיליטער? — האָט זי ביטרע געשמייכלט.

אָבער געניאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין. זי איז נאָך אַלץ געווען אומרואיק. — די הינדעלעך ווילן שלאָפן! — האָט זי געזאָגט און אין קאָפּ ביי איר: אפשר געפינט זיך טאַקע עפּעס אונטער זיי? אפשר האָט וויטקאָמב דאָס געזען? אפשר האָט ער אַרויסגענומען דאָס, וואָס ער האָט דאָרט געזען? האָט איר יונה נישט געלערנט „כבדהו וחשדהו"? גיב זיי אָפּ כבוד, אָבער היט זיי. וואָס האָסטו געטון, געניאַ, ווילדע ציג!

— מילא, צו מיר ווילסטו נישט אַריינקומען. אָבער צו מאַניאַן וועסטו יאָ אַריינגיין אויפן וועג? — האָט דבורה גערעדט צו געניאַן איצט אין יידיש.

— ניין דבורה! סיידן איך וועל זי באַגעגענען אין דרויסן. איך קאָן נישט איבערלאָזן מיינע הינדעלעך אַליין אין דרויסן. — און מיט די ווערטער האָט זיך געניאַ אַריינגעזעצט אין דזשיפּ נעבן וויטקאָמבן.

— הייסט עס, אַז דו וועסט זיך אַפילו נישט קומען געזעגענען מיט איר איידער זי גייט אַוועק אין אַרמיי? — האָט דבורה כמעט נאָכגעשריגן. — מאַניאַ האָט זיך וואָלונטירט!

— מאַניאַ? וואָלונטירט? — האָט זיך געניאַ געוווּנדערט. — פאַרוואָס? עס איז איר מיטאַמאָל געוואָרן אומעטיק אויפן האַרצן. זי האָט אָנגעשטרענגט אירע אויגן כדי צו דערזען פון דער ווייטנס צי עס שטייט עמיצער ביי מאַניאַס טויער. דאַן וואָלט זי געבעטן וויטקאָמבן, אַז ער זאָל אָפּשטעלן זיין דזשיפּ. אָבער איבערלאָזן די הינדעלעך אין דזשיפּ מיט אים, דאָס וועט זי נישט טון. איז דער דזשיפּ פאַרבייגעפאָרן מאַניאַס הויז, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט די ליכט פון דעם עסצימער ווו עס שלאָפט ביינאַכט מוניק.

גענִיאַ האָט זיך קלאָר פאָרגעשטעלט ווי עס זיצן איצט ביים טיש מאַניאַ, דער כמורנער גרשום און מוניק און עסן אָוונטברויט. אָבער זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן די דיקלעכע מאַניאַ אין אַן ענגלישן אוניפאָרם. פאַרוואָס לאָזט זי איבער איר היים?

שווער איז איר געווען צו פאַרשטיין וואָס האָט געבראַכט מאַניאַן צו דער וואָלונטירונג. „וואָס האָט מאַניאַן געבראַכט דערצו?" — האָט גענִיאַ געהאַלטן אין איין איבערקייען מיט אירע געדאַנקען זיצנדיק נעבן וויטקאָמבן און כאַפנדיק אַ קוק צום קאַרב מיט די הינדעלעך אַלע ווײַלע.

אויך וויטקאָמב איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געפילן, וועלכע עס האָט זיך אים היינט נישט איינגעגעבן אויסצודריקן ווי ער האָט געוואָלט. וויפל מאָל ער שטעלט זיך אוים אין קלוגע און גוטע ווערטער זיינע געפילן צו דעם יידישן מיידל! קיינמאָל קומט פון דעם נישט אַרויס קלאָר דאָס, וואָס ער וויל עס זאָל אַרויסקומען. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אויך היינט. האָט דערפאַר וויטקאָמב באַשלאָסן נישט צו רעדן מער וועגן דעם, נאָר איבערלאָזן דאָס אויף אַ צווייט מאָל. אויב זי האָט ליב אַ פאַרהייראַטן מאַן האָט ער דאָך מער האָפענונג! קאָן זיין אַז דער מאַן האָט גאָר ליב זיין ווייב? נאָר זיין ווייב און נישט גענִיאַן!

— אונדזער איבערגעריסענעם געשפרעך וועלן מיר פאַרענדיקן אַ צווייט מאָל! — האָט ער בלויז געזאָגט ווען זיין דזשיפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער פון גבעת חיים.

גענִיאַ איז נאָך אַלץ געווען פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען. וואָס האָט באַוויגן איר עלטערע שוועסטער, אַ מאַמע פון אַזאַ זינגל ווי מוניק, אַ באַלעבאָסטע פון אַזאַ גרויסער און רייכערווירטשאַפט, צו פאַרלאָזן אַלעם און פרייוויליק גיין אין אַרמיי? גענִיאַ האָט זיך שיר נישט געלאָזט גיין אָן דעם קאָרב מיט די ניי־געבוירענע הינדעלעך, אַזוי אַריינגעטון איז זי געווען אין דעם געדאַנק.

— מיינע פּיצעניונקעלעך! — האָט זי אויסגעשריגן אומקערנדיק זיך צום דזשיפּ און צום גוטמוטיק שמייכלענדיקן ענגלענדער, וועלכער

האָט געוואַרט ביז דאָס פּאַרטראַכטע „קינד” וועט זיך דערמאָנען אָן די פאַרגעסענע הינדעלעך.

„די הינדעלעך וואָלטן שוין געקאָנט זיין ערגעץ ווייט, אין זיין שטאָב”, — האָט זי מיט פרייד אַ טראַכט געטון. און, געבנדיק וויטקאָמבן אַ גלעט איבער דער האַנט האָט זי צוגעגעבן:

— גיט זיי אַ גלעט, וויטקאָמב! זיי זענען אַזוי טייער. אַזוי ווייך! ווי פון סאַמעט!

די לעצטע ווערטער געניאַס האָבן ווי סאַמעט געגלעט וויטקאָמבס אויערן בעת זיין דזשיפּ האָט אים אַוועקגעפירט פון דער, אין וועלכער ער האָט זיך אַזוי האַפנונגסלאָז פאַרליבט.

און די, אין וועלכער ער איז געווען אַזוי פאַרליבט, האָט געזוכט אין אירע געדאַנקען ווי אַזוי אים נישט ווייַ צו טון. דאַריבער איז געניאַ געוועזן צופרידן וואָס זייער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן. זי איז געווען זיכער, אַז וויטקאָמב האָט צו איר די בעסטע ליבע־געפילן! מיט אַ מענטשנס געפילן שפּילט מען זיך נישט, אַפילו אויב דו פילסט צו אים נישט דאָס, וואָס ער פילט צו דיר. וויטקאָמב האָט זי ליב! און אפשר איז דאָס בלויז אַ תירוץ? יונהס לערע: „כבדהו וחשדהו” האָט פּלוצים אַרויפגעשווומען און אָנגעהויבן צו קאַלופּען אין אירע געדאַנקען.

קאָן זיין אַז ער האָט אַריינגעקוקט עט אונטן אין קאַרב, אונטער דעם שטרוי? אויב יאָ — וואָס האָט ער דאָרט געזען? אפשר האָט ער אַרויסגענומען פון דאָרט וואָס ער האָט געזען? און אפשר איז דאָרט גאָר־נישט געווען און עס דאַכט זיך איר אויס?

מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז געניאַ אַריינגעלאָפן אין מזכירות, האַלטנדיק דעם קאָרב אין אירע הענט. דאָרט האָבן געוואַרט אויף איר זייער אומגעדולדיק יונה מיט ערנאַ מילאַני. ווען געניאַ איז אַריינגעלאָפן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון צום קאָרב מיט די הינדעלעך. איר האָט מען קיין שום אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט — גלייך ווי נישט זי האָט זיי געבראַכט, גלייך ווי זי עקזיסטירט נישט.

נאָר ווען יונה האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרקען ביי דעם שטרוי, וואָס

איז געלעגן אונטער די הינדעלעך, האָט ערנאַ אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און איינשניידנדיק זיך אין אירע, געזאָגט אָן ווערטער: „גיי, ליבסטע מײַנע, צו דיר אין צימער אַרײַן! דו ווייסט דאָך, אַז איך וועל קומען צו דיר שפּעטער, ווען מיר וועלן דאָ ענדיקן אונדזערע נאַרישע געשעפֿטן!"

האָט זיך געניאַס ליפּ אויפֿגעהויבן אין אַ שוואַכן שמייכעלע, וועל־כעם האָט צוגעזאָגט מער פֿון ליבע־דערקלערונגען און שבֿועות, און זי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דער מזכּירות.

— געניאַ! — האָט איר פּלוצים נאָכגעשריגן יונה — ווי אַזוי איז דורכגעגאַנגען די רייזע? איך מיין צו זאָגן... ביסטו געווען פּאָרזיכטיק מיט די הינדעלעך? האָסטו אים נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט אַרײַנצו־קוקן, זען, וואָס עס טוט זיך אונטער זיי?

— איך ווייס נישט. און אויב יאָ, יונה? — האָט זי מיט שרעק גע־ענטפֿערט. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר אַרויסלויפֿן פֿון דבֿורהס הויז, אָן איר שרעק, אָן איר פֿאַרדאַכט, וועלכע האָבן גענאָיעט אין איר האַרצן יעדעס מאָל ווען זי האָט אַ קוק געגעבן אויפֿן קאַרבּ בעתן פֿאָרן.

— וואָס מיינסטו דערמיט „אויב יאָ"? אַזאַ גרויסע מויד ווי דו ווייסט נישט דעם אונטערשייד פֿון „יאָ" ביז „ניין"? — האָט יונה ערנסט געקוקט אויף איר.

די שיין פֿון דער מזכּירות האָט באַלויכטן יונהס פּנים, וואָס האָט מיט זײַן ערנסטקייט געשראָקן. זי האָט דערזען אין איר פֿאַנטאַזיע אַ שרעקלעך בילד: וויטקאָמב האָט געזען וואָס עס איז געווען דאָרטן. איצט דערציילט ער וועגן דעם אין זײַן שטאַב! אָבער פֿאַרוואָס האָט זי יונה נישט געוואָרנט באַצייטנס? און אפֿשר איז איר גאַנצע שרעק אָן אומ־זיסטע? אפֿשר האָט וויטקאָמב גאָרנישט געזען?

מיט דעם געדאַנק איז געניאַ אַוועק צו זיך אין צימער אַרײַן. אָבער דאָרט האָט זי נישט געקאָנט געפֿינען קיין רו. זי איז אַרויס פֿון דאָרטן און אויף די שפּיץ פֿינגער נאָכאַמאָל צו צום סעקרעטאַריאַט. פֿון דרויסן, פֿון דער פֿענצטער, האָט זי גענוי געזען ווי יונה האָט צוריקגעלייגט די ניי־געבוירענע הינדעלעך אין קאָרב אַרײַן, פֿון אַ גרויסער שיסל. זי האָט

געזען ווי ערנאַ האָט געעפנט אַ גרויסן קאָנווערט, אים אָפּגעטרייסלט פון דעם שטרוי און אָנגעהויבן צו קוקן אין די פּאַפּירן, וועלכע ער האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגן. זי האָט געזען דעם צופרידענעם אויסדרוק אויף ערנאָס פּנים, בעת ער האָט גענומען צעשפּרייטן אויף דעם טיש די פּאַ־פּירן, וואָס זי האָט געבראַכט. זי האָט זיך דערפילט שטאָלץ, זי און נישט קיין אַנדערע העלפט טון אַזעלכע וויכטיקע אַרבעטן. אָבער וואָס טוט מען מיט וויטקאָמבן? — האָט געשניטן אין דעם ריינעם נאַאיוון מוח.

דאָס האַרץ האָט אָבער שנעל באַזיגט דעם מוח. דאָס האַרץ האָט געבענקט נאָך איר ליבסטן. דאָס האַרץ האָט נישט געוואָלט אין דער מי־נוט אַריינלאָזן קיין אַנדערע געפילן אַ חוץ ליבע. עס איז געווען פול מיט ליבע צו איר ליבסטן, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט אין איר צימער, שרייבנדיק צו אים דערווייל לידער פון ליבע, ליידנשאַפט און אומגעדול־דיקער דערוואַרטונג...

## אַכט און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, ווען ערנאַ האָט געענדיקט זיין באַראַטונג מיט יונהן אין מזכירות. די אַלע צייכענונגען, וועלכע גענינאַ האָט היינט צוגעשטעלט צו זיי, זענען געווען פון גרויס וויכטיקייט. גאַנץ פרי וועט זיי ערנאַ אַליין דאַרפן אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין פאַר די קימפּעטאָרינס, דאָרט ווו עס אַרבעטן טאָג און נאַכט „דאָק־טוירים" אין דעם קעלער, הינטער דער וועשעריי, וואַרט מען אויף זיי.

— איך גלויב, אַז דו וואָלסט פריער זיך גוט באַדאַרפט איינטראַכטן צי אַזאַ מענטש ווי דו מעג פאַרלאָזן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט און אַוועק־גיין אין אַרמיי! — האָט יונה געזעגענענדיק זיך מיט ערנאַן, גאַנץ ערנסט געזאָגט.

יונה פלעג אָפט זיין אַביסל אייפערזיכטיק אויף דעם „איטאַליע־נער". פון אים האָבן אָנגעקוואָלן אַ סך פרויען דאָ אין לאַנד! ער האָט גע־האַט דערפאָלג. אַלע יונגע מיידלעך וואָלטן זיך לייכט פאַרליבט אין ערנאַן

ווען ער וואָלט זיי געגעבן די מעגלעכקייט... יונה האָט געהאַט אורזאַכן זיך אָנצושטויסן אַז עפּעס קומט פאַר צווישן אים און געניאַן, איבערהויפּט ווען זיי בלייבן ביז שפּעט ביינאַכט ביי איר אין צימער אין דער פינצ־טער. דאָך האָט ער נישט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז ערנאַס אַוועקגיין אין אַרמיי וועט זיין אַ גרויסע פאַרלוסט צום ענין געוועה! ווער נאָך ווי ערנאַ קאָן אַזוי לייכט צונויפקניפּן אַלע עקן לאַנד, אַלע אונטערערדישע קליי־נינקע פאַבריקלעך, ווו עס ווערט געטון גוטע אימיטאַציע־אַרבעט? ווער קאָן אַזוי שנעל ווי ערנאַ זיך באַפריינדען מיט ענגלענדער? רעדן מיט זיי אַזוי פליסיק זייער שפּראַך, כאַפּן מיט זיי אַ טרונק, אַ קערטל ווען נוי־טיק, אַ שמועס וועגן פרויען און דערביי אָנטאַפּן זייער „דופק”, און ווו עס לאָזט זיך — טאַקע אַ קויף טון „סחורה” פון אַ שיכורן גענעראַל אָדער קאַפּיטאַן.

— די איינציקע טרייסט מיינע איז, וואָס זייענדיק ביי זיי אין אַרמיי, וועסטו קאָנען טאַקע ביי זיי זיך דערוויסן וועגן זייערע „סודות”! און דערביי טאַקע באַקומען פאַר אונדז אַלץ אין וואָס מיר נויטיקן זיך און וואָס מיר וועלן קאָנען נוצן לעתיד לבוא”, אין דער צוקונפט.

מיט די ווערטער האָט יונה צוגעפירט ערנאַן צו דעם קיבוצס „גאַסט־צימער”. יונה האָט זיך געמאַכט כלומרשט נישט וויסנדיק, אַז ערנאַ גייט פון דאַנען צו געניאַן אין צימער אַריין. עס פלעגט אים נישט איינמאָל פאַרדריסן, ווען ער פלעג זיך פאָרשטעלן ווי ערנאַ פאַרברענגט מיט געניאַן אין איר פינצטערן צימער. אין אַזעלכע שעהען פלעג זיך יונה אַריינוואַרפן מיט זיין גאַנצן ברען אין זיינע רעכענונגס־ביכער, אין זיין „סידור עבודה” כדי צו פאַרגעסן די נאַרישע אומבאַרעכטיקטע איי־פערזוכט צום איטאַליענער. ווען דאָס פלעג אויך נישט העלפן, פלעג ער לויפן צו זיך אין צימער אַריין און איבעראַשן זיין מרימען, וועלכע פלעג זיך קיינמאָל נישט דערוואַרטן אויף אים אַ וואַכעדיקע.

„אַזוי שנעל ביסטו היינט געקומען פון סעקרעטאַריאַט?” — פלעג זי זיך וווּנדערן פון איר שלאָף, — „דו גייסט שוין נישט צוריק אַהין היינט? עס זעט אויס אַז דו האָסט חתונה געהאַט מיטן סעקרעטאַריאַט

און נישט מיט מיר. אַפילו אונדזער קינד האָסטו קיין צייט נישט צו זען." — פלעג טענהן פון שלאָף מרים, לאָזנדיק זיך אַרומנעמען פון זיי־נע נייגעריקע הענט.

— קיינמאָל זענט איר, ווייבער, נישט צופרידן! אַפילו ווען דער מאַן רייסט זיך אָפּ פון זיין אַרבעט און קומט צו אייך נאָך אַביסל ליבע!

— האָט יונה שנעל געענטפערט מיט אַ ציטער אין שטים. — אַרבעט, מרים, איז אַרבעט! מזכירות איז שקלאַפעריי! זאָלן שוין אַריבערגיין די צוויי יאָר. אָבער דערווייל... מיינסט אַז איך בענק נישט נאָך דיר, ווען איך זיץ דאָרטן שפּעט?

ער פלעג מיט אַן אויסערגעוויינלעכן ברען אַרומנעמען אין אַזעלכע מינוטן מרימען. זי פלעג זיך אָפּט וווּנדערן פון וואַנען נעמט זיך צו דעם טיכטיקן מזכיר אַזאַ ברען... און זי פלעג מיט האָפענונג טראַכטן וועגן זייער לעבן אין דער צוקונפט, ווען ער וועט זיין אויס מזכיר! בלויז אַ חבר פון קיבוץ, גלייך מיט אַנדערע חברים, נישט קיין סעקרעטאַר! נישט קיין עבד כנעני צום קיבוץ! ער וועט האָבן מער צייט און מער כוח זי צו ליבן דאַן. זיין פייער וועט זיך נישט אויסלעשן...

יונהן פלעג דער ברען באַרואיקן בלויז אויף אַ ווייל. זיינע געדאַנקען זענען געגאַנגען זייער וועג. אַך, ווי גרויס איז געווען דער נייגער צו וויסן פאַרוואָס געניאַ גייט אינדערפרי צום אָמניבוס באַגלייטן ערנאַן מיט אַזאַ אויפגעהויבענעם קאָפּ? גלייך ווי עס איז צווישן זיי גאָרנישט פאָר־געקומען אין דער נאַכט, אין דער פינצטער פון איר צימער! צי איז דאָס אַזאַ ביטערע אָנשטעל, אַז מען זאָל זי אַפילו נישט חושד זיין אין גאָרנישט?

ער פלעג נישט זעלטן ווערן אין כעס אויף איר פאַר די ביטערע שטיק. ער פלעג זיך טרייסטן דאַן מיט אַ שמייכעלע אין הארצן, אַז אָט אָט וועט זיך ענדיקן פנינהס קאַראַנטין אין שפּיטאָל! וואָס וועלן זיי טון דאַן? אָבער ביז דאַן? וואָס קומט פאַר היינט? איצט? אין דעם מאָמענט צווישן דעם איטאַליענער און דער קלאַסישער שיינהייט, פון וועלכער אַלע קוועלן אָן? נישט איינמאָל פלעג זיך יונה אויפהייבן פון בעט און שטילערהייט, כדי נישט אויפוועקן זיין געשמאַק שלאָפנדיקע מרים, זיך

ארויסכאַפּן פֿון צימער, כדי פֿאַרבייצוגיין געניאַס וווינונג. נישט זעלטן פֿלעג ביי אים ברענען אין קאָפּ אַ מאָדנע נייגער צו וויסן ווי אַזוי זעט געניאַ אויס אין דער פֿינצטער פֿון איר צימער, ווען זי ליגט אין ערנאַס אָרעמס. אָבער דאַן פֿלעג זיך אויפֿכאַפּן אין אים דער סעקרעטאַר פֿון קי־בוץ. מיט פֿאַראַכטונג פֿלעג דער מזכיר אויסזידלען דעם נייגעריקן קליינ־לעכן מענטשעלע, וועלכן מען רופֿט יונה. וועלכער וויל וויסן ווי אַזוי אַ פֿרעמד מיידל זעט אויס ווען זי איז ביי אַ פֿרעמדן אין די אָרעמס! וואָס גייט עס דיר אָן, סעקרעטאַר? זי טראָגט אַריין די צאָל אַרבעט וועלכע דער קיבוץ דאַרף האָבן? דאָס איבעריקע — צום טייוול! צום טייוול דער צימער! און יונה פֿלעג זיך פֿאַרדרייען אָן אַ זייט, לאָזנדיק די, וועלכע ווילן זינדיקן, צו זייערע זינד...

אָבער דעם אָוונט, ווען ערנאַ האָט אים אָנפֿאַרטרויט זיין סוד, אַז ער גייט אינגיכן אַוועק אין דער ענגלישער אַרמיי, האָט יונה נישט אי־בערגעלעבט קיין גרויסן ווייטאָג ווען ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען דעם פֿינצ־טערן צימער. קאָן זיין ווייל ער האָט געפֿילט אַז לאַנג וועלן נישט אָנ־גיין די נעכט. קאָן זיין ווייל ער האָט געמיינט אַז דאָס איז די לעצטע אָדער איינע פֿון די לעצטע נעכט זייערע...

ערנאַ אַליין האָט געמיינט, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט, וואָס ער איז צוזאַמען מיט געניאַן. ער האָט אַנדערש נישט געטראַכט. ווען ער איז אַריינגעקומען אין איר צימער, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר בעטל. ער האָט געקוקט אירע צוגעמאַכטע אויגן מיט דער צאַרט־קייט פֿון דעם לעצטן קוש. די צאַרטקייט האָט אויפֿגעוועקט געניאַן פֿון איר יונגן שלאָף מיט אַ מאָדנע זעץ אין האַרצן:

— וואָס האָט פּאַסירט, ליבסטער? — האָט זי אַ פֿליסטער געטון צוציענדיק זיין קאָפּ צו זיך, דערפֿילנדיק אַ געפֿערלעכן אומעט אין האַרץ.

— גאָרנישט, געניק. איך בין דיר געקומען זאָגן „לילה טוב!” גוטע נאַכט!

ווייטער האָט זי אים נישט געלאָזט זאָגן. אירע ליפּן האָבן פֿאַר־זיגלט זיין מויל גלייך ווי זי האָט געפֿילט, אַז דאָס, וואָס ער וויל נאָך

זאָגן איז פול מיט אומעט. זי האָט זיך אויפגעזעצט. ווי אַ ווייסע שלאַנג האָט זי זיך אַרומגעוויקלט אַרום אים ברענענדיק אים מיט דעם ווייסן פּליוש פון אירע הענט און אירע שלאַנקע פיס. ער האָט כמעט פאַרגעסן, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן.

— געניק! געניק! דו מאַכסט מיך משוגע... איך ווער צעטומלט ווען איך בין מיט דיר. איך פאַרגעס, וואָס איך דאַרף דיר זאָגן. — האָט ער געפּליסטערט.

— דו דאַרפסט מיר גאָרנישט זאָגן... איך ווייס אַליין... אַלעס... איך ווייס אַז דו האָסט מיך ליב.

— נישט דאָס געניק. געניק, געדענקסט אַז איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך גיי אַוועק אין אַרמיי?

— און דו געדענקסט אַז איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך וועל דיך נישט לאָזן גיין, ליבסטער?

— אָבער געניק, איך מוז גיין. פּאַסט דען פאַר מיר צו שיקן אַנדערע און אַליין דאָ בלייבן? וואָס וועל איך זאָגן דער וועלט, ווען זי וועט מיך פרעגן פאַרוואָס איך אַליין זיץ נאָך דאָ?

— זאָג דער וועלט, אַז דו האָסט ליב געניקן, — האָט זי גערעדט מיט אַ קאַפּריזנער שטים — אַז דו קאָנסט זיך נישט צעשיידן מיט איר... דו טאָרסט נישט... זי וועט עס נישט אויסהאַלטן, ווען דו וועסט...

— אָבער איך בין שוין... איך בין שוין פאַרפּליכטעט, געניק! שוין פון לאַנג! נאָך ווען איך האָב דיר געזאָגט צום ערשטן מאָל! ווען איך האָב זיך דערשראָקן פאַר מיין ליבע צו דיר! דענסטמאָל בין איך שוין געווען פאַרשריבן אין צעטל. איך האָב נאָר געוואַרט אויף אַן ענטפער. איך האָב געוואָלט, אַז מען זאָל אָנערקענען מיין מיליטערישע בילדונג, וועלכע איך האָב מיטגעבראַכט פון איטאַליע. מען זאָל מיר גיבן אַ הויכן פּאָסטן אין מיליטער. אין אמתן, ליבסטע מיינע, האָב איך זיך נישט געוואָלט צע־שיידן מיט דיר. כ'האָב מורא געהאַט פאַר דער ליבע... עס איז געווען אַ תירוץ אַוועקצורייסן זיך פון דיר! אָבער איצט, איז אָנגעקומען דער רוף און איך מוז גיין. איך מוז, געניק מיינע! איך מוז...

די לעצטע ווערטער האָט ערנאַ אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיל טרויער, אַז גנעניאַ האָט דערפילט די אמתדיקע אומפאַרמיידלעכקייט פון דער זאַך.

— דו מוזט? — האָט זי געשטאַמלט — אָבער איך וויל נישט! איך קאָן נישט אָן דיר! איך...

עס האָבן זיך געפלאָכטן אין קאָנוווּלסיעס און אין קרענקלעכן ענ־טוזיאַזם העגנט און אָרעמס. עס האָבן זיך געפלאָנטערט ווערטער און שטיקלעך ווערטער פון ליבע, נשמה־אויסגעשרייען און אָטעמס, נישט דער־ענדיקטע שטאַנען פון ליפּן מיט ליפּן פאַרזיגלטע, האַלבע געדאַנקען און איבערגעהאַקטע געפילן... אַזוי זענען אַוועק די פּאָר איבערגעבליבענע פון דער קורצער נאַכט שעהען. און אָט איז שוין באַגינען! אָט דאַרף מען זיך שוין צעשיידן. עס וואַרטן אין בית התינוקות די פּיצעלעך קינדערלעך, און מען דאַרף לויפן צו דער אַרבעט. און אָט שטייט שוין נעבן עסצי־מער פון גבעת חיים דער אָמניבוס, וועלכער וועט אַוועקפירן דעם, אָן וועלכן דאָס לעבן האָט גאָר קיין זינען נישט. און אָט שטייען צוויי שוואַר־צע טיפע אויגן פון דרויסן און זוכן די אויגן, וועלכע זענען אינעווייניק, אין אָמניבוס. אָט דערפילט אַ האַרץ זיין גייסטיקן זיווג, וועלכן דער גאָט פון ליבע אַליין האָט פאַר אים אויסדערוויילט. און עס בייגן זיך אַרויס פון דעם אָמניבוס אַ קאָפּ מיט אויגן, וועלכע קריצן זיך איין אין די, וואָס שטייען אין דרויסן. און אַזוי איינקריצנדיק זיך דערמאָנען זיי אַלעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם צימער — אין דער נאַכט און אין אַלע נעכט און אָוונטן. און עס ציען זיך פון אויגן צו אויגן און פון נשמה צו נשמה אָנגעצויגענע סטרונעס, וועלכע שפּילן אויס דעם אומהערבאַרן געזאַנג פון ווייטיק און בענקשאַפט. אַן אומהערבאַר פאַר דער גאַנצער וועלט ליד, וואָס ס'הערן בלויז די צוויי נשמות.

עס רירט זיך דער אָמניבוס. עס ווערן אַוועקגעשלעפּט די אויגן און די סטרונעס... אָבער דאָס געזאַנג פון ווייטיק און פון בענקשאַפט בלייבט אין האַרצן טיף טיף. עס שטייט אַ מיידל און קוקט נאָך דעם וואָלקן פון שטויב, וואָס דער אָמניבוס האָט אויפגערודערט מיט זיינע רעדער.

און ביים פענצטער פון מזכירות שטייט יונה דער מזכיר, וועמענס

רויטלעך־בלויע אויגן עס איסקאפעט קיין זאך נישט. ער זעט גוט, אז אלע באגלייטער פון דעם אמניבוס האבן זיך שוין אומגעקערט צו זייער ארבעטן, נאר געניא שטייט איינע אליין ווי א פארגליווערטע און קוקט אויף דעם וועג, וווהין עס איז אנטרונען דער אמניבוס. וווהין קוקט זי? גלייך ווי אין דער ווייטער צוקונפט אריין, ווו עס איז נישטא קיין צייט, נישט קיין סוף.

יונה גייט צו צו איר פון אונטן און גיט איר א לייכטן קלאפ אין שולטער אריין.

— דענקסטו, אז דער לייטענאנט וועט היינט קומען, געניא? — פרעגט ער אבישל שטיפעריש.

אין אמתן פירט ער א קאמף צווישן צוויי געפילן. ער האט גרויס רחמנות אויף דעם יונגן מיידל וועלכע האט זיך אזוי פארליבט אין ערגאן. דער איטאליענער האט איר שוין מן הסתם געזאגט, אז ער גייט אין דער ארמיי. דערפאר שטייט זי אזוי! יונהס צווייטער געפיל איז קנאה צו דעם גליקלעכן איטאליענער, וועלכער האט אזוי געקאנט איינליבן אין זיך אזא שיינהייט...

— איך ווארט אויף דיין ענטפער, געניא! — זאגט ער און גיט איר א פאר מיט זיין בויגן פאפיר איבער דער נאז.

— איך גיי אין ארמיי! — גיט געניא א שים ארויס, קוקנדיק ערגעץ אין דער ווייטקייט אריין.

— דו גייסט? וואס הייסט דו גייסט? פרעג ציי איך, צי דער קיבוץ וועט דיך לאזן גיין?

— איך פרעג נישט, יונה. ווייל איך בין נאך נישט קיין פולבארעכ־טיקטער חבר פון דעם קיבוץ. — ענטפערט שטאלץ מיט אן אויפגעהוי־בענעם קאפ געניא און גייט צום בית התינוקות.

יונה גייט אריין אין מזכירות ווי אן אפגעשמיסענער. ער גראבט אין דעם רויטן קאפ האר אין די הענט און רעדט צו זיך אליין מיט אנטוישונג:

„אזא משוגעת האט זיי אלעמען באפאלן! מלחמה און ארמיי! און

וואָס וועט טון דער קיבוץ ווען אַלע וועלן אוועק אין אַרמיי? ווער וועט טון די אַרבעט פון קיבוץ? אפשר זאָל איך ווערן אַ „מטפלת" צו די קלייניקע קינדערלעך? צי גאָר אַ נאַם?

## ניין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

קיינער האָט זיך נישט געקימערט פאַר דעם מזכיר פון קיבוץ.

בחורים, מיידלעך, יונגע און עלטערע האָבן זיך וואָלונטירט אין דער ענגלישער אַרמיי אַריין פון אַלע עקן לאַנד... איבערן גאַנצן לאַנד האָט מען מכבד געווען מיט באַנקעטן די אוועקגייענדיקע, כאָטש די סעקרעטאַרן פון די קיבוצים האָבן זיך געריסן די האָר פון די קעפּ אין זייערע גרויסע צרות פון מאַנגל אין אַרבעטער־הענט.

צוליב דעם מאַנגל אין אַרבעטער־הענט האָבן די, וועלכע זענען געבליבן אין קיבוץ געמוזט נעמען אויף זיך פיל מער אַרבעט, נישט זעלטן פאַרטאָפּלטע אַרבעט. די, וועלכע מען האָט מכבד געווען מיט באַנקעטן, האָבן טאַקע באַדויערט, אָבער געטון זייערס. זיי זענען געגאַנגען אין אַרמיי אַריין.

טייל זענען געגאַנגען כדי עס זאָל פאַררעכנט ווערן אויף דעם חשבון פון דעם פּיצעלע ישובֿל, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דרייסיק טויזנט וואָלונטירן. טייל זענען געגאַנגען זיך אויסלערנען פאַרשידענע מלחמה־פאַכן כדי זיי צו געבן אַלס געשאַנק זייער לאַנד, ווען עס וועט קומען די צייט! עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען געגאַנגען ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן קיין אַנדער אויסוועג נישט.

צווישן די לעצטע איז אויך געווען גניא. זי מוז זיך ראַטעווען פון דער גרויסער בענקשאַפט נאָך איר ליבסטן — אין דער אַרמיי! זי קאָן אָן אים נישט בלייבן! אַ חוץ דעם האָט זי געהאַט נאַאיווע קינדערשע האָפענונגען, אַז אין דער אַרמיי וועט זי דאָך קאָנען זיין מיט אים צוזאַמען אַ שטיקל צייט.

ווי נאָר זי האָט באַשלאָסן, אַז זי גייט אוועק אין אַרמיי, האָט זי

אויפגעהערט צו פילן דעם שאַרפן ווייטיק, וועלכן זי האָט פריער נישט געקאָנט באַהאַלטן פון פרעמדע אויגן. זי האָט נאָך דעם זעלבן טאָג אָנגעהויבן צו לאַכן אויף אַ קול און צו שפּאַסן וועגן זיך. די וועלכע גייען אין אַרמיי אַריין, זוכן אַוואַנטורעס, זיי ווילן ווערן לייטענאַנטן און גענעראַלן! — האָט זי געלאַכט. זי איז איינע פון די צוקונפטיקע גענעראַלן! כאָטש זי האָט געשפּאַסט מיט די חברים פון קיבוץ, איז זי אָבער געווען גאַנץ ערנסט אין יענעם טאָג מיטן לייטענאַנט וויטקאָמב.

אויך ער איז געווען בלאַס און ערנסט יענעם טאָג, ווען ער איז געקומען רעדן גאַנץ ערנסט וועגן זיין ליבע צו געניאַן. געניאַ האָט אים פאַרשפּאָרט די מאַטערניש.

— לייטענאַנט וויטקאָמב! — האָט זי אים פּשוט און ערנסט געזאָגט — איר געדענקט, איך האָב אייך געזאָגט, אַז איר טאָרט מיך נישט ליבן... וואָס וועט איר האָבן פון דער ליבע? איך גיי אַוועק אין אַרמיי.

— אין אַרמיי! אין וואָסער אַרמיי?

— אין דער אַרמיי, וווהין יידן וואָלונטירן זיך איצט, וויטקאָמב! בין איך דען נישט קיין...

— נישט איר, געניאַ! איר טאָרט זיך נישט וואָלונטירן! געניאַ! טייערע! איך בעט אייך! איר טאָרט נישט... איך קאָן אייך נאָך היינט צו טאָג ניט זאָגן פאַרוואָס, אָבער איר טאָרט ניט... איך בעט אייך! איך ווייס, וואָס די בריטישע אַרמיי איז. עס איז אַרויסגעוואָרפן, געניאַ! אומזיסט, געניאַ!

אויך וויטקאָמבס ווערטער זענען געווען אַרויסגעוואָרפן, אומזיסט..

געניאַן האָט מען געמאַכט אַ באַנקעט, פּונקט ווי מען האָט געמאַכט אַנדרעע, וועלכע האָבן פאַרלאָזט גבעת חיים. מען האָט געטרונקען טיי און געגעסן מאַראַנצן. גומת, וועגן געניאַן האָט מען מער גערעדט ביים באַנקעט ווי וועגן מאַטילדאַן און אַנדרעע. וועגן איר האָט גערעדט נישט נאָר יונה דער מזכיר, נאָר אויך שלמה דער טראַקטאָריסט און פּנינה, וועלכע איז שוין אַרויסגעקומען פון דעם קאַראַנטין. יעדער איינער האָט גע־

פונען פאַר געניאָן אַ לויב־געזאַנג. יעדן האָט זי שוין אויסגעפּעלט אין קיבוץ.

און פּונקט ווי אין גבעת חיים האָט מען גערעדט וועגן חברים, וועל־כע האָבן פאַרנומען אַ געוויסן פּלאַץ אין קיבוץ, אַזוי האָט מען גע־רעדט אין גבעת ברענער וועגן ערנאָן. אין אַנדערע קיבוצים האָט מען גערעדט וועגן אַנדערע וויכטיקע חברים, וואָס גייען אין אַרמיי אַריין צו־ליבן לאַנד, צוליב דער צוקונפט פון דעם לאַנד.

נישט נאָר אין די קיבוצים האָט מען געמאַכט געזעגענונגס־אָוונטן. אין שטעט און אין קאָלאָניעס איז געווען דאָס זעלבע. אַפילו אין די מושבים האָט זיך שוין געפילט די אָפּוועזנהייט פון די מושבניקעס. נישט נאָר אין דעם מושב, נאָר אַפילו ביי אים אין הויז און אין זיין ווירט־שאַפט. אויך דאָרט האָבן זיך געפונען גענוג פּאַטריאָטן וועלכע האָבן מקריב געווען די ווירטשאַפט און געגאַנגען אין אַרמיי.

כפר וויטקין האָט אויך געמאַכט אַן אָפּשייד־אָוונט. אָבער נישט פאַר אַ מאַן, נאָר פאַר אַ פרוי — פאַר מאַניאַן, וועלכע האָט זיך פּלוצים אין איין שיינעם טאָג פרייוויליק פאַרשריבן אין אַרמיי נישט פרעגנדיק פריער קיין עצה נישט ביים מאַן, נישט ביים זון, נישט ביים דאָרפס־ראַט

ביזן באַנקעט ווי נאָכן באַנקעט האָט מען גענוג גערעדט אין די הייזער פון כפר וויטקין און כפר חירות. מען האָט גערעדט און דערביי זיך געעגבערט דעם קאָפּ, געוואָלט טרעפן פאַרוואָס מאַניאַ גייט אין אַרמיי.

— מאַניאַ וויל ווערן אַ גענעראַלשע! — האָבן געשפּאַסט פרויען, וועלכע זענען איר מקנא געווען.

מאַניאַ איז ביז איצט געווען די איינציקע אַקטיווע פרוי אין דער הגנה פון דעם גאַנצן דאָרף. מאַניאַ האָט שטענדיק געהאַט אַ שמייכעלע אויף אירע ליפּן פאַר אַלע מענער, אָבער די בעסטע ווירטשאַפט אין מושב, די פעטסטע מילך, די גרעסטע הינדיקעס און די שענסטע גרינסן און בלומען זענען געווען ביי מאַניאַן.

— מאַניאַ וועט ווייט אַוועק אין אַרמיי! — האָבן גערעדט ערנסט

מענער, וועלכע זענען מקנא געווען אירע פעאיקייטן אין צונויפשטעלן א רעדע, אויסצודריקן אירע געדאנקען, אין איר חיתוך הדיבור.

— אָבער וואָס הייסט א מאַמע קאָזט איבער א זון, און א ווייב — א מאַן אין דעם עלטער? — האָבן דאָך געגראָבן אין דער שטיל פרויען איינע ביי דער אַנדערער, מיינענדיק אז די צווייטע ווייסט דעם סוד.

נישט ווייניקע פלעגן צוטרעטן צו דבורהן דער אַמעריקאַנערן, צו וועמען אין הויז מ'האָט געזען א פּאָר מאָל אריינקומען מאַניאַן. עס זע־נען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גערעדט, אז מען האָט מאַניאַן באַגעגנט שפּעט אין דער נאַכט אויף די זאַמדן ארום ים... און נישט מיטן מאַן, נאָר מיט שמשונען דעם נהג. טייל האָבן געזאָגט אז זיי האָבן געהערט פון אַנדערע, פון כפר חירות, אז שמשון גייט נישט זעלטן ארויס פון דבורהס הויז, ווּהין עס קומט אויך מאַניאַ. אויך מאַניאַ קומט איצט גאַנץ אָפט צו דבורהן. דאַרף דאָך דבורה וויסן!..

אָבער דבורה האָט גאָרנישט געוווסט. פאַר איר איז דאָס אויך גע־ווען אַן איבעראַשונג. זי האָט געוווסט, אז עס איז א גרויסע ליבע צווישן שמשונען און מאַניאַן. זי האָט אַליין געגעבן שמשונען אַן אָנצוהערעניש, אז ער קאָן זיך באַגעגענען מיט מאַניאַן בייטאָג, ביי איר אין הייזקעלע, ווען ער האָט א פּאָר מינוט צייט צווישן איין אָפּפאָר און דעם צווייטן. זי, דבורה אַליין, פלעגט דאַן פאַרלאָזן די היים און זיין ביי ישראלן אין פּרדס. אָבער וועגן דעם האָט דבורה אירע נייגעריקע שכנות גאָרנישט געזאָגט. שמשונס סוד איז דאָך פאַר איר ווי א שבועה. און אויב שמשונס סוד איז ביי איר טיף באַהאַלטן איז אויך מאַניאַס סוד פאַר איר הייליק.

דבורה האָט געוווסט דעם סוד, אז זיי טרעפן זיך ביי איר אין הייזקע יעדן בייטאָג, אָבער דעם סוד פון מאַניאַס פּלוצימדיקער וואָלונטירונג אין אַרמיי האָט זי נישט געוווסט. זי אַליין האָט זיך נישט ווייניק גע־עגבערט דעם קאָפּ אויף דער רעטעניש, ביז וואַנען זי האָט געפּאַקט שמשונען אויף א גלאָז טיי, אין א פאַרנאַכט איידער ישראל קומט אַהיים פון דעם פּרדס.

— דבורה! איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! — האָט שמשון איר

געענטפערט אויף איר פראגע רייסנדיק זיך די האר פון זיין קאפ. — ווען איך וואלט כאטש אויך געקאנט אוועקגיין אין ארמיי! א סוף! אן עק! הלוואי דערהרגעט מען מיך דארט ערגעץ! אבער ניין! דער דארפס־ראט וויל נישט ארויסלאזן שמשונען אין ארמיי! ווילסט גיין אין ארמיי, שמשון, זאגט דער דארפס־ראט, נעם מיט דיין אינוואליד! וווהין וועל איך זי נעמען, דבורה? וווהין? אין ארמיי? איך וויל זי ארייננעבן אין א שפיטאל, זאגט מען — זי איז נישט גענוג קראנק פאר א שפיטאל! די שפיטעלער זענען צו איבערגעפולט, מען האט נאך נישט אויסגעבויט קיין נייע אין צייט פון מלחמה! וויל איך זי ארייננעבן אין א הויז פון אינוואלידן, דארף מען א צעטל פון דעם דארפס־ראט אז ער גאראנטירט, אז איך וועל צאלן אין צייט. און דער דארפס־ראט וויל אזא צעטל נישט געבן. פון וואנען וועסטו, שמשון, צאלן אויב דו וועסט אוועק אין ארמיי? — זאגן זיי. וועט דאך דער דארפס־ראט דארפן באצאלן פאר דיר! אט אזוי גייט עס, דבורה! מיר האבן זיך נישט וווהין אהינצוטון דא, אין מושב. מענטשן האבן אונדז שוין באגעגנט ביינאכט. ביי טאג ארבעט מען דאך! מיר גייען אוים איינער נאך דעם צווייטן, דבורה! און ביי איר אין דער היים האט זי גענוג אויסצושטיין פון גרשומען...

יא! מאניא האט געהאט גענוג אויסצושטיין פון איר מאן. ער איז געווארן אייפערזיכטיקער פון טאג צו טאג, כאטש ער האט נישט געוווסט צו וועמען און פארוואס ער דארף זיין אייפערזיכטיק. ער איז געווען אייפערזיכטיק צום דארפס־ראט, צו די ווייבער, וועלכע האבן געליבט מאניאן, צו דער „צרכניה", וועלכע פלעג שטענדיק מיט גרוים אינטע־רעס אננעמען אלע אירע עצות ווי אזוי פארגרעסערן, פארבעסערן און באשענערן דעם קאאפעראטיוו.

אבער די גרעסטע פיינען פלעג ער אנטון מאניאן אין די נעכט. דאן, אין דער שטיל, פלעג ער זיך וועלן צערעכענען מיט איר פאר אלע זיינע ספיקות און פארדאכטן, וועלכע ער פלעג איבערקייען ביי טאג אין דער איינזאמקייט פון זיין פעלד־ארבעט.

— דו האסט מיך! — פלעג ער שטיל טענהן ווען זי פלעג זיך מאכן שלאפנדיק

— איך וואלט דיך נישט געהאסט, ווען דו לאזט מיך צו רו! אנדערע מענער אין דעם עלטער האבן מיטלייד מיט זייערע פרויען. מיר זענען דאך אויסגעהארעוועט פון א טאג ארבעט!

— דו ביסט נישט אויסגעהארעוועט! דו ביסט קיינמאל נישט מיד! דו ביסט געזונט אן אייזן! נאר פאר מיר ביסטו כלומרשט אויסגעהארעוועט! פאר דער גאנצער וועלט ביסטו פריש און מונטער. פאר יעדן איינעם וואלסטו געשמייכלט! נאר פאר מיר האסטו איין רוגז...

מיט אזעלכע טענות פלעג ער פארשווענדן די בעסטע שעהען פון מאניאס שלאף. ווען די טענות פלעגן נישט העלפן, פלעג ער נוצן זיין פיזישע אויבערמאכט.

אזוי פלעגן פארביטערט ווערן די נעכט. אין די נעכט פלעגן געבוירן ווערן ביי מאניאן אין הארצן אזעלכע געפילן אז זי פלעג נישט וועלן זען איר מאן, נישט ביים עסן, נישט ביים אויסטיילן, נישט ביי איר ארבעט. די בעסטע שעהען פון איר טאג זענען געווען ווען גרשום פלעג זיין ביי דער ארבעט. דאן פלעג זי קאנען רואיק טרוימען וועגן אירע באגעגענישן מיט איר אמאליקן חתן, מיט איר מוסיאן, וועלכער איז אויפגעשטאנען תחית המתים אין דער פארקערפערונג פון שמשונען... זי פלעג לויפן בייטאג נאך מיטאג זיך זען מיט שמשונען ביי דבורהן אין הויז ווי א יונג מיידעלע לויפט זען איר געליבטן. אבי א קוק טון אויף אים! די פינף מינוט, אדער די צען, ווען זיי פלעגן כאפן א טרונק טיי פון דבורהס טשייניק, זענען געווען די זיסטע אין איר לעבן. זיי האבן געגעבן כוח איבערצוטראגן ביז אוונט, ביז וואנען זיי וועלן זיך באגעגענען ביים דארפס־ראט אדער אין הגנה.

אבער דארט האט מען באדארפט האלטן שטאט! נישט צולאזן אז פרעמדע אויגן זאלן איבערכאפן דאס, וואס די אויגן ווילן ארויסרעדן! דאס דארף מען אפשטופן אויף שפעטער, ווען עס וועט זיך ענדיקן די אסיפה! דאן וועלן זיי צוערשט מאכן דעם אנשטעל אז זיי גייען אויפן

וועג צו גרשומס הויז, דערנאָך וועלן זיי פֿאַרקירעווען צו די זאַמדן, צום ברעג ים. נאָר דאָרט, ווייט פֿון דעם גאַנצן דאָרף האָבן זיי געקאָנט רעדן!

אָבער מער פֿון רעדן האָבן זיי ליב געהאַט צו שווייגן. צוליב וואָס רעדן ווען עס איז אַזוי קלאָר אַלעס? איז דען פֿאַר מאַניאַן נישט קלאָר, אַז ווען שמשון קאָן, וואָלט ער געשיקט פֿרומען אין אַן אינוואַלידן-הויז און וואָלט פֿון דאָרט אַרויסבאַקומען אַ גט פֿון איר.

— אָבער פֿרומע איז נישט פֿון די, וועלכע לאָזן זיך פֿאַרשיקן אין אַן אינוואַלידן־הויז! — זאָגט מאַניאַ. — זי וועט דיך קיינמאָל נישט באַפֿרייען. קיינמאָל נישט! קאָנסטו דען מיט גוואַלד זי פֿאַרשיקן אַהין? זי וועט מאַכן אַזעלכע גוואַלדן, אַז די גאַנצע גאַס וועט זיך צונויפֿלויפֿן, זי וועט אָנווייזן אויף דיר, אַז דו ביסט איר מערדער... דו, טייערער!

ווען מאַניאַ רעדט אַזוי, בייגט שמשון אָן דעם קאָפּ צו איר ברוסט און קניעס. ער וויל דאַן וויינען... ווייל ער ווייסט אַז מאַניאַ האָט אַ געזונטן קאָפּ אויף אירע פּלייצעס. אַז זי פֿאַרשטייט אַלעס! זי זעט אַלעס אַזוי קלאָר, גלייך ווי די זאַכן האָבן שוין פּאַסירט אַמאָל מיט איר. ער ווייסט, אַז פֿרומע איז נישט פֿון די, וועלכע וועלן זיך לאָזן אַריינגעבן אין אַן אַנשטאַלט. ער ווייסט אויך, אַז זי מאַכט אומישנע דעם אָנשטעל אַז זי וויל זיך איבערשניידן דעם האַלדז, כּדי די שכנות אירע זאָלן דערציילן וועגן דעם אין דאָרפֿס־ראַט. כּדי מען זאָל דאָרט ווייסן... זאָל מען דאָרט פֿאַרשטיין אַז פֿון נחת וויל מען זיך נישט נעמען דאָס לעבן. אַז שמשון איז נישט דער צדיק, וועלכן ער „שפּילט" דאָרט, אין דאָרפֿס־ראַט.

ווייסן זיי ביידע, אי שמשון, אי מאַניאַ, אַז איבעריק זענען אַלע זייערע פּלענער. אַז פֿון זיי וועט קיינמאָל גאָרנישט אַרויס. איז צוליב וואָס מאַכן פּלענער? זיי זענען ווי צוויי הירשעלעך, פֿאַריאָגטע אין אַ ווינקעלע פֿון יאַגד־הינט. נאָר אין דעם ווינקעלע, כּל זמן די הינט האָבן זיי נאָך נישט געכאַפּט, קאָנען זיי נאָך זשיפּען מיט דער נשמה... אָבער קיין צוקונפֿט האָבן זיי נישט...

— טאָ לאָמיר בעסער שווייגן! — פֿליסטערט מאַניאַ אַרומנעמענדיק שמשונס קאָפּ.

אַזוי זיצן זיי אויף דעם ראַנד פון זאַמד־גריבל. זיי שווייגן פון ליי־בע, פון לײדנשאַפט, וועלכע געפינט נישט איר תיקון, פון אומבאַהאָלפנ־קייט, וועלכע דאָס לעבן צווינגט אַרויף אויף זיי ביידע.

נישט איינמאָל ווייזט זיך אוים שמשונען אַז ער וועט בייקומען די אומבאַהאָלפנקייט. ער וועט זיין ווי יעדער אַנדער מאַן, וואָס וויל און מוז זיך גטן מיט זיין ווייב, ער וועט זי צווינגען.

— עס איז דאָ אַ שטראָף, אַן אָפּצאָל, פאַר יעדער זאַך! אַפילו זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר דעם עונש, וועט דיר דיין לעבן, דיין שכר נישט באַקומען! דו ביסט נישט פון די מענטשן! דו קאָנסט נישט טון וואָס אַנדערע מענטשן טוען... ווען דו וואָלסט געקאָנט, וואָלסטו שוין לאַנג געווען: אַ פרייער מענטש!...

ווען שמשון הערט די רייד פון מאַניאַס מויל, נעמט ער זי אַרום שטייפער און וויינט פון האָפנונגסלאָזיקייט. אַזוי גייען אַוועק די בעסטע געגנבעטע מינוטן אויף די ראַנדן פון די זאַמד־גריבלעך...

נישט איינמאָל, ווען זיי זיצן אין דער וואַרימסטער אומאַרמונג, זעען זיי ווי עס ווינקט צו זיי אַ ליכטל פון אַן ענגלישן ברעג־היטער. עס דוכט זיך זיי, אַז דאָס ליכטל איז אַן אָנזאָג, אַז עס וועלן דאָך, בדרך נס, קומען אויך פאַר זיי בעסערע צייטן. אָבער ווי אַזוי?

„ווי אַזוי?" — פרעגן ליפּן צוגעדריקטע צו ליפּן. „ווי אַזוי? וואָסאַרא נס קאָן געשען? גלויבסטו אין אַ נס? אין אַ ליכט?"

איינמאָל האָט צו זיי געווונקען גאָר אַן אַנדער ליכטל. אַ ליכטל פון וויַיטנס, פון סאַמע מיטן ים. נישט פון ברעג ים. נישט פון אַ ברעג־היטער. דאָס ליכטל האָט אַ ווונק געטון, אַ צווייטן ווונק, אַ דריטן ווונק, און אויס.

— מען ווינקט צו אונדז, שמשון! — האָט מאַניא געזאָגט צודריקנ־דיק זיך צו אים.

— ווער ווינקט? אפשר ווייזט זיך דיר אוים? — האָט ער געזאָגט.

ער האָט נישט געוואָלט אָפּרייסן זיין גוף פון איר וואַרעמער ווייבקייט.

— עס דאכט זיך מיר נישט, שמשון! איצט איז קלאר! זיי האבן דעם צווייטן מאל געגעבן די סיגנאלן... מעפילים, שמשון!

עס רייסן זיך אפ ארעמס פון ארעמס. זיי לויפן ווי איין שאטן צום דארפס-ראט.

— זאלן זיי אונדז זען צוזאמען, אבי מיר זאלן זיי ראטעווען! — רופט אויס מאניא.

זיי לויפן שוין באזונדער, שנעלער. זיי וועקן שוין די וועכטער פון דער „הגנה”. עס ווערט א טרעוואגע. מען כאפט ארויס א שיפל פון ערגעץ, מען שלעפט עס. מען לויפט צום ברעג. דאס שיפל לאזט זיך ארויס אין ים אריין. מען בלייבט שטיין אומגעדולדיק און מיט א ציטער אין הארצן אויפן ברעג. וועט מען זיי אריינברענגען איידער דער ענגלענדער כאפט זיך אויף פון שלאף?

אבער דער ענגלענדער שלאפט נישט דאס מאל. ער מאכט זיך בלויז שלאפנדיק, תמעוואטע מאכט ער זיך. ער ווארט בלויז ביז וואנען דאס שיפל וועט שוין זיין אין סאמע מיטן ים — דאן גיט ער מיטאמאל א צעשפרייט זיינע פליגלען, זיינע פאכערס, פראזשעקטארן איבערן גאנצן ים. און מען זעט אן קלאר. ווי אויף דער האנט, דאס שיפל און די שיף, וועלכע שטייט אין מיטן ים און ווארט נעבעך אויף א נס...

פארפאלן! עס צעלייגן זיך איצט פאכערס נאך פאכערס פון פראזשעקטארן-ליכט-שטראמען. דער גאנצער ים איז באלויכטן. קיינער קאן נישט אויסמיידן גרויס-בריטאניע! — זאגן די פאכערס אן ווערטער. עס הערן זיך סירענעס איבערן גאנצן ים, עס דוכט זיך אז זיי שרייען מיט א קוויטשיקער שטים: „כאפט זיי, די יידעלעך! זיי קומען אריין אין אונדזער פאלעסטיין! זיי מיינען, אז מיר גיבן זיי שוין אוועק דאס לאנד! כאפט זיי, די יידעלעך! כאפט זיי!”

מען כאפט זיי. מען כאפט די מעפילים. מען כאפט אריין די גאנצע שיף. מען ברענגט זי אין לאגער פון חירות פון דער ים-זייט. קיינער קאן נישט ארויס און נישט אריין צו זיי.

ווי אפגעשמיסענע קערן זיך אום צו זייערע היימען די כפר וויטקין

לייט, טאַטעס און זין... נישט באַוויזן הײַנט אויסצוקויפן די „שבֿויִים“, די פאַרשקלאַפטע פון הײמלאָזיקייט!

און אומעטיקער און אַנטווישטער גייען איצט שמשון און מאַניאַ אויפן וועג צו איר הויז. זענען דען זיי נישט שולדיק אין דעם? אפשר צוליב זייער זיצן צו לאַנג אויף דעם ראַנד פון דעם זאַמד־בערגל האָבן פאַרשפעטיקט די כּפר וויטקין לייט? שולדיק! שולדיק!

— שלעכטע צייטן, מאַניאַ! — פּרובירט שמשון רעדן — ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן זיי און זייער אַכזריותדיקייט, פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס אונדזערע חבֿרה וואָלונטירן זיך. פאַרוואָס דו, מאַניאַ? צוליב דעם ענגלענדער, צוליב דעם רשע? אפשר קאָנסטו נאָך צוריקדרייען, מאַניאַ?

אָבער מאַניאַ ווייסט גוט, אַז ווען מען שרייבט אונטער אַ פּאַפּיר קאָן מען שוין נישט צוריקדרייען.

— מיר טוען דען דאָס צוליב זיי, שמשון מײַנער? מיר טוען דאָך דאָס צוליב אונדזער לאַנד! צוליב דער צוקונפט. עס וועט קומען אַ צו־קונפט, שמשון! אפשר וועלן מיר זי נישט דערלעבן, אָבער זי וועט קומען! און עס וועלן קומען שיפן פון אַלע עקן וועלט, היימלאָזע וועלן דאָ רעדן אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. זיי וועלן אָבער זינגען איין ליד, דאָס ליד פון דעם אַהיימקומען, פון שיבֿת־ציון... זיי וועלן קומען צו זייער היים, וועלכע וועט שטיין פאַר זיי מיט אָפענע טויערן און מיט אָפענע אָרעמס. זיי וועלן זינגען פון ווייטנס און מיר וועלן זיי קומען אַנטקעגן מיט דעם זעלבן ליד. מיטן ליד פון אַ פרײַ פאָלק, שמשון... פון אַ פרײַ לאַנד! אויב נישט מיר, איז די קינדער אונדזערע, שמשון!

## דרײַסיקסטער קאַפּיטל

„אויב נישט אין אונדזער דור, איז אין אונדזערע קינדערס דור וועט אונדזער לאַנד ווערן אַ פרײַ לאַנד!“ — אָט דער געדאַנק איז געווען אין יעדנס קאָפּ, אין יעדנס האַרץ בעת עס האָבן זיך געלאָזט גיין פון קיבוץ־

צים, פון מושבים, פון שטעט די פרייוויליקע, די וועלכע קיינער האָט נישט געוואָלט מאָבילי‌זירן לכתחילה, די וועלכע האָבן זיך אַליין איינגעבעטן, אַז מען זאָל פון זיי מאַכן אַ בריגאַדע.

מיט דעם געדאַנק אַז יעדער גאַנג וועט ערגעץ פאַרצייכנט ווערן, אַז יעדער קרבן וועט ערגעץ־ווו פאַררעכנט ווערן אויפן וועג צו דער פרייהייט פון יידישן פאָלק און פון יידישן לאַנד, האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער איינציקע זין פון טאַטעס און מאַמעס, צעבאַלעוועטע טעכטער פון זייערע אייגענע, מאַמעס פון קינדער...

נישט לייכט איז געווען זיך אָפּצורייסן פון דעם איינגעזעסענעם ווינקעלע, וועלכעס מען האָט אַליין געזען אַלס מדבר, פון וועלכן עס איז אין משך פון פילע יאָרן אַרבעט מיט גרויסער מי געוואָרן פּרדס, גאָרטן, פעלד, קינדער־היימען, אַ ביבליאָטעק — מיט איין וואָרט דאָס, וואָס מען רופט היים.

עס איז געווען נישט לייכט זיך צו געזעגענען מיט דער היים.

איז טאַקע דערפאַר ארומגעגאַנגען מאַניאַ אַ דערשלאָגענע דעם לעצטן טאָג. די שכנות אירע, די פרויען פון כפר וויטקין, האָבן איר געוואָלט העלפן איינפּאַקעווען די זאַכן, דאָ — אַניי טון, דאָ — אַ פּרעס טון, דאָס — פּאַריכטן, דאָס — פּאַרמאַרעזשען. אָבער מאַניאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט געגוג צייט. זי וועט זיך אַליין ספּראַווען! וואָס איז די בהלה!?

מאַניאַ האָט געוואָלט זיין אַליין, גאַנץ אַליין, דעם לעצטן טאָג. אָן קיינע שטערונגען קוקן אויף די הינער, אויף די הינדעלעך, וועלכע האָבן זיך אויף אירע אויגן אויסגעפּיקעט פון די אייער. באַטראַכטן די הינדיקעס, וועלכע זי האָט אַליין אויסגעהאָדעוועט, וועלכע דרייען זיך איצט אַרום ווי באַלעבאַטים איבערן הויף און גיבן זייערע באַפעלן צום גאַנצן פליגל־פאָלק.

שווערער פאַר אַלץ איז געווען פאַר מאַניאַן אַריינצוגיין אין דעם לעצטן בין השמשות אין שטאַל אַריין צו מעלקן דאָס לעצטע מאָל אירע בהמות. יעדעס קעלבעלע איז איר געווען ווי אַן אייגן קינד. אַליין מיט אירע הענט האָט זי דאָס אַרויסגענומען פון דער מאַמעס בויך, אַליין

עס אָפּגעוואַשן, אַליין געפּילט אויף די הענט דאָס וואַרימע בלוט, וואָס קניפּט אַזוי צונויף מאַמע מיט קינד.

בשעת זי האָט געהאַלטן די וואַרימע אָנגעפּולטע מיט מילך איי־טערס, האָבן זיך געגאָסן שטילע טרערן פון אירע אויגן, טרערן וועלכע זי האָט שנעל אָפּגעווישט כדי זיי זאָלן נישט אריינפאַלן אין איר מילך אַריין, אין דער פעטסטער און בעסטער מילך פון דאָרף.

און בעת זי האָט צוגעגרייט די וועטשערע, האָט דער זעלבער אוּ־מעט גענאָיעט אונטערן לעפעלע. אפשר איז דאָס די לעצטע וועטשערע וואָס זי מאַכט אין איר לעבן?

האָסטו מורא, מאַניאַ? — האָט זי זיך אַלע ווײַלע געפרעגט. נאַ־רישקייטן! ווען איך וואָלט מורא געהאַט, וואָלט איך דאָך נישט גע־גאַנגען! און דאָך — האָט גענאָיעט אונטערן האַרצן אַזוי, אַז די הענט האָבן זיך צו גאָרנישט גענומען. האָסט חרטה, מאַניאַ? — האָט זי זיך אַ פרעג געטון בשעת זי האָט דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש. אָבער זי האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן צו זיך אַליין.

איין זאַך האָט זי געוווסט! עס איז דער גרעסטער רחמנות איבער־צו לאָזן שמשונען אַליין. אָט דער גרויסער ריז, אָט דער שמשון הגיבור, האָט אַזוי געוויינט פאַר איר נעכטן, אַז ווען זי קאָן, וואָלט זי איצט... בלויז צוליב אים, געבליבן. בלויז צוליב אים. ער איז דער איינציקער, ווענען זי וועט דאָ אויספּעלן. גרשום וועט זיין צופרידן ווען דאָס מיידל פון טערקיי, וועמען מאַניאַ האָט „איינגעבראַכן" אין דער ווירטשאַפט, וועט אים מיט גרויס רעספּעקט דערלאַנגען דאָס עסן. זי וועט אים דער־לאַנגען זיין וועש פאַרן דוש און מאַכן זויבער דאָס הויז. גרשום וועט זיך באַרואיקן ווי נאָר זי וועט אָפּפאָרן. ער וועט אויפהערן צו זיין איי־פערזיכטיק צו יעדן איינעם אין מושב. ער ווייסט אַז אין דער פרויען־אַרמיי זענען פאַראַן בלויז פרויען! אַז אין אַן אַרמיי לעקט מען קיין האָניק נישט.

און מוניק? וואָס פילט מוניק? האָט מאַניאַ געטראַכט אַ גאַנצן אָוונט, ברענגענדיק אין אָרדענונג דאָס הויז, געבנדיק די לעצטע אָנוויי־

זונגען דעם מיידל וועגן דערווירטשאַפט. פון מוניקן האָט זי קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסקריגן דעם גאַנצן אָוונט.

זי האָט אים אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, אויסגעבעט אויף דעם דיוואַן פון עסצימער דאָס געלעגער. זי האָט אים נאָכאַמאָל געוויזן ווי אַזוי ער זאָל אין דער צוקונפט מאַכן זיין געלעגער כדי ער זאָל ביינאַכט זיך נישט אַראָפּגליטשען. און דאַן האָט מוניק אַזוי געזאָגט צו איר:

— וואָס ביסטו היינט מער אומעטיק ווי שטענדיק? דו ווילסט דאָך דאָס? דעם כבוד? ביי דיר איז דאָך כבוד דער עיקר! ביז איצט האָט מען געשריבן בלויז אין די היגע צייטונגען וועגן מאַניאַן פון כפר וויטקין! פון איצט אָן וועט מען וועגן מאַניאַן שרייבן אין אַלע יידישע צייטונגען אין דער וועלט... וועסטו דאָך האָבן דאָס, וואָס דו ווילסט! איז וואָס אַרט דיך, וואָס דער טאַטע בלייבט אַליין? וואָס איך בלייב אַליין. וואָס איך וועל זיך אַראָפּגליטשען פון דעם דיוואַן?...

די ווערטער האָבן קאַראָבעט אין האַרצן ביי מאַניאַן אַ לאַנגע צייט. בעת זי האָט איינגעפּאַקעוועט איר וואַליזע, האָט זי זיי איבערגעקייט.

כבוד־ כבוד! זוך איך דען דעם כבוד? — האָט זי זיך געפרעגט מיט וויטיק.

און דער וויטיק האָט נישט געלאָזט גיין שלאָפן. גרשום איז שוין עטלעכע מאָל אויפגעשטאַנען פון זיין בעט פון זיין ערשטן אָדער פון צווייטן דרעמל. איר דערמאַנט אַז זי זאָל גיין שלאָפן.

— אָט אָט איז שוין אַריבער די נאַכט! — האָט ער איר דערמאַנט.

אָנשטאָט צו גיין צו זיך אין שלאָפצימער איז מאַניאַ אַריין אין עס־צימער, אָנגעצונדן אַ קליין ליכט און זיך געזעצט אַנטקעגן איר שלאָפנ־דיקן מוניק אויף אַ שטול. אַך! ווען זי וואָלט אים געקאָנט איצט קושן און האַלדזן, ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ פּיצל קינד! אָבער ווי קאָן מען דאָס טון צו אַן אויסגעצויגן יינגל, וואָס איז שוין אַזוי הויך ווי די מאַמע. ער וועט זיך אויפכאַפּן און וועט דיך אָנקוקן ווי מען קוקט אָן אַ משוגענע... מאַניאַ איז געזעסן און האָט געקוקט אויף דעם קלייענדיקן מאָגערן פּנימל פון מוניקן. און קוקנדיק אַזוי האָט זי אים געזען מיט

אירע געדאַנקען אין אירע דערינערונגען פון דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן. זי האָט איצט נאָכאַמאָל געפילט דעם ווייטיק פון דאַן ווען דער פאַרשלאָפענער ניי־געבוירענער מוניק האָט נישט געוואָלט זויגן דעם וואַרימען פעטן אוצר מילך, וועלכן זי האָט פאַרמאָגט אין זיך. אירע בריסטן פלעגן אָנגעשוואָלן ווערן פון מילך און ער האָט געדרעמלט און נישט געוואָלט זויגן. אך! זיין ערשט ציינדעלע, וועלכעס זי האָט דערפילט אויף איר ברוסט. די ציינדעלעך, וועלכע האָבן געקלאַפּט אין דעם לעפעלע! אך! ווי זיי פלעגן ביידע לאַכן דערביי, זי און מוניק!

און זיינע ערשטע טריט אין קיך צווישן איין שטול און דער צווייטער! און מיטאַמאָל איז ער אַוועקגעלאָפן איבערן הויף. זיין פליוסקען זיך אין דער קאָריטע פון די בהמות, זיין טאַפּטשען זיך אין דער בלאָטע ביי דער קאָריטע מיט די פיסלעך! אך, ווי זי האָט אים אויסגעפוצט ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל אַוועקגעפירט אין קינדער־גאָרטן! זי האָט אים געמוזט אויספוצן! קיין שיינער איז מוניק קיינמאָל נישט געווען. אינגאַנצן אין גרשומען. אַזוי איז דאָס לעבן! דו טרוימסט וועגן איין זאַך און עס וואַקסט אַרויס אַן אַנדער זאַך! דו האָסט געוואָלט געבוירן אַ קינד צו מוסיאַן, אין קינד זען דיינע אַוועקגערויבטע חלומות, און עס איז אַרויס אַ קאָפּיע פון גרשומען. און וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ נעענטער איז ער צום פאָטער. קאָן זיין אַז ער וועט זי נאָך אַמאָל פאַרשעלטן? האָט ער איר נישט געזאָגט אַ פּאָר מאָל, בעת קיינער איז נישט געווען אין הויז: „איך שעם זיך פאַר מיינע חברים מיט אַזאַ מאַמע! איז דען געהערט געוואָרן, אַז אַ מאַמע זאָל איבערלאָזן איר זון? איר מאַן? און אַוועקלויפן אין קריג אַריין... גלייך ווי מען דאַרף זי דאָרט..."

אך, מוניק, מוניק! אפשר ווען דו וועסט אַליין ווערן אַ מאַן, וועסטו פאַרשטיין ווי שווער עס איז מיר צו בלייבן דאָ? איך וויל זיך אָפּרייסן פון שמשונען. איך מוז! וועל איך דאָס קאָנען? וועט די צייט אונדז ביידע אויסהיילן פון דער חולאת, וועלכע מען רופט ליבע? אַזאַ רחמנות אויף שמשונען! אפשר וועט די צייט אונדז אויסהיילן פון דער ציִעניש איינער צו דער צווייטער און מיר וועלן קאָנען ווידעראַמאָל לעבן אין אונדזער

מושב רואיק ווי אַלע מענטשן. אַך, מוניק, מוניק! ווען דו וואָלסט וויסן ווי עס איז שווער פאַר אַ מאַמען זיך צעשיידן מיט איר ייִנגל, וועמען זי האָט אַליין אויסגעטראָגן אין זיך? זײַ מילד צו מיר, מוניק! זײַ!...

לאַנג האָט מאַניאַ שטיל געוויינט זיצנדיק אַנטקעגן איר שלאָפנדיקן ייִנגל אין דער פינצטער. דערנאָך איז זי אַרויסגעלאָפן אין הויף. אַרײַן אין שטאַל און געגלעט די וואַרימע בהמות מיט איר ווייכער האַנט אײַנגעאָטעמט דעם ריח פון שטאַל מיט בענקשאַפט. דערנאָך איז זי אַרײַן צו די קעלבעלעך. גלעטנדיק זיי האָט זי געטראַכט: אַזוי גלעטן מוניקן קאָן איך נישט — טאָמער וועט ער זיך אויפכאַפּן! אפשר וועט פון דעם גלעטן אַריבער צו מוניקן דער מאַמעס געדאַנק? אפשר וועט זיך בײַ אים אויפעפענען דאָס האַרץ און ער וועט פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב אים געמוזט איבערלאָזן אַליין... אויף אַ ווײַלע...

אויף אַ ווײַלע? און אפשר... אויף שטענדיק? — מיט דעם געדאַנק איז מאַניאַ אַרומגעגאַנגען איבער אַלע ווינקעלעך פון אירווירטשאַפט און זיך געזעגנט מיט זיי. אַך! דאָס מאַראַנצן־ביימל אונטער מוניקס פענצטער! צוזאַמען מיט מוניקן איז עס אויסגעוואַקסן! מאַניאַ האָט זיך געווישט די הענט אין דער ראָסע פון דעם ביימל און געטראַכט: אפשר וועט דאָס ביימל, מוניקס ברודערל, איבערגעבן מוניקן דעם אמת וועגן איר אַוועקגיין אין אַרמיי?

עס האָבן שוין געקרייעט די האָנען דעם פאַרבאַגינען־קריי זייערן. מאַניאַ האָט זיך שוין כמעט אָפּגעזעגנט מיט יעדן ווינקעלע פון איר מושב, מײַן מושב! אַליין געזען אים פאַרוואַנדלט ווערן פון אַ זומפּ אין אַ פּרעכטיקן רײַכן דאָרף! פּלוצים האָט זי זיך דערמאַנט אָן עפּעס. זי איז אַרײַנגעלאָפן אין הויז אַרײַן, אַ כאַפּ געטון איר „כלי" און איז אַוועק מיט אונטערשטע וועגן צום בית עולם. „איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין דיר, מאַמע!" האָט זי געפּליסטערט — „איך גיי אַוועק אין אַזאַ ווײַטן וועג אַרײַן... מאַמע!" — זי האָט זיך אויף אַ מינוט צוגעדריקט צום קאַלטן נאַסן שטיין פון דער מצבה, גלײַך ווי געזוכט בײַ אים שוץ און הילף... „קאָן זײַן אַז איך באַגיי אַ נאַרישקייט, מאַמע... די גרעסטע נאַ־

רישקייט?" — עפּעס האָט אַ ביס געטון אין האַרצן. אַ נאַרישקייט? זי האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים פּאַמעלעך.

ערגעץ אין די זאַמדן האָבן נאָך געוויינט שאַקאַלן מיט זייער נאַכ־טיקן געוויין. עס האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט ערגעץ אין אַ נעסט אַ פאַר־זאָרגטע מוטער־פויגל מיט אַ פרימאָרגן־ליד אין מויל.

און אָט איז שוין אַ רויטער פּאַס אין דעם מזרח, וועלכער טיילט אָפּ די ערד פון הימל; נאָכט פון טאָג. אָט ווערט דער פּאַס ברייטער און ברייטער. אָט צעשפּרייט ער זיך איבערן גאַנצן מזרח און עס ווערט מיטאָ־מאָל טאָג! און אָט דאַרף מען שוין אויפשטיין און גיין צו דער אַרבעט. און עס ווערט אַ סומאַטאָכע ביי מאַניאַן אין הויז. היינט וועט גרשום אַרויסגיין צו דער אַרבעט שפּעטער. היינט וועט דאָס מיידל צוזאַמען מיט די שכנים מעלקן די קי. היינט איז דאָך דער טאָג, ווען זי פאָרט אָפּ!

פאָרט זי טאַקע אָפּ? איז דאָס אַזוי פּשוט? אַלע טוען זיך אָן היינט אָן אַיין וואָרט. אפילו מוניקן האָט מען היינט נישט באַדאַרפט וועקן. אַליין אויפגעשטאַנען אין צייט, זיך אויף שנעל אָנגעטון. קיינער קאָן נישט טרינקען, עסן איז שוין אָפּגערעדט. מאַניאַ רירט זיך נישט צו צו דער גלאָז טיי, וועלכע דאָס מיידל פון טערקיי האָט איר אָנגעגאָסן.

אָט נעמט מאַניאַ אַזוי פּשוט איר וואַליזע און גייט אַרויס פון דעם הויז „צוואַנציק יאָר געוווינט אין דעם הויז! מאָדנע, ווי שווער עס איז זיך צעשיידן מיט אַ הויז!" — גיט אַ פלי ביי מאַניאַן אין קאָפּ. „אַ הונט בינדט זיך אויך צו!" — פאַרענטפערט זי זיך אין האַרצן. צי אפשר איז דאָס מורא? נאַרישקייטן! וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט?

און אָט פאַלט איר אויג אויף מוניקס קלייענדיקן פּנים... קינדעלע! ווי שנעל דו ביסט אויסגעוואַקסן! טראַכט זי, פאַרוואָס האָב איך דיך אַזוי ווייניק געקושט, ווען ביסט געווען אַ קליינער? אַזויפיל צייט אָנגעװוירן! פּאַסט דען היינט צו קושן זיך מיט אַזאַ גרויסן בחורעץ, ווי דו?

מען קושט זיך טאַקע נישט. קיינער נישט! אָט קומט צו דער אָמני־בוס. שמשון איז כלומרשט פאַרנומען מיט די פּעקלעך פון זיינע פאָרער. ער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט נישט וואָס עס קומט פאָר ביים

אָמניבוס. אָבער פֿאַרוואָס איז זיין פּנים אַזוי בלאַס? רחמנות אויך אויף אים! עס קומען נישט פֿאַר קיין געזעגענונגס־סצענעס. מען גיט זיך פּשוט די הענט, מאַמע, מאַן, זון.

— זאָלסט העלפֿן דעם טאַטן, מוניק! — זאָגט מאַניאַ שטיל פֿון דעם פֿענצטער פֿון אָמניבוס און שמייכלט שוואַך.

און אַט שלעפּט זי שוין דער מקשר אַוועק פֿון אַלעמען, וואָס זי האָט אויפֿגעשטעלט אין איר לעבן דאָ, אין כּפר וויטקין. וווהין פֿירט זי דער מקשר? ערגעץ ווייט? צום שליאַך? און פֿון דאָרט? — אין אַ שטאָט וואָס הייסט חיפה און פֿון דאָרט אין בריטישן מיליטערישן לאַגער פֿאַר פֿרויען. און פֿון דאָרט? אין מלחמה! וווהין? אין אייראָפּע צי אין מדבר אַריין? און דאָרט? טויט?...

— אייל זיך נישט, מאַניאַ, — גיט איר שמשון אַ פֿליסטער ווען אַלע פּאַסאַזשירן לויפֿן אַרויס פֿון מקשר, כּדי וואָס שנעלער פֿאַרכאַפּן פּלעצער אין די אָמניבוסן וואָס גייען קיין תּל־אָביב און קיין חיפה — אייל זיך נישט! איך האָב באַצייטנס באַשטעלט אַ פּלאַץ פֿון דיינעט־וועגן. וואַרט דאָ! — און ער קוקט אויף איר מיט אַזאַ בלאַסן אומעטיקן פּנים, אַז זי וויל אים אַ גלעט טון.

זי שטייט אין אַ זייט און וואַרט. אָט קומט צו דער אָמניבוס וואָס פֿאָרט קיין חיפה. זי וויל זיך איילן. אָבער שמשון ווינקט איר, אַז זי זאָל בלייבן שטיין. איז ער דען נישט דער פֿאַרבינדער צווישן כּפר וויט־קין און דער אויסער וועלט? איז דען נישט זיין פֿליכט צו זאָרגן פֿאַר זיינע כּפר וויטקין לייט, אַז זיי זאָלן געפֿינען גוטע זיצפּלעצער אין אַלע אָמניבוסן וואָס לויפֿן פֿון ביידע זייטן שליאַך? איז דען נישט זיין פֿליכט אַלס מקשר צו זאָרגן אויך פֿאַר מאַניאַן? זיין מאַניאַן? איז זי דען נישט זיינע? מיט איר גאַנצער נשמה? ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן און זי וועט זיך אומקערן וועט זי זיין זיינע אויף שטענדיק! ער וועט מוזן גע־פֿינען אַ וועג, אַז זי זאָל ווערן זיינע אויף שטענדיק! ער וועט זי זען דאַן נישט נאָר אין די געגאַנווועטע מינוטן, וועלכע זויגן אַרויס דעם כּוח און מוח! דאַן וועט זי זיין זיינע בייטאָג און ביינאַכט! ער וועט זי זען גאַנץ

פרי נאָך איידער זי כאַפּט זיך אויף פון שלאָף! ער וועט זי זען ביינאַכט, ווען זי וועט שלאָפן רואיק און שטיל. ער וועט אָפן גיין מיט איר שפּאַצירן שבת בייטאָג אין די ווייטע פעלדער. דאַן וועט ער צוריק ווערן אויס שאָפער, אויס נהג — נאָכאַמאָל ערד־אַרבעטער, פאַרמער, מושבניק! זיי וועלן ביידע, צוזאַמען, דאַן אָנקוועלן פון די מאַראַנצן און פון די טאָמאַטן און פון די בלומען. זיי וועלן האָבן אַ גרויסן גאָרטן פול מיט בלומען גוּן טאַקע דאָ, אין דאָרף. פאַרוואָס נישט? איז דען גט נישט קיין יידישע זאַך? וויפל יידן גטן זיך און האָבן נאָכאַמאָל חתונה?

שמשון וואַרט נישט מיט די אַלע געדאַנקען אויף שפּעטער. אַט זעצט ער אויס אַלע זיינע פּאַסאַזשירן. אַט זעצט ער אַריין מאַניאַן אין אָמניבוס אין דער ערשטער ריי, ביים נהג. אַט זעצט ער זיך צו נעבן איר. דער אָמניבוס רירט זיך.

מאַניאַ וויל פרעגן פאַרוואָס ער גייט נישט אַרונטער צו זיין מקשר, אָבער זיין קוק לאָזט נישט. זיין קוק ווייזט אָן אויף דעם „במקום" (אַנשטאָט), וועלכן דער „אגד" האָט צוגעשיקט צום שליאַך.

— דאַרף אַ נהג נישט האָבן אַביסל אָפּרו פּונקט ווי אַנדערע מענטשן? — פּליסטערט שמשון.

— איך פאָר זיך אָפּרוען אויף אַ פּאָר טעג! — שרייט ער אויס צו זיינע פּאַרוווּנדערטע באַקאַנטע. — איך בין מיד!

אַזוי פּשוט רעדט ער מיט די באַקאַנטע, כאָטש ער זיצט נעבן מאַניאַן און פילט איר באַוווּנדערונג.

אָבער די באַוווּנדערונג אירע הייבט זיך ערשט אָן ווען דער אָמניבוס קומט אָן קיין חיפה. עס צעלויפן זיך די פּאַסאַזשירן. דער אהין, דער אהער. און זיי בלייבן אַליין. ער נעמט איר וואַליזע צום טאַקסי, וועלכער פאַרשלעפּט זיי ערגעץ ווייט ווייט, אויף אַ באַרג, פון וועלכן עס זעט זיך אָן די גאַנצע שטאָט, דער גאַנצער ים.

— ווי געפעלט דיר די „פּאַנאָראַמע"? — שמייכלט שמשון ווען זיי שטייען ביידע גויף אַ באַלקאָן וואָס קוקט אַרויס צום ים. — און פון דער צווייטער זייט וועלן מיר קוקן אויפן כרמל! זעסט?

אַט אַזוי קוקן זיי ביידע אין אַ מאָדנע זיסער כאַטש אַביסל טרויערי־קער אומאַרמונג אַ לאַנגע צייט, און מיטן העלן טאָג, אַנטקעגן דער זון, אָן מורא.

— זאָל די גאַנצע וועלט זען, מאַניטשקאַ, אַז דו ביסט מיינע. אַז דו האָסט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט, פֿאַר קיינעם!

— פֿאַר קיינעם? פֿאַר קיינעם? אָבער פֿאַר זיך, שמשון? האָסטו נישט מורא פֿאַר זיך אַליין? פֿאַר דער שטראָף? גלויבסטו נישט, אַז די שטראָף גייט אונדז נאָך. אַז זי וועט אונדז אָניאָגן?

— פֿאַרגעס וועגן די אַלע נאַרישקייטן, מאַניטשקאַ! — בעט ער מיט אַ ציטערדיקער שטים. — אונדזער צייט איז אַזוי קורץ! לאָמיר אויס־שעפּן אַלעס איינער פֿון דעם צווייטן, מאַניטשקאַ...

— לאָמיר, שמשון! לאָמיר... — פֿליסטערט זי מיט רחמנות אין זיינע אָרעמס און זי קושט אים מיט אַ מאָדנע מילדקייט און ברייטהאַר־ציקייט, אין וועלכער עס איז פֿאַראַן אַזויפֿיל מיטלייד צו זיך און צו אים.

## איין און דרייסיקסטער קאַפּיטל

אַט די זעלבע געפֿילן פֿון מיטלייד צו זיך און צו אים פֿילט געניאַ.

זי איז זיך געקומען געזעגענען מיטן ברודער פֿאַרן אוועקגיין אין אַרמיי און זי האָט מיטלייד צו זיך און צו אים. חיים האָט אינגאַנצן אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט פֿון איר מויל, אַז זי גייט אין אַרמיי.

— דו גייסט אין אַרמיי ווייל ער גייט! — פֿליסטערט חיים מיט אַ געפֿאַלענער שטים. — אויף וועמען לאָזטו מיך, געניק?

חיים קוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַזויפֿיל צער און יסורים, אַז זי קאָן נישט אויסהאַלטן זיין קוק.

— פֿאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי איינגעליבט אין אים, געניק? אַך, געניק! געניק!...

— עס איז, ווייזט אויס, אַזוי מיין גורל — פֿליסטערט געניאַ מיט

טרערן אין די אויגן. — איך קאָן אָן אים נישט זיין... בעסער זיך פאַר־קלאַפּן דעם קאָפּ מיט דער אַרמיי...

— אָבער אַרמיי, גענים, איז נישט קיין פּשוטע זאַך! אַרמיי? ווייסטו וואָס דאָס איז? — חיים קלאַפּט זיך מיט די קולאַקעס אין קאָפּ אַריין — וואָס האָסטו מיר אָפּגעטון, געניק? מיך לאָזן אַליין?

— דו בלייבסט דאָך נישט אַליין, חיימקע! האָסט דאָך געוואָלט חתונה האָבן... מיט ראָזאָן...

— געוואָלט... און דאָך, יעדעס מאָל, ווען איך וויל שוין גיין אין מזכירות, גיט אַ פלי דער געדאַנק. געניק! פאַרוואָס האָסטו נישט באַ־האַלטן דעם אויסשניט פון דער צייטונג? פאַרוואָס?...

— גלויבסטו מיר נישט, חיימקע? וועט דיין געניק דיך אָפּנאַרן? — און זי וווּנדערט זיך אויף זיך אַליין, אויף איר ליגן...

— אפשר איז דאָס נישט ער, געניק? — פליסטערט חיים מיט גרויסע משונהדיק אויסגעשטאַרצטע אויגן — אפשר איז דאָס געווען אַן אַנדערער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט? פאַרשטייסט, געניק?

— אָבער אַלע סימנים, חיימקע, אַלע! — פּרובירט געניא אים טרייסטן מיט מיטלייד. זי פילט אַז איר חיימקע איז שוין נאָכאַמאָל קראַנק, אַז ער זעט שוין נאָכאַמאָל זיינע קאָשמאַרן.

„איז דאָס אמת?״ וויל זי אים פרעגן, אָבער זי טוט עס נישט. זי האַלט בלויז זיינע הענט מיט מיטלייד און פרעגט מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט:

— און וואָס מאַכט דיין ראָזאַ? איז זי נאָך אַזוי שיין, ווי זי איז געווען?

— יאָ! ראָזאַ איז שיין! אָבער איך, געניק... ענטפערט ער אַ דער־שלאָגענער.

יאָ! חיים איז אַ דערשלאָגענער און נישט אומזיסט! ווי קאָן מען זיך פילן אַנדערש נאָך אַזעלכע נעכט. נעכט וועלכע ער און ראָזע פאַר־שווענדן אויף קריגערייען. ראָזאַ זאָגט זיך אָפּ צו קומען צו אים אין ביידל אַריין, זי וויל זיין בחורה, אָבער לויט אַלע געזעצן פון דעם

קיבוץ. זאָל ער גיין צום מזכיר און בעטן אַ פּלאַץ, אַ צימער. אָנזאָגן, אַז ער האָט חתונה מיט ראָזאַן אויף דעם קיבוץ־שטייגער. אָבער ווי קאָן חיים גיין צום מזכיר? אַלע נאַכט, נאָך ראָזאַס אַהיימגיין צו זיך, מאַטערט אים דער זעלבער געדאַנק.

דער געדאַנק מאַטערט אים נאָך מער זינט ראָזאַ האָט זיך אין איינער פון די נעכט אַזוי אַרויסגעכאַפּט פאַר אים: דו ביסט דאָך „בחור", נישט איך! ווי פּאַסט מיר, אין מיין צושטאַנד, בעטן אַ צימער? איך בין דאָך לויט די פּאַפּירן אַן אשת איש. אין יענער נאַכט איז געוואָרן פאַר חיימען קלאָר, אַז ראָזאַ האָט חתונה געהאַט פאַר אַ חלוץ פון פּוילן, וועלכער איז פאָרנדיק אַהער, אומגעקומען אויף אַ שיף...

חיים האָט קיינמאָל נישט געוואָלט פרעגן ווי אַזוי ראָזאַס „בחור" איז אומגעקומען. ער האָט אויך נישט געוואָלט פרעגן אויף וואַסער שיף ער איז אומגעקומען ווען ער איז געפאָרן פון פּוילן. ערגעץ אין זיין אייטערבאַוווסטזיין האָט חיים געפילט אַ שרעק. פון דער טיפעניש פון זיין אונטערבאַוווסטזיין פלעגט אָפּט אַרויפשווימען אַ פראַגע: „איז יענער חבר, וועלכער פלעג טרייסטן געניאַן נאָך דער מאַמעס טויט, נישט געווען פון פּוילן? פאַרוואָס פרעגסטו נישט, חיים? האָסט מורא צו פרעגן? איז יענער חבר, וועלכער האָט געניאַן אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ ביים גרעניעץ ראָד, נישט געווען פון פּוילן?"

חיים האָט מורא געהאַט צו פרעגן. די מורא האָט אים געשראָקן. נאָר ווען ראָזאַ פלעג זיין מילד און גוט צו אים, נאָר אין דעם ריח פון אירע האָר, ווען ער פלעג זיין מיט ראָזאַן, אין דער פינצטער פון צימער, נאָר ווי ער פלעג פילן דעם ריח פון איר ווייסן זיידענעם לייב, פלעג ער פאַרגעסן אָן זיין מורא. אָבער די מורא האָט ערגעץ געטליעט אין אים. זי האָט נישט געלאָזט אים רוען, נישט געלאָזט גיין אין מזכירות בעטן אַ צימער פאַר זיי ביידע...

— איך ווייס פאַרוואָס דו ווילסט נישט חתונה האָבן מיט מיר? — האָט אים ראָזאַ איינמאָל ביינאַכט אַ פּליסטער געטון און אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס איר ווייסן זיידענעם גוף — דו גלויבסט מיר נישט!

דו מיינסט, אַז איך בין יאָ געווען זיין ווייב. אויב אַזוי, לאָמירביידע צו־פאָרן אין קיבוץ אַריין, וווּ עס וווינען אונדזערע פּוילישע חברים. זיי זענען געווען ביי אונדזער חופּה. זיי האָבן אים אָוועקגעפירט פון דער חופּה אין וואַלד אַריין וווּ עס האָט געוואַרט די גרופּע־גייערס קיין רו־מעניע. אַלע — בחורים! קיין פרויען האָט מען נישט דערלויבט גיין. בין איך דאַריבער געבליבן באַלד נאָך דער חופּה אַליין. פאַרשטייסט, חיימ־קע? גלויב מיר, איך נאַר דיך נישט אָפּ! איך בין געווען בלויז זיין כלה, נישט זיין ווייב... נישט באַוויזן... די אומשטענדן... זיי נישט איפּעריזיכ־טיק! פאָר און פרעג זיך נאָך ביי די חברים, וועלכע זענען צוזאַמען מיט אים געגאַנגען צו דער „קאָנסטאַנצאַ".

— קאָנסטאַנצאַ? — האָט זיך אָנגערופן חיים. ער האָט איצט אַליין אַרויסגעלאָזט ראָזאַן פון זיינע אָרעמס. — פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז ער איז געפאָרן אויף דער „קאָנסטאַנצאַ"? — האָט אויף אַ קול אויסגעשריגן חיים. — פאַרוואָס האָסטו פאַרלייקנט, ראָזאָ? פאַר־וואָס?...

פון יענעם אָוונט אָן קומט פאָר נאָך אַ גרעסערער קאַמף ביי חיימען אין נשמה. איין חיים רייסט זיך צו ראָזאַן, צו דעם אוצר פון פרייד, וועל־כער באַהאַלט זיך ביי איר אין איר יונגער שטייפקייט. ראָזאַ ווערט צו־מאָל אַזוי ווייך און מילד, אַז ער גייט אַרונטער פון זינען פאַר גליק. ער וויל שוין גיין אין מזכירות בעטן אַ צימער פאַר זיי ביידע, כדי שטענדיק האָבן ראָזאַן ביי זיין זייט. חיים וואָלט שוין געוואָלט לעבן אַ רואיק פאַ־מיליע־לעבן טאַקע דאָ, אין ביידל, אָדער אין אַן אַנדער צימער. זען זיין ראָזאַן ווען דער פרימאָרגן גלאָק פון דעם קיבוץ הייבט אָן צו קלינגען, ווען מען דאַרף זיך אויפרייסן פון דעם זיסן צוזאַמענזיין מיט איר. ער וואָלט זי געוואָלט זען אויך ווען ער קומט פון דער אַרבעט, פון דעם דוש, זיך נישט שעמען פאַר חברים און אַריינגיין צוזאַמען מיט ראָזאַן אין זיין צימער. ער וואָלט געוואָלט גיין צוזאַמען מיט איר אין עסצימער און פון עסצימער. ער וואָלט זי געוואָלט זען אַרומגיין מיט אַ הויכן בויך, ווי עס גייען אַרום אַנדערע פרויען, מיט שטאָלץ, מיטן קאָפּ אין דער הויך, גלייך

ווי זיי זאָגן אַן דער גאַנצער וועלט: „זעסט, וועלט! בריטאַניע לאָזט אונ-דזערע ברידער נישט אַריינקומען אין לאַנד אַריין... פאַרבאָטן אימיגראַ-ציע. האָבן מיר געמאַכט אונדזער אייגענע אימיגראַציע, וועלכע מיר רופן אָן מיטן מאָדנע נאָמען „עליה פנימית". מיר וועלן שאַפן אַ סך קינדער-לעך, צאַברעלעך, פון וועלכע עס וועלן אויסוואַקסן גרויסע צאַבאַרים! זיי וועלן זיין די אמתע באַלעבאַטים פון דעם לאַנד, זייערס איז די צוקונפט!"

— אַזוי טראַכט זיך חיים ווען ער קוקט אויף ראָזאַס האַלב אַנטבלויזטער ברוסט און ווייסט נישט וווהין צו קושן פריער.

אָבער מיטאַמאָל גיט פון ערגעץ אַ שפּרונג אַרויס אַ צווייטער חיים, וועלכער וויל אויסשרייען צום ערשטן: „הרצחת וגם ירשת?" — דו האָסט דערהרגעט און ווילסט אויך ירשענען?

דאַן דעקט ער אויפּשנעל צו ראָזאַס נאַקעטע אַקסלען...

— עס איז שוין שפּעט פאַר דיר, ראָזאַטשקאַ! קום! וועל איך דיך אָפּפירן אין דיין בית הרוווקות!

ער איילט זיך דאַן אַרויסצופירן פון זיין צימער ראָזאַן. ער פירט זיך אַזוי גלייך ווי ער האָט פאַר עמיצן מורא... ער יאָגט זיך מיט איר איבערן קיבוץ ביז ער פירט זי אַריין אין בית הרוווקות, און ראָזאַ איז צעטומלט און דערשראָקן און פול מיט זאָרג: „אפשר געפעלט זי אים שוין נישט מער? אפשר האָט ער גאָר אַן אַנדער ליבע ערגעץ ווו? אפשר האָט זי אים דערמאָנט די אַנדערע און דערפאַר האָט ער זיך אַזוי צוגעלאָזט צו איר... און איצט זעט ער אין איר אַן אַנדערע, וועלכע איז נישט לויט זיין גוסט?"

מיט די געדאַנקען לויפט ראָזאַ אַריין צו זיך אין „בית הרוווקות". די מיידלעך פרעגן זי יעדן פרימאָרגן די זעלבע פראַגע: „ווען וועסטו שוין אַרויס פון דאַנען? ווען, ראָזאַ? ווען?"

די זעלבע פראַגע פרעגט זיך אויך חיים: „ווען וועט ער ווערן אַ נאָרמאַלער מענטש? ווען וועט ער פועלן ביי זיך חתונה צו האָבן מיט ראָזאַן? קאָן זיין, ווען ער האָט חתונה, וואָלט ער פאַרגעסן אין די אַלע משוגענע געדאַנקען?

אָבער ווי קאָן מען פאַרגעסן, ווען דער גומענער ראָד דרייט זיך פאַר

די אויגן? אַרויף און אַרונטער. צווישן די כוואַליעס פון ים? און פון אים שטעקן אַרויס ווילדע אויגן, וועלכע פרעגן: „הרצחת וגם ירשת?״ האָסט געהרגעט און ווילסט אויך ירשענען?

צוליב דער פראַגע, וועלכע נאָיעט אַזוי ביי חיימען אין האַרצן, קוקט ער אַזוי אומעטיק אויף דער גאַנצער וועלט און אויך אויף זיין שוועסטערקע. פאַרוואָס לאָזט זי אים איבער? אָט שטייט שוין דער אָמניבוס, וועלכער וויל זי אַוועקפירן ערגעץ ווייט, .ווייט... וווהין וועט ער זי פאַרפירן? ווייסט זי, וואָס איז אַזוינס מלחמה? ווייסט זי וואָס זי טוט? פאַר וואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרליבט אין דעם ערנאַ? אַך, געניק, געניק! וויל ער אויסשרייען און וויינען. אויף וועמען לאָזטו מיך איבער? איינער אַליין בלייב איך מיט דעם גומענעם ראָד אין די נעכט, מיט די גרויסע כוואַליעס, פון וואַנען עס פינעט שטענדיק אַרויס: „הרצחת וגם ירשת?״

אויך געניאַ קוקט אויף איר ברודער מיט גרויס אומעט, גלייך ווי זי פילט וואָס ער טראַכט און וואָס ער וויל זאָגן און וואָס ער וויל אויסשרייען...

זי קוקט מיט מיטלייד אויף אים, אויף זיינע אויגן ביז וואַנען עס ווערן פון זיי צוויי קליינינקע פינטעלעך... ביז וואַנען די פינטעלעך ווערן פאַרשוווּנדן...

## צוויי און דרייסיקסטער קאַפּיטל

אָבער לאַנג קאָן מען נישט פילן קיין מיטלייד, ווען מען איז אין דער אַרמיי.

די אַרמיי לאָזט נישט פילן, לאָזט נישט טראַכטן לאַנג. מען מוז מאַרשירן, איינס, .צוויי! איינס צוויי! מען מוז זיין פלינק און האָבן אויפן קאָפּ אַלע קלייניקייטן. מען איז פאַרנומען, נישטאָ קיין צייט! און ווען עס איז פאַראַן אַביסל צייט, וויל מען אויסגלייכן די ביינער פון די לאַנגע מאַרשירונגען, וועלכע מען מוז דורכמאַכן אין די בערג פון גליל...

אָבער נישט אַלע מאַכן דורך אַזוי לייכט די לאַנגע מיליטערישע

שפאצירן ווי געניא... עס זענען פאראן פילע, וועלכע בלייבן הינטער־שטעליק...

אט זיצט אויף א פעלדז מאניא. זי קאן זיך שוין נישט רירן פון ארט. אך! ווען זי וואלט געקאנט ארונטערנעמען די פארשאלטענע בריטישע הארטע מיליטערישע שיך פון אירע פיס! ווען זי וואלט געקאנט גיין באָרוועס אביסל!

אבער דער ענגלענדער זאגט, אז פונקט ווי א פערד דארף האבן א פאדקאווע צום לויפן, מוז א מענטש האבן א פאר גוטע שיך! האט מאניא נישט וואס צו ריידן! אין ארמיי רעדט מען נישט! דא איז מאניא בלויז א נומער, און נישט די מאניא, ווי זי איז געווען ביי זיך אין כפר וויטקין... אנדערש! גארנישט אזוי, ווי זי האט זיך פארגעשטעלט! דאס שמאָלע סאלדאטסקע לייווענטענע בעטל, דאס צייל־אזע מארשירן הין און צוריק! און דער עיקר די שווערע שיך, וועלכע רייבן אן מאזאליעס אויף די פיס... אך! ווו נעמט מען אביסעלע ווייכע זאמד פון כפר וויטקין צו די מידע פיס! אך! ווען זי וואלט געקאנט ארייג־שטעלן די פיס אין דער קאריטע פון די בהמות? צי — כאטש אין דער בלאטקע, וועלכע ליגט ארום קאריטע? מאניא דערמאנט זיך אן די אלע זאכן מיט בענקשאפט, אזון בשעת מעשה זעט זי איר מוניקס אויסגעצויגן קלייענדיק פנימל שטיין ביים אמניבוס... וואס ביסטו אזוי טרויעריק מוניק? וויל זי צו אים אויס־שרייען... אין דעם געשריי, וועלכער רייסט זיך פון איר הארצן צו איר קינד, הערט זי נישט ווי מ׳רופט זי. דאס רופן זי די חברות, פון וועלכע זי איז אפגעשטאנען...

ווי קאן זי הערן זייער רוף? זי איז דאך אזוי ווייט איצט, אזוי ווייט! אזש אין סאמע עמק חיפר! אין סאמע הארצן פון כפר וויטקין, ווו עס פארט דורך אזוי פיל מאל א טאג דער „מקשר"... מאניא האט רחמנות אויף איר ייִנגל, ער שרייבט, אז ער בענקט נאך איר... זי האט רחמנות אויך אויף דעם, וועלכער פירט דעם „מקשר" עטלעכע מאל א טאג פארביי איר הויז... זי ווייסט, אז יעדעס מאל, וואס ער פארט פארביי, פארדרייט ער דעם קאפ, ער זאל נישט זען דעם חלל, וואס זי האט איבערגעלאזט

אין דאָרף... זי ווייסט, אַז ער לעבט בלויז מיט די דערציילונגען פון די געגאַנגענע טעג אין דעם „פּאַנאָראַמאַ" האָטעל, אויפן שפּיץ כּרמל...

„אָבער וואָס קאָן איך טון, שמשון מיינער"! פרעגט זי זיך. און דו, מוניק מיינער, וואָס האָט פּאַסירט אין דיין קינדערשער נשמה, וואָס זי האָסט אָנגעפאַנגען צו בענקען נאָך דער מאַמע?..

צו דער גרופּע סאָלדאַטקעס-מאַרשירער רוקט זיך צו אַן אַנדער גרופּע פון גאָר יונגע מיידלעך. צווישן זיי געפינט זיך אויך געניאַ.

— ווער קאָן אויפשנעל צולויפן צו דער פרוי, וועלכע איז טויב? צי זי מאַכט זיך טויב? ווער קאָן זי ברענגען אַהערצו! רופט אויס די אָפיצירשע — און אפשר האָט עפּעס פּאַסירט מיט איר דאָרט? געניאַ לויפט ברענגען די סאָלדאַטקע, וועלכע האָט געוואָגט צו בלייבן הינטערשטעליק, לויפנדיק דערקאָנט זי מאַניאַן... זי לויפט איצט גאָר שנעל... עס ווערט אַ גרויסע שמחה ביים באַגעגענען זיך. מ'דערמאָנט זיך אָן כּפר וויטקין און אָן גבעת חיים. ביי ביידע אין די אויגן איז די פראַגע „פאַרוואָס"? וואָס האָט דיך געבראַכט אַהערצו? אוודאי דאַרף מען זיך וואָלונטירן אין דער אַרמיי, אָבער אַ מאַמע פון אַזאַ זון... אַ מאַן? און וואָס מאַכט שמשון? אָבער מ'פרעגט נישט, מ'רעדט נישט וועגן די זאַכן, וועגן וועלכע עס ווילט זיך אַזוי ריידן...

— און דו, געניאַ? פאַרוואָס זיך אַזוי שנעל וואָלונטירט? קאָנסט נאָך אַפילו נישט אונדזער לאַנד?

וואָס ענטפערט מען אויף דעם? אַז זי וואָלט נישט געקאָנט איצט פאַרבלייבן קיין איין טאָג אָן ערגאַן אין גבעת חיים? אַז איר ערנאַ איז דאָ ערגעץ נישט ווייט? אַז זי לעבט נאָר מיט דער האָפענונג אים צו זען? טאַקע מאָרגן, פרייטיק צו נאַכטס, ווען ס'וועט פאָרקומען דער גרויסער „עונג שבת" אין איינעם פון די לאַגערן ווו ס'וועלן זיך באַגעגענען מענער און פרויען סאָלדאַטן?

— קום צום עונג שבת, קום צום טאַנץ! קום, מאַניטשקאַ! און איצט לאָמיר לויפן! מיר וועלן ביידע באַקומען אַ פאַרציע פון דער אָפיצירשע!.. סיידן מיר זאָלן זאָגן, אַז עס איז דיר נישט גוט געוואָרן!

זיי לויפן ביידע, יעדע איינע צו איר גרופע פרויען, יעדע צו איר פּאַלאַטקע, צו אירע בענקשאַפטן, צו אירע דערוואַרטונגען... מאַניאַ קוקט אַרום אויף בריוו, געניאַ וואַרט אויף דעם עונג שבת...

אַט קומט ער, דער עונג שבת און מיט אים, איר געליבטער! עס ווערט פּלוצים אַזאַ ליכטיקע וועלט, כאָטש עס צאַנקען קוים די אָרימע עלעקטרישע לעמפּעלעך, וועלכע הענגען פון די איבערגעקרייצטע ברע־טער אין דעם קאַנטין־הויז! די מוזיק פון גראַמאָפאָן איז איצט אַזוי זיס צו די אויערן, גלייך ווי דאָס איז די קלאַסיש איטאַליענישע מוזיק נאָך וועלכער זיי בענקען ביידע... ביידע דרייען זיך אין דער זיסקייט פון דער אומאַרעמונג און דער מוזיק, זיי ווייסן אַליין נישט צי דאָס איז אַן אַמעריקאַנער פאָקסטראָט, צי אַ וואַלס! אַבי אַזוי נאָענט אָטעם צו אָטעם, אַבי די אָרימעס ליגן אַרום האַלדז און אַרום קאָפּ! דערפון ווערן די נשמות אַזוי נאָענט, אַזוי משוגע נאָענט איינע צו דער צווייטער... כמעט איין נשמה אין דער צווייטער, אַזוי ברענען זיך אַריין די אויגן פון איי־נעם אין צווייטן.. פון דעם אַריינברענען זיך איינער אין דער צווייטער מיט די אויגן, דרייט זיך דער קאָפּ אַזוי, אַז מען מוז אַנטלויפן פון דאַ־נען... און זיי אַנטלויפן!..

אַט זיצן זיי שוין אין אַ הייל אין די נאָענטע בערג! דאָרט קאָן מעןריידן! קיינער וועט נישט הערן! אָ, צוליב וואָס ריידן? אַלעס איז שוין אַמאָל געזאָגט געוואָרן!... איין מאָל? אפשר טויזנט מאָל! שטאַרקער פון טויט איז די ליבע... יאָ! די ליבע וועט אונדז איבערלעבן, ליבסטע! זי וועט לעבן אין דער אייביקייט אַריין... אָך, ליבסטע מיינע, וויקל זיך אַרום מיר ווי אַ ווייסע ענגלאָזע זיידענע סטענגע! לעכצט ערגאַ קושנ־דיק אירע קליידער...

— ווען דו וואָלסט געקאָנט איינטונקען די סטענגעס פון דיינע אָרימס און פיס אין אַ כישוף סם! ער זאָל מיך פאַרסמען, אַז איך זאָל זיך נישט דאַרפן מער אויפכאַפּן צו דער ווירקלעכקייט... ווייל וואָס איז די ווירקלעכקייט, ווו דו ביסט נישטאָ, געניק מיינער? וואָס, מיין לעבן?..

פון די דאָזיקע ווערטער בלאָזט מיט אַזאַ וואַרימקייט, אַז עס פילט

זיך נישט די קעלט פון דער הייל און עס דוכט זיך בײדע אויס, אַז זײ געפינען זיך ערגעץ ווייט, ווייט אין אַ כּישוף אכסניה, אויף אַן אינדזל, וווּ קיינער קאָן זײ נישט דערגרייכן, ווו זייער סוד וועט פאַרבלייבן פאַרזיגלט צווישן די פייכטע קילע אָטעמס פון דעם באַרגס בויך... נאָך דער נאַכט אין דער הייל גייען אַוועק טעג און וואָכן. נישט וויכטיק איז די צייט! נישט וויכטיק די ווירקלעכקייט! וויכטיק זענען אָט־אָ די וויל־דע באַגעגענישן, צוליב זײ לוינט זיך צו לעבן... קורצע אָוונטן, קורצע טעניז, קורצע אָטעמס, קורצע מינוטן אין די הײלן פון די בערג... אָבער אין זײ שעפּט מען כּוח פאַר די לאַנגע טעג פון דערוואַרטונג פון וואַרטן...

איינמאָל בשעת אַזאַ וואַרטן זאָגט מען געניאַן, אַז אַ שיינער סאָל־דאַט וואַרט אויף איר אין ביוראָ. — וויפיל געליבטע האָסטו? שפּאַסט די אַנזאָגערין — פאַרוואָס לאָזטו נישט איבער עמיצן אויך פאַר אַנ־דערע מיידלעך?.. אַלע נעמסטו פאַר זיך? וועלכער פון זײ איז דיין אמתער ברודער געניאַ! געניאַ וויל איר ענטפערן, אָבער נישטאָ קיין צייט! אַ שאָד די צייט! קען דאָס זיין אַז איר ערנאַ איז געקומען? ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט באַפרייען אין מיטן טאָג? געוואָלט זי איבער־ראַשן? אַ סיורפּריז?

— חיימקע! גיט געניאַ אַ שריי אויס פון ווייטנס — און אין קאָפּ גיט אַ פלי דורך — דאָך אַ ברודער! זיך פאַרבענקט נאָך דער שוועס־טער... אָבער וואָס גייט גאָר חיים אָנגעטון אין סאָלדאַטסקע קליידער? צי?..

— חיימקע! גיט זי אַ פרעג און שניידט זיך איין מיט די אויגן אין זיינע — וואָס איז דאָס? דו?

— איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט, געניק... נישט געקאָנט! איך האָב געמוזט...

— געמוזט? פאַרוואָס — געמוזט? פרעגט זי מיט אַ נייגער אין שטים, כמעט מיט אַ געוויין, און פירט אים אַוועק ווייט, ווייט צו אַ פעלז, ווו קיינער קאָן נישט הערן זייער געשפּרעך.

— איך קאָן נישט געפינען קיין אָרט, געניק! איך מוז אויסקויפן

מיין זינד... ווייזט אויס, אַז איך בין יאָ געווען שולדיק... דאָרט... אין די כוואַליעס... ביים גומענעם ראָד...

— חיימקע! האָסט זיך פּשוט איינגערעדט!.. פּשוט איינגע...

— זאָל זיין איינגערעדט... גענוג... זאָל זיין אַזוי!.. אפשר אין אַר־מיי וועל איך געזונט ווערן? אפשר נאָך דעם, ווי איך וועל אויסקויפן מיין זינד מיט סכנות, וועל איך קאָנען אָנפאַנגען אויפסניי?

חיים איז נישט דער איינציקער, וואָס האָפט אָנפאַנגען אויפסניי ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן.

יעדער איינער פון די, וואָס גייען אין דער אַרמיי, שטופּט עפּעס אָפּ דערווייל, לייגט אָפּ אויף שפּעטער, ווען די וועלט וועט זיך באַרו־איקן, ווען די ליכט וועט באַזיגן די פינצטערניש. דאַן וועט זיך אָנפאַנ-גען אַ נייע וועלט מיט נייע חשבונות. ערגעץ ווו וועט דאַן פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון דעם ישוב אין דעם קליינינקן לאַנד, אַז ער האָט אַזויפיל געלייסטעט, מ׳וועט אים לאָזן פריי אָטעמען, פריי אַריינגעמען זיינע ברידער, וועלכע וועלן אויך אָנפאַנגען אַ לעבן אויפסניי... אַ ניי לעבן! אַ ניי לעבן!

צוליב דעם נייעם לעבן, וואָס וועט אַמאָל קומען, מאַכט מען מילי־טערישע איבונגען, מען לייסטעט שווועריקייטן, מ׳גיט זיך פרייוויליק אָן צו דער מאַנדאַטן מאַכט אַלס שפּיאָנען, מ׳קלעטערט איבער די בערג פון לבנון, כדי דערביווען פון דאָרט אינפאָרמאַציע פאַר דעם ענגלענ־דער... עס גייט אָפּ אַ שיף מיט אַריבער הונדערט בעסטע זין פון די קיבוצים אַלס מאַטראָסן... זיי ווערן אַלע דערטרונקען צוזאַמען מיט דער אויפגעריסענער שיף...

עס בלייבן כלות, מאַמעס, שוועסטער, און ברידער אין גרויס טרויער... פרייוויליקע קרבנות... עס וועט דאָך אַמאָל קומען אַ ניי לעבן ווען מ׳וועט אָנפאַנגען אויפסניי... די פרייוויליקע זענען נישט אומגע־קומען אומזיסט! עס וועט דאָך קומען אַ נייע וועלט, אַ ניי לעבן!

און דערווייל יאָגט מען זיך אַהין און אַהער, פון איין עק לאַנד אין צווייטן! איינער לויפט פון דעם לאַגער אויף זיין אורלויב, דער צוויי־

טער פון דעם אורלויב אין לאַגער אריין! עס זענען פול די אַמניבוסן מיט כאַקי־געקליידעטע בחורים און מיידלעך — עס איז קריג! די טעמפּאָ איז אַ שנעלע, אין די קיבוצים זענען די פּאַמעלעכסטע עלטערע חברים געוואָרן „מזיקים". זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַ סך מלאכות על רגל אַחת! איינער וויל נישט אָפּשטיין פון דעם צווייטן! אויב אַ טאַטע גייט מיט זיינע צוויי זין אין קריג אַריין, ווייל דער צווייטער טאַטע באַווייזט, אַז ער קאָן טון מיט די הענט וואונדער בייטאָג און ביינאַכט ביים גע־ווער! אַן אַנדער זקן ווערט אַ חלוץ אויף דער עלטער ביים פעלד און ביים גאָרטן! וואָס מער אַרבעט — אַלץ מער עסנוואַרג, אַלץ רייכער ווערט דער קיבוץ, דער מושב, די שטאָט, דאָס לאַנד... אונדזער לאַנד! באַלד וועט עס זיין אונדזער לאַנד! באַלד! נאָכן קריג וועלן מיר אָנפאַנ־גען אַ נייַ לעבן!

און דערווייל — כאַפּ אַן אורלויב, מאַניאַ! גיב אַ פּאָר און אַ קוק, וואָס מאַכט דיין מוניק און דייןווירטשאַפט! לויף אַרום באָרוועס אי־בערן הויף און האָב הנאה... ווייל אָט אָט וועט מען דיך פאַרשיקן אין מדבר אַריין, וווּ דו וועסט גאָרנישט זען אַ חוץ זאַמד און הימל...

דו וועסט מער נישט זען דיין יינגל, טאָ כאַפּ און שמועס זיך אָן מיט אים!

הער זיך צו צו דעם, וואָס זיין קינדעריש האַרץ וויל דיר דערציילן! מאַך נישט אוועק מיט דער האַנט פון זיין איבעררזיכטיקייט צו זיין פאָ־טער, וועלכער נעמט נישט אַרונטער קיין אויג פון דער טערקישער מיידל... „עס דוכט זיך דיר אויס, קינד מיינס", ענטפערט מאַניאַ אויף די אומבאַהאָלפענע קינדערשע רייד. זי גיט מוניקן שטיפעריש אַ פאָר איבער דער נאָז... אָבער מוניק איז ערנסט, ער לאַכט נישט ווי אַמאָל, ער האַלט זיך זייער נאָענט צו דער מוטער, כאָטש ער קאָן נישט זאָגן דאָס וואָס ער וויל, פילט מאַניאַ אַז ער איז איצט אירער... ערשט איצט איז מאַניאַן שווער זיך אַרויסצורייסן נאָך דעם סאָלדאַטסקע אורלויב פונעם הויז. איצט וויינט דאָס האַרץ ווען זי דאַרף זיך צעשיידן מיט איר זון. איר זון! איצט זעט זי אַז ער איז פּלוצים אויסגעוואַקסן און אויס־

וואַקסנדיק זיך אָפּגעריסן פון גרשומען און צוגעשטאַנען צו איר... זון מיינער! זונעניו! אָבער עס קומט דער פרימאָרגן, עס שטייט דער אָמניבוס ביים טויער און עס באַגלייטן זי נאָכאַמאָל טאַטע און זון, מאַן און קינד.

און דער, וועלכער פירט דעם אָמניבוס, מאַכט נאָכאַמאָל דעם אָנשטעל אַז ער איז פאַרנומען מיט זיינע פּאַסאַזשירן. ער האָט באַצייטנס נאָכאַמאָל באַקומען אַן אורלויב פון זיין „אגד" אויף אַ טאָג צוויי...

נאָכאַמאָל ווערן אויפן שפּיץ באַרג, אויף אַ באַלקאָן אין דער „פּאַנאָראַמאַ" צוזאַמענגעגאָסן צוויי הערצער, צוויי בענקשאַפטן, צוויי ליבעס... גנבעט! כאַפּט! די צייט לויפט! ס'איז קריג! ס'איז נאָר פאַראַן דער היינט! ווער ווייסט — וואָס מאָרגן?.. ליבסטע! ליב מיך היינט! וועט נאָך זיין אַ מאָרגן? צוליב וואָס זאָרגן? יאָ! ס'וועט זיכער זיין! זיכער, ליבסטע! מיר וועלן אָנפאַנגען אויפסניי!

## דריי און דרייסיקסטער קאַפּיטל

נאָר אין איין פּלאַץ רעדט מען נישט וועגן אָנפאַנגען אויפסניי...

דאָס איז אין „מלון סענטראַל", וווּ אויף דעם דריטן שטאָק זיצן אויף אַ באַלקאָן גניאַ און ערנאַ מילאַני.

אויך זיי ביידע האָבן באַקומען זייער אורלויב אויף אַ פּאָר טעג, זיי האָבן אַזוי גוט צוגעטראַכט, אַז זיי קאָנען זיין צוזאַמען דעם גאַנצן אורלויב...

זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך דאָס העכסטע צימער, מיט אַ באַלקאָן, וואָס קוקט אין די בערג אַריין... ס'האָבן דאָ אַמאָל מקובלים געשעפּט זייער גייסטיקע נאַרונג אין די בערג. זייער גלויבן אין משיחס קומען. האָבן געשטאַרקט די אַרומיקע פעלזן... ער וועט קומען! ער מוז קומען!..

וועט פאַר זיי אויך קומען אַמאָל משיח? וועלן זיי אַמאָל אויך אָנפאַנגען אויפסניי... ביידע צוזאַמען? קאָנען דען זיי לעבן איינער אָן דעם צווייטן? איז וואָס וועט זיין נאָכן קריג? וואָס?

דאָס וואָגט קיינער פון זיי נישט צו דערמאָנען... האָט דען ערנאַ איר נישט געזאָגט, אַז ער וועט זיין בעאַטריטשע קיינמאָל נישט פאַר-לאָזן? זי וועט זיך דאָך אומקערן נאָכן קריג פון איטאַליע! האָט ער דען נישט געבעטן פון אָנפאַנג אָן, אַז זיי זאָלן זיך צעשיידן ווייל זיי קאָנען איינער דעם צווייטן גאָרנישט געבן אַחוץ צער און בענקשאַפט און לי-בע?.. ליבע! ליבע!..

שלינגען זיי די ליבע צו יעדער מינוט! זיי גייען נישט אַרונטער עסן אין רעסטאָראַן, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן פאַרשווענדן אויף פרעמדע מענטשן זייערע בליקן און זייערע ווערטער... ווען זיי ווילן גיין שפּאַצירן אין די בערג, לויפן זיי אַרונטער אויף שנעל כדי נישט דאַרפן באַגריסן קיין פרעמדע מענטשן, כדי נישט פאַרשווענדן אויף זיי קיין מינוט!

— איך פאַר דיר און דו פאַר מיר! פליסטערן זיי איינער צו דער צווייטער ווען זיי גייען האַנט אין האַנט איבער די בערג — אַחוץ אונדז איז דאָך נישטאָ קיינער אין דער גאָרער וועלט! יאָ ליבסטער?

— קיינער, קיינער, מיין געניק! נאָר דו, דו — איינע אין דער וועלט! מיט דיר האָט זיך אָנגעפאַנגען מיין ליבע, מיט דיר וועט זי זיך ענדיקן... ביז דיר איז גאָרנישט געווען... און נאָך דיר וועט גאָרנישט זיין... פאַר מיר אין דער גאָרער וועלט...

עס ווערט זיי נשט נמאס איבערצוחזרן די ווערטער, זיי ווערן נישט מיד אַריינצואָטעמען איינער אין דעם צווייטן דאָס גלויבן אין דער אייביקייט פון זייער ליבע...

און אין דעם גלויבן איז פאַראַן עפּעס געטליכעס. יעדער אויסדרוק פון ליידנשאַפט איז געטלעך. ווי אַ נר תמיד פלאַקערט זי. זי ווערט גאָר-נישט אויסגעלאָשן, זי ווערט גרעסער און שטאַרקער מיט דעם גאַנג פון דער צייט, וועלכע דערנענטערט דעם סוף פון דעם אורלויב...

אָט וועט זיך ענדיקן דער אורלויב, וואָס דאַן? ווי וועלן זיי לעבן איינער אָן דעם צווייטן? זאָל ער איר זאָגן, אַז ער האָט זיך וואָלונטירט אין דער פּאַראַשוטיסטן שולע? אַז ער וועט זיין אין אַן אַנדער אַפּטיי-

לונג? ער וועט זיך נישט קאָנען זען מיט איר בשעת מען פייערט אַן „עונג" שבת? אַז ער וועט נישט קאָנען קומען צו די מיליטער טענץ?

— גענוק! זאָגט ערנא, דעם לעצטן אָוונט מיט אומעט אין שטים — נאָך דעם אורלויב ווייס איך נישט צי מיר וועלן זיך זען אַזוי אָפט ווי פריער... מען האָט מיך צוגענומען אין דער שולע פון פּאַראַשוטיסטן... ליבסטע!..

גענין ענטפערט נישט! אנשטאט אַן ענטפער וויקלען זיך אַרום איס ווייסע סאַמעטענע און פּליושענע פּיס און הענט.

— גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, ליבסטער — עס טאָרן צווישן אונדז נישט זיין קיינע סודות. עס ענדיקט זיך דער אורלויב. גענין גייט צוריק אין איר לאַגער. וועט מען איר דערלויבן האַלטן עקזאַמען אין דער פּאַראַשוטיסטן־שולע?

— זייער ווייניק מענטשן זענען אומשטאַנד אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען! וואָרנט מען איר, אָבער גענין שרעקט זיך נישט. זי וועט פּרובירן! עס קאָן דאָך נישט שאַטן! דורכפאַלן איז דורכפאַלן! אָבער אין האַרצן ווייסט גענין אַז זי וועט נישט דורכפאַלן! זי קאָן נישט דורכפאַלן. זי וויל דאָך זיין מיט איר ליבסטן אין איין אָפּטיילונג טאָ ווי קאָן זי דורכפאַלן? זי גייט האַלטן דעם עקזאַמען. מ'נעמט זי צו אין דער פּאַראַשוטיסטן שולע. זי איז אַזוי גליקלעך, אַז זי וויל קושן יעדן איינעם, וואָס קומט איר אַנטקעגן...

אָך! ווי זי וועט איבערראַשן ערנאַן, ווען זי וועט פּלוצים אָנקומען אין שולע אַריין!

אָבער מ'רופט גענינאַן אין ביורא אַריין! נאָך איין געליבטער? שפּאַסט די מיידל, וועלכע רופט זי. וויפל געליבטע נאַרט א מיידל אָפּ? צי דו נאַרסט זיי נישט? דו ביסט מיט אַלעמען גוט? לאַכט זי.

— לייטענאַנט וויטקאָמב! שרייט גענין אויס פון גרויס פרייד — איר? וואָס טוט איר דאָ?

— וואָס איך טו דאָ? דאָס איז דאָך א מיליטערישער לאַגער! נישט

א קיבוץ, ווו איך דארף ווארטן אין סעקרעטאריאט ביז וואנען מ׳העט מיר דערלויבן אריינצוקומען, לאכט וויטקאמב...

— אבער פון וואנען האט איר געוווסט אז איך בין דא? וואונדערט זיך געניא.

— פון וואנען? שמייכלט וויטקאמב — די בריגאדע איז דאך אונטער דער בריטישער פאן! נישט אזוי? דערוויל, אלנפאלס... עס וועלן אפשר קומען צייטן, ווען איר וועט האבן אן ארמיי מיט אייער אייגענער פאן... אבער דערוויל... ווייס איך אלעס... אפילו, אז געניא וויל האלטן עקזאמען אין דער פאראשוטיסטן שולע... בין איך טאקע דערפאר געקומען ווארנען געניאן!

— איר האט פארשפעטיקט, וויטקאמב... איך האב שוין אויסגעהאלטן דעם עקזאמען.

— שטענדיק פארשפעטיק איך מיט מיינע ווארענונגען, זאגט וויטקאמב אנטוישטערהייט... שטענדיק!

אך געניא! געניא! ווייסט איר וואס איר נעמט אויף זיך? ווייסט איר וווהין מ׳וועט אייך שיקן? — וויטקאמבס אויגן ווערן נאך וואסערדיקער ווי שטענדיק, פון דעם העל־בלויען וואסער פון זיינע אויגן שפריצט ארויס אמתער טיפער צער... — געניא, געניא... מורמלט ער.

— איך וויל פליען אהין, אווו מ׳דארף מיך האבן... די יידישע אגענץ וועט דורך מיר באקומען אינפארמאציע וועגן די יידן, וועלכע לעבצן אונטער דעם אייזערנעם שטיוול פון היטלערן.

— אינפארמאציע? שאקלט ער דעם קאפ מיט ווייטיק — ווייסט איר וויפל קערן זיך אום פון דארט?

— דאס קליינע ישובל האט שוין געגעבן די בעסטע מענטשן! וויפל זענען שוין אומגעקומען? איך זע נאך נישט, וואס דער ישוב האט שוין באקומען אלס באלוינונג פאר דעם קרבן! אבער וויטקאמבס רייד זענען ארויסגעווארפענע. עס איז דאך שוין צו שפעט סיי ווי סיי! איין טרייסט בלייבט פאר וויטקאמבן — אין די וואכן וואס ער וועט זיין דער הויפט

אינסטרוקטאָר פון „קאָוד" און סיגנאַליזאַציע און מאַפּע לייענען אין דער שולע, אין עין חרוד, קאָן ער קוקן אויף גניאַן וויפל ער וויל!

די איינציקע הנאה וואָס בלייבט אים איז צו קוקן אויף דער שיינ־הייט, וועמענס פּנים עס איז אַ קוואַל פון איבערלעבונגען פאַר זיין נשמה...

אָבער עס ווערן פאַרביטערט זיינע בעסטע מינוטן באַלד, אין די ערשטע טעג...

ער כאַפּט איבער די בליקן וועלכע גניאַ שיקט צו ערנאָן, דעם אי־טאַליענער, פון וועלכן אַלע פאַראַשוטיסטן מיידלעך קאָנען נישט אַרונ־טערנעמען קיין אויג. איז דאָס דער מאַן אין וועמען זי איז פאַרליבט? איז זי אויך ווי אַלע מיידלעך? טראַכט וויטקאָמב. ווייזט אויס אַז יאָ. עס פאַרדריסט אים. אָבער ווען גניאַ גייט מיט וויטקאָמבן אַביסל שפּאַ־צירן אין די אַרומיקע בערג, פאַרגעסט ער זיין פאַרדרוס.

די שפּאַצירן געדויערן קיינמאָל נישט לאַנג. גניאַ איז מיד, די פּאַ־ראַשוטיסטן פאַנגען אָן זייער טאָג זייער פרי. ביי טאָג באַקומען זיי אַ פּאָר שעה פאַר אָפּרו.

— פאַרוואָס שלאָפט איר נישט בייטאָג, גניאַ, ווי מ'טוט דאָ, אין מזרח? גיט איר וויטקאָמב אַן עצה, וואָלט איר נישט געווען אַזוי מיד ווען עס ווערט נאַכט...

אָבער איינמאָל, גאַנץ שפּעט ביינאַכט, ווען וויטקאָמב איז געזעסן איינער אַליין אין גאָרטן אַרום דעם מוזעאום, וווּ ס'איז געווען די פּאַראַ־שוטיסטן שולע, האָט ער באַמערקט אין דער וויטנס צוויי סילועטן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ביידע האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון ערגעץ. זיי זענען ערגעץ געלאָפן צוזאַמען...

פיל שפּעטער זענען פון ערגעץ אָנגעקומען ערנאָ מילאַני און גניאַ האַנט אין האַנט... זיי האָבן, ווייזט אויס, נישט דערוואַרט צו באַגעגענען וויטקאָמבן אין דער שפּעטער שעה... איצט איז קלאָר געוואָרן פאַר וויט־קאָמבן פאַרוואָס גניאַ איז אַזוי מיד, כאָטש זי שלאָפט אַ שעה בייטאָג.

— וויטקאָמב! האָט גניאַ אויסגעשריגן אַן איבערראַשטע — וואָס

טוט איר אזוי שפעט דא? זי איז געבליבן שטיין לעבן אים, און ערנא איז אריינגעגאנגען אין הויז אריין, ווו ס'זענען געווען די שלאפצימערן פאר די תלמידים און פאר די לערער.

— וואס איך טו דא? איך זיץ... איך ווארט און איך טראכט... — האט ער געענטפערט שטיל — געניא האט זיך צוגעזעצט לעבן אים.

— איר ווייסט, וויטקאמב! איך האב די העכסטע מיינונג וועגן אייך... איך האב אייך קיינמאל נישט געוואלט נארן... איר געדענקט, איך האב אייך אמאל געזאגט אז איך ליב עמיצן... א פארהייראטן מענטשן... דאס איז ער... איך בעט אייך, זייט נישט ברוגז אויף מיר פאר דעם אמת!

— איר זענט א וואונדערבאר קינד, געניא!..

— איך בין נישט קיין קינד... וויטקאמב... איך בין פיל ערגער, ווי איר דענקט...

— ביי מיר אין די אויגן וועט איר שטענדיק בלייבן דאס וואונדערבארע קינד... וואס איר זענט... איך זאג אייך אויפריכטיק געניא: אויב איר וועט אמאל וועלן אייער אייגן לעבן... נישט יענעמס מאן... בין איך שטענדיק גרייט צו פארגעסן וואס איר האט מיר אליין געזאגט... נאר דערפאר, וואס איר האט עס מיר אליין געזאגט!.. ווייל איך ליב אייך, געניא!

— איך ווייס עס, וויטקאמב... איך פיל עס... אבער אין יעדער זאך איז, ווייזט אויס, פאראן גורל... גלויבט איר אין גורל, וויטקאמב?..

אט אזוי מיט ווייכע רייד האט געניא פרובירט פארלייכטערן דעם גורל פון וויטקאמבן.

קאן זיין, אז געניא האט אזוי מיטגעפילט וויטקאמבן אין זיין גורל, ווייל זי אליין האט געפילט אז איר גורל וועט איר קיין סך גליק נישט ברענגען. דאס ביסל גליק וואס זי פארמאגט איצט, ווי לאנג וועט עס דויערן? די מעגלעכקייט צו זיין מיט דעם, וועלכן זי האט אזוי ליב, וועט לאנג נישט געדויערן...

אבער כל זמן דאס גליק האט אנגעהאלטן האט זי געטרונקען פון

דעם כוס מיטן פולן מויל. זי האָט זיך פאַר קיינעם איצט נישט באַהאַלטן, נאָר פאַר זייטקאַמבן, כדי אים נישט וויי צו טון...

זי פלעגט איצט אָפן אַרויסגיין אין אָוונט מיט ערנאַן אין די בערג, וועלכע ליגן אַנטקעגן איבער דעם גלבוע באַרג. פון דאָרטן פלעגן זיי קו־מען צוזאַמען שפּעט, שפּעט, נישט זעלטן ווען עס פלעגט אָנפאַנגען טאָגן...

איין זאַך האָט איר פאַרביטערט דעם כוס פון איר צייטווייליקן גליק. עס איז געקומען איר ברודער. חיים האָט זיך אויך וואָלונטירט אין דער פאַראַשוטיסטן שולע, ער האָט אויך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען מיט אויסצייכענונגען.

— וואָס טוסטו דאָ, חיימקע? האָט זי זיך אויסגעבייזערט ווען זי האָט אים דערזען דעם ערשטן מאָל אין שולע.

— דאָס זעלבע וואָס דו, געניק, האָט חיים געשמייכלט. געניאַ איז געווען טרויעריק.

„איך", — האָט זי געטראַכט. — „בין דאָך מיט מיין ליבסטן דאָ.. אייב עס וועט עפּעס פּאַסירן, ווען מיר וועלן זיך צעפאָרן פון דאַנען... וואָס איז מיין לעבן ווערט אַז מיין ליבסטן. אַז מיין ערנאַ?.. אָבער חיים? חיים דאַרף לעבן! ער וויל אַזוי אַ פאַמיליען לעבן!"

— צוליב וואָס האָסטו דאָס געטון, חיימקע, צוליב וואָס?

— אפשר וועט מיר לייכטער זיין דאָ אויסקויפן מיין זינד, געניק...

— וואָס פאַראַ זינד, חיימקע? דו האָסט קיינמאָל אין דיין לעבן נישט געזינדיקט, חיימקע!

— עס וואָלטן נישט געקומען צו מיר די אַלע געדאַנקען און קאָש־מאַרן, געניק! ווייזט אויס, אַז ערגעץ ווו, אין אַ געוויסער צייט, האָב איך יאָ געזינדיקט אויפן ים...

אַזוי פלעגן זיך שפּאַרן ברודער מיט שוועסטער, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען אין דער פרייער צייט. אָבער פיל פרייע צייט האָבן זיי ביידע נישט געהאַט, מ'האָט דאָך באַדאַרפט לערנען! זיך גרייטן צו דער מיסיע...

און בשעתן לערנען האָבן זיי ביידע איבערראַשט זייערע לערער אי מיט די פעאיקייטן, אי מיט דעם ברען, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געגרייט צו זייער מיסיע.

## פיר און דרייסיקסטער קאַפּיטל

נישט קליין איז געווען די מיסיע, צו וועלכער די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך געגרייט. כאָטש קיינער האָט נישט געוווסט אין אַ וואָסער לאַנד מ׳וועט אים שיקן, איז דאָך קלאָר געווען, אַז יעדער איינער וועט געשיקט ווערן אין דעם לאַנד, פון וואַנען ער איז געקומען, וועלכעס ער קאָן, וועמעס שפּראַך איז אים נישט פרעמד! דאָך האָט מען אַלע פּאַראַשוטיסטן געלערנט די מאַפּעס פון אַלע לענדער פון דעם שונא. אַלע האָבן באַדאַרפט וויסן די גאַנצע מאַפּע פון אייראָפּע און וואָס צו טון, אויב דער עראָפּלאַן מיטן פּאַראַשוט פאַלן אַרונטער אין אַ פרעמד לאַנד, נישט אין דעם לאַנד פון זיין ציל, פון זיין דעסטינאַציע.

מען האָט שטודירט די קלענסטע פּינטעלעך און מ׳האָט געמאַכט דע־טאַלירטע אויסרעכענונגען וועגן דעם וואָס קאָן געטון ווערן אין פאַרשי־דענע אומדערוואַרטעטע פאַלן. מ׳האָט אויך שטודירט וועגן דעם קאָנ־טאַקט, וואָס יעדער איינער פון די פּאַראַשוטיסטן קאָן מאַכן אין פאַר־שידענע לענדער, אין וואָס באַשטייט זיין מיסיע אין יעדן לאַנד!...

די פּאַראַשוטיסטן איז אויך געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו קו־מען אין קאָנטאַקט נישט נאָר מיט מיליטערישע פּערזענלעכקייטן, שפּיאָ־נען, וועלכע זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער בריטישער מילי־טערישער מאַכט, נאָר אויך זיך פאַרבינדן מיט יידן, ווו נאָר זיי קאָנען, און פון וואַנען עס לאָזט זיך, דאַרפן זיי ברענגען אינפאָרמאַציע צו דער יידישער אַגענץ וועגן דעם צושטאַנד פון די יידן אין דעם אָדער אין יע־נעם לאַנד... מיט איין וואָרט, אויב די מיסיע פון פּאַראַשוטיסטן אין דער וועלט בכלל איז געווען נישט פון די לייכטע, פון די יידישע פּאַראַשו־טיסטן איז זי זיכער געווען פיל שווערער און ריזיקאַלישער...

קאָן זיין, אַז דערפאַר האָבן די פאַראַשוטיסטן געלערנט מיט אַזאַ ברען? עס האָט זיך געפילט גלייך ווי יעדן איינעם איז געגאַנגען אין לעבן זיך צו פאַרבינדן מיט אַן אבר פון יידישן פאָלק, וועלכער איז צוליב דער היטלער קאַטאַסטראָפע אָפגעשניטן געוואָרן...

עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז יעדער איינער וועט געשיקט ווערן אויף זיין מיסיע מיט אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט! יעדער וועט קאָנען אים עפענען ערשט ווען ער וועט אַרויספליען, דאָך האָט יעדער איינער זיך אָנגעשטויסן, אַז ווייט פון דעם לאַנד פון זיין געבורט, וועט מען אים נישט שיקן...

דערפאַר האָט יעדער איינער געקוקט אין דער צוקונפט אַריין מיט אַ ציטער אין האַרצן. ווי אַזוי זעט אויס דאָס לאַנד, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן? ווער לעבט נאָך פון אונדזערע קרובים? וועמען וועל איך נאָך טרעפן פון אונדזערע אַמאָליקע באַקאַנטע? וויפל מומעס און פעטערס זענען נאָך צווישן די לעבעדיקע? און זייערע קינדער? וויפיל פון זיי זענען נאָך נישט פון די פאַרברענטע? ווי אַזוי וועל איך זיי געפינען? אַוווּ באַהאַלטן זיי זיך? אַזוי אַרום האָט יעדער פון די פאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו דער וויכטיקער מיסיע, זיך אויסגעשטעלט אַ צעטל פון באַקאַנטע און פריינט און פון די פריינטס באַקאַנטע. אַפילו אַזאַ פאַראַשוטיסטן, ווי מאַטילדאַ, פון וועלכער מ'האָט גערעדט ווי פון אַ „מאַשין אָן סענטימענטן", האָט געמאַכט איצט אירע חשבונות...

מאַטילדאַ איז געווען זיכער אַז מ'וועט זי שיקן קיין דייטשלאַנד, אָדער קיין עסטרייך. אויב אין דייטשלאַנד — וועמען וועט זי טרעפן פון איר משפחה? לעבן נאָך דאָרט אירע עלטערן? און איר חתן? וועט זי קאָנען איצט צוריקגעווינען דאָס האַרץ פון איר אַמאָליקן חתן, אויב ער לעבט נאָך?... אַמאָל איז ער געוואָרן איר חתן צוליב געלט, איר פאָטער האָט נאָך דאַן געהאַט זיינע אויטאָמאָביל פאַבריקן... אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז היטלער האָט רעקווירירט די פאַבריקן, האָט ער געמאַכט אַ ויברח... איז טאַקע דערפאַר דאַן מאַטילדאַ אַריין אין „החלוץ". דורך דעם „החלוץ" האָט מען זי געשיקט קיין שוועדן און פון דאָרט — קיין

ארץ ישראל... ווען איר פֿאָטער וואָלט נישט געווען קיין עקשן, וואָלט ער איצט אויך געלעבט אין פּאַלעסטינע! וואָלט איר מוטער אויך געווען איינע פֿון די רייכע דאַמעס פֿון תּל־אָביב. גוט, וואָס אין יענער צייט האָט זיך איר טאַטע שוין מער נישט געשפּאַרט מיט דער מוטער און געלאָזט מאַטילדאַן גיין איר וועג! דורך דעם „חלוץ” איז זי געראַטעוועט געוואָרן!

האָבן זיך אירע עלטערן געראַטעוועט אַ דאַנק דער מוטערס חכמה און פֿאָראויסזעאונגען? און איר אַמאָליקער חתן? האָט ער זיך געראַטעוועט ערגעץ? אויב יאָ, איז ער דאָך זיכער איצט נישט מער ווי אַ בעטלער, וועלכער לעבט פֿון נדבות, אָדער ווי אַ חיה, וועלכע קלייבט צונויף מיסט... וועט ער איצט אויך וואַרטן אויף אַ גרויסן נדן? וועט ער נישט זיין גליקלעך אויב מען וועט אים אַרויסראַטעווען פֿון דאָרטן? אָדער אָנווייזן אַ וועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען? איצט איז איר צייט! אויב זי וועט זיך אומקערן פֿון דאָרט אַ לעבעדיקע, וועט זי מיטברענגען אַ חתן, אַ מאַן! דאָ האָט זי דערוויייל קיין גרויס מזל נישט געהאַט אין דער הינזיכט...

מאַטילדע איז נישט געווען די איינציקע וואָס האָט געמאַכט די פֿאַמיליע־חשבונות...

— ווען האָבן מיר נאָך אין בעסאַראַביע? האָט איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען עס איז שוין געווען גאַנץ נאָענט צום ענדע קורס, אַ פֿרעג געטון חיים. — גלויבסטו, אַז מיר וועלן זיי נאָך...

— וואָס מאַכסטו ווייטע חשבונות, חיימקע! מאַך דיין אייגענעם חשבון! אָט, זעסט, אַלע חברים פֿאַראַשוטיסטן פֿאָרן זיך געזעגענען מיט זייערע פֿריינט, קרובים, בחורות... פֿאַרוואָס פֿאָרסטו נישט געזעגענען זיך מיט ראָזאַן? איז דען ביי אייך אויס?...

— אויב איך וועל זיך אומקערן אַ גאַנצער פֿון דער ווייטער נסיעה, וועל איך דאַן... אַ געזונטער, אַן אויסגעהיילטער זיך אומקערן צו ראָזאַן... פֿריער נישט... האָט חיים געענטפֿערט מיט אַ ציטער אין שטים.

— ביסטו דען קראַנק, חיימקע, האָט געשפּאַסט געניא — אין דער שולע נעמט מען דאָך צו בלויז די געזונטסטע מענטשן... און כּדי צו פֿאַררעדן אים די ציין האָט זי פֿאָרגעזעצט — אָבער פֿון וואַנען ווייסן מיר

וווהין מע וועט אונדז שיקן? אפשר גאָר קיין איטאַליע און נישט אַהין, ווו עס איז געווען אונדזער היים אַמאָל...

— אַמאָל... עס דוכט זיך — אַזוי לאַנג אין דעם!... אַזוי לאַנג... אַך! וויפֿל מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט... מיר דוכט זיך איינציקע מאָל, אַז איך בין שוין אַזוי אַלט, גענִיק...

— גיב נאָר אַ קוק ווער עס רעדט וועגן עלטער! עס האָט נאָך אַפּילו נישט חתונה געהאַט און שוין...

— נו, און דו, גענִיק... וואָס וועט זיין פֿון דיר? אַט באַלד וועלן מיר זיך צעשיידן, גענִיק! ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען... לאָז מיר אויסריידן אַלעס, וואָס עס איז אויף מיין האַרצן, גענִיק... מיר וועלן זיך אַלע לאָזן אויף אַ זייער שווערן וועג... זייער זעלטן קומט מען צוריק גאַנץ פֿון דאָרט... אָפּטער נאָך קומט מען אין גאַנצן נישט צוריק! בעט איך דיר, לאָז מיר זאָגן אַלעס, וואָס איך וויל... פֿון אונדזער פֿאַמיליע זע־נען בלויז נאָר מירביידע געבליבן... אויב עמיצער פֿון אונדז וועט זיך נישט אומקערן, וועט דער צווייטער בלייבן גאַנץ אַליין אויף דער וועלט, גענִיק!.. גלויבסטו נישט, אַז עס איז דעם צווייטנס פֿליכט חתונה צו האָבן, בויען אַ הויז בישראל, אַ פֿאַמיליע... האָבן קינדער...?

— איך גלויב, אַז דו ביסט גערעכט, חיימקע... האָבן קינדער... פֿאַ־מיליע... דו מיינסט המשך?

— איך מיין אַ געזונט פֿאַמיליען לעבן, גענִיק, ווי עס איז געווען ביי אונדז אין דער היים, ביים טאַטן מיט דער מאַמען...

— עס זענען געווען אַנדערע ציימן, חיימקע, אַן אַנדער וועלט... אַ רואיקערע וועלט... מיט אַנדערע באַגריפֿן... איבערבייטנדיק איר טאָן אויף אַ לייכטערן, האָט זי צוגעגעבן לאַכנדיק: — איך האָב נישט געוווסט, אַז דו ביסט אַזאַ פֿאַמיליע־מאַן? אַז דו גלויבסט אין דער מאָראַל פֿון טהרת המשפּחה אַזוי שטאַרק...

— גענִיק! דאָס איז איצט די איינציקע האָפֿענונג פֿאַר יידן, אַלס אַ פֿאָלק... משפּחה... מאַן און ווייב! מער ליבע, וויניקער ליבע... דער עיקר

— פאַמיליע... קינדער... טאַטע, מאַמע, קינד... זאָג מיר צו, גענים... אַז דו וועסט...

— פון וואַנען ווייסטו, אַז איך וועל זיך אומקערן? אפשר גאָר נאָר דו? האָט זי געשפּאַסט. — אפשר וועלן מיר זיך גאָר ביידע אומקערן און מיר וועלן נאָך זיין איינער אויף דער חתונה פון דעם צווייטן?..

— זעסטו! אָט אַזעלכע דיבורים שטעלן מיך צופרידן! הייסט עס, אַז מיר וועלן אָנפאַנגען אויפסניי? אַז דו האָפסט אויך? ער האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטון אין די אויגן.

— אָבער וואָס וועלן מיר טון טאָמער שיקט מען אונדז גאָר קיין איטאַליע? ווי אַזוי וועלן מיר דאָרט ריידן? אויך רומאַנעשטאַ? האָט געניאַ געוואָלט איבעררייסן דעם ערנסטן טאָן.

— וואָס שרעקט דיך אַזוי איטאַליע, גענים? טראַכט נישט וועגן איטאַליע, גענים! פאַרגעס! עס וועט דאָך קומען אַ נייע וועלט נאָך אונדזער מיסיע, נאָך דעם קריג!.. האָסט דאָך מיר אַליין נאָר וואָס צוגעזאָגט... טאָ פאַרגעס!

„פאַרגעס! פאַרגעס!" איז גראָדע דאָס וואָרט האָט נישט געלאָזט געניאַן פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם לאַנד, וועלכעס זי האָט צופעליק דערמאָנט.

איטאַליע! ווי האָט זי געקאָנט פאַרגעסן, אַז ערנאָס בעאַטריטשע איז געבליבן שטעקן אין איטאַליע?... הייסט עס, אַז ערנאַ האָפט זיך צו באַגעגענען מיט איר ווען מ'וועט אים שיקן אַהינצו? וווהין וועט מען אים שיקן, אויב נישט קיין איטאַליע, וועלכע איז זיין אמאָליקע היימאַט?... און אויב איטאַליע — הייסט עס — צו בעאַטריטשען! הייסט עס, זיינע געדאַנקען זענען איצט שוין פאַרנומען מיט איר? הייסט עס — אַז ער טראַכט שוין נישט מיט זיין גאַנצן וועזן, ווי פריער, וועגן זיין גענים?..

דער געדאַנק האָט נישט געלאָזט רוען... געניאַ פלעגט איצט אומישנע אין אָנפאַנג אָוונט אַוועקגיין מיט וויטקאָמבן אויף אַ שפּאַציר ביז שפּעט ביינאַכט, זאָל ערנאַ זי אַרומזוכן, זאָל ער פרעגן יעדן איינעם וועגן איר... אפשר וועט דאָס צונעמען זיינע געדאַנקען פון בעאַטריטשען?

— זייער גוט טוסטו, געניא, וואָס דו אַרבעטסט אויף אַלע פראָנטן! האָט איר איינמאָל אַ זאָג געטון מאַטילדאַ, מיט וועלכער זי האָט געטיילט איין צימער אין דעם פאַראַשוטיסטן הויז — פון איין זייט — ערנא און פון דער צווייטער זייט — וויטקאָמבו!... ביסט גערעכט, אַזוי דאַרף זיין! ערנאן וועט מען זיכער שיקן קיין איטאַליע, צו זיין בעאַטריטשע... כאָטש קיין גרויסע שיינהייט איז זי נישט, וועט ער זיך באַלד טרייסטן מיט איר! איר שווערן, אַז ער האָט קיינע ליבעס נישט געפירט... אַז ער האָט געפאַסט תעניתים... אמת, דו האָסט געהאַט ביי אים מער דערפאָלג פון אַנדערע מיידלעך, אָבער קיין גרויסער צדיק איז ער נישט! ער וועט נאָך דיר זיכער געפינען אַנדערע אַלס צוגאָב צו בעאַטריטשען... איז גוט, וואָס דו האָסט אין זינען אויך וויטקאָמבן... אָבער ער איז דאָך אַ קריסט, געניא! וואָלסטו?... צי דו גלויבסט, אַז ער וואָלט זיך מגייר געווען?

— ער וואָלט געטון אַלעס, וואָס איך וואָלט געוואָלט! האָט מיט שטאָלץ געענטפערט געניא, אַ געניץ געטון און זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו מאַטילדאַס פּנים.

אָבער אין האַרצן ביי געניאַן איז געבליבן אַ שטורעם אויף אַ לאַנגער צייט...

דער שטורעם אירער פלעג זיך אויסדריקן אין פאַרשידענע קאַפּריזן. די קאַפּריזן פלעגן אַרויסרופן שטווינונג אין ערנאַן. ער פלעגט זיך צעברעכן דעם קאָפּ טראַכטנדיק, וואָס איז די סיבה פון דער מאָדנער אויפפירונג. ער האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין!

זאָל דאָס זיין חרטה וואָס זי האָט זיך וואָלונטירט אין דער אַרמיי? אויב יאָ, איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס נישט זיין שולד?.. ער וואָלט באַדאַרפט באַלד אין אָנפאַנג אַנטרונען ווערן פון איר לעבן, זי זאָל אפילו נישט וויסן וווהין ער איז אַוועק! ער האָט זיך באַדאַרפט וואָלונטירן באַלד און נישט דערלאָזן קיינע באַגעגענישן צווישן זיי! איז דאָס אפשר חרטה וואָס זי האָט זיך וואָלונטירט אין דער פאַראַשוטיסטן שולע?.. איז דאָך אין דעם אויך ער שולדיק! זי איז דאָך כמעט אַ קינד! אַ קינד, וועלכעס האָט אים פשוט נאָכגעטון! אפשר שטעקט אין דעם קאַפּריזנעם

אוועקלויפן פון אים, א מין סארט מורא פאר דער צוקונפט? א ווילן זיך אפצורייסן פון אים, זיך צוגעווינען צו זיין אליין, אן אים?

אויב אזוי, וואלט ער איר באדארפט ארויסהעלפן אין דעם... זי לאזן צורו, זי לאזן ארומשפאצירן און ריידן מיט אנדערע מענטשן! זאל זי זיך צוגעווינען צו געפינען אינטערעס אין אנדערע מענטשן... זאל איר נישט אנקומען אזוי שווער דאס צעשיידן זיך!

ווען ערנא פלעגט טראכטן וועגן צעשיידן זיך, פלעגט אים בלויז קומען אויפן געדאנק איין זאך — דער טויט... נאר דער טויט קאן אונדז צעשיידן — פלעגט ער טראכטן, קיין אנדער זאך אין דער וועלט!.. ווען ער פלעגט אזוי באשליסן, פלעג דאך ארויפשווימען בעאטריטשעס געשטאלט... דאס געשטאלט אירס האט ער כמעט שוין נישט געקאנט זיך פארשטעלן. עס האט זיך קוים געזען אין זיין זכרון! ווי א בילד אין א העלן טאג אויף א וויס לייוונט...

„איך קאן אבער נישט אפלייקענען אז איך בין פארהייראט!" פלעגט ער זיך קריגן מיט זיך אליין „איך האב א ווייב און זי הייסט בעאטריטשע!.. יא! איך האב איר פארשפראכן אז איך וועל זי ליבן... אבער איצט האב איך זי נישט ליבן... איצט קאן איך נישט לעבן אן געניאן, ווי א מענטש קאן נישט לעבן אן לופט. וואס קומט מיר דערפאר? קומט מיר טויט? נעם איך אן דעם טויט, אבער איך קאן נישט צוריקגיין צו בעאטריטשען. איך קאן נישט! איך קאן נישט!

נאך אזעלכע מלחמות מיט זיך אליין, נאך דעם, ווי עס פלעגט פאר ערנאן ווערן קלאר אז ער קאן אן געניאן נישט לעבן, פלעגט ער זי אנפאנגען זוכן נאך מיט מער ברען.

— ווו ביסטו געווען, געניק? פלעגט ערנא פרעגן.

— ווו איך האב געוואלט...

— פארשטייט זיך, ווו דו האסט געוואלט! אבער ווו? איך זוך דיך ארום א גאנצן אוונט! דו אנטלויפסט פון מיר, געניק? דו ליבסט מיך שוין נישט? פארוואס זשע זאגסטו מיר דאס נישט? וועל איך דיך אויפהערן צו זוכן! ערנא דרייט זיך אויס און גייט אוועק.

ווען ער איז שוין ווייט, ארויס די גרעניצן פֿון דער שולע, פֿילט ער אַז זי לויפֿט אים נאָך. ער קוקט זיך נישט אום ביז ער פֿילט איר האַנט אין זייגער...

— איך ווייס פֿאַרוואָס דו זוכסט מיך! דו ווילסט, אַז איך זאָל דיך קיינמאָל נישט קאָנען פֿאַרגעסן... אַז איך זאָל אָן דיר נישט קאָנען לעבן...

— געניק! געניק! וואָס רעדסטו, קינד מיינס, ליבסטע מיינע!

— און וואָס וועסטו טון ווען דו וועסט קומען קיין איטאַליע? איך ווייס! איך ווייס! דו וועסט פֿאַרגעסן אַז עס איז פֿאַראַן אַ געניק אויף דער וועלט... דו וועסט...

אָבער מער לאָזט ער איר נישט אַרויסריידן קיין וואָרט. ער כאַפּט זי אויף די הענט. ער טראָגט זי אַוועק אויף זייער בערגל אַנטקעגן דעם גלבוע באַרג, דאָרט זעצט ער זי אַנידער אויף זיינע קני און זאָגט אַזוי: „זעסט דעם באַרג, געניק! גאָט האָט אַמאָל פֿאַרשאָלטן דעם באַרג, דו געדענקסט דאָך די שבועה: „אל טל, אל מטר עליכם"... „עס זאָל אויף אייך נישט פֿאַלן קיין ראָסע און קיין רעגן!" עס וואַקסט ניט, גאָרניט...! ווייזט אויס אַז די קללה איז אַ קללה... אַנטקעגן דעם זעלבן באַרג שווער איך דיר, געניק, אַז דו ביסט מיין אָנפֿאַנג און מיין ענדע!.. מיט דיר האָט זיך אָנגעפֿאַנגען מיין לעבן! וואָס איז געווען ביז דיר, איז געווען בלויז תוהו ובוהו! גאָרנישט!... עס וועט זיך ענדיקן מיט דיר... הערסט, געניק!.. דערפֿאַר זוך איך דיך! כדי דיר געבן צו פֿאַרשטיין! כדי זאָלסט עס ווּיסן! אינגיכן, גאָר אינגיכן וועלן מיר זיך צעשיידן... קאָן זיין, אַז עס וועלן דיך באַפֿאַלן שלעכטע געדאַנקען וועגן מיר... וויל איך אַז דו זאָלסט וויסן, אַז מיט דיר וועט זיך ענדיקן מיין לעבן!.. אַז איך וועל נאָר דיין נאָמען אַרויסאָטעמען מיט מיין לעצטן הויך!.. אַז איך וויל און וועל זען נאָר דיך און דיין ליכטיק געשטאַלט, איידער איך וועל צומאַכן די אויגן... צי מיין טויט וועט קומען פּלוצים, סיי דאָס וועט זיין אַ לאַנגזאַמער טויט... איך וויל אַז דו זאָלסט עס געדענקען, אַז נאָר דיין געשטאַלט וועט שטיין פֿאַר מיר!

— הייסט עס — מיין גאַנצע שרעק איז געווען אַן אומזיסטע? אַז דו האָסט מיך טאַקע ליב, ליבסטער מיינער?.. און נישט, ווי מאַטילדאַ זאָגט?.. פון פרייד הויבט זי זיך אָן צו קייקלען מיט אים צוזאַמען פון בערגל אַרונטער, אַרונטער... גוט, וואָס אַ ביימעלע פאַרצאַמט דעם וועג. זיי בלייבן אַזוי ליגן אין אַ ווילדער אומאַרעמונג... עס מישן זיך צוזאַמען ליפּן און אָטעם, טרערן און שטאַנען פון פרייד און פליסטערן פון תפילה, פון אומעט, פון פאַרזיכערונג, פון שבועות...

— ליבסטע מיינע, קינד מיינס, אָנפאַנג מיינער... סוף מיינער... גענוק מיינער...! מורמלט ערנא פון עקסטאַז.

און זי ליגט מאַכטלאָז אין זיינע אָרימס און ענטפערט מיט איר מילדן געטלעכן פליסטער.

— ליבסטער מיינער! אונדזער צייט איז אַזוי קורץ... פילסטו נישט, אַז אָט, אָט קומט דער טאָג! ער וועט אונדז אַנטדעקן... טאָ, פאַרטראָג מיך וואָס שנעלער, ווייט, ווייט, ווו קיינער קאָן אונדז נישט געפינען... און טו מיט מיר ווי עס איז גוט אין דיינע אויגן, האר מיינער! אַזוי קורץ די צייט, אַזוי קורץ...!

## פינף און דרייסיקסטער קאַפּיטל

יאָ! קורץ איז געווען די צייט, זייער קורץ!

דער קורס אין דער פאַראַשוטיסטן שולע האָט זיך געענדיקט.

מען האָט געפּראַוועט פאַר די פאַראַשוטיסטן אַ באַנקעט, אַ טאַנץ מיט מוזיק, אַ גוטע וועטשערע. אפילו מאַסקעס האָט מען זיך אָנגעטון אויף די פּנימער כדי קאָנען זאָגן איינער דעם צווייטן, וואָס מ׳וויל, אונטער די מאַסקעס.

אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי מ׳האָט זיך אויסגערוט, האָט מען אָנגעפּאַנגען פּאַקן די זאַכן, מען איז אַרויסגעפאָרן מיט גרויס פּאָמפּע אויף עטלעכע אויטאָמאָבילן קיין חיפה. אין חיפה האָט מען די פאַראַשוטיסטן אַרומגעפירט אַ גאַנצן טאָג אין אויטאָמאָבילן, זיי מכבד געווען מיט די

בעסטע עסנס אין איינעם פון די בעסטע האָטעלן, אין „כרמליה קארט".

— עס איז די לעצטע נאכט דאָ אין לאַנד, — האָט געזאָגט וויט־קאָמב צו דער גרופּע פּאַראַשוטיסטן, — אַזוי אַז איר קאָנט זיך אויס־קלייבן אַ וואָסערע פאַרגעניגן איר ווילט! אַבי איר זאָלט נישט זיין שי־כור ווען עס וועט קומען די שעה אַרויסצופאָרן. מען פאָרט אַרויס פון דאַ־נען פאַר באַגינען... און — יאָ! יעדער איינער קאָן פאַר זיך אויסקלייבן אַ וואָסער צימער ער וויל און וואָסאַרא עסנווארג און געטראַנקען זיין האַרץ גלוסט!..

די ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל. עס האָבן זיך געמישט אין דער לופטן געלעכטערן, אויסגעשרייען און נעמען פון אַלערליי גע־טראַנקען און עסנווארגן, וועגן וועלכע די פּאַראַשוטיסטן האָבן ווען גע־לייענט אין ראָמאַנען. זיי האָבן די ליקערן זיכער קיינמאָל נישט פאַרזוכט אין דערווירקלעכקייט. אַלע זענען געווען אויפגערעגט, זיך געלאָזט וויל־גיין און באַשטעלן וואָס עס איז נאָר געקומען אויפן געדאַנק, אויף די ליפּן. און גראַדע אויף ערנאַן האָט די דערקלערונג פון וויטקאָמבן געמאַכט אַ מאָדנע איינדרוק.

— עס איז דער לעצטער אָוונט! האָט ער איבערגעחזרט גלייך ווי צו זיך אַליין.

געניאַ האָט באַלד דערפילט זיין שטימונג מיט איר פיינעם שאַרפן חוש, זי האָט אים געזאָגט:

— היינט וויל איך זיך פאַר קיינעם נישט היטן, מיין ליבסטער! היינט וויל איך אויסקלייבן פאַר אונדז ביידע דעם שענסטן, דעם גרעסטן צי־מער! מיר וועלן זיין צוזאַמען, פאַר אַלעמען אין די אויגן. אירע אויגן האָבן זיך איינגעקריצט אין זיינע און זיי זענען ביידע אַוועקגעגאַנגען אויסקלייבן דעם צימער.

— מיר נעמען דעם צימער! האָט זי געזאָגט מיט אַן אויפגעהויבע־נעם קאָפּ דעם האָטעל אָנגעשטעלטן, נאָך דעם ווי זי מיט ערנאַן האָבן באַקוקט עטלעכע צימערן.

— ווי אַזוי זאָל איך פאַרשרייבן? דער האָטעל־אָנגעשטעלטער האָט

נישט געקאַנט אָפּרייסן זיין אויג פון דעם שיינעם פּאָרל.

— גאַנץ פּשוט: גענױא און ערנא מילאני! האָט זי געזאָגט מיט אַ צי אין די אַקסלען, און זיי זענען ביידע ארויסגעלאָפן ווי קינדער אין צי־מער אריין.

— איז דאָס נישט גאַנץ פּשוט, ליבסטער מיינער? גענױא און ערנא מילאני! זי האָט זיך אָנגעפאַנגען צו דרייען מיט ערנאַן אין אַ וואַלס אי־בערן צימער — געדענקסט, ליבסטער מיינער, דעם ערשטן וואַלס אונ־דזערן? ווי מיר האָבן זיך געדרייט אין דעם קאַנטין ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט פון צעשיידונג?.. היינט פיל איך די זעלבע פרייד, ליבסטער מיינער! טאָ לאָז מיך נישט אָפּ, און לאָמיר זיך דרייען, ווי דענסטמאָל, ביז וואַנען דער קאָפּ וועט זיך פאַר־דרייען...

— דער איינציקער אונטערשיד, ליבסטע מיינע, וואָס דעמאָלסט זענען מיר ארויסגעלאָפן פון דעם קאַנטין אין די בערג אריין... מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ הייל, ווי אָדם הראשון... און היינט...

— און היינט האָבן מיר זיך נישט וואָס צו באַהאַלטן פאַר קיינעם!.. היינט זענען מיר דאָך גענױא און ערנא מילאני...

— דו ווילסט מיר זאָלן אַליין טאַנצן אויף אונדזער חתונה, גענױק?

— יאָ אַליין, אַליין! מיר ווילן קיינע אַנדערע מחותנים נישט האָבן, ליבסטער מיינער... מיר! נאָר איך און דו!

זיי דרייען זיך אַ לאַנגע צייט ביז וואַנען עס דרייט זיך דער קאָפּ פון טאַנצן. זיי פאַלן ביידע אַנידער אויף אַ דיוואַן אין אַ ווילדער אומ־ארעמונג... דאַן גייען זיי אַרויס אויף דעם באַלקאָן. ערנא רוקט אַרויס דעם טיפן ווייכן שטול פון האָטעל־צימער אויף דעם באַלקאָן. זיי זיצן אַזוי צוזאַמען, ער אויפן שטול און זי אויף זיינע קניעס.

עס גיט אַ וווּנק צו זיי פון דעם ים אַ פייערל פון אַן ענגלישן ברעג־היטער.

דער גאַנצער ים ברעג איז אויסגעפינצטערט, טויט. עס איז מלחמה! עס איז אַ צייט פון גרויס פאַרזיכט! דאָס איינציקע עלנדע פייערל, וועל־

כעם גיט אַ פּלאַץ אַרויס פֿון דער פֿינצטערניש, דערמאָנט אָן עפּעס, וועגן וועלכן זיי ווילן פֿאַרגעסן...

אָבער דאָס פֿייערל דערמאָנט! עס דערמאָנט אַז מאָרגן, פֿאַר באַגי־נען, וועט מען אַהין אַוועקפֿירן די פֿאַראַשוטיסטן... פֿון דאָרט וועט יעדער איינער אַוועקפֿליען אין זײַן זײַט, אין זײַן ווינקל, אין זײַן עלנד, אין דער פֿינצטערניש אַרײַן...

פֿון דעם געדאַנק ווערט מאָדנע טונקל אויפֿן האַרצן, דער טונקל לעשט אָפּ די ליידנשאַפֿט. ער רופֿט אַרויס פֿאַרשידענע געדאַנקען, רחמנות איי־נער צום צווייטן. אפֿשר מאָרגן אין דער צייט וועל איך שוין ליגן ערגעץ איינע אַליין אויף אַ פֿעלד מיט צעבראָכענע אבֿרים, און עס וועט נישט זײַן ווער עס זאָל אפֿילו מיטקרעכצן מיט מיר? און אפֿשר וועל איך שוין מאָרגן אין דער צייט ליגן ערגעץ אין אַ טורמע און עס וועלן מיך היטן וועכטער, וועלכע מען קאָן באַין אופֿן נישט אונטערקויפֿן?

טאָ לאָמיר היינט האָבן רחמנות אויף זיך... אפֿשר וועל איך שוין מאָרגן דאַרפֿן איינגעמען דעם סם, וועלכן איך פֿיר מיט זיך?

און אפֿשר וועל איך שוין מאָרגן אין דער צייט אָנקניפּן אַ קניפּ צווישן דער חושך־וועלט פֿון דאָרט, און דער וועלט פֿון דאַנען? אפֿשר וועל איך שוין מאָרגן אַרײַנברענגען ערגעץ ליכט?

מחשבֿות דרייען זיך ווי אין אַ כּאַראַאָד. עס קושן די ליפּן שטיל, מיט מיטלייד. עס איז פֿאַראַן אין דעם קושן זיך אַ גלעט און אַ טרייסט. אַ שותּפֿותדיקער צער, וועלכן מ׳קאָן נישט אויסמיידן, אַ טיפֿער מיטגעפֿיל, אַ מיטפֿאַרשטיין...

— ליבסטער מײַנער, ווען מיר וועלן זיך צעשיידן אינדערפֿרי זאָלסטו נישט פֿאַרגעסן צו זאָגן „להתראות געניק" — צום ווידערזען געניק! געניק! הערסט, ליבסטער מײַנער! פֿליסטערט געניא קוקנדיק אין ים אַרײַן און אַרומוויקלענדיק זיך מיט אירע שלאַנקע הענט אַרום זײַן האַלדז...

— לאָמיר אַזוי זיצנדיק, אײַנדרימלען אַביסל, עס איז אַ שאָד צו פֿאַרשלאָפֿן די נאַכט געניק! — זאָגט ערנאָ מיט אַ ציטער אין שטים, — ערגעץ אין זײַן נשמה הילכט אָפּ: די לעצטע נאַכט... ער דריקט זי צו שטיי־

פער צו זיך, ער קושט די נעגל פון די הענט און פון די פיס...

— אָט דאָ האָב איך שוין לאַנג נישט געקושט, זאָגט ער און אַנט־בלויז די אויערן פון דעם שוואַרצן געדיכטן וואָלד האָר. אַוווּ נאָך, געניק? אָט־אָ דאָ? האָ? און ער אַנטבלויזט דעם האַלדז פון די הענגענדיקע אי־בער אים האָר.

אַזוי פליט אַוועק די נאַכט. ערגעץ גיט אַ וויין אַ שאַקאַל. שלאָף, שלאָף! קינד מיינס, עס איז נאָך נאַכט! וואָס? טאָג? ווי קאָן דאָס זיין אַזוי גיך? אוממעגלעך! מיר האָבן זיך דאָך ערשט אַנידערגעזעצט דאָ?..

אָבער עס איז שוין פאַר באַגינען. מען קלינגט אין אַלע צימערן אַריין. די פּאַראַשוטיסטן דאַרפן אויפשטיין. דער עולם איז שלעפעריק... עס ווילט זיך נישט, אָבער מען דאַרף! מ'גאָלט זיך, מ'וואַשט זיך, מ'קומט אַרונטער אין עס־צימער עסן פרישטיק אויסגעפּוצטע. אָבער ווער קאָן דאָס עסן אין אַזאַ פאַרבאַגינען? דאָך זעצט מען זיך צו די טישן, געניאַ זיצט צווישן ברודער און ערנאַן, אַנטקעגן זיי זיצט וויטקאָמב. זי איז פרייל־לעכער פון אַלעמען. זי מוז זיין פריילעך... זי מוז דאָך טרייסטן און פריי־לעך מאַכן חיימען, אָבער נאָך מער — ערנאַן.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שטיל און אומעטיק, ליבסטער מיינער? גיט זי אַ פּליסטער און מונטערט אים אונטערן טיש מיט אַ קלאַפּ אין פוס — ליבסטער מיינער! פאַרגעס נישט „להתראות, געניק!" דאָס עסן בלייבט שטיין אויף דעם טיש כמעט נישט אָנגערירט. ווער קאָן עסן אין אַזאַ פרימאָרגן? איז שוין טאַקע פרימאָרגן? ניין, עס איז נאָך גאַנץ טונקל, אפשר אַ טעות? ניין, עס איז נישט קיין טעות! עס וואַרטן שוין ביים האָטעל „כרמליה" די אויטאָמאָבילן... געניאַ פּאַרט פּונקט ווי זי איז געזעסן ביים טיש, פון איין זייט ערנאַ, פון דער צווייטער זייט חיים, און אַנטקעגן וויטקאָמב...

וויטקאָמב זעט אויס זייער אויפגערעגט, באַזאָרגט, כאָטש ער רעדט קיין וואָרט נישט. די אויטאָמאָבילן פאָרן צו צום ברעג ים. עס איז נאָך פינצטער. מען זעט אָן דאָס וואַסער. עס איז טונקל און קאַלט. עס גיט אַ פלי דער געדאַנק: אינעווייניק מוז זיין גאָר קאַלט! עס לויפט דורך אַ ציטער איבערן לייב...

עס וואַרטן ביים ברעג קליינע שיפלעך, אַלע זעצן זיך אויס אין די שיפלעך, אויף דעם זעלבן שטייגער ווי פריער... געניא, חיים פון איין זייט, ערנא פון דער צווייטער זייט, און וויטקאָמב אנטקעגן. אַלע אין איין שיפל. וווהין פירן זיי די שיפלעך אַוועק? ווייסט עמיצער? פאַרוואָס זאָגט קיינער נישט? וואָסאַרא אונטערשיד? עס איז דאָך קלאָר, אַז דאָרט, וווהין זיי פירן, איז נישטאָ קיין האָטעל, קיין באַלקאָן... אויף דעם באַל-קאָן איז נישטאָ דער ווייכער שטול, ווו ערנאַס אָרימס וועלן אַכטונג געבן אויף דיר, אַז עס זאָל מיט דיר גאָר קיין בייזעס נישט פּאַסירן... אַליין! איינע אַליין! וווהין פירן דאָך די שיפלעך?

אַט גייען אַלע אַרויף אויף אַ שמאָלע אייזערנע לייטער אויף אַ הויכער ענגלישער שיף. אַלע שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען. וויטקאָמב שטייט אין מיטן. ער רעדט שטילערהייט צו איינעם פון דער שיפס-קאָמאַנדע. עס באַווייזט זיך אויף דעם דעק איינער, וועלכער רופט אויס יעדעם מאָל דעם נאָמען פון דעם פּילאָט און זיין פּאַראַשוטיסט. וויטקאָמב גייט צו צום פּאַראַשוטיסט און צו זיין פּילאָט. ער קושט זיי און דריקט זיי די הענט. זיי זעצן זיך אַריין שטילערהייט. דער עראָפּלאַן גיט זיך אַ ריר פון אָרט. ער פאָרט דערווייל איבערן דעק, אַלע גייען אים נאָך. אָט פּאַלט ער פון דעק גלייך ווי אין ים אַריין... אָבער ער פאַלט ניט אַרונטער, ער פליט אַרויף, אַרויף... שלום, שלום! עס ווינקען הענט פון דעק, און אויגן פון דעם פליענדן פויגל... וווהין פליט ער? ער האָט זיין צעטל! ער ווייסט שוין?.. ער ווינקט צוריק מיט די אויגן. ער גיט זיך אַ דריי אין דער לופט איבער דער שיף און אַוועק... אין דעם ווייטן אומבאַוווּסטן... וואָס דערוואַרט אים דאָרטן? גאָט ווייסט!

די רייען ווערן קלענער. יעדעס מאָל פליט אַוועק אַ פויגל און טראָגט אַוועק מיט זיך יונגע לעבנס. וווהין? צום לעבן? צום טויט? ווער ווייסט? וועלן זיי באַווייזן אויסצופילן זייער מיסיע? וועלן זיי ערגעץ אָנקניפּן קאָנטאַקט — וועט זיין גוט זיי און די, וועלכע וואַרטן אויף זיי — אויב נישט — וואַרט אויף זיי טויט...

וויטקאָמב גיט אַ ווונק צו ערנאַן. ערגעץ אין אַ געדאַנק גיט אַ פליס-

טער — „קיין איטאַליע". געניא פירט אים צו צום סאַמע אַריינגאַנג פון דעם פליענדן פויגל. זי האַלט אים ביי דער האַנט ביז מען מאַכט צו דאָס טירל. זי רייסט נישט אָפּ קיין אויג פון אים. אָט קייקלט זיך דער עראָפּלאַן אַרונטער פון דעק און גיט זיך אַ הויב אויף. ערנאַ קוקט אַרונטער. ער איז אַזוי מאָדנע אין זיין אוויאַטאָר אָנצוג און הוט... ער נעמט נישט אַרונטער זיין אויג פון געניאַן. ער איז זייער ערנסט. עס דוכט זיך געניאַן, אַז ער בעט מ'זאָל אים ראַטעווען... אַז ער פרעגט, פאַרוואָס מען האָט אים אַריינגעזעצט אַהין... זי גיט אַ שטאַרקן דריק חיימס האַנט. זי פליסטערט צו אים: ער האָט פאַרגעסן צו זאָגן „להתראות געניק"...

אָבער חיים ענטפערט גאָרנישט. ער איז אויך גענוג ערנסט. וועט ער זיך אומקערן פון דער מיסיע געזונט מיטן קערפּער? אויב אַ קריפּל, בעסער זיך נישט אומקערן! און די נשמה? וועט ער זיך אויסהיילן פון זיין חלאַת? פון זיין גומענעם ראָד? וועט די נסיע נישט אויסקויפן זיין זינד מיט דער שרעק, מיט די סכנות?..

— געניק! געדענקסט, האָסט מיר צוגעזאָגט עפּעס! בעט ער שטיל... אויב איך קום נישט צוריק, מוזטו פאַרזעצן אונדזער פאַמיליע... המשך... געדענקסט געניק? חתונה האָבן... קינדער...

ער זיצט שוין אין דעם שטאָל־גרויען פויגל... ער גיט זיך אַ מאָדנע דריי אַרום דער שיף, אַ צווייטן דריי, און אַ דריטן און — נישטאָ חיים — וווהין טראָגט אים זיין פויגל? וועט ער באַווייזן צו באָמבאַרדירן פלעשטי און זיך נישט אָנצינדן?

איצט בלייבט וויטקאָמב אַליין מיט געניאַן און מיט איר פּילאָט.

— לאָמיר זיך צעקושן געניאַ! — שמייכלט ער מיט טרויער — איך וועל פאַר אייך בעטן גאָט... גלויבט אין גאָט! אין אַזעלכע מינוטן איז זייער גוט צו גלויבן! — ער קושט זי איןביידע באַקן, אין די אויגן, אין קאָפּ... — קערט זיך אום, געניא, געזונט און שטאַרק! מען וואַרט אויף אייך דאָ, געדענקט! איר הערט? ער זעצט זי אַליין אַריין אין עראָפּלאַן. ער קושט אירע הענט — געדענקט!

עס גיט זיך אַ דריי דער עראָפּלאַן. עס דוכט זיך, אַז ער וויל אָניאָגן

חיימען... ניין! אפשר גאָר ערגאַן? אָבער זיי זענען שוין נישטאָ... די לופט האָט שוין פאַרגעסן אָן זיי... וווהין פליט זי? ווער ווייסט? וועט עמי־צער וויסן וועגן דעם, היינט אין דעם לאַנד? היינט — קיינער נישט! אפילו די זון, וועלכע קוקט אַרויס פון מזרח באַוויַזט שוין גאָרנישט צו דערקענען... שאַ! שטיל! דער ים איז בלוי ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. דער כרמל שטייט שמונה עשרה ווי אַלע טאָג אין דער צייט... פונקט ווי שטענדיק שטייט די ענגלישע קריגסשיף אין מיטן ים. אַרום איר — ברעג־היטער, ווי שטענדיק. קיין זכר נישט צו דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגע־שפּילט דאָ, אין דעם פאַרבאַגינען! קיינע עדות! דאָס גאַנצע לאַנד איז דאָך געשלאָפן!... אַלעס אין דעם ים און אַרום אים — ווי געווײנטלעך, קיינע נייעס!

אַ טאָג, ווי אַלע טעג, פאַנגט זיך אָן אין ארץ־ישראל...

## זעקס און דרייסיקסטער קאַפּיטל

אַ טאָג, ווי אַלע טעג, אין צייט פון דעם צווייטן וועלט־קריג.

עס ברענט די אַרבעט איבעראַל, עס פעלן אין לאַנד זעכציק טויזנט אַרבעטער־הענט. עס מוזן די איבערגעבליבענע הענט זיך אָנשטרענגען. אַר־בעט מען אין די פעלדער שפּעטער, אין די ווירטשאַפטן אַרבעטן אַפילו קינדער. לאָזט מען אָפּ די שילער פאַר דער צייט כדי די טרויבן זאָלן נישט גיין פאַרלוירן. גיט מען די קינדער אין מיטן ווינטער אַ וואַקאַציע כדי העלפן שניידן די מאַראַנצן. נישטאָ וווהין צו שיקן די מאַראַנצן צוליב קריג! געפינען זיך קלוגע קעפּ, וועלכע מאַכן פון גאָרנישט פאַבריקן, ווו מען קאָנסערווירט פון די מאַראַנצן זייערע סאָקן און מען פאַרקויפט זיי צו דער אַרמיי אין אַלע עקן וועלט! עס איז קריג!

קלוגע קעפּ פון די קיבוצים טראַכטן צו אַלערליי מיטלען, מיט וועלכע מען קאָן מאַכן רעצעפּטן פון זעלטענע גראָזן, גוטע רפואות פון די שאָלעכצער פון מאַראַנצן און ציטראָנען... און איינער, וואָס זעט אויס ווי אַ רוסישער פּראָסטער שייגעץ, האָט גאָר צוגעטראַכט אַ וועג, ווי מען

קאָן מאַכן פון האָלץ דיקט און פון אים אַלערליי ווענט און ווענטלעך צו בויען הייזער... מען אַרבעט, מען זוכט צו נייע זאַכן, מען טראַכט צו נייע וועגן. עס וועט דאָך קומען אַ נייע וועלט, אַ גוטע וועלט, אַ שיינע וועלט! וועט מען דאָך דאַרפן בויען אַ ניי לאַנד, אונדזער לאַנד!

אָבער דערווייל איז דער ענגלענדער ערנסט און שלעכט. ער לאָזט זיך נישט רעדן! מען דאַרף ביי אים פּועלן מיט גרויס מי דעם אַריינקום פון געשטראַנדעטע אין מיטן ים... דערפאַר טאַקע קומט אויס פּנינהן און אַזעלכע ווי זי, אין די נעכט אין צייט פון אָפּרו און שלאָף צו אַרבעטן אויף דעם טורעם. דערפאַר טאַקע איז זי אַזוי מיד. זי האָט שוין גאָר קיין כּוח נישט מלחמה צו האַלטן מיטן אכזריותדיקן לעבן, נישט מיט שלמהן, נישט מיט זיאַמאַן. זאָל נאָר זיאַמאַ אויסוואַקסן ווי יעדער נאָרמאַלער יינגל — דאָס איבעריקע איז נישט וויכטיק! אירע אייגענע געפילן? העו! דאַריבער זאָגט זי צו איר זון:

— גיי, זיאַמאַלע, צום טאַטן אין צימער אַריין! גיי העלף מנוחהן מיט דיין ברודערל! מען זאָגט, אַז מנוחה איז נישט געזונט! עס איז דאָך די שעה, ווען דיין ברודערל איז אין איר צימער. טאַ גיי, שפּיל זיך מיט אים, ביז מען וועט אים צוריקנעמען אין בית התינוקות!

— מיין ברודערל? — וווּנדערט זיך זיאַמאַ. אין אמתן געפעלט אים צו האָבן אַ ברודערל. עס האָבן אַזויפיל פון זיינע חברים דאָ אין קיבוץ, ברידערלעך און שוועסטערלעך. אָבער זיאַמאַ איז שוין אַ גרויסער בחורעץ. ער פאַרשטייט שוין. ער וויל נישט אָנטון זיין מוטער קיין יסורים. אפשר וועט איר פאַרדריסן, וואָס ער האָט פאַרגעניגן ווען ער האַלט דאָס ווייכע פּיצעלע הענטעלע פון מנוחהס קינד? חזרט זיאַמאַ איבער:

— מיין ברודערל? ער איז דאָך מנוחהס קינד און נישט דיין קינד?

— נאַרישער זיאַמאַ! — שמייכלט פּנינה מיט אַ קרענקלעכן שמייכעלע. — איר האָט דאָך איין טאַטן! דער עיקר אין לעבן — איז דער טאַטע, דער פאָטער!... גלויב מיר, ער איז דיין ברודערל! גיי אַהין און העלף מנוחהן! נעם דיין ברודערל און גיי מיט אים אַביסל שפּאַצירן! אָבער האַלט אים פעסט ביי דעם הענטעלע! לאָז אים נישט אָפּ! ער איז אַ קליין רוחל! ער קאָן פאַרקריכן!

אזוי מאַכט זיך פנינה גלייכגילטיק צו דער אויסערלעכער וועלט. און אַלעס — צוליב זיאַמאַן! זי ווייסט, אַז אויב זיאַמאַ וועט זיך צובינדן צום קינד, וועט ער אָנהייבן גיין צוריק צו שלמהן אין צימער אַריין יעדן אָוונט... שלמה וועט אים העלפֿן מיט זיין שול־אַרבעט. זיאַמאַ וועט נאָך ענדיקן די שולע מיט אַן אויסצייכנונג, ווי אַנדערע יינגלעך! — טראַכט זיך פנינה. פֿון דעם געדאַנק ווערט איר פֿריילעך! פֿרייַלעכערהייט לויפֿט זי אַרויף אויף דעם טורעם אין מיטן ביינאַכט. עס איז קריג! אויף דער וואַך!

עס איז קריג! עס איז טאַקע נישטאָ קיין צייט, אָבער עס ווייַנען שוין געגנוג מאַמעס, ווייל זייערע זין זענען שוין דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיט די אויפגעריסענע שיפֿן. עס וויינען שוין גענוג כלות — מען זאָגט, אַז די, וועלכע האָבן געקלעטערט פֿון יענעם זייט לבנון, וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן!... מען זאָגט, אַז מ'האָט זיי שוין לאַנג צעשניטן אויף שטיקער...

אזוי פֿיל קרבנות גיט מען די ענגלענדער, טראַכט דבורה, און ער מאַכט זיך כּלא יודע! און דאַריבער האַלט נאָך דבורה אַלץ אָן אירע „פּיי־וואָקלאָק טים" כּדי צו דערוויסן זיך עפּעס דורך אירע געסט, די „טאָמים".

„און פֿאַרוואָס גייט הערי נישט אין קריג אַריין?" — פֿרעגן נאַרישע שכנות פֿון כּפֿר חירות. „אַלע זענען אַוועק אין קריג, נאָר דו, פּוילאַק?" און הערי פֿון דער צרכניה פֿון כפֿר חירות שמייכלט און זאָגט אויף אַ געבראָכענעם יידיש:

— מען זאָגט, אַז מען קאָן דאָרט דערהרגעט ווערן!

אָבער גאַנצע נעכט אַרבעט ער אונטער דעם פֿאַרהאַנגענעם פֿענצטער פֿון זיינע עלטערנס הייזקע איבער אַלערליי פּלענער, וועלכע ער פֿירט צו־מאָל אַוועק אין שטאָט אַריין, ווו ער קויפֿט איין פֿאַר דער צרכניה „שטאַ־טישע סחורות"...

קריג! עס איז קריג אויך פֿאַר שמשונען. ער דאַרף איצט פֿירן נישט נאָר זיין „מקשר"... ער פֿירט אויך די בריטישע „טאָמים" צו פֿאַרשידענע קאָנצערטן און קינאָס, זיי זאָלן הנאה האָבן און ליב האָבן זייער אַרמיי. און דערפֿאַר אַרבעט שמשון צוועלף שעה אַ טאָג, דערפֿאַר פֿאַלט ער אַני־

דער אָפּט, אין זיין אוניפאָרם, דרעמלט איין. וואָס גייט אים אָן די ווירקלעכקייט? נאָר ווען ער קומט אין זיין „אגד"־סטאַנציע און באַקומט דאָרט אַ בריוו פון מאַניאַן, וואַכט ער אויף. ער דערמאָנט זיך דאַן אַז ער איז אַ מענטש. אַז ער וואַרט אויף דעם סוף פון קריג באַגלייך מיט אַלעמען... דאַן וועט ער אויך אָנהייבן אַ לעבן אויפסניי, מיט מאַניאַן!

ער וואָלט שוין טאַקע באַדאַרפט אָנהייבן צו טון עפּעס אין דעם, אין ענין גט, אין ענין „בית אינוואַלידים". אָבער ווער האָט עס צייט? עס איז דאָך קריג! צי מען וויל, צי מען וויל נישט, מען מוז אָפּלייגן פון טאָג צו טאָג. און דערווייל שרייבט ער בריוו צו מאַניאַן זיצנדיק ביי דבורהן אין הויז, צווישן איין אָפּפאָר און דעם צווייטן. זאָל זיך נאָר ענדיקן דער קריג, מאַניטשקאַ! זאָל זיך שוין ענדיקן דיין ענדלאָזער מדבר, דיין לאַסט־אויטאָמאָביל טרייבן, זאָל זיך נאָר! אַך, ווי מיר וועלן אָנהייבן אַ ניי לעבן! מיר וועלן גיין אין אַן אַנדער מושב עובדים, אויב דו ווילסט נישט אין דעם! מיר וועלן ביידע אַרבעטן. איך וועל דיר געבן אַ גרויסע ווירטשאַפט. אַ סך הינדעלעך און בהמות! איך ווייס אַז דו האָסט ליב אַ גרויסע ווירטשאַפט! דו האָסט נישט מורא פאַר אַ סך אַרבעט. אָבער איך וועל אויך אָנהייבן אייפסניי, מאַניטשקאַ! אוים רעדל! אוים נהג! אוים „מקשר"! שמשון ווערט צוריק אַ מושבניק! צו דער ערד! אַזוי פאַרגעסט זיך שמשון. גיט אַ כאַפּ אַ עס דאָ, דאָרט, און פאָרט ווייטער...

נישט איינמאָל שרייבט ער מאַניאַן וועגן איר מוניקן. אַך! ווי מוניק האָט זיך אויסגעצויגן. אַן אמתער בחור. שוין כמעט אַ מושבניק. העכער פון טאַטן. ניין! שמשון מעקט אוים דאָס וואָרט. צוליב וואָס אָנטון מאַניאַן צער? העכער, פיל העכער פון דער מאַמען, שרייבט ער. און זיינע אויגן, מאַניטשקאַ, ווערן בלויער פון טאָג צו טאָג. זיי ווערן פונקט ווי דער מאַמעס אויגן! איך האָב ליב מוניקן. מיר זענען געוואָרן אמתע גוטע פריינט. מיר זעען זיך אָפט, מאַניטשקאַ!

שמשון האָט באמת ליב באַקומען מוניקן. עס איז נישט קיין ליגן — זיי זעען זיך אָפט. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס גאָר פשוט: מוניק איז איינמאָל צוגעקומען צו דער צרכניה, וווּ שמשון האָט אָפּגעשטעלט זיין אָמני־

בים אין אָוונט. שמשון האָט פֿון דאָרטן געוואָלט גיין עסן זיין בידנע וועטשערע אין זיין שמוציקער היים.

— האָסט באַקומען אַ בריוו פֿון דער מאַמען? — פֿרעגט שמשון, זעענדיק אַז מוניק וויל נישט אָפּטרעטן פֿון אים — וואָס שרייבט דיר די מאַמע, מוניק? מעגסט מיר זאָגן! שעם זיך נישט! איך בין...

אָבער מוניק שעמט זיך יאָ. ער ווייסט נישט פֿון וואָס אָנצוהייבן. ער שטאַמלט און איקעט אונטער.

— שמשון... מיין מאַמע... ווייסטו, שמשון?... מיין מאַמע האָט נישט באַדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן... מיין טאַטע... און דאָס מיידל פֿון טערקיי... איך שעם זיך וואָס מיין טאַטע איז אַזאַ... וואָס וועט זיין ווען די מאַמע?...

שמשון פֿאַרשטייט. מען דאַרף אים קיין סך נישט זאָגן. אויף דעם שטיקל גרשומען קאָן מען אַלעם גלויבן. שטילע וואַסער גראָבט טיף... אָבער אויפֿן יינגל איז אַ גרויס רחמנות! עס איז דאָך מאַניאַס יינגל! אויב מאַניאַס יינגל — איז דאָך מוניק אויך זיין יינגל! אַך, ווי ער וואָלט געוואָלט האָבן אַזאַ יינגל! ער וואָלט שוין געקאָנט האָבן אַ גרעסערן זון!

— נאַרישקייטן! — מאַכט ער צו מוניקן — וואָס עס ווייזט זיך דיר אויס! קוק נישט אויף זיי!

— ווי קאָן איך נישט קוקן, שמשון? עס איז דאָך מיין מאַמע, שמשון! — ענטפֿערט מוניק אַנטווישטערהייט.

— דיין מאַמע איז אַ מלאך, מוניק! מען מוז אָבער וואַרטן ביז זי וועט צוריקקומען.

— איך האָב מורא, אַז זי וועט שוין נישט האָבן קיין היים, שמשון, ווען זי וועט צוריקקומען...

— ביסט אַ קינד, מוניק! מענער זענען אַזוי! וואַרט, ווען דו וועסט אויסוואַקסן און ווערן אַן אמתער מאַן, וועסטו אויך זיין אַזוי... ווי דיין טאַטע...

— איך וויל פֿון אים נישט וויסן, שמשון! איך וואָלט אַנטלאָפֿן פֿון דער היים. אין אַ קיבוץ. אָבער איך ווייס נישט, וואָס צו טון... נאָך צו יונג, זאָגט מען.

— ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ מושבניק! און ווער וועט ירשנען דיין טאַטן?

— שמשון! מיר געפעלט איצט קיבוץ מער. די חברה פון בית הנוער גייט אויף התיישבות. וועסטו זיי העלפן מיט דיין אָמניבוס היינט ביי־נאַכט? קום, וועסטו זען ווי גוט עס איז דאָרט ביי זיי... ,

— אַוודאי וועל איך פאָרן מיט זיי ביינאַכט, מוניק! ווי קאָן עפּעס געטון ווערן אָן שמשונען? און דו, פאַרגעס וועגן דעם, וואָס האָסט מיר געזאָגט. מיר וועלן נאָך אַמאָל רעדן וועגן דעם! און שרייב נישט דער מאַמען וועגן דעם אין מדבר אַריין. זאָל זי דאָרט נישט האָבן קיין יסורים.

עס איז שפּעט ביינאַכט. עס קרייען שוין טאַקע די האָנען זייער פאָר־באַגינען־קריי. שמשון פירט די „חברה" פון בית הנוער צו דער נייער התיישבות. נאָך נישטאָ קיין וועג, נאָך נישטאָ קיין אָנווייזונג אויפן זאַמד, אָבער די חברה דערקאָנען שוין דעם פּלאַץ, וועלכן זיי האָבן אַריינגע־קלאַפּט אין זאַמד אויף דעם בערגל. מען האַלט לאַמטערנעס אין די הענט און מען קלאַפּט אַריין נאָך פּלאָקנס. מען ציט צווישן די פּלאָקנס דראָטן. עס ווערט אַ הויף! צווישן צוויי פּלאָקנס ווערט פון אויבן איבערגעצויגן אַ דראָט און אויף אים „ברוכים הבאים!" דאָ ווערט היינט געבוירן אַ נייע התיישבות. מען קלאַפּט אַריין אין דער ערד פיר קלעצער, מען לייגט אויס דעם גרונט מיט שטיינער. איבער די שטיינער לייגט מען אויס ברעטער. מען שטעלט אויף ווענט. און שמשון פאָרט אַהין און צוריק מיט זיין אָמניבוס און מוניק מיט אים. זיי ברענגען פון כפר וויטקין בעטלעך און מאַטראַצן און כלים און קישנס. פון אָמניבוס זעט מען נישט אַרויס. מען טאָר נישט זען. מען היט זיך נאָך פאַרן ענגלענדער. אַזויפיל טוט מען פאַר אים, אָבער מיט אַ נייער התיישבות דאַרף מען זיך היטן! ער קאָן דאָס נישט פאַרליידן! קיין שום נייע זאַך קאָן ער נישט פאַרליידן. קיין וווקס! קיין געבורט פון אַ נייעם פינטעלע אויף דער מאַפּע! פאַרוואָס איז ער אַזוי שלעכט, דער ענגלענדער? מען זאָגט, ווייל עס איז נאָך קריג. מען זאָגט, ווייל דער קריג גייט נישט גוט. מען זאָגט, אַז דער שונא שטייט שוין אָט דאָ, ביים סאַמע מדבר! מען זאָגט, אַז איינער פון די בריטישע גענעראַלן האָט זיך אָנגעשיכורט און פון גרויס שמחה געוואָלט פאַרקויפן

דעם שונא גאנץ „פאלעסטיין" פאר א שיבוש... מען זאגט, אז ווען נישט די יידן, וועלכע האבן אין צייט געווארנט, וואלטן זיי טאקע... אזוי גייען ארום גייעסן פון איין עק לאנד אין צווייטן און קיינער ווייסט נישט דעם אמת. קיינער ווייסט נישט, אז ערגעץ ווייט ווייט שמאכטן די בעסטע זין פון דעם לאנד! יונגע חברה האבן זיך פרייוויליק אפגעגעבן אלס פאראשוטיסטן! קיינער ווייסט נישט וועגן דעם... נאר איין וויטקאמב, דער, וועלכער האט געזען ווי די פייגל זענען אוועקגעפלויגן אין דער פינצטערניש ארויין... דער, וועלכער איז נאענט צום גענעראל-שטאב פון דעם נאענטן מזרח, פון דעם הייליקן לאנד!

הייליק לאנד! וויפל עוולות זיין בריטאניע באגייט אין דעם הייליקן לאנד! אך, וויפל! אבער וואס קאן וויטקאמב טון צו דעם? טראגט ער דען נישט די בריטישע אוניפארמע? האט ער דען נישט געשווירן צו זיין קעניג? אבער עס וועט קומען א צייט ווען ער וועט ארונטערנעמען זיין אוניפארמע... דאן וועט ער זיי העלפן. די מאדנע יידן וועלכע האבן געגעבן דער וועלט די ביבל! דאן וועט ער זיי העלפן, אט די נאאיווע נאראנים, וועלכע האבן געגעבן בריטאניע אזויפיל פון זייערע בעסטע זין אלס שפיאנען אין סיריע און אין עגיפטן! דאן וועט ער העלפן די, וועלכע האבן געגעבן אזא טייערע געניא אלס א פאראשוטיסטן! מען הערט שוין אזא לאנגע צייט גארנישט פון איר! ווער ווייסט, צי זי לעבט נאך! אך, נאכן קריג וועט ער טון, וואס זיין געוויסן דיקטירט אים צו טון... אבער דערווייל? ווען וועט זיך שוין אמאל ענדיקן דער קריג? ווען?...

## זיבן און דרייסיקסטער קאפיטל

אבער פונקט אזוי אומדערווארט ווי דער קריג האט זיך אנגעהויבן, אזוי האט ער זיך געענדיקט.

עס האבן זיך געטראגן איבער די לופט-כוואליעס הוראס און אויסגעשרייען: זיג! נצחון! מיר האבן געזיגט! מיר האבן מנצח געווען דעם טיראן פון דער וועלט... נצחון! הורא!

מיט דער גאנצער וועלט האבן די יידן אויך מיטגעשריגן: נצחון! זיג!

און נאָר די שטילע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו שרייען און קיין פרייד צו פרייען זיך, האָבן זיך געפרעגט: „וואָסאַרא נצחון? ווער האָט געזיגט? וואָס איז די שמחה? וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק? וואָס זענען די הוראס, וואָס? וואָס די איבערגעבליבענע זענען צעזייט און צעשפּרייט דער אין דעם שפּיטאָל און יענער אין יענעם משוגעים־הויז? וואָס מיר זענען געבליבן מיט אַ דור קינדער יתומים? וואָס די איבערבלייבענישן זענען קראַנק און פאַרקריפּלט אין גוף און אין נשמה?“

אָבער אַלע שרייען הוראַ, שרייט מען אויך הוראַ. עס איז אויס מיטן קריג! אויס קריג! און עס הייבן זיך אָן אומצוקערן פון דעם קריג די, וועל־כע זענען אַהין געשיקט געוואָרן. דער ענגלענדער איילט זיך נישט, ער האָט צייט. עס גייט ביי אים אַלעס צו פּאַמעלעך. ווען וועט מען דעמאָביליזירן די מדבר־אַרמיי? די אַרמיי פון פרויען, ווער דאַרף זי דאָרט האָבן?

מען זאָגט, אַז באַלד וועט קומען איר סוף! אָבער ווער קאָן וויסן ביים ענגלענדער? וואָס גייט אים אָן וואָס מאַניאַס נשמה איז פול מיט זאָרג פאַר איר מוניקן, וועלכער האָט זיך אַזוי צוגעבונדן צו איר מיט זיינע בריוו? וואָס גייט אים אָן וואָס אַ מאַמעס האַרץ האָט אַזעלכע שלעכטע פאָרגעפילן, אַז עס גייט איר נישט אָן דאָס לעבן. סגייען איר נישט אָן די אויסצייכענונגען, וועלכע מען שפּיליעט אָן אויף איר! אַהיים! אַהיים! צו מיין ווירטשאַפט! צו מיין משק! האָב איך דען קיין משק נישט? וואָס זשע שרייבט מוניק, אַז ער האָט מורא, דער משק גייט צו גרונט? אַך, ווען זי וואָלט געקענט גיבן איין קוק אויפן משק, אויף די הינדיקעס, אויף די קעלבלעך! אַך, ווען זי קאָן אַראָפּוואַרפן די שווערע בריטישע שיך! פילן אונטער זיך דאָס זאַמד פון כפר וויטקין?!

אָבער, כאָטש עס איז שוין אויס קריג, דאַרף מען נאָך וואַרטן אין מדבר. און דאָ, אין לאַנד, איז נאָך אויך ווי אין קריגסצייט: די אָמניבוסן זענען שטענדיק פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ מיט די סאָלדאַטן, און שמשון האָט נעבעך קיין צייט נישט אַ פאָר צו טון אין שטאָט אַריין, זיך צונויפ־רעדן מיט איינעם פון די בעסטע אינוואַלידן־הייזער אין לאַנד. ער מוז דאָך פריער באַזאָרגן פרומען! דאַן וועט ער קאָנען נעמען מאַניאַן און גיין מיט איר אין אַ מושב. צוריק ווערן אַ פּויער. ער איז זיכער, אַז מוניק וועט

גיין מיט אים. מוניק ליבט אים! קומט ער נישט אָפּט צום אָמניבוס זיך אויסוויינען דאָס האַרץ פאַר אים? האָט ער אים נישט דערציילט אַז דאָס טערקישע מיידל האָט געצוווּנגען גרשומען צו ברענגען פון דער שטאָט אַ וויגעלע? רעדט דען דער גאַנצער מושב נישט וועגן דעם, אַז דאָס מיידל דריי'ט זיך אום מיט אַ הויכן בויך, אַ בויך ביז אין דער נאָז? מוניק וועט זיכער גיין וווינען מיט דער מאַמען... נישט מיט זיין טאַטן! ער האָסט אים איצט.

אָבער נאָך איידער שמשון האָט עפּעס געטון פאַר מאַניאַן, נאָך איידער וואָס־ווען, נאָך איידער ער האָט באַקומען פון איר אַ ידיעה, אַז זי קומט שוין, האָט זיך מאַניאַ באַוויזן אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, און טאַקע ביים סאַמע מקשר.

— מאַניאַ! — וויל שמשון אויסשרייען. — ווי קאָן ער גלייבן אַזאַ זאַך? ערשט דאָ באַקומען פון איר אַ בריוו, אַז מען דאַרף נאָך וואַרטן, און אָט איז זי שוין דאָ פּלוצים?

שמשון וויל שרייען, זיך קנאַפּן, אפשר איז דאָס אַ חלום? ער וויל טאַנצן אַ קאַמאַרינסקי און אַרומנעמען אַלעמען! אָבער אַ נהג מוז האַלטן שטאַט! ער טוט גאָרנישט וואָס זאָל אויסזען מאָדנע און אומווירדיק פאַר זיין אונטערפאָרם! ער גייט איר פּשוט אַנטקעגן פון דעם פּלאַץ, ווו ער איז געזעסן מיט אַנדערע נהגים־שאָפערן, און האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק.

— מאַניאַ! — זאָגט ער שטיל — פאַרוואָס האָסטו נישט מודיע גע־ווען? איך האָב נאָך גאָרנישט אָנגעגרייט פונדיינעטוועגן! ווּהין וועל איך דיך אַריינגעמען איצט? נאָך גאָרנישט באַוויזן צו טון אין דער הינזיכט... פאַרשטייסט, מאַניטשקאַ... איבערן קריג! גיי צו דבורהן און וואַרט דאָרט צו, ביז וואַנען איך וועל זיך באַפרייען פון דער אַרבעט, וועלן מיר צו־טראַכטן עפּעס.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, שמשון, — ענטפערט מאַניאַ מיט אַ ציטער אין שטים — האָב איך דען נישט קיין היים? ווּהין שיקסטו מיך? האָב איך דען נישט?...

— נײן, מאַניטשקאַ... איך האָב מורא, אַז דו האָסט נישט... — רעדט שמשון און דאָס האַרץ גיסט זיך אָפּ מיט טרערן, וועלכע מען טאָר נישט

אַרויסווייזן פֿאַר פֿרעמדע מענטשן — גיי נישט אַהיים איצט!

אָבער — עס קומען אָן צוויי אָמניבוסן. איינער פֿון חיפה, דער צווייטער פֿון תל־אביב. עס ווערט אַ טומל און אַ שטופּעניש. מען דאַרף באַזאָרגן די, וועלכע דאַרפֿן אָפּפֿאָרן. מען דאַרף אַריינגעמען אין „מקשר" די, וועלכע זענען אָנגעקומען. מען דאַרף אַריינזעצן אויך מאַניאַן! מען דאַרף אָפּפֿאָרן פֿון דעם שליאַך. מען מוז אַריינפֿאָרן אין כפר וויטקין. אָבער וווהין וועט ער פֿירן מאַניאַן? שטויסט זי זיך דען נישט אָן, אַז דאָס טערקישע מיידל איז איצט די באַלעבאָסטע אין איר ווירטשאַפֿט? אַז אָט אָט וועט מען אין וויגעלע, וועלכעס שטייט שוין דאָרטן, ווו עס פֿלעג שטיין מוניקס דיוואַן, אַריינלייגן איר קינד?

— מאַניאַ! גיי נישט אַהיים! פֿאָלג מיך! גיי צו דבורהן! — בעט שמשון אין שפּיגל אַריין פֿון דעם אָמניבוס מיט זיינע אויגן, קוקנדיק פֿון דאָרט אויף מאַניאַן...

אָבער מאַניאַ האָט זיך פֿאַרעקשנט. זי וויל צו אים אפֿילו נישט קיין שמייכל טון. איז זי נישט מאַניאַ פֿון כפר וויטקין? מאַניאַ, וועלכע האָט אַ ווירטשאַפֿט אין מושב? אַ ווירטשאַפֿט — אַ ביישפּיל פֿאַר אַ סך מושבים? זי איז נאָך נישט קיין בעטלערין, אַז זי זאָל גיין צו דבורהן אין כפר חירות מיט איר וואַליזע, מיט אירע אָנגעשוואָלענע פֿיס, וועלכע בענקען אַזוי נאָך דער ווייכער בלאָטע פֿון נעבן דער קאָריטע און ברונעם.

— נהג! — גיט זי אַ געשריי, — שטעל זיך אָפּ נעבן מיין הויז!

עס שטעלט זיך אָפּ דער אָמניבוס. אַ נהג דאַרף דינען די חברים פֿון דעם מושב און טון דאָס וואָס זיי ווילן.

שמשון העלפֿט אַליין אַראָפּנעמען מאַניאַס וואַליזע. ער וויל זיך איינקריצן אין אירע אויגן. אפֿשר וועט זי פֿון זיין קוק פֿאַרשטיין אַז זי האָט נישט וואָס צו גיין „אַהיים". אָבער מאַניאַ וויל נישט קוקן אויף אים. שמשון שטעלט אַנידער די וואַליזע ביים הויז און גייט צוריק צו זיין אַרבעט. ער מוז דאָך צעפֿירן זיינע פּאַסאַזשירן.

און בעת ער פֿאָרט, קלאַפּט זיין האַרץ גלייך ווי מיט האַמערס און עס זשומעט אים אין די אויערן: „מאַניאַ! מאַניאַ! פֿאַרוואָס האָסטו מיך נישט געפֿאָלגט?" און עס צעפֿליען זיך שוואַרצע פֿונקען פֿייער פֿון זיינע

אויגן איןביידע זייטן וועג. עס פליט דער אָמניבוס גלייך ווי עמיצער יאָגט זיך נאָך אים.

שמשון האָט מורא זיך אומצוקוקן. אפשר וועלן זיי אים באַלד אָנ־יאָגן? ער וואַרט אַז עס זאָלן אים באַלד נאָכיאָגן מאַניאַס געשרייען. ווי וועט ער זיי קאָנען אויסהאַלטן? ווי קאָן ער הערן מאַניאַס געשרייען און נישט מיטשרייען מיט איר? אָבער מאַניאַ שרייט נישט. זי איז נישט פון די, וועלכע שרייען אויף אַ קול, וועלכע וויינען פאַר לייטן!

מאַניאַ גייט שטיל אַריין צו זיך אין הויז, זי גייט דורך דער הינ־טערשטער קיך. אַזוי שטיל קומט זי אַריין, אַז דאָס טערקישע מיידל דער־שרעקט זיך. פון שרעק ווערט זי בלאַס. זי וויל אָנפאַנגען שרייען, ווי עס איז איר שטייגער ווען מוניק קומט אַזוי אַריין. מען טאָר נישט איבער־ראַשן אַ שוואַנגעריקע פרוי, שרייט זי שטענדיק אויף אים... אָבער זי טוט עס נישט איצט! זי האַלט מויל, זי קוקט אויף מאַניאַן מיט שרעק. זי ווייזט אָן אויף איר הויכן בויך, אויף דער גאַנצער הויז, און זאָגט:

— וואָס ביסטו געקומען? איצט איז אַלעס, וואָס דו זעסט דאָ, מיינס! מיינס! דעם קינדס! מיין קינדס! אַזוי האָט מיר גערשום צוגעזאָגט! אַזוי וועט ער טון! גיי זיך פון דאַנען!

— איך וועל גיין, ענטפערט מאַניאַ מיט אַ שמייכעלע — זאָג מיר נאָר, אַוווּ איז מוניק, מיין זון? מאַניאַ כאַפּט אַ קוק אין עס־צימער, דאָרט דערזעט איר שאַרף אויג דאָס וויגעלע, וועלכעס שטייט אנשטאָט מוניקס דיוואַן. איצט איז פאַר איר קלאָר, אַז מוניק וווינט שוין דאָ נישט. אָבער זי וואַרט אויף דער מיידלס ענטפער.

— מוניק איז אַוועק ערגעץ אין אַ קיבוץ, זאָגט די מיידל — אין דאָרפס־ראַט האָט ער איבערגעלאָזט אַ בריוו פאַר דיינעטוועגן...

מאַניאַ וויל מער נישט הערן. זי גייט אויפשנעל אַרויס. זי מוז לויפן צו מוניקן. זי וויל אים זען! גוט, וואָס מוניק איז געבליבן מיט איר! זי האָט עס געפילט אין זיינע בריוו! אָבער פאַרוואָס האָט זי זיך נישט אָנ־געשטויסן פון זיינע בריוו אין דעם אַלעמען? פאַרביילויפנדיק איר הויף זעט מאַניאַ דאָס פרישע בלאָטקעלע ביים קאַריטע.

אַך! ווען זי וואָלט געקאָנט דאָרט איינגעצן אַביסל אירע פּיס!
זי הערט די עופות מאַכן אַ געוואָלד אין הויף — זאָל דאָס זיין, אַז זיי האָבן זי דערקאָנט? נאַרישקייטן! זיי זענען דאָך מער נישט דיינע, מאַניאַ! דאָס איז נישט דיין ווירטשאַפט, — זשומעט אין די אויערן בשעת זי לויפט אין מיטן וועג צום דאָרפס-ראַט.
— שלום, מאַניאַ! ווען ביסטו אָנגעקומען? גיב נאָר אַ קוק, אַ גאַסט אין שטעטל! שרייט אַ שכנה און וויל זי פאַרהאַלטן.
— מאַניאַ! ס'קאַצל קינד איז געקומען! שרייט אַ צווייטע — קום אַריין! רו זיך אָפּ ביי מיר! נעם אַרונטער די שיך, עס וועט דיר זיין לייכטער צו גיין! מאַניאַ אין שיך?
— נישטאָ קיין צייט! שמייכלט מאַניאַ צו די שכנות פון מיטן וועג. אין אַלע זייטן פון דערוויטנס — שפּעטער! שפּעטער!
— איך איייל זיך אין דאָרפס-ראַט איידער מ'שליסט אים צו. עס דוכט זיך מאַניאַן, אַז אַלע שכנות לאַכן פון איר, שושקען זיך וועגן איר, האָבן נקמה אין איר... אָבער וואָס גייט דאָס איר אָן? דער עיקר איז דער בריוו! וואָס שרייבט מוניק? וואָס?
אָט קומט איר אַנטקעגן פון לעבן דער צרכניה שמשון. זיין פּנים — בלאַס, הילפלאָז איז זיין אויסדרוק.
— גיי צו דבורהן, מאַניטשקאַ! פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געפאָלגט? אַך, מאַניאַ! מאַניאַ!
— איך וויל דעם בריוו, שמשון! וואָס שרייבט מיין מוניק? און אין די גרויסע בלויע אויגן שטייען צוויי גרויסע בלויע טרערן...
„מיין מאַניאַ וויינט און איך?" וויל שמשון אויסשרייען, און זיך רייסן ביי די האָר, אָבער אָנשטאָט דעם זאָגט ער שטיל און מילד:
— אָט איז דער בריוו, מאַניטשקאַ! איך האָב אים נאָר וואָס פאַר דיר אַרויסבאַקומען ביים סעקרעטאַר, זאָלסט נישט דאַרפן מיט קיינעם ריידן. אויב דו ווילסט נישט גיין צו דבורהן, דאָרט וואַרטן אויף מיר, ביז וואַנען איך וועל ענדיקן מיין אַרבעט, טאָ גיי מאַניטשקאַ, אויף די זאַמדן אויפן וועג צום ים... זעץ זיך דאָרט אַנידער ביי איינעם פון אונדזערע גריב־

לעך... מאַניטשקאַ... נעם אַרונטער דיינע שווערע שיך און וואַרט אויף מיר. איך וועל באַלד קומען צו דיר...

# אַכט און דרייסיקסטער קאַפּיטל

שמשון וועט זיכער קומען צו מאַניאַן! אָבער ווען? עס דוכט זיך אים, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט דערוואַרטן אויף דעם אָוונט! אַז די שעה ציט זיך אַזוי לאַנג! ווי אַ גאַנצער טאָג! אָבער ענדלעך האָט ער אָני־דערגעשטעלט דעם אָמניבוס ביי דער צרכניה אויף דער גאַנצער נאַכט. ער גייט נישט אַהיים עסן וועטשערע, ווי שטענדיק. ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער נאָר אַריינגעלאָפן אָנזאָגן דבורהן אַז מאַניאַ איז געקומען... אַז זיי ביידע וועלן קומען שפּעטער צו דבורהן עסן וועטשערע... אָבער ווי קאָן שמשון איצט אַפּלייגן זיין זען זיך מיט מאַניאַן? זענען אים נישט אַרויסגעקראָכן די אויגן פון קאָפּ אין משך פון די אַלע לאַנגע וואָכן און מאָנאַטן? טעג און נעכט זענען פאַרבייגעגאַנגען ווען עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן.

אַך! ווען נישט די לאַנגע שעהען פון אַרבעט צוליב דעם מאַנגל אין אַרבעטס־הענט, צוליב דעם קריג! ווען נישט די נעכט, ווען מ'האָט געמוזט שטיין אויף דער וואַך אין „הגנה", כאָטש מען איז געווען מיד, נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעט! ווען נישט די יוגנט, וועלכער מ'האָט באַדאַרפט העלפן ביי אַ נייער התיישבות, אָדער ביי אַ נייעם בנין אויפשטעלן, וואָלט ער דען אויסגעהאַלטן די בענקשאַפט נאָך זיין מאַניאַן?

קאָן זיין, אַז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ מיט אַלערליי אַרבעטן כדי נישט צו פילן דעם חלל, וואָס מאַניאַ האָט איבערגעלאָזט נאָך איר אָפּפאָרן, האָט ער פאַרנאַכלעסיקט דאָס וויכטיקס־טע — אָנצוגרייטן פאַר איר אַ פּלאַץ, אַוו זי זאָל קאָנען זיך אַביסל אויס־רוען נאָך דעם פאַרשאָלטענעם מדבר, נאָך דעם שווערן קריגס לעבן! פילט זיך שמשון שולדיק אַנטקעגן מאַניאַן! ער האָט דאָך געוווסט, וואָס עס דערוואַרט זי! און דאָך האָט ער גאָרנישט געטון אין דעם, כדי זי פאַרהיטן פון איבעריקע צרות!

שמשון פרובירט זיך פארענטפערן פאר זיך אליין — ער האט דאך געוואָרט אויף איר בריוו! ער האט דאך נישט געוווּסט, ווו זי וואלט זיך געוואלט באזעצן — צי אין שטאָט צי אין אן אנדער מושב! מאניא האט אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף אלע זיינע פראגעס! צי זי האט זיך געמאכט נישט פארשטייענדיק? צי זי האט טאקע זיי נישט פארשטאנען! ער האט דאך איר נישט געקאנט אָפן שרייבן, וואס פאר א פנים האט איצט איר היים! ווי קאן מען שרייבן צו איינעם, וועלכער דינט אין מדבר אזא לאנגע צייט, אז ער האט שוין נישט קיין היים? שרייבן אָפן, וואלט גע־היימן זי אוועקהרגענען! האט ער דאך געמוזט שרייבן מיט אנצוהערע־נישן! אדער, ריכטיקער, ער האט פשוט אויסגעמיטן צו דערמאנען די אלטע היים אירע! אנשטאט דעם האט ער גערעדט וועגן דעם נייעם לעבן, וועגן א נייער היים... אבער מאניא האט גארנישט געענטפערט אויף דעם! גלייך ווי זי האט נישט געגלויבט אין א נייעם לעבן... אנשטאט צו ענט־פערן אויף זיינע פראגעס איז זי ארונטערגעפאלן אזוי אומגעריכט!

לויפט שמשון איבער די זאמדן שנעל, שנעל... שפעטער וועט ער אריינגיין מיט מאניאן צו דבורהן. ביי דבורהן וועט זיך שטענדיק געפי־נען וואס צו געבן צוויי געסט צום עסן.

און איצט — צו מאניאן! אבער וווּ איז מאניא? שמשון נישטערט מיט די אויגן איבערן גאנצן האריזאנט. די שפעטע נאכמיטאג זון, וועל־כע האלט זיך קוים אן אן דער ערד כדי זי זאל נישט אריינפאלן אין דעם ים אריין, פארבלענדט זיינע אויגן מיט איר רויטן פייער. זי פארוויטלט דעם ים, די זאמדן, די גריבלעך און זייערע דערנער, אזוי אז די גאנצע סביבה זעט אויס ווי א רויטער ים...

אט האבן שמשונס אויגן עפעס דערזען אין דעם רויטן ים. עפעס ווי א שיפעלע! און אפשר איז דאס א מענטשנס פיגור? ער לאזט זיך לויפן צו איר. מאניא זיצט אויף דעם ראנד פון א זאמד גריבל און לייענט מו־ניקס בריוו. נאכאמאל און נאכאמאל לייענט זי איבער דאס, וואס איר קינד האט איר געשריבן איידער ער איז אוועק פון דאנען, פון זיין היים...

— מוניק האט מיך ליב... זאגט זי מיט א ווייבער שטים. זי נעמט

נישט אַרונטער די אויגן פֿון דעם בריוו, כאָטש זי לייענט אים נישט. עס דוכט זיך אויס, אַז פּשוט קוקן אויף מוניקס האַנטשריפֿט טוט איר איצט אָן פֿאַרגעניגן...

שמשון לאָזט איר קוקן אין פּאַפּיר, און ער אַליין זיצט ביי אירע פֿיס, אין סאַמע גריבל... עס פֿאַלן שטיקלעך בלויקייט פֿון מאַניאַס אויגן... זיי ווערן אויסגעמישט מיט די זונענשטראַלן... ווי שטיקלעך רעגנבויגן קייקלען זיי זיך איבער אירע באַקן אַרונטער, אַרונטער... שמשון האַלט אונטער איר פּנים זיינע הענט, כּדי צו כאַפּן די ברעקלעך געזאַלצענע רעגנבויגנס, כּדי זיי נעמען צו זיך אין מויל אַריין...

— מוניק איז אַ פֿיינער חלוץ מאַניא. דו מעגסט שטאָלצירן מיט אים...

— ערשט נאָר וואָס געווען אַ קינד, אונשוין — אַ חלוץ! אַליין... אין אַ קיבוץ... ווי אַזוי האָט מען אים צוגענומען? ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג?

— אָפּגענאַרט... עס זענען דאָך פֿאַראַן צייטן, ווען מען מעג אָפּנאַרן. ער האָט געמוזט! איך האָב אים געגעבן די עצה... איך האָב געזען אַז עס איז דאָס איינציקע פֿאַר אים... ער האָט שוין דאָ מער נישט געקאָנט זיין... ער האָט זיך געשעמט מיט זיין טאַטן... מיט אַלעמען וואָס... שמשון האָט חרטה וואָס ער האָט דערמאָנט מוניקס טאַטע — אָבער איצט, גלויב איך, אַז ער וועט גיין מיט אונדז אויב מיר וועלן אַוועקגיין אין אַן אַנדער מושב...

מאַניאַ גיט אים אַ פּאָר איבערן שטערן מיט דער האַנט. אירע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט אויף אַ רגעלע אין אַ שמייכעלע, אין וועלכן עס איז געווען מער געוויין ווי שמייכל. זי האָט געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

— נאַרישער שמשון! מוניק איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש... איך זע פֿון זיין בריוו! ער דאַרף מיך שוין נישט האָבן... ער דאַרף שוין קיינעם נישט האָבן... דער קיבוץ וועט זיין פֿאַר אים איצט טאַטע און מאַמע... עס איז נישטאָ קיין וועג צוריק פֿאַר איינעם, וואָס איז אַנטלאָפֿן

אהין... עס איז מיר נאָר אַ וויטיק, וואָס דאָס קינד האָט זיך אַזוי פיל בושהס אָנגעליטן צוליב מיר...

— נישט צוליב דיר, מאַניטשקאַ...

— קאָן זיין, ווען איך גיי נישט אוועק, וואָלט ער נישט באַדאַרפט איבערלעבן אַזעלכע בזיונות? אָבער ווי האָב איך געקאָנט אויסמיידן דעם גורל. דער גורל וויל אַזוי! דער גורל, שמשון!

— וואָס דער גורל האָט געוואָלט ביז איצט, איז שוין פאַרפאַלן, מאַניטשקאַ! לאָמיר נישט ריידן וועגן דעם, וואָס איז שוין אַריבער... לאָמיר איצט נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט, מאַניטשקאַ... לאָמיר איצט באַשליסן. איך האָב דאָך נישט געקאָנט אָן דיר באַשליסן...

— וואָס קאָנען מיר באַשליסן, שמשון? זענען מיר דען פרייע מענטשן? איך מיין — דו? דיין גורל.

— נאָך אַמאָל מאַניטשקאַ, ווילסטו מיר איינריידן, אַז איך בין אין די הענט פון מיין גורל... טוען דען נישט צענדליקער מענטשן אַלע טאָג דאָ, אין אונדזער לאַנד דאָס, וואָס איך וויל טוען און וואָס איך האָב שוין לאַנג באַדאַרפט טון?

— אָבער דו קאָנסט עס נישט טון, שמשון! דו ביסט נישט פון דעם שניט... וועסטו זי צווינגען מיט געוואַלד גיין אין אַן אינוואַלידן הויז? צי האָסטו געגנוג כוח, העזה, און אפשר נידערטרעכטיקייט זי איבערצולאָזן איינע אַליין און אַנטלויפן אין אַן אַנדער מושב? צי גאָר אין שטאָט אַריין? וועט מען דיך נישט געפינען? ביסטו דען פון די, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס? בין איך דען פון די, וועלכע וועלן באַהאַלטן זייער מאַן אונטער אַ פאַרטוך? ווייזט אויס, עס איז אונדזער גורל אַזוי, שמשון...

מאַניאַ האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו זיין קאָפּ. עס האָבן זיך געמישט די טרערן זייערע אין דער טרויער שעה פון בין השמשות...

— האָב מיר נישט אָפּ די פליגל, מאַניטשקאַ! מיר קאָנען נאָך אָנפאַנגען אויפסניי... מיר קאָנען נאָך אומקערן צו זיך מוניקן... ווען דו ווייסט, ווי אַזוי מוניק האָט זיך צוגעבונדן צו מיר... איך בין אים געווען ווי אַ טאַטע און ער מיר ווי אַ זון...

— מיין איינציקע טרייסט, שמשון איז וואָס איך האָב געפונען אַ זון, מיין זון! האָט גערעדט מאַניאַ גלייך ווי צו זיך אַליין... גלייך ווי זיינע ווערטער וועגן דער צוקונפט זענען פאַרביינגעפלויגן אומבאַמערקבאַר ביי אירע אויערן — מוניק פאַרשטייט מיך... זייער גוט... ער וועט מיך קיינ־מאָל נישט באַשולדיקן... ער וועט שטענדיק דענקען נאָר גוטס וועגן מיר... דאָס איז אַ גרויסע טרייסט שמשון... זייער אַ גרויסע טרייסט...

— אָבער נאָר מיט טרייסט, מאַניטשקאַ, קאָנען מיר נישט לעבן... מיר דאַרפן אַנפאַנגען...

— וואָס וועלן מיר און וואָס קאָנען מיר אָנפאַנגען, שמשון? איך בין אַזוי מיד פון דעם קריג! נאָכאַמאָל פירן קריג? מיט איר? מיט אַ קריפּל? מיט אַן אינוואַליד? שטייט עס אונדז אָן, שמשון? אונדז? — מאַניאַן פון כּפר וויטקין, וועלכע איז געווען אַ ביישפּיל פאַר אַלע מושבניצעס אין לאַנד מיט איר ווירטשאַפט? מאַניאַן פון כּפר וויטקין, וועלכע האָט געהאַט גענוג כּוח צו פּועלן ביי זיך איבערצולאָזן איר זון און אַוועקגיין אין קריג? איבערלאָזן שמשונען? מוניקן! די ווירטשאַפט!.. דו ווייסט דאָך, שמשון, ווי איך האָב ליב געהאַט מיין ווירטשאַפט! און מיין געליבטן? מיין שמשונען? גאָט אַליין ווייסט ווי איך האָב אים ליב... גאָט אַליין ווייסט, ווי איך פלעג ליגן אין דער מדבר אויף מיין שמאָל סאָלדאַטסקע בעטל און טראַכטן וועגן אים און טרוימען וועגן דער באַגעגעניש מיט אים! פּאַסט עס פאַר מיר, פאַר אונדז, פאַר אַזעלכע ווי מיר, אָנפאַנגען איצט פירן קריג מיט אַן אומבאַהאָלפענעם אינוואַליד?

מאַניאַ האָט זיך נידעריקער אָנגעבויגן צו אים. זי האָט גערעדט שטיל, גלייך ווי צו אים אין אויער אַריין, גלייך ווי זיך געהיט אפילו פאַר דעם טונקל גרויעם געוועב, וועלכער האָט איצט איינגעוויקלט דעם גאַנצן אַרום — האָסטו אויך געבענקט נאָך מיר אַזוי, שמשון?

אַנשטאָט צו ענטפערן איר האָט ער זי שטייף צוגעדריקט צו זיך, און שטיל געוויינט. אַזוי זענען זיי געזעסן אַ לאַנגע צייט אין דעם זאַמד גריבל, איינער אין די אָרעמס פון דעם צווייטן. עס איז שוין געוואָרן גאַנץ פינצ־טער. עס האָט שוין ערגעץ אין ים געפינטלט אַ פייערל פון אַן ענגלישן

ברעג־היטער. עס האָט שוין ערגעץ געוויינט אַ שאַקאַל. און הערנדיק זיין געוויין, האָבן זיך ערגעץ אין די ווייטע זאַמדן צעוויינט ווי קליינע קינדער זיינע שאַקאַלן־ברידער... און שמשון און מאַניאַ זענען נאָך אַלץ געזעסן אַזוי אין אַ הייליקער שטילקייט. יעדער איינער פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, יעדער איינער זוכנדיק אַן אויסוועג!

ווי אַ הויכע וואַנט האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַר זיי דאָס לעבן! נאָר פון יענער זייט וואַנט, וווּ עס איז נישטאָ קיין ווירקלעכקייט, קאָנען זיי געפינען זייער צוקונפט! איינברעכן די וואַנט? זיך נישט רעכענען מיט קיין זאַך? זי איינברעכן? וועלן זיי האָבן גענוג כוח? דאַרף מען דען האָבן בלויז כוח? נו און געוויסן? די שטאַרקע זאָלן פאַרפירן קריג מיט דעם שוואַכן? קוקנדיק אים אין די אויגן און אין קאָפּ, האָט זי שטיל באַשלאָסן: „ניין! ניין! נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג!" שמשון האָט גלייך ווי דערפילט איר באַשלוס. עס איז איבערגעלאָפן אַ ציטער איבער זיין גוף. ער האָט זי שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך גלייך ווי זי געוואָלט דערוואַרעמען...

— קום, לאָמיר גיין צו דבורהן עסן וועטשערע, מאַניטשקאַ! האָט ער געבעטן — דו האָסט דאָך...

— וואָס גייט מיר אָן דאָס עסן היינט, ווען איך האָב דיך? אַ שאָד די צייט! האָט זי אים איבערגעשלאָגן — לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט אויף פרעמדע... נאָר מיר אַליין, שמשון... מיר אַליין! אפשר איז דאָס דער לעצטער אָוונט?

— דער לעצטער? — האָט ער אַ ציטער געטון — פאַרוואָס דער לעצטער? האָ? דו מיינסט, אַז מאָרגן... זיכער וועל איך באַקומען אורלויב פון מיין „אגד", איך וועל דיך אַרויספירן נאָכאַמאָל אויף דעם כרמל... מיר וועלן זיין צוזאַמען, אומגעשטערט, נאָכאַמאָל... געדענקסט מאַניטשקאַ די „פּאַנאָראַמאַ"?.. געדענקסט דעם כרמל? דעם ים? יענעם באַלקאָן?..

— דערמאָן נישט שמשון! לאָמיר זיצן שטיל... אָן ווערטער, לאָמיר זיך דערמאָנען אָן זיי...

זיי זענען געזעסן שטיל ווי אויף אַ ווייטן אינדזל אין מיטן אַ ים

פֿון זאַמד און פֿינצטערניש. צוויי נשמות מיט איין געדאַנק — וואָס דאַרף מען טון מאָרגן?..

איינע האָט זיך געבויערט דעם קאָפּ ווי מ׳פֿאַנגט אָן אויפֿסניי, און די צווייטע האָט געוואָלט פֿועלן ביי זיך צו ברענגען דעם סוף...

און אַרום זיי האָבן געוויינט די שאַקאַלן פֿון דעם נאָך נישט אויס־געלייזטן מדבר. און מיט זיי האָט געוויינט די פֿינצטערניש... עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די שאַקאַלן וויינען ווייל זיי האָבן מורא! אָט, אָט וועט די נאַכט אַוועק און זיי וועלן זיך דאַרפֿן פֿאַרגראָבן טיפֿער און טי־פֿער מען זאָל זיי נישט געפֿינען... די נאַכט האָט זיך געשראָקן פֿאַרן טאָג און האָט מיטגעוויינט מיט די שאַקאַלן... אָט, אָט וועט אַרויס איר שונא, דער טאָג! און מיט אים וועט אַלעס באַלויכטן ווערן און מיט דער זונס באַלויכטונג וועט קלאָר ווערן, אַז די פֿאַריאָגטע נשמות האָבן זיך נישט וווהין אַהינצוטון...

## ניין און דרייסיקסטער קאַפּיטל

פּונקט ווי די נאַכט האָט געטראַכט, אַזוי האָט אויך געטראַכט מאַניע „מיר האָבן נישט קיין אויסוועג! מיר האָבן זיך ניט וווהין אַהינצוטון.״

ביי מאַניאַן אין נשמה איז געווען אַ פֿינצטערע נאַכט, כאָטש זי איז געלעגן אין שמשונס אָרעמס. אין דער פֿינצטער האָט זי געזוכט דעם וועג, דעם אויסוועג.

ווען זי האָט אים געפֿונען, האָט זי אַ ציטער געטון. דער ציטער האָט זיך איבערגעגעבן שמשונען. ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן, אַ שמייכל געטון, זי נעענטער צוגעדריקט צו זיך כדי זי זאָל נישט פֿילן די קעלט פֿון דעם באַגינען און זי איינגעדעקט מיט זיין „אגד״־רעקל.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף איר, זיך צוגעהערט צו איר שטילן אָטעם. ער האָט באַשלאָסן אַז זי האָט נאָכאַמאָל איינגעדרעמלט. דאַן האָט זיך שמשון שטיל אויפֿגעהויבן, און זיך אָנגעבויגן צו איר. ווען ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז זי שלאָפֿט, איז ער אַוועקגעלאָפֿן צו זיין אָמניבוס.

עס איז נאָך געווען פרי אַרויסצונעמען דעם אָמניבוס פאַר זיינע שטענדיקע פּאַסאַזשירן. אָבער ער קאָן דערוויילּ אַרויספאָרן אויפן שליאַך כדי זיך דאָרטן זען מיט חברים שאָפערן, כדי דורך זיי זיך דערוויסן ווער עס וואָלט געקאָנט פאַרנעמען זיין פּלאַץ אויב די הויפּט־„אגד"־סטאַנציע קאָן אים נישט אָפּלאָזן אויף עטלעכע טעג.

קומט אים דען נישט קיין וואַקאַציע? שוין אַזוי לאַנג געאַרבעט אָן אָפּרו! וואָס האָט ער באַדאַרפט דעם אָפּרו, ווען מאַניאַ איז דאָ נישט געווען? אָבער איצט? איצט מוז ער באַקומען אַ פּאָר טעג... אָפּרו... צום ווייניקסטנס — אַ פּאָר טעג! וואָלט ער אַרויפגעפירט מאַניטשקאַן אויפן כרמל. דערנאָך וואָלט ער געדונגען ערגעץ אַ צימער פון אירטוועגן, אַז זי זאָל דאָרט איבערוואַרטן ביז וואַנען ער וועט באַזאָרגן פרומען.

מיט די געדאַנקען האָט זיך שמשון אומגעקערט פון דעם שליאַך נאָך דעם ווי ער האָט זיך דורכגערעדט מיט אַ פּאָר פאַרבייפאָרנדיקע שאָפערן נהגים. ווייניק האָפענונג האָבן די שאָפערן געגעבן שמשונען. עס איז דאָך אין סאַמע ברען זומער און דער עולם האַלט אין איין פאָרן אויף „חופש" — וואַקאַציע! די אָמניבוסן זענען איבערגעפּולט און וויפל עס זענען פאַראַן נהגים, זיצן זיי אַלע ביי די רעדלעך. איז וואָס קאָן מען דערוואַרטן איצט, ביז וואַנען דער שגעון פון וואַקאַציע־אָפּרו וועט איבערגיין?

„אָבער עס קומט דאָך מיר מיין חופש!" האָט געטענהט צו זיך שמשון אַרויספירנדיק צום שליאַך מיט פאַרשפּעטיקונג זיין פולן אָמניבוס. „עס קומט מיר דאָך!"

געענדיקט די אַרבעט ביים שליאַך, האָט זיך שמשון אַ לאָז געטון קיין חדרה, ווו עס געפינט זיך די הויפּט־„אגד"־סטאַנציע פון עמק חיפר.

אָבער אין חדרה איז מען געווען קאַלט צו אַלע זיינע ווערטער. „אוודאי קומט דיר חופש! ווער מען קומט עס נישט?" — האָט גערעדט דער מנהל פון אגד אין חדרה — „אָבער ווי קאָן איך דיך באַפרייען איצט, אין סאַמע ברען פון דעם זומער־סעזאָן? ווען אַלע ווילן פאָרן קיין מעטולאַ אָדער קיין צפת אין די בערג אַריין זיך אָפּקילן? נו, און דער ים איז אַ הונט? און דער כרמל איז שוין גאָרנישט? גיב זיי דעם כרמל! גיב אים אָמניבוסן, דעם

עולם! ער וויל פון גאָרנישט וויסן! ירושלים! כפר עציון! ער וויל פאָרן? ווו קאָן איך איצט באַקומען אַ פרייע פאָר הענט?"

שמשון איז געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער האָט שוין מער נישט געהערט אויף אַ קול. נאָר ביי זיך אין האַרצן האָט ער איבער־געחזרט: „עס קומט דאָך מיר! עס קומט דאָך!" און זעענדיק אַז ביי דעם מנהל פון חדרה קאָן ער גאָרנישט פועלן, האָט ער באַשלאָסן אים צו פאָלגן, טעלעפאָנירן קיין תל־אביב...

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ לאַנגע סדרה. חדרה רופט תל־אביב! תל־אביב איז פאַרנומען. תל־אביב קאָן זיך נישט צוהערן צו חדרה. האַלאָ אַהין, האַלאָ אַהער! שמשון איז געוואָרן אָפּגעגאָסן מיט שווייס.

די זון איז שוין הויך, די היץ ברענט שוין, און תל־אביב וויל זיך נאָך נישט אָפּרופן, גלייך ווי תל־אביב איז טויב! גלייך ווי עס גייט איר גאָרנישט אָן, וואָס ערגעץ, אין עמק חיפר, בעט זיך ביי איר אַ מידער נהג, אַז זי זאָל אים באַוויליקן אַ שמיקל חופש, נאָר אויף אַ פּאָר טעג! נאָר אַרויספירן זיין מאַניטשקאַן אויף דעם כרמל זי זאָל זיך דאָרט אַביסל אָפּ־רוען פון דער מלחמה. מאַניטשקאַ!... דער נאָמען האָט אָנגעפילט די גאַנ־צע נשמה זיינע.

מיט מאַניטשקאַס נאָמען האָט שמשון דערזען פאַר זיך מאַניאַן ליגן אין סאַמע מיטן זאַמד־גריבל. עס ברענט די זון פון אויבן און מאַניאַ האָט נישט וווהין זיך אַהינצוטון. ווערט זי פאַרשטיין אַז זי דאַרף אַריינגיין צו דבורהן, זיך דאָרט אָפּרוען? וועט זי פאַרשטיין, אַז דבורה, וועלכע איז זיין בעסטער פריינט, איז אויך מאַניאַס גוטער פריינט? אַז זי וועט נישט פרעגן קיין פראַגעס און וועט נישט שמייכלען. זי וועט בלויז...

מיט די געדאַנקען האָט שמשון אָפּגעלאָזט דעם טעלעפאָן און האָט זיך געלאָזט „פליען" מיט זיין אָמניבוס צו דער סטאַנציע פון מקשר, ווו עס האָבן שוין געוואַרט אויף אים פּאַסאַזשירן קיין כפר וויטקין.

צום ערשטן מאָל אין זיין לאַנגער קאַריערע אַלס נהג פון מקשר, האָבן די כפר וויטקין פּאַסאַזשירן דערפילט אַז זיי פאָרן אין אַן אָמניבוס, און נישט אין אייגענעם מקשר. שמשון האָט נישט געהאָלפן מיט די זאַכן — ער האָט געקוקט, אָבער גאָרנישט געזען, ער האָט געענטפערט, אָבער נישט

צו דער זאַך. ער האָט געדרייט דאָס רעדל אומגעדולדיק אַהין און צוריק נאָך איידער ער האָט אָנגעצונדן דעם מאָטאָר. דערנאָך האָט ער אַן אומגע־דולדיקן בלאָז געטון מיט זיין „שופר" און איז אויף שנעל אַרויף אויף דעם כּפר וויטקין וועג.

„מאַניאַ! מאַניטשקאַ!" — האָט געקלאַפּט אין די אויערן און אין האַרצן — „ווו וואַרסטו אויף מיר?"

אָט האָט זיך דער אָמניבוס אָפּגעשטעלט ביי דער צרכניה

— פּאַר נחת נעמט מען זיך נישט דאָס לעבן! — האָט איינער פון די אָנגעשטעלטע פון דער צרכניה אַ זאָג געטון צום צווייטן, אַרונטערלאָזנדיק דאָס פענצטער — עס וועט זיין געשלאָסן ביז נאָך דער לוויה? האַ?

עפּעס האָט אַ זעץ געטון אין האַרצן ביי שמשונען. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די, וועלכע שטייען נעבן דער צרכניה קוקן אים אָן מיט פאַרדאַכט. אפשר האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, אַז ער וויל נאָכאַמאָל אַוועק־פירן מאַניטשקאַן אויף דעם הר הכרמל? אפשר האָט עמיצער פון זיי זיך דערוווּסט וועגן זיינע צוויי פריערדיקע רייזעס אַהין מיט מאַניאַן, אין צייט פון קריג? אפשר האָט זיך פרומע דערוווּסט וועגן דעם און דערפאַר גיט מען אים נישט קיין חופּה היינט אין חדרה? אפשר האָט פרומע, דער־וויסנדיק זיך אַז ער בעט נאָכאַמאָל וואַקאַציע, נישט אויסגעהאַלטן דעם פאַרדרוס און איז באַגאַנגען דעם זעלבסטמאָרד? זאָל ער אַ פרעג טון? צי בעסער זיך מאַכן נישט וויסנדיק?

— שמשון, דו פאַרסט נישט קיין חירות איצט? — האָט געפרעגט אַ יונגטלעכער פון די ניי־אָנגעקומענע, וועלכער האָט געאַרבעט אין מושב.

— הערסט דאָך, אַז עס איז היינט דאָ אַ לוויה! וועט זיין נאָך דער לוויה!

— האָסטו שוין אויך געהערט וועגן דעם? — האָט אים דער יונגט־לעכער געענטפערט — פאַרוואָס האָט זי דאָס געטון?

— ווי האָט זי געקאָנט אַנדערש טון מיט אַזאַ מאַן? — האָט אַ וואָרף געטון אַ פרוי גלייך ווי אין דער לופטן אַריין. און האָט זיך געלאָזט לויפן צו זיך אַהיים.

שמשונען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פרוי האָט אַ וואָרף געטון אַ

מאָדנע שלעכטן קוק אויף אים. הייסט עס, אַז פֿרומע האָט ענדלעך גע־טון דאָס, וואָס זי האָט אים אַזויפֿיל מאָל געסטראַשעט צו טון? און ער האָט געמיינט, אַז עס זענען בלויז רייד... אין דער וועלט אַריין...

— זעלבסטמאָרד, צי נישט זעלבסטמאָרד! זי האָט דאָך געוווינט אין דאָרף אַזויפֿיל יאָרן! זי האָט דאָך דאָ געפּאַקט און געמאָזלט... עס קומט איר אַ שיינע לוויה, יאָ דין, נישט דין! — האָט שמשון געהערט איינעם פֿון די עלטערע יידן זאָגן צו זיין חבר, בעת ער האָט זיך געוואָלט לאָזן גיין אַהיים.

איין זאַך האָט שמשון נישט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָט פֿרומע זיך גענומען דאָס לעבן? מיט וואָס? דער געדאַנק האָט אים געשראָקן. ער וואָלט זי נישט געוואָלט זען איצט. ער וועט זי נישט קאָנען פֿאַרגעסן אַ לאַנגע צייט. ער וואָלט אויך נישט געוואָלט, אַז דאָס דאָרף זאָל רעדן מיט שווי־דער וועגן דעם, ווי זי איז באַגאַנגען דעם זעלבסטמאָרד.

— אַלנפֿאַלס — קומט איר אַ גרויסע לוויה! עס קומט איר מען זאָל זי נעמען אין בית העם, וווהין מען נעמט אַלע מתים פֿון מושב... — האָט אַ שכן געזאָגט צום צווייטן בשעת שמשון איז פֿאַרבייגעלאָפֿן זיין הויף.

„זיי ווילן מיך שטעכן דערמיט! זיי ווילן מיר גיבן צו וויסן, אַז פֿרו־מע איז אויך געווען אַ מענטש... אַ חשובער חבר פֿון דעם מושב!“ — האָט געטראַכט שמשון.

ער האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרדרייען זיך אין דעם געסל, וווּ עס איז געווען זיין הויז, אָבער פּלוצים דערזעט ער אַנטקעגן זיך דבורהן.

עס פּאַסט נישט צו פֿרעגן איצט, אין דער שעה, צי מאַגיאַ איז ביי איר אין הויז, טראַכט שמשון, און וויל גיין ווייטער.

אָבער דבורה לאָזט אים נישט גיין צו זיך אַהיים. זי נעמט אים אָן ביי דער האַנט, דרייט אים אויס אָן דער זייט פֿון דעם בית העם.

עס זעען אויס מאָדנע די העל־ברענענדיקע לאָמפּן אַרום בית העם אין דעם הייסן זוניקן פֿאַרמיטאָג.

וואָס ברענען אַזוי די לאָמפּן? — וויל שמשון אַ פֿרעג טון. אָבער עס פּאַסט נישט. ער שווייגט, ער גייט ווייטער מיט דבורהן. אַזוי נאָענט צו

איר גייט ער, אַז אָפּטמאָל רירן זיך אָן זייערע פֿינגער. אָט קומען זיי אַריין אין בית העם. דאָס גאַנצע דאָרף זיצט שוין אינעווייניק. דער מת ליגט אויף דער בינע ביים סאַמע ראַנד, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. אָט האָט עמיצער אָפּגעדעקט דעם טוך פֿון דעם מת פּנים און אַלע זיצנדיקע הייבן זיך אויף כּדי זיך שטעלן אין איין לאַנגער ריי. אַזוי, אין דער ריי, גייט מען צו דער בינע זיך געזעגענען מיט דעם מת.

„הייסט עס, אַז דער מושב אַנערקענט פֿרומעס לייסטונגען פֿון אַמאָל, מיט יאָרן צוריק?" — גיט אַ פֿלי ביי שמשונען אין קאָפּ בשעת ער שטייט פֿאַר דוברהן אין דער לאַנגער ריי.

ווייזט אויס, אַז יעדער איינער פֿון די תּושבים פֿון מושב האָט דאָך געהאַט צו פֿרומען געפֿילן פֿון מיטלייד? מיטגעפֿיל אין דעם פּלאָגן זיך מיט די קראַנקהייטן, וועלכע האָבן זי באַפֿאַלן. דאָך אַ מושב! נישט די פֿרעמדע שטאָט!

שמשון בייגט אָן דעם קאָפּ נידעריקער. עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע באַשולדיקן אים. מיט זייערע בליקן זאָגן זיי, אַז ער האָט זי געצוווּנגען צו דעם זעלבסטמאָרד, דאַכט זיך אים.

„האָב איך זי געצוווּנגען דערצו?" — טראַכט שמשון מיט ווייטיק.

„האָב איך זי דען נישט געוואָלט איינאָרדענען אין אַן אינוואַלידן־הויז, ווו מען זאָל אַכטונג געבן אויף איר? בין איך דען נישט געווען גרייט צו צאָלן גרויס געלט פֿאַר דער פֿלעגע, אַבי זי זאָל זיין צופֿרידן? אפֿשר האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז ער האָט געוואָלט אַרויפֿפֿאָרן אויף דעם כּרמל?"

שמשונס קאָפּ לאָזט זיך אַרונטער נאָך נידעריקער. נאָר אַ פּאָר מענטשן געבליבן פֿאַר שמשונען אין דער ריי. וואָס רעדן זיי, ווען זיי שטייען פֿאַר פֿרומען מיט אָנגעבויגענע קעפּ? ווי אַזוי בעט מען מחילה? ווי אַזוי דאַרף ער בעטן מחילה ביי פֿרומען? האָט ער אַ סך געזינדיקט אַנטקעגן איר? איז ער דען נישט קיין מענטש, אַ בשר ודם? איז ער דען נישט געווען עלנט זיין גאַנץ לעבן? כּמעט זיין גאַנץ לעבן? פֿרומע! זיי מיר מוחל... וואָס? וואָס זאָל זי אים מוחל זיין? זיינע עלנטע נעכט? זיינע לאַנגע שבתים, אָן שבת, אָן עונג? זיי מיר מוחל, פֿרומע! — וויל שמשון אַרויס־פּליסטערן פֿון זיין מויל.

אָבער מיטאַמאָל דערזעט ער, אַז דער מת האָט גאָרנישט פֿרומעס גרינעם פּנים. אַ ווייס פּנים אַרומגערינגלט מיט בלאָנדע האָר, האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר שמשונס אויגן. אַ דין שמייכעלע האָט זיך נאָך באַהאַלטן אין די נאָך אַביסעלע אָפֿענע ליפּן.

עס האָט זיך שמשונען אויסגעדוכט, אַז דאָס שמייכעלע האָט אויס־געזען אַזוי אומעטיק! פּונקט ווי נעכטן, ווען בעת בין־השמשות האָט זי גע־זאָגט צו אים אין די אויערן אַריין:

„נאַרישער שמשון! מיר האָבן קיין אויסוועג! דו וועסט עס נישט קאָ־נען טון! דו ביסט נישט פֿון דעם סאָרט מענטשן... מיר האָבן קיין ברירה נישט...”

שמשון איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט פֿאַר דעם מת. עפּעס האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען... ער האָט געקוקט אויף דעם מת און אויף דבורהן, וועלכע האָט געוואַרט אין רײ נאָך אים, ער האָט געהאַלטן דבורהס האַנט, זי שטייף געדריקט, גלייך ווי זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז וואָס ער זעט איז נישט אין חלום, נאָר אין דער ווירקלעכקייט...

אָבער ווי אַזוי איז זי געקומען אַהערצו? האָט ער געוואָלט אויס־שרייען — זי איז דאָך דאָרט אויף די זאַמדן אין דעם זאַמד גריבל! זי וואַרט דאָך אויף מיר?.. ווי אַזוי איז זי געקומען אַהערצו, ווי אַזוי?..

שמשון האָט זיך איינגעביסן מיט זיינע ציין אין זיין אייגענעם פֿינ־גער. אַ ווילדן קוק האָט ער אַ וואָרף געטון אויף דבורהן, וועלכע האָט גע־האַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ... „מאַניאַ?” האָט ער געוואָלט אויס־שרייען. מיט דעם איינגעביסענעם פֿינגער האָט ער צוריקגעהאַלטן דעם געשריי... ער האָט זיך נאָך אַמאָל איינגעקוקט אין דבורהן און אין מת... מיט אַ ווילדער שנעלקייט איז ער אַרויסגעלאָפֿן פֿון דעם בית העלמין...

און ווען ער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט ער אויסגעשיפּעט צו זיך אַליין: „אָבער ווי אַזוי איז זי געקומען אַהערצו? ווי אַזוי?...”

# פערציקסטער קאפיטל

ווי אזוי מאניא איז געקומען אין בית העם וועט שמשון קיינמאל נישט וויסן! נישט נאר ער, גאנץ כפר וויטקין וועט קיינמאל נישט וויסן די איינצלהייטן. קיינער פון די כפר וויטקין לייט האט נישט געקאנט וויסן די איינצלהייטן, ווייל דאס גאנצע דארף איז געשלאפן דאן.

אויך כפר חירות האט נאך געכאפט דעם לעצטן געשמאקן דרעמל פארן אויפשטיין צו דער ארבעט, ווען שמשון איז אוועקגעפארן מיט זיין אמניבוס צום שליאך איבערלאזנדיק מאניאן דרעמלען...

אבער מאניא האט שוין מער נישט געדרעמלט. זי האט נאר געווארט אויף דעם, אז שמשון זאל זי איבערלאזן איינע אליין... ווייל נאר אליין האט זי געקאנט טוען דאס, וואס איז געווען, לויט איר נאכטיקן באשלוס, דער איינציקער אויסוועג...

מאניא האט מיט אומעטיקע אויגן נאכגעקוקט איר שמשונען... שטיל, אין איר נשמה האט זי זיך געזעגנט מיט אים...

דערנאך האט זי נאכאמאל און נאכאמאל איבערגעלייענט מוניקס בריוו, מיט איר דין אומעטיק שמייכעלע האט זי געקוקט אויף דעם אויס־געצויגענעם בחורעץ מיט דעם קלייענדיקן פנים, וועלכער איז געשטאנען פאר די אויגן פון איר נשמה.

„זיי מיר מוחל, זון מיינער... קיין אנדער אויסוועג האב איך נישט... איך האב דאך קיין היים נישט... ווי קאן דיין מאמע, מאניא פון כפר וויט־קין, לעבן אן א היים?... איך האב קיין ווירטשאפט נישט... ווי קאן מאניא פון כפר וויטקין לעבן אן בלומען, גרינסן, עופות און קעלבלעך? אן דעם ווייכן קילן בלאטקעלע ביים ברונעם? איך מוז גיין... מוניק, איך מוז...!

זי האט מיט רחמנות זיך ארומגעקוקט אויף דעם גאנצן ארום, וועלכער איז נאך געווען איינגעוויקלט אין גרוילעך ווייסלעכע ווי תכריכים לופט־גע־וועבן...

א שאד... א שאד! אבער איך האב קיין אויסוועג נישט! זי האט גענומען שמשונס רעקל אין איין האנט, אירע שיך אין דער צווייטער

האַנט, אָנגעטאַפּט ביי דער זייט פֿון איר ענגלישן אוניפֿאָרם איר „כלי״ און זיך געלאָזט לויפֿן מיט די אונטערשטע וועגן, אויסמיידנדיק צו באַגעגענען זיך מיט די שוין אויפֿגעשטאַנענע פֿון שלאָף מושבניקעס. זי איז געלאָפֿן צום בית עלמין פֿון כפר וויטקין.

— איך קום צו דיר נאָכאַמאָל, האָט זי געפּליסטערט שטיל ווען זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צו איר מוטערס נידעריקער מצבה... איך קום צו דיר, מאַמע! דו ביסט דער אָנפֿאַנג, דו ביסט דער סוף... צו אַ מוטער מוז מען זיך אומקערן... אויך — צו מוטער ערד... נעם מיך צו צו זיך... איך בין אַזוי מיד... פֿון קריג... קאָן איך אָנפֿאַנגען אַ נייעם קריג איצט?.. באַשולדיק מיך נישט! האָב מיטלייד מיט מיר... פֿאַרשטיי מיך! כ׳בין אַזוי מיד! מיט וועמען זאָל מאַניא האַלטן קריג? דיין מאַניא? כפר וויטקינס מאַניא? מיט אַ קריפּל? מיט אַן אינוואַליד? איך ווייס, עס איז אַ גרויס רחמנות אויף מיר, אויף שמשונען, אויף מוניקן... זיי וועלן בענקען נאָך מיר... איך וועל אויך בענקען נאָך זיי! אָבער וואָס קאָן איך טון, מאַמע? איך קום צו דיר... איך קער זיך אום... דאָס מאָל — אויף שטענדיק... צו דיר, מוטער! ערד!

מאַניא האָט מיט איר דין שמייכעלע זיך אַרומגעקוקט. „איך גיי אַוועק פֿון דיר, כפר וויטקין!״... האָט זי שטיל געשמייכלט... איך האָב דיך זייער ליב, כפר וויטקין! עס איז מיר שווער געוועזן צו זיין אויסער דיר... אָבער אויך דאָ, מיט דיר, איז מיר איצט אוממעגלעך צו בלייבן! אַמאָל האָב איך געפֿירט קריג פֿאַר דיר, כפר וויטקין, מיט די זומפּן... מיט די זאַמדן... מיט מאַלאַריע... איך האָב געוווּנען דעם קריג פֿאַר דיר... ביסט געוואָרן דער שענסטער מושב אין עמק חיפר, אין גאַנצן לאַנד. אָבער פֿאַר זיך האָב איך קיין כוח נישט אָנצופֿאַנגען צו פֿירן קריג... צו מיד פֿון דעם וועלט־קריג... פֿון דעם מדבר... פֿאַר זיך... צוליב מיין ליבע, איז אפשר נישט כדאי! אין דעם עלטער, נישט כדאי... בעסער גיין צו דער מאַמע ערד, זיך אָפּרוען״.. מאַניא האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון דער מוטערס מצבה, האָט זיך נאָכאַמאָל מיט ליבע איינגעקוקט אין דעם אויפֿוואַכנדיקן אַרום... אַך! ווי שיין דו ביסט, כפר וויטקין! זי האָט זיך צו־

ריקגעזעצט, זיך צוגעטוליעט צום קבר, מיט רחמנות זיך איינגעקוקט אין שמשונס רעקל און אין אירע שיך, וועלכע זענען געלעגן צוזאַמען מיטן רעקל ביי אירע פיס. זי האָט אָנגעשטעלט דעם „כלי" צו איר זייט, קוקנ־דיק אויף די הימלען, וועלכע האָבן זיך שוין געבלויט אַרום איר. זי האָט צוגעדריקט עפּעס מיט דער האַנט...

עס איז צעריסן געוואָרן די אַרומיקע שטילקייט. עס האָט זיך ערגעץ דערשראָקן אַ פויגל־מאַמע פאַר אירע קינדערלעך־פייגעלעך. זי האָט אָנ־געפאַנגען צו קלאַפּן טרעוואָגע מיט אירע פליגל. עס האָבן זיך אָוועקגע־קייקלט כוואַליעס פון דער צעריסענער שטילקייט אין מושב אריין... מושב־ניקעס און מושבניצעס האָבן זיך געוווּנדערט פון אַוואָסער זייט עס איז געקומען דער שאָס און זענען געגאַנגען פרעגן איינער דעם צווייטן...

מען איז אַפילו אַריינגעלאָפן צו גרשומען אין הויף אריין, פרעגן צי פון דאָרטן איז געקומען דער שאָס? אָבער דאָרטן איז אַלעס געווען אין אָרדענונג, שטיל, שאַ... גרשום איז נאָך אפילו געשלאָפן מיט אַ געשמאַקן שלאָף פון אַן עלטערן מאַן, וועלכער האָט אַ יונג ווייבל ביי זיין זייט...

אָבער — וווּ איז מאַניא, האָט געפרעגט כפר וויטקין? זי איז דאָך נעכטן געקומען פון קריג! מען האָט זי דאָך געזען גיין נעבעך אין אירע שווערע סאָלדאַטסקע שיך נעכטן פאַרנאַכט?.. ווו האָט זי גענעכטיקט? ווו געפינט זיך איצט מאַניא? אפשר האָט זי דאָס אַזוי אָפּגעטון פון פאַר־דרוס?..

— האָט זי נישט געזאָלט גיין אין קריג אריין! האָט זיך אָנגערופן איינע פון אירע שכנות, — זי האָט דאָך געוואָלט ווערן אַ גענעראַלשע!

— האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטע פרוי.

— ווער לאָזט עס איבער אַ זון? אַ מאַן? איך באַשולדיק אים גאָר־נישט! ער איז דאָך נישט מער ווי אַ מאַן! האָט זיך אָנגערופן אַ דריטע פון די כפר וויטקין פרויען.

— זי האָט קיינעם נישט ליב געהאַט! נאָר כבוד! עס איז איר פשוט נישט אָנגעשטאַנען... האָט געזאָגט אַ פערטע...

אָבער מיט דעם האָט זיך נישט געענדיקט. עס האָט זיך צונויפגע־

נומען אַ גאַנץ רעדל לעבן דעם מאכסאן, אַוווּ מען ברענגט אינדערפֿרי די מילך פֿון דעם מושב... און דאַן איז ערשט געוואָרן קלאָר, אַז דער נאַכט־וועכטער, וועלכער איז שוין געווען אויפֿן וועג אַהיים, האָט דערהערט דעם שאָס. ער איז געווען דער ערשטער צו דערזען מאַניאַן זיצן אויף דער מצבה פֿון איר מוטער... „מאַניאַ איז אַוועק צו דער מוטער!״ האָט זיך באַלד פֿאַרשפּרייט איבער כּפֿר וויטקין.

אַזוי לייכט האָט זיך נאָך מאַניאַס גאַנג נישט געענדיקט.

די עלטערע יידן, די פֿאָטערס פֿון די מושבניקעס האָבן געזאָגט, אַז דערפֿאַר, וואָס זי איז אַוועק אַזוי, אַליין פֿון כּפֿר וויטקין, אַוועק נישט אָנזאָגנדיק קיינעם, נישט וואַרטנדיק ביז גאָט וועט זי צונעמען, קומט איר נישט די שיינע קבֿורה וועלכע כּפֿר וויטקין איז געוווינט צו געבן זיינע לייט... דער גליק מאַניאַס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס האָבן זיך איינגעשטעלט פֿאַר איר די מושבניקעס, מיט וועלכע מאַניאַ אַליין איז נישט זעלטן געשטאַנען ווי אַ מאַן אויף דער וואַך, האַלטנדיק איר „כּלי״ אין די הענט... די מושבניקעס האָבן געטענהט אַז מאַניאַ האָט געלייסטעט פֿאַרן מושב מער ווי יעדער אַנדער פֿרוי... מאַניאַ האָט צוויי מאָל גע־האַלטן מלחמה פֿאַר כּפֿר וויטקין: איינמאָל — ווען די מושבניקעס זענען אַרויף אויף התיישבֿות, צו באַקעמפֿן די וויסטעניש, און דאָס צווייטע מאָל — ווען זי איז געווען די איינציקע פֿרוי פֿון גאַנץ כּפֿר וויטקין פֿריי־וויליק צו גיין אין צווייטן וועלט קריג... און דעריבער, דין צי נישט דין — מאַניאַן וועט מען געבן די שענסטע קבֿורה! און ווען עס איז אַרויס דער באַשלוס פֿון דעם דאָרפֿס־ראַט, האָבן זיך די אַלטע פֿרויען, מאַמעס פֿון די מושבניקעס, אַנידערגעזעצט נייען די תּכריכים, פֿאַר מאַניאַן. אַלטע פֿרויען פֿון כּפֿר וויטקין האָבן זי מטהר געווען ווי מען איז מטהר יעדע אַנדערע כּשרה יידישע טאָכטער, מען האָט זי אויסגעפּוצט אין די ווייסע תּכריכים, און מען האָט זי געבראַכט אין בית העם און זי אַנידער־געלייגט אויף דעם ראַנד פֿון דער בינע. אָט־אָ דאָ פֿלעגט מאַניאַ האַלטן אירע שיינע רעדעס! קאָן זיין דערפֿאַר האָט זי נאָך אַלץ געשמייכלט מיט איר דין שמייכעלע? גלייך ווי זי האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז זי די בראַווע מאַניאַ, ליגט אַזוי הילפֿסלאָז.

זינא ראבינאוויטש

# איין און פערציקסטער קאפיטל

הילפסלאז איז געשטאנען לעבן מאניאן אין בית העם דבורה מעסינג. א לאנגע צייט האט זי געשאקלט מיטן קאפ גלייך ווי דערמיט געוואלט זאגן: „אך! מאניא! מאניא! זיך גארנישט געריכט אויף דיר! דו זאלסט גיפטון אזא זאך! וואס וועט איצט טון שמשון? דער עלנדער שמשון? האסטו דען אן אנונג, ווי ער האט געווארט אויף דיר? ווי ער פלעגט בענקען נאך דיר, זיצנדיק ביי מיר אין קיך! און נישט נאר שמשון! כפר וויטקין דארף דיך האבן! וויפל האבן מיר עלכע מאניאס, ווי דו, אין גאנצן לאנד? דו האסט שוין טאקע געוואונען דעם צווייטן וועלט קריג.. אבער מיר האבן נאך אונדזער קריג נישט געוואונען... דער ענגלענדער איז נאך שלעכט און פרעמד... ער וויל נאך קיין פרייהייט נישט געבן... מיר האבן נאך א לאנגן וועג צו גיין... אונדזער פרייהייט איז נאך ווייט... ווער נאך קאן אזוי ארויסהעלפן ווי דו, מאניא! פארוואס האסטו אונדז איבערגעלאזט אין מיטן וועג?..״

קאן זיין אז דבורה מעסינג וואלט נאך געוואלט זיך אויסטענהן מיט מאניאן פארוואס זי האט אזוי אפגעטון, פארוואס זי האט איבערגעלאזט כפר וויטקין אין סאמע מיטן וועג, אבער די, וועלכע האבן געווארט נאך דבורהן אין דער ריי, האבן אנגעפאנגען ארויסצוווייזן אומגעדולד... מען האט אפגעשטופט דבורהן אן א זייט און מען איז אנגעגאנגען מיטן מחילה בעטן... איז דבורה דערווייל ארויסגעגאנגען פון בית העם א קוק טון צו שמשונען. שמשון האט נישט געסטייעט... שמשונען האט זי נישט געקאנט געפינען. אויך ביי דער לויה, אויף דעם פעלד, האט מען שמשונען נישט געזען...

דבורה האט געווארט ביי זיך אין הויז נאכדערלויה — אבער אויף שמשונען האט זי זיך נישט דערווארט... אפילו ביינאכט, נאך דעם ווי זי האט זיך געלייגט שלאפן, האט זי זיך צוגעהערט צו יעדער שארך פון דרויסן — שמשון וועט דאך זיכער אנקלאפן צו איר אין מיטן נאכט, כדי זיך אויסצוווינען דאס הארץ פאר איר ווען ישראל שלאפט...

שמשונען האָט שוין דבורה מער נישט געזען! און נישט נאָר זי, נאָר גאַנץ כפר וויטקין האָט נישט געוווּסט וווּהין שמשון איז אהינגע־קומען. דאָס דאָרף האָט באַלד געשלאָגן טרעוואָגע אין „אגד" אַריין, אין חדרה, אויך דאָרט האָט קיינער נישט געוווּסט „אפשר איז ער דאָך אַוועקגעפאָרן אויף זיין אָפּרוּ?" האָט געשמייכלט דער „מנהל" פון „אגד" דערמאָנענדיק זיך אָן שמשונס ווערטער „עס קומט מיר דאָך אָן אָפּרוּ!" אויך אין תל־אביב אין „אגד" האָט מען גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געוווּסט וועגן שמשונען...

אין סאַמע ברען סעזאָן זאָל אַ נהג אָפּטון אַזוי? האָט מען זיך גע־וווּנדערט אין הויפּט ביוראָ פון „אגד" אין תל-אביב. מען האָט געמוזט שיקן אָן אַנדער נהג פאַרן „מקשר". פון דעם נייעם „נהג" האָט קיינער אין כפר וויטקין נישט געהאַט קיין נחת — ער איז געווען פרעמד און שטרענג, ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט ריידן קיין איבעריק וואָרט, זיך נישט געוואָלט געבן צופיל טירחה כדי צו העלפן די עלטערע תושבים פון די צוויי דערפער, נישט די קינדער...

— נישטאָ שמשון! פלעגן די מוטערס שאָקלען אומעטיק מיטן קאָפּ, ווען דער שטאָלצער „נהג" פלעגט זיי ענטפערן: „איר ווילט שיקן אייער קינד אין צווייטן דאָרף אַריין צו דער טאַנטע? צו דער באָבע? פּאַקעוועט אים איין אין אַ פּעקל און שיקט אים דורך „אגד פעקל טראַנספּאָרט"!

ווי אָפּגעשמיסענע פלעגן זיך די מוטערס אומקערן פון דעם „מקשר" פירנדיק די קינדער ביי די הענט. דער נייער „נהג" וויל זיך נישט מתעסק זיין מיט „לעבעדיקע פעקלעך"! עס זענען אפילו געווען אַזעלכע מאַמעס, וועלכע האָבן געוואָלט אַריינשרייבן אין דעם הויפּט ביוראָ פון „אגד", אַז זיי זענען נישט צופרידן מיט דער באַציאונג פון דעם נייעם „נהג". טייל האָבן זיך אפילו געווענדעט מיט אַ בקשה צו דבורהן: „היות זי איז אַזאַ ענערגישע פרוי, היות ווי נישט האָבנדיק קיין קליינע קינדער פון שול-עלטער האָט זי זיך דאָך איינגעשטעלט פאַר די כפר חירות שול-קינדער, אַז מ'זאָל זיי פירן לערנען אין דער גוטער שולע קיין כפר וויטקין, זאָל זי זיך איינשטעלן פאַר זיי, אַז מען זאָל בייטן דעם „נהג" אויף אַן אַנדערן,

וועלכער זאל זיין פריינטלעך צו די קינדער! אויף וועלכן מען זאל זיך קאנען פארלאזן ווי מ׳פלעגט זיך קענען פארלאזן אויף שמשונען, ווען מ׳האט באדארפט שיקן א קינד ערגעץ. אבער דבורה מיט איר קלוגן ליט־ווישן קאפ האט גענטפערט אויף די אלע זאכן בזה הלשון:

— מיר קאנען פאדערן אז דער שאפער זאל זיין קארעקט צו אונ־דזערע תושבים, אז ער זאל קומען און אוועקגיין אין צייט, אז ער זאל אריינגעמען אונדזערע זאכן אין אמניבוס, מיר קאנען אבער נישט פא־דערן, אז דער „נהג" זאל זיין א „גאלד", ווי עס איז געווען שמשון! יא, א גאלד! פלעגט דבורה טראכטן מיט גרויע אומרואיקע אויגן ווען זי פלעגט דערמאנען שמשונס נאמען. אזא גאלד וועט שוין כפר וויטקין מער נישט האבן.

און זי פלעגט ביי זיך אין הארצן, מיט איר קלארן ליטווישן מוח אנאליזירן דאס שטיק „גאלד", וועלכעס איז אזוי פלוצים אנטרונען גע־ווארן פון כפר וויטקין נאך אזוי פיל יארן. „וווהין איז דאס שטיק „גאלד" אנטרונען געווארן? קיינער האט נאך דערוויי‍ל נישט געהערט פון אים, קיינער ווייסט נאך נישט, וווהין שמשון איז אנטלאפן פון דער לויה, פון בית העם. ווען עמיצער וואלט געהערט פון אים, וואלט זי דען נישט גע־ווען די ערשטע?

איז שמשון דען נישט איר בעסטער פריינט? דער פריינט, וועלכן זי האט אנפארטרויט איר טיפסטן סוד — וועגן אירע בנים. אירע צוויי זין?..

ער איז געווען דער איינציקער אין די צוויי מושבים, וועלכער האט געוווסט, אז די זין ווילן נישט קומען קיין ארץ ישראל, אז זיי פעלט נישט ארץ ישראל... אז זיי האבן זיך שוין ווארשיינלעך פארדרייט דעם קאפ מיט נישט־יידישע מיידלעך אזוי, אז זיי קאנען שוין נישט צוריקדרייען..

שמשון איז דאך געווען דער איינציקער, וועלכער פלעגט אויסהערן דבורהס קרעכצן ווען ישראל פלעגט שלאפן אדער קרעכצן פון שלאף צו־ליב זיין אולקוס...

שמשון איז געווען דער יעניקער, וועלכער פלעגט טרייסטן דבורהן,

ווען אירע אויגן פֿלעגן אָנגעפֿילט ווערן מיט טרערן, ווען זי פֿלעגט זיצן מיט אים ביינאַכט אין איר קיך. פֿון אירע אויגן פֿלעגט דאַן פֿאַלן אַ טרער אויף די באַלאַטעס, אונטער וועלכע עס איז געווען באַהאַלטן דאָס געהיימע געווער פֿון כפֿר חירות און כפֿר וויטקין...

פֿון שמשונס אויגן פֿלעגט אויך, כמעט אין דער זעלבער צייט, פֿאַלן אַ טרער פֿון בענקשאַפֿט נאָך מאַניאַן, אַ טרער פֿון הילפֿלאָזער ליבע צו דער, צו וועלכער מען לאָזט אים נישט פֿאָרן! איצט, האָט דבורה שוין נישט געהאַט מער איר גוטן פֿריינט! נישטאָ מיט וועמען זיך מישב צו זיין! נישטאָ פֿאַר וועמען זיך אויסריידן דאָס האַרץ! איצט האָט זי קלאָר געזען פֿאַרוואָס שמשון איז אַנטרונען געוואָרן... ער האָט זיך געוואָלט אָפּ־רעכענען מיטן מושבֿ! נישט אַנדערש! האָט דען דער מושבֿ אים נישט געהאַלטן ווי אַן עבֿד כנעני אַלע יאָרן? פֿאַרוואָס האָט דער מושבֿ אים נישט געלאָזט גיין אין קריג, וווהין ער האָט זיך אַזוי געריסן? אַזאַ געזונ־טער גבֿור! און דאָך זיך געהאַלטן אַזוי פֿיל יאָרן ביי דער קראַנקער פֿרו־מע!.. ווען דער מושבֿ וואָלט אים געלאָזט גיין אין קריג, ווען דער מושבֿ וואָלט אים, דעם לאַנגיאָריקן איבערגעגעבענעם „נהג" און חבֿר געלאָזט אויסגיסן אַ ביסל דעם איבערפֿלוס פֿון זיין ענערגיע אין קריג, אין זיינע שוועריקייטן, וואָלט ער זיך באַרויִקט... עס וואָלט נישט געווען אַזוי שאַרף דער ווייטיק פֿון בענקשאַפֿט און פֿון דעם עלנט, וועלכן ער האָט געהאַט ביי זיך אין דער היים!... אָבער דער דאָרפֿס־ראַט איז געווען שטרענג! ער איז געגאַנגען לויטן געזעץ, נישט גערעכנט זיך מיט מידת הרחמים און נישט געוואָלט טון אַ ביסל בפֿנים משורת הדין... — בלייב דאָ! גיב אַכטונג אויף דיין ווייב, כאָטש דו פֿאַלסט פֿון די פֿיס פֿון לאַנגע שעהען אַרבעט! דער מושבֿ האָט נישט געוואָלט איינריידן פֿרומען, אַז פֿאַר איר וואָלט די בעסטע זאַך געווען אַן אינוואַלידן הויז, ווו שמשון וואָלט געצאָלט מיטן גרעסטן כּבֿוד דעם בעסטן טייל פֿון זיין געהאַלט אין „אגד"! דער מושבֿ איז געווען פֿרעמד צו שמשונען... האָט שמשון זיך איצט צע־רעכנט מיט אים! — איצט — צאָל אַליין, מושבֿ, פֿאַר פֿרומען אין אַן אינוואַלידן הויז! איצט האָט פֿרומע דאָס מויל נישט געוואַגט צו עפֿענען, ווען מ'איז זי געקומען פֿאַרנעמען אין אַן אינוואַלידן הויז! איצט איז זי

אוועק אהין ווי א לעמעלע! קיין אנדער ברירה נישט געהאט!.. אבער שמשונען האט מען צעבראכן אויף אייביק! אך! ווען מען וואלט אים גע־האלפן באקומען א גט אין צייט! פארפאלן געגאנגען צוויי לעבנס... יונגע לעבנס! מענטשן, וועלכע וואלטן נאך געקאנט שאפן און בויען! מיר דארפן נאך האבן אזעלכע בויערס... אך! ווי מיר נויטיקן זיך אין זיי אויף אונדזער וועג... צו אונדזער פרייהייט!...

דבורה האט זיך זייער ערנסט געזארגט פארן לאנד. דאס לאנד נויטיקט זיך אין אזעלכע מענטשן ווי מאניא און שמשון, אבער זי אליין האט זיך גענויטיקט אין איר פריינט איצט נאך מער ווי פריער...

ישראלס אולקוס האט זיך אויפגעבאפט פון זיין לאנגן שלאף, וועלכן ער איז געשלאפן די ערשטע יארן נאך זיין קומען אין לאנד אריין... נישט די ארבעט און נישט דער קלימאט זענען געווען שולדיק אין דעם. די ארבעט צווישן די מאראנצן ביימער האט געמאכט 'פון ישראלן א גיבור אין די ערשטע עטלעכע יאר נאך אמעריקע, נאך זיין קרעמעריי דארט! דער קלימאט האט אים אויך גוט פאליובעט... דבורה איז זיכער, אז שול־דיק אין דעם, וואס ישראל פילט זיך נישט גוט די לעצטע צייט, איז די מלחמה...

זענען אירע צוויי זין דען נישט אין מלחמה? האט דען אמעריקע נישט געפירט א שטארקע מלחמה אי אין איירָאפּע אי אויך אין יאפאן? זייער הארץ האט זיך געריסן צווישן יאפאן און דעם נאצי, געבעטן גאט, אז ביידע זיי זאלן זיך אומקערן לעבעדיק און געזונט. ישראלס אולסער ווערט ערגער פון טאג צו טאג, און אין דעם האבן א גלייכן חלק סיי דער נאצי, סיי דער יאפאנטשיק, ביידע זענען זיי געווען גוט! אירע זין זענען טאקע נישט געווען קיין פראסטע סאלדאטן, אבער ווער ווייסט נישט, אז אין דעם קריג איז יעדער איינער געווען אויסגעשטעלט צו אלע קריגס־געפארן? אפילו דאקטוירים, ווי איר טעדי, אפילו הויכע אפיצירן ווי איר מיקי... די זארג פאר ביידע האבן געמאכט פון ישראלן אוים מענטש... האט זיך דער אולסער זיינער דערפאר צוריק גענומען צו אים... ווי קאן דבורה ריידן צו ישראלן, אפילו איצט, ווען דער קריג האט זיך שוין גע־

ענדיקט, וועגן אירע זין? זי וויסט פֿון זייערע בריוו אַז זיי זענען דאַנקען גאָט געזונט!.. אָבער דאַנקען גאָט געזונט קאָן אַמאָל מיינען אָן אַ האַנט, אָדער אָן אַ פֿוס, אָדער אַזוי פֿאַרוואונדעט, אַז עס טרייסלען זיך הענט און פֿיס...

אך! ווי דבורה וואָלט געוואָלט ריידן וועגן די אַלע זאַכן מיט ישׂראלן, איבערהויפּט איצט, ווען זיי האָבן באַקומען דעם לעצטן בריוו פֿון טעדין, דעם דאָקטאָר, אַז ער וועט אין גיכן קומען אויף אורלויב פֿון דייטשלאַנד! וואָס מיינט ער, טעדי, מיט דעם, אַז ער האָט זיך אַזוי איבערגעביטן, אַז די עלטערן וואָלטן אים נישט דערקאָנט? וואָס מיינט ער דערמיט? האָט ער זיך איבערגעביטן צום גוטן, צי צום שלעכטן? און וואָס מיינט טעדי דערמיט, אַז ער וויסט איצט מער ווי שטענדיק דעם אונטערשיד צווישן אַ יידן און אַ קריסט? אך! ווען דבורה וואָלט געקאָנט וויסן וואָס ער מיינט! ווען זי וואָלט זיך געקאָנט האַלטן אַן עצה מיט איר ישׂראלן וועגן דעם נאָך איידער טעדי קומט אָן!

אָבער צו ישׂראלן האָט מען נישט געטאָרט צוטרעטן מיט אַזעלכע רייד! נאַר טעדי! פֿלעגט ער אויסשרייען, ווען דבורה פֿלעגט זיך נישט קאָנען איינהאַלטן און אָנפֿאַנגען ריידן וועגן דעם דאָקטאָרס קומען. ישׂראל איז געווען נערוועז איצט... קאָן זיין אַז עס איז געלעגן אין דעם אַ פֿאַרדרוס וואָס מיקי קאָן נישט קומען אויף אורלויב ווי טעדי? און אפֿשר האָט ער געזען פֿון מיקיס בריוו, אַז ער איז נאָך אַלץ ווייט פֿון יידן און פֿון ארץ ישׂראל? אַז ער טרוימט בלויז וועגן אַן אורלויב קיין אַמעריקע און נישט צו די עלטערן?

עס זענען געווען שווערע צייטן איצט פֿאַר דבורהן! ווען זי וואָלט געקאָנט כאַפּן אַ שמועס מיט שמשונען, וואָלט ער מיט זיין שׂכל הישר, אָן שום דריידלעך, איר געזאָגט וואָס ער טראַכט וועגן טעדין און וועגן טעדיס פּלוצימדיקן ווונטש צו קומען קיין ארץ ישׂראל! און אפֿשר מיינט טעדי בלויז צו זען זיך מיט זיינע עלטערן און נישט ארץ־ישׂראל? פֿלעגט דבורה אַ טראַכט טון. איז דען נישט נאַטירלעך, אַז זין זאָלן קומען אויף אורלויב צו עלטערן, אפֿילו קיין ארץ־ישׂראל, אויב די עלטערן געפֿינען זיך דאָרטן?

אַזוי האָט דבורה זיך געבויערט דעם קאָפּ אין דער שטיל, אין געהיים, אין איר קיך, ביינאַכט, בשעת ישראל איז געשלאָפן און פאַרנאַכט, באַגעגענענדיק אירע ציינן. איר טעדי, דער דאָקטאָר. ווען קומט ער שוין?

די מאַמע האָט געבענקט נאָכן זון, די מאַמע האָט געוואַרט אויף אים אומגעדולדיק! אָבער דבורה איז נישט נאָר אַ מאַמע, זי איז אויך אַ מושבניצע... און אַ מושבניצע הייסט אַ חברה פון אַ מושב, ווי יעדער איינער איז אַ חבר... וויל ער — קומט ער אין הויז אַריין! וויל ער — שטעלט ער — און האָט דאָס רעכט צו שטעלן — קליאָץ פראַגעס... אָט־אָ די קליאָץ פראַגעס האָבן אָנגעפילט דבורהן מיט זאָרג! אַן אַמעריקאַנער דאָקטאָר מעג נישט קאָנען העברעאיש ריידן — דאָס וועלן די מושבניקעס פאַרשטייען! אָבער זאָל, חלילה, טעדי נישט אַרויסריידן קיין וואָרט קעגן ארץ־ישראל! זאָל ער נישט זאָגן אָפן אַז ער וואָלט בשום אופן נישט פאַרביטן אַמעריקע אויף ארץ ישראל, ווי ער פלעגט זאָגן דאָרט! זאָל ער, חלילה, נישט אָנרופן דאָס לאַנד, צוליב וועלכן אַזוי פיל יונגע זין און טעכטער זענען פרייוויליק געגאַנגען אין קריג אַריין, „פּאַלעסטיין“! אַך! ווי דבורה האָט זיך געבויערט דעם קאָפּ צו טרעפן צי עס ליגט נאָך דער טיפער תהום צווישן איר און אירע זין? תהום! תהום! זאָלן די שכנים כאָטש נישט דערפילן דעם תהום!..

אַזוי זאָרגענדיק זיך וועגן דעם תהום האָט דבורה נישט באַמערקט ווי עס איז אַריבער די צייט און אין אַ שיינעם נאָכמיטיק האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי, וועלכע האָט געבראַכט טעדין גלייך פון דעם לופטפעלד, וווהין ער איז אָנגעקומען פון איטאַליע...

## צוויי און פערציקסטער קאַפּיטל

עס איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע פון דעם אומדערוואַרטעטן שנעלן אָנקום.

טעדי! טעדילי! האָט געפליסטערט שטיל דבורה אַרומנעמענדיק איר זון. זעענדיק אַז איר זון פּראָטעסטירט נישט, ווי ער פלעגט פּראָטעסטירן אַמאָל, האָט זי אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צוגעדריקט צו זיך און דער-

ביי געלאָזט אין געהיים אַ טרער... און דערביי אַ טראַכט געטון וועגן מי־קין... אַך! ווען מיקי וואָלט אויך געווען דאָ איצט!

אָבער לאַנג האָט מען נישט געקאָנט קושן און אַרומנעמען דעם אויס־געוואקסענעם דאָקטאָר. ער האָט זיך אַליין שנעל אַרויסגעריסן און זיך געלאָזט גיין באַקוקן אַלע ווינקעלעך פון אירווירטשאַפט. דבורה האָט אַליין געמוזט אים ברענגען אין פּרדס אַריין, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן ביז זיין פאָטער וועט זיך אומקערן אין אָוונט! און אין טעדיס יעדער וואָרט איז געווען אַ מין סאָרט באַפעל פון אַ קראַנקן קינד, וועלכן מ׳מוז באַלד צופרידנשטעלן...

האָט זיך דבורה געשלעפּט מיט איר זון איבער די זאַמדן אין פּרדס אַריין. אָבער מ׳טאָר נישט איבערראַשן ישראלן! זיין אולסער קאָן זיך נאָך צעשפּילן! האָט זי באַדאַרפט פריער פּאָרזיכטיק צוגרייטן ישראלן צו דער פּלוצימדיקער באַגעגעניש... אָבער טוענדיק אָט די אַלע זאַכן און צוגרייטנדיק די וועטשערע, האָט דבורה נישט אַרונטערגענומען קיין אויג פון איר זון...

די צוויי מענער — טאַטע און זון — האָבן עס נישט באַמערקט, אָבער דבורה האָט נישט אויפגעהערט צו באַאָבאַכטן איר טעדין. אַ נייעם טעדין האָט זי געזען אין איר זון...

וואָס איז דאָס נייע וואָס איז אַזוי בולט אין אים? דבורה האָט זיך געבויערט דעם קאָפּ, זאָלן דאָס זיין די יאָרן וואָס זי האָט אים נישט געזען, וועלכע האָבן אים געמאַכט עלטער? זאָל דאָס זיין אַ גרויסע ליבע איבער־לעבונג, וועלכע האָט פון אים געמאַכט אַ מין סאָרט קאַפּריזנע יינגל, וואָס יעדע זאַך ערגערט אים?

דבורה האָט אויסגעמיטן צו ערגערן אים אפילו מיט קלייניקייטן! זי האָט באַלד אויפגעהערט צו בעטן אים אַז ער זאָל טרינקען מער מילך כדי צו געווינען וואָג. זי האָט אפילו נישט פּרובירט צוצונעמען פון אים זיינע סיגאַרעטן, וועלכע ער האָט געצונדן איינע נאָך דער צווייטער אָן אַן אויפהער... זי האָט באַלד געזען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף טעדין איר ערשטע פּראָבע צו מאַכן אַ סוף צו זיין רויכערן...

— הער אויף מאַמע! האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן מיט אַ קרענק־לעכן געשריי.

אָבער נישט דער קרענקלעכער געשריי פון אַ נערוועז קינד האָט גע־שראָקן דבורהן. טעדי האָט נישט געוואָלט זען קיין מענטשן! דבורה האָט קוים מיט צרות זיך איינגעבעטן ביי אים, אַז ער זאָל איר לאָזן מאַכן „אַ פריילעכן" שבת פאַר דעם מושב...

— ווי קאָן מען וווינען אין אַ מושב און נישט מאַכן קיין „פריי־לעכן" שבת פאַר די מושבניקעס? האָט געבעטן דבורה מיט טרערן אין די אויגן — זיי וועלן נאָך, חלילה, מיינען אַז אונדזער זון איז קעגן ארץ־ישראל? אַז ער איז, מיינע שונאים, אַ משומד? אַ שונא ישראל?..

אויף אַזעלכע רייד האָט שוין טעדי גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט בלויז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך ווייטער גענומען לייע־נען זיינע ביכער.

— טו וואָס דו ווילסט מאַמע!

האָט דבורה יאָ געמאַכט דעם „פריילעכן" שבת! דאָס הויז איז יאָ געוואָרן אָנגעפילט מיט ווייבער און מענער און קינדער, און נישט נאָר פון כפר חירות, נאָר טאַקע אויך פון כפר וויטקין איז מען געקומען... אָבער טעדי האָט גערעדט וויניק.

— ער מעג מיט אונדז ריידן יידיש, אויב ער קאָן נישט ריידן קיין עברית, — האָבן געבעטן די געסט... אָבער וועגן וואָס האָט טעדי גע־קאָנט ריידן מיט זיי? וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען בשעת ער איז אַלס ערשטער דאָקטאָר אריינגעקומען מיט דער באַפרייאונגס ארמיי אין די דייטשע לאַגערן? וועגן דעם וואָס ער האָט געזען אין דאכאו צום ערשטן מאָל?

טעדי איז געזעסן שטיל. ער האָט געקוקט אויף די מאַראַנצן, אויף דעם ווייסן טישטוך, אויף די ווייגען, אויף דעם געבעקס, וואָס זיין מוטער האָט אָנגעבאַקן צוליבן „פריילעכן שבת" און בשעת מעשה האָט ער געזען ווי משוגענע פון שרעק און פון הונגער האָבן נאָך אַלץ געקליבן ווי מאָל־פעס אין די מיסטן פון דאכאו, כאָטש די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט זיי

געגעבן מכּל טוב צום עסן... ער האָט געזען ווי מענטשן מיט אויסגע־טרוקנטע קישקעס זענען געלעגן אין דער זון און האָבן געשמייכלט ווי גע־רירטע פון זינען. זיי האָבן זיך שוין מער נישט געקאָנט צורירן צום עסן, וועלכעס מ׳האָט זיי אָנגעבאָטן... אַזוי מאַט זענען זיי געווען... ער האָט געזען די אויוונס און אין זיי צווישן דעם אַש מענטשן־רעשטן... און מענטשן, וועלכע האָבן נאָך געזשופּעט מיט דער נשמה, מענטשן וועלכע מ׳האָט באַפרייט פון די אויוונס אין יענעם ווילדן באַפרייאונגס טאָג! מענטשן, צו וועלכע סאָלדאַטן האָבן אַריינגעשריגן אין די שוין טויטע אויערן: „באַפרייאונג! איר זענט באַפרייט!״

טעדי האָט געשוויגן די גאַנצע צייט בשעת די שכנים האָבן געטרונ־קען וויין און געקנאַקט ניס. זענען די שכנים אַרויס פון דבורהס הויז נאָך דעם פרייליכן שבת נישט זייער פרייליכע. טייל האָבן זיך געפילט באַליידיקט, וואָס דער דאָקטאָר האָט זיך געהאַלטן ווי אַ גדול! טייל האָבן אים פאַרטיידיקט דערמיט, וואָס ער איז נעבעך שטומפּיק אויף דעם לשון. אָבער דבורה האָט געוווסט אַז דער תירוץ איז גאָר אַן אַנדערער. טעדי, דער אַמעריקאַנער דאָקטאָר, איז נעבעך נישט מיט אַלעמען! ווען ער וואָלט געווען אין אַ שטימונג, וואָלט ער שוין געוווסט, וואָס צו ריידן און ווי אַזוי צו ריידן! אָבער פאַרוואָס איז ער אין אַזאַ שלעכטער שטימונג?

דבורה איז געווען באַזאָרגט, אָבער נישט פון דעם רושם, וועלכן טע־די האָט געמאַכט אויף אירע שכנים. נישט די שכנים גייען איר איצט אָן, נאָר טעדי!

— טעדי, טייערער! איך האָב געהערט זאָגן, אַז אין תל־אביב זענען פאַראַן קלובן פאַר סאָלדאַטן, וווּ די שענסטע מיידלעך פון תל־אביב טאַנצן מיט זיי! ביסטו דען ערגער פון אַן ענגלישן „טאָמי״, צי פון זיין אָפיציר? גיי! פאָר קיין תל־אביב! פלעגט דבורה בעטן טעדין, ווען עס פלעגט זיך איר אויסווייזן אַז טעדי איז צו אומעטיק. טעדילי! ברעך נישט די פינ־גער! שפּאַציר נישט איבער די זאַמדן פון אַרום הויף. פאָר קיין תל־אביב טאַנצן!

— וואָס פאַר אַ טאַנצן פּלוצים? פלעגט טעדי ווערן נאָך מער נער־

ווען. ער פלעגט אומגעדולדיק אַרויסשטעלן זיינע ציין און אָנשטעלן אַ פּאָר בייזע רוצחישע אויגן.

— פאַרוואָס טאַנצן זיי? די טאָמים? אונדזערע מיידלעך ריידן אויך ענגליש!.. וועסט געפינען אַ שפּראַך מיט זיי!

— ניין, מאַמע! קיין שפּראַך וועל איך שוין מער קיינמאָל נישט געפינען מיט די, וועלכע האָבן נישט געזען דאָס, וואָס איך האָב געזען! טעדי פלעגט מיט אַנטוישונג קוקן ערגעץ אין דער ווייטנס, גלייך ווי נאָר דאָרט, אין דעם ווייטן, האָט מען פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט מיט זיינע רייד. די ווערטער פלעגן נאָך מער שרעקן דבורהן. אָבער ווי קאָן מען פרעגן אַ זון אַ דאָקטאָר, וואָס ער מיינט דערמיט? מיינט ער דערמיט די קראַנקע? די, וועלכע ער האָט אָפּערירט? מיינט ער די, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען אונטער זיין מעסער? אויך מאַמעס קינדער, ווי ער! צוליב וואָס אים דערמאָנען וועגן זיין שווערער אַרבעט, פון וועלכער ער איז געקומען אַהער זיך אָפּרוען?

— אָבער פאַרוואָס טאַנצן זיי, די טאָמים? האָט דבורה נישט געקאָנט מסכים זיין צו דעם, וואָס איר זון איז אַזוי מעלאַנכאָליש.

— זיי קאָנען טאַנצן, מאַמע! זיי האָבן דאָס נישט געזען!...

— זיי זענען דאָך אויך געווען אין קריג, זון מיינער?..

— דאָ איז נישט געווען דער קריג, מאַמע... נישט דער...

— דאָ ביי אונדז... אין תל־אביב איז אויך געפאַלן אַ באָמבע, וועלכע האָט דערהרגעט אין איין מאָל פופציק קינדער אין אַ הויף פון אַ שולע...

— דאָס איז אַלץ נישט דאָס, וואָס איך מיין, מאַמע... דו וועסט עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין... דאָ איז געווען קריג... דאָרט איז געווען פאַרניכטונג, שקלאַפעריי... שקלאַפן, וועלכע מ'האָט געשאַרט מיט די שטיוול, ווי מיסט! מ'האָט זיי געשטאָכן אָן אַ פאַרוואָס! מ'האָט געהייסן די שטאַרקערע אַריינשטופּן די שוואַכערע אין די אויוונס... און ווער ס'האָט דאָס נישט געוואָלט טון, דעם...

— גענוג שוין! האָט איבערגעשלאָגן ישראל, וועלכן זיין אולסער

האָט אָנגעפֿאַנגען צו שטעכן ווי מיט שפּיזן — גענוג שוין! וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אין קינד? ווייל ער נישט גיין טאַנצן, טאָ זאָל ער נישט גיין טאַנצן!.. גוים טאַנצן, יידן קאָנען נישט טאַנצן! אַזוי פֿלעגט זיך ענדיקן דער געשפּרעך.

טעדי פֿלעגט נאָכאַמאָל אַוועקגיין צום ים, דאָרט פֿלעגט ער שפּאַצירן לאַנגע שעהען, אָפֿט פֿלעגט ער שטיין אָן קיינע באַוועגונגען און קוקן אויף זיינע כוואַליעס...

און דבורה פֿלעג זיך כלומרשט נעמען צו איר אַרבעט. אָבער אַז אָך און וויי איז געווען צו איר אַרבעט! די אומרואיקע אויגן אירע האָבן געהאַלטן אין איין ציען זיך צו דער זייט, וווּ עס האָט זיך געפֿונען איר קראַנקער זון.

יאָ! קראַנק איז איר טעדי! דבורה האָט אַן אויג, זי זעט אַלעס! זי זעט זיין פֿאַרטראַכטקייט און צעטומלטקייט, ווען מ׳שלאָגט אים איבער זיינע געדאַנקען... איז אַזאַ צעטומלטקייט נישט קיין קראַנקייט? איז דאָס נישט קיין קראַנקייט, ווען אַזאַ שיינער יונגער דאָקטאָר וויל נישט גיין כאַפּן אַ טאַנץ מיט יונגע שיינע מיידלעך אין די סאָלדאַטן-קלובן אין תּל-אָביב?

גאָט! העלף מיר געזונט מאַכן טעדין! מיין טעדילי איז קראַנק! אפֿשר זענען קראַנק אַלע די, וואָס קערן זיך אום פֿון דעם קריג?..

אפֿשר איז מאַניאַ אויך געווען קראַנק ווען זי האָט זיך אומגעקערט פֿון דאָרטן? אפֿשר האָט זי געטון דאָס וואָס זי האָט געטון, דערפֿאַר וואָס זי איז געווען מלחמה־קראַנק? אָבער שמשון? ווּהין איז ער אַוועק? ווען זי וואָלט זיך געקאָנט האַלטן אַן עצה מיט שמשונען, ווי אַזוי צו ווירקן אויף טעדין, אַז ער זאָל גיין טאַנצן?

ער האָט דאָך געוווּסט אַלעס! ער וואָלט זיכער געוווּסט צי די געניאַ, וועלכע איז אַוועק אין קריג כמעט צו דער זעלבער צייט מיט מאַניאַן, האָט זיך שוין אומגעקערט פֿון דאָרטן?

קאָן זיין, אַז זי האָט זיך שוין יאָ אומגעקערט פֿון דאָרטן. אָך, געניאַ! וווּ נעמט מען געניאַן איצט! זי וואָלט אפֿשר געקאָנט ווירקן אויף טעדין...

זי איז דאָך אַנדערש פון אַלע מיידלעך, אָבער וווּ איז זי? וווּ? האָט זי זיך שוין אויך אומגעקערט פון דעם קריג?..

## דריי און פערציקסטער קאַפּיטל

אַט אַזוי פּלעגט זיך דבורה בווּערן דעם קאָפּ צי גאָניאַ האָט זיך שוין אומגעקערט פון קריג, אין די שווערע מינוטן אירע, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט פּלעגט זי טראַכטן וועגן גאָניאַן. און פּונקט צו יענער צייט האָט זיך גאָניאַ אומגעקערט קיין גבעת חיים.

גבעת חיים, איר היים, פון וועלכער זי איז אַוועק אין קריג. האָט זי דען גבעת חיים נישט אַרויסגעשיקט מיט אַ גרויסן באַנקעט פון דעם קי-בוץ? איז זי דען געווען די איינציקע? יעדער קיבוצניק האָט זיך נאָכן קריג אומגעקערט אין זיין קיבוץ. ווּהין זאָל זיך אומקערן אַ קיבוצניק? נישט צו זיך אין קיבוץ אַריין?

נאָר חיים, גאָניאַס ברודער, האָט זיך נישט אומגעקערט גלייך אין קיבוץ אַריין. גאָניאַ אַליין האָט באַשטאַנען דערויף, אַז ער זאָל צוערשט פאָרן קיין ירושלים אין דעם הדסה שפּיטאָל זיך דאָרט לאָזן עקזאַמינירן ביי די גרויסע ספּעציאַליסטן, ביי די אַמאָליקע שטערן-פּראָפעסאָרן פון דייטשלאַנד.

— איך ווייס, אַז דו ביסט געזונט! פּלעגט גאָניאַ איינטענהן מיט אים בשעת זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין תל־אביב, באַלד נאָכן אָנקומען פון אייראָפּע — איך ווייס, אַז דו ביסט פּונקט ווי אַלע מענער אין דער גאָרער וועלט! האָט זי געטרייסט איר מעלאַנכאָלישן ברודער, — נאָר כדי זאָלסט זיך באַרויקן, פאָר קיין ירושלים אין דעם שפּיטאָל אַריין, און איך וועל אַריינפאָרן קיין גבעת חיים בלויז אויף אַ טאָג און וועל דער־נאָך קומען צו מיין חיימקען קיין ירושלים!

גאָניאַ האָט געטרייסט איר ברודער נישט אומזיסט, זי האָט געזען, אַז ער איז זייער פאַרצווייפלט. גאָניאַ איז געווען זיכער אַז חיים וועט זיך נישט באַרויקן, אַז ער וועט נישט חתונה האָבן מיט זיין ראָזאַן, אויב

ער וועט נישט פעסטשטעלן מיט דער הילף פון די דאָקטוירים, אַז זיין מרה שחורה איז בלויז אַן איינגערײדעניש, אַז זי האָט קיין גרונט נישט.

אין דער צייט פון דער נסיעה אהיים פון אייראָפּע, האָט זי גוט באַמערקט אַז חיים איז נישט מיט אַלעמען, אַז ער האַלט זיך צוריק פון פרויען, כאָטש נישט ווייניק האָבן פּרובירט צו ריידן מיט אים, צו פאַרפירן מיט אים באַקאַנטשאַפט.

„נו און אַז מ'האָט צוגעזאָגט ראַזאַן חתונה צו האָבן, טאָר מען שוין נישט ריידן מיט אַ פרוי וועלכע האָט אַן אינטערעס אין אַ בלאָנדהאָריקן קראַסאַוועץ מיט טיפע בלויע אויגן?" פלעגט געניאַ טראַכטן מיט ווייטיק. פאַמיליע־מאַן! המשך! גוט, אָבער עד כדי כך? אויף אַזוי פיל? געניאַ האָט פאַרדראָסן וואָס איר חיימקע איז אַזוי מעלאַנכאָליש. אמת! זי אַליין איז נישט געווען אין אַ שטימונג פון טאַנצן, אָבער ווי קאָן זיך חיימקע גלייכן צו איר איצט?

ער האָט דאָך זיין קריג יאָ געוווּנען אין אַ געוויסער מאָס. אמת, פּליעשטי און אירע אויל קוואַלן, וועלכע ער האָט לויט זיין עראָפּלאַן צעטל באַדאַרפט באָמבאַרדירן, האָט ער נישט דערגרייכט. ווען ער וואָלט זיי יאָ דערגרייכט, וואָלט ער דאָך זיכער פאַרברענט געוואָרן דאָרט! צום גליק איז זיין עראָפּלאַן אַרונטערגעפאַלן פאַר דער צייט, אומגעריכט, עפּעס איז אין אים קאַליע געוואָרן! פון יענעם פאַל אָן איז חיים געלעגן אין מיטן פעלד און האָט זיך נישט געקאָנט רירן אַ לאַנגע צייט, ביז פּויערים האָבן אים אַריינגענומען אין אַ כאַלופּקע, דאָרט האָט מען אים געהאַלטן ביז ער האָט זיך געקאָנט שטעלן אויף די פיס. חיים איז דערשלאָגן פון אָט דעם פאַל. דער פאַל האָט פאַרשטערט חיימען דאָס לעבן. בשעת ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט דער „אונטערגרונט", בשעת ער האָט געטון אויסגעצייכנטע אַרבעט צווישן די רומעניש און בעסאַראַבער יידן. — דער געדאַנק פון דעם פאַל האָט אים נאָכגעפאָלגט איבעראַל. אפילו אין טאָג, ווען נאָך דער באַפרייאונג, האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין געניקן, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט וועגן דעם פאַל...

— זאָג מיר נאָר, חיימקע, איז אַ הינקענדיקער מענטש קיין מענטש נישט? פלעגט געניאַ טענהן צו אים — דיין הינקענדיקייט וואַרפט זיך

גאָרנישט אין די אויגן, ווי דו מיינסט! אָבער די ווערטער פלעגן ווייניק וואָס ווירקן אויף חיימען.

— איך בין נישט ווי אַלע מענטשן, געניק! איך האָב מורא, אַז איך בין אַרויס פון דעם פאַל מיט אַ גרויסן דעפעקט... פלעגט ער שמייכלען פליס־טערן און זיך טוליען צו איר, ווי עס טוליעט זיך אַ קליין ברודערל צו אַן עלטערער שוועסטער.

— אוי, חיימקע, חיימקע! פלעגט געניאַ אומגעדולדיק אים קלאַפּן איבער דער פּלייצע. נאָר איך האָב צו זינגען און צו זאָגן מיט דיר... איז נישט איין זאַך, איז אַ צווייטע!

אָבער ביי דעם וואָרט פלעגט זיך געניאַ צוריקכאַפּן און בלייבן שטיל, אָדער זי פלעגט פשוט שמייכלען און אים קלאַפּן איבער די באַקן, ווי מ'קלאַפּט אַ שטיפער אַ ברודערקע.

צוליב וואָס אים דערמאָנען זיין אַמאָליקע חלאת, פלעגט זיך געניאַ באַלד צוריקכאַפּן. די געוויסנס־חלאת, דעם גומענעם ראָד, וועלכער האָט אים נאָכגעפאָלגט איבעראַל ביזן קריג, האָט, ווייזט אויס, חיים איבער־געלאָזט אויף דעם וועג צו די אויל־פעלדער פון פלעשטי. אין זיין אַרבעט מיט דער „אונטערגרונט", וווּ ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן צו יעדער מינוט, האָט ער זיך באַפרייט פון „ראָד"...

געניאַ איז געווען זיכער אַז ער איז שוין פריי פון יענע שלעכטע מרה שחורה געדאַנקען! אַז ער קאָן זיך איצט רואיק אומקערן צו ראָזאַן, וועלכע וואַרט אויף אים אין גבעת ברענער.

אַזעלכע בריוו, ווי ראָזאַ האָט געשריבן צו איר חיימקען, קאָן שרייבן נאָר איינע, וועלכע וואַרט אומגעדולדיק אויף איר חתן! געניאַ אַליין האָט געלייענט ראָזאַס בריוו. פון זיי איז קלאָר, אַז וואָסאָרא מום דער פאַל האָט נישט אָנגעטון חיימען, איז ראָזאַ גרייט באַגעגענען אים מיט ליבע, אַבי ער קערט זיך אום צו איר אַ לעבעדיקער...

— וואָס מאַכסטו אַזאַ גרויסן וועזן פון דעם הינקענדיקן פוס דיי־נעם, חיימקע? ווייסטו וויפיל מענטשן עס זענען געבליבן אינגאַנצן פאַר־

קריפּלטע נאָך דער שלאַכט? טרייסט אים געניאַ יעדעס מאָל, וואָס ער פֿאַנגט אָן אַריינצופֿאַלן אין זיין מעלאַנכאָליע.

פֿאַראַן מאָמענטן ווען חיים לעבט אויף אונטער געניאַס ווירקונג. דאַן דריקט ער נאָך שטאַרקער איר האַנט צו וועלכער ער טוליעט זיך...

אין אַזעלכע מאָמענטן, ווען געניאַ פּאַקט אים אין אַ גוטער שטי־מונג, פֿאַנגט זי אָן צו ריידן וועגן זיין חתונה מיט ראָזאַן, וועגן פֿאַמיליע לעבן, וועגן קינדער, וועגן דער „עליה פּנימית...‟ וועגן דער „אינעווייניקסטער אימיגראַציע...‟

חיים פֿאַרגעסט דאַן דעם פֿאַל פֿון עראָפּלאַן און פֿאַנגט אָן צו אַנט־וויקלען אַן ערנסטן געשפּרעך. ווי נויטיק עס איז פֿאַר יידן צו האָבן קינ־דער, כדי זיך אויסגלייכן מיט דער געבורט פֿאַרמערונג פֿון דער אַראַבי־שער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד. שאַפֿן אַ המשך פֿאַר די אומגעקומענע איז אויך נויטיק! אַ מוז!

— גו און דו, געניק! גיט ער דאַן אַ רוף אויס. „האָב חתונה, האָב קינדער! וויל ערשרייען, אָבער ער ווערט באַלד שטיל. ער כאַפּט זיך צו־ריק... ער מוז מאַכן אַ שוויינ! ער וואָלט טאַקע געוואָלט, אַז געניאַ זאָל חתונה האָבן און אָנפֿאַנגען צו לעבן אַ פֿיין נאָרמאַל פֿאַמיליען לעבן, אָבער מ'טאָר געניקן נישט רייסן ביי די נערוון... די וווּנד אירע איז נאָך אַן אָפֿענע... געניק דערמאָנט טאַקע נישט וועגן איר וווּנד... געניק איז שטאַרק, ווי אַ פֿעלז, אָבער מ'דאַרף נישט זיין זייער קלוג, כדי זיך אָנ־שטויסן אַז זיין געניק קערט זיך אום מיט אַ צעבראָכן האַרץ פֿון דעם קריג. ער ווייסט, אַז זי וועט אַזוי שנעל נישט פֿאַרגעסן ערנאַן...

ברודער און שוועסטער דערמאָנען קיינמאָל נישט דאָס, וואָס עס איז געווען פֿאַרן קריג, נישט די פֿאַראַשוטיסטן שולע אין עין חרוד, נישט דאָס לעבן דאָרט... נישט געניאַס נעכט אַנטקעגן דעם גילבוע באַרג מיט ערנאַן, וועגן וועלכע חיים האָט געוווּסט... זייער ערב־אָפּפֿאָר פֿון חיפה אין דעם האָטעל כרמליה. זייער פֿאָרן צום ברעג ים, די קריגשיף, די געזע־געגונג... אַזעלכע זאַכן פֿאַרגעסן זיך דען? און געניק איז נישט פֿון די לייכטע פֿאַרגעסערס... חיים פֿילט איר וווּנד און דערפֿאַר דערמאָנט ער

גאָרנישט, כאָטש אין האַרצן איז ביי אים אויך אַ גרויסער שפּאַלט. אַך! ווען זיין געניק וואָלט געקאָנט פאַרגעסן! חתונה האָבן...

טוליעט זיך חיים צו צו איר נאָך שטאַרקער, ווען ער טראַכט אַזוי, און קוקט אויף איר שיינעם שוואַרצן קאָפּ האָר, אין וועלכן דער קריג האָט אַריינגעפלאָכטן אַ ברייטן ווייסן פּאַס... אָט אַזוי האָבן זיך געטוליעט ברודער צו שוועסטער און שוועסטער צו ברודער די גאַנצע צייט פון דער נסיעה פון אייראָפּע קיין ארץ ישראל אויף דער שיף, וועלכע האָט גע־בראַכט וויכטיקע קריגס מענטשן אַהיים...

— דאָס איז דאָך אונדזער היים, חיימקע! גיט געניא אַ טאָרע אים, ווען ער ווערט פאַרטראַכט. דאָ וועסטו געפינען דיין ראָזאַן, דיין גליק! זיי פלענן זיך לאָזן גיין אומעטיקע באַקוקן תל־אביב, די שטאָט פון וווּנ־דער, וועלכע זיי האָבן נאָך נישט געקאָנט, כאָטש זיי זענען געוועזן אין לאַנד אַריבער אַ יאָר צייט פאַרן קריג.

און כאָטש די שטאָט האָט אויסגעזען פּראַכטפול ביי זיי אין די אויגן איצט, נאָך אייראָפּע און אירע רואינעס, האָבן זיי דאָך ווייניק הנאה געהאַט פון איר. קאָן זיין דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי געאיילט קיין ירושלים, אין שפּיטאָל אַריין. געניא האָט געוווּסט, אַז נאָר די פאַרזיכע־רונג פון די דאָקטוירים, אַז חיים איז נישט קיין חולה, אַז ער איז אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, קאָן צעטרייבן חיימס מרה־שחורה.

דערפאַר האָט געניא אים געאיילט אַהין. וואָס שנעלער — אַלץ בע־סער! אַלץ שנעלער וועט זיך איר חיימקע אומקערן קיין גבעת ברענער צו זיין ראָזאַן, צום אָנפאַנג! צו אַ ניי לעבן! קיין ירושלים! וואָס שנעלער!

געניא האָט אַרויפגעזעצט איר ברודערקע אויף אַ טאַקסי און האָט לאַנג נאָכגעקוקט נאָך דער טאַקסי, וועלכע האָט פאַרשלעפּט חיימען אין שפּיטאָל אַריין. און זי אַליין האָט זיך מיט אַ ציטער אין האַרצן אויפ־געזעצט אויף דעם אָמניבוס, וואָס פאָרט קיין גבעת חיים, כאָטש אויף איין טאָג — אַהיים! כאָטש אויף איין נאַכט — אַהיים!

איז דען גבעת חיים נישט איר היים, דאָ אין לאַנד? אַלעם האָט זי דאָ איבערגעלעבט! איר ערשטע ליבע צום שטומען קינדעלע... איר ערשטע

ליבע צו קינדערלעך, צו ווייכינקע הענטעלעך און זיידענע פֿינגערלעך...

אָבער נישט דאָס האָט געצויגן געניאַן איצט אַהין; האָט זי דען אין גבעת חיים נישט איבערגעלעבט דאָס, וואָס מען רופֿט ליבע?... די ערשטע ליבע. און אפֿשר איז דאָס אויך די לעצטע? קאָן מען נאָך איינמאָל אי־בערלעבן דאָס, וואָס זי האָט שוין איבערגעלעבט? דער אָנהויב פֿון דעם אַלעמען, וואָס מען רופֿט ליבע, איז דאָך געווען דאָ, אין גבעת חיים! דער אָנהויב פֿון דעם וואָס איז שטאַרקער פֿון איר, פֿון לעבן? וועט נאָך זיין אַ לעבן נאָך דעם, וואָס איז געווען ? זי מוז זען די וואַנט פֿון דעם „חדר האוכל”, פֿון דעם עסצימער, ווו זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען איר ערנאַן אויף דער בינע, אַלס רעדנער...

און דיביימער, צו וועלכע זיי פֿלעגן זיך טוילען כדי זיך אויסצו־מישן מיט זייערע שאָטנס, אַז מען זאָל זיי נישט זען... און דעם פּרדס, ווו זיי פֿלעגן אַזוי אָפֿט שפּאַצירן האַנט אין האַנט. און דעם בית התר־בות, ווו ער פֿלעג זי געפֿינען אומגעריכטערהייט, און דעם צימער, ווו זיי פֿלעגן פֿאַרברענגען אַזעלכע זיסע נעכט ווען פנינה איז געווען אין שפּי־טאָל מיט איר זיאַמאַן. זי מוז זען די אַלע זאַכן! זי מוז!

ערנאַ! ליבסטער מיינער! דו ביסט מיט מיר ווען איך בין אַליין... דו לעבסט אין מיר און מיט מיר... עס איז אַ ליגן! דו ביסט נישט... ניין! איך בין דיינע מיט יעדן געדאַנק! מיט יעדן אָטעם מיינעם... ליבסטער מיינער!...

אַזוי האָט געטראַכט געניאַ בעת דער גבעת חיים אָמניבוס איז אריינ־געפֿאָרן אין הויף פֿון קיבוץ.

## פֿיר און פֿערציקסטער קאַפּיטל

אָבער נישט אַזוי האָט אויסגעזען דער קיבוץ גבעת חיים איצט ביי געניאַן אין די אויגן, ווי זי האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט.

די ערשטע אַנטוישונג אירע איז געווען דער נהג — אַ נייער נהג — ער האָט זי נישט געקענט! ווייזט אויס, ער איז געווען פֿון די, וועלכע

זענען אַריינגעקומען אין לאַנד, בשעת זי איז שוין געווען אין אַרמיי. דער נהג האָט איר אַפילו נישט געהאָלפן אַרונטערנעמען איר וואַליזע.

דער עסצימער האָט אויסגעזען, גלייך ווי ער איז געוואָרן פיל ני־דעריקער פאַר דער צייט. נעבן אים זענען געשטאַנען פרעמד־ע מענטשן, וועלכע האָבן זי אַפילו נישט באַגריסט. געניאַ האָט זיך דערפילט פרעמד. עס איז געווען די אָוונט־שעה, ווען דער עסצימער פילט זיך אָן מיט חברים. אַריינקומען אין דעם עסצימער, וווּ זי האָט אַזויפיל איבערגע־לעבט, האָט זי נישט געקענט מיטאַמאָל.

געניאַס האַרץ האָט געקלאַפּט פון אויפרעגונג. ניין! זי וועט פריער אַריינגיין אין מזכירות, זיך זען מיט יונהן. מיטן מזכיר פון קיבוץ.

געניאַ איז געווען זיכער, אַז אין מזכירות זענען פון „דאָרט" אָנגעקו־מען צוזאַמען מיט די ידיעות וועגן ערנאַן, אַ פּאַר גרוסן צו איר. מ'האָט דאָך איר געזאָגט אין אייראָפּע, אין די ביוראָען פון דער אַגענץ, אַז עמי־צער האָט געבראַכט פון אירטוועגן אַ גרוס פון ערנאַן, פון איר ליבסטן! וווהין האָט מען געבראַכט דעם גרוס? נישט צו איר אַהיים, קיין גבעת חיים? אין מזכירות אַריין?

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט געניאַ זיך געלאָזט גיין אין מזכירות.

— צו וועמען? — האָט גלייכגילטיק געפרעגט איינער, פאַרשליסנדיק די טיר פון מזכירות פון דרויסן.

— צו יונהן... צום סעקרעטאַר... — האָט געניאַ געזאָגט מיט אַ ציטער אין שטים.

— איך בין סעקרעטאַר איצט! — האָט געניאַ דערהערט.

געניאַ האָט זיך שנעל אויסגעדרייט האַלטנדיק די וואַליזע אין איר האַנט. — איך האָב האָבן יונהן! — האָט זי קוים דורכגעצידעט דורך אירע ליפּן און איז אַוועק פון סעקרעטאַריאַט.

אָנשטאָט צו גיין צו יונהן האָט זיך געניאַ געלאָזט גיין צו פנינהן.

ווו עס געפינט זיך פנינהס צימער, געדענקט זי גוט! דאָס איז דאָך איר צימער פון אַמאָל... איר צימער און איר ערנאַס צימער!... אָך, ווי זי געדענקט יעדער ווינקעלע פון דעם צימער! דאָס קליינע טישל, וווּ זי פלעג

שרייבן פאר איר ליבסטנס וועגן לידער, בשעת ער פלעג זיך געפינען ביי יונהן אין מזכירות, דארט איבעררעדן מיט אים וועגן זייערע זאכן...

— ליבסטער מיינער! — האט זי געפליסטערט צו זיך בשעת זי האט געטראָטן לאנגזאם מיט דער וואליזע אין די הענט. — דו וואַרטסט אויף מיר דאָרט, ליבסטער מיינער? איך בין מיט דיר די גאנצע צייט... איך קום צו דיר! געדענקסטו יענע נאכט, ווען מיר האָבן חתונה געהאט? נאָר איך און דו, ליבסטער... איך און דו? ערב דיין אוועקגיין אין דער אַרמיי... איך בין דיר נאָכגעגאנגען, ווי עס דאַרף טון א ווייב ווען איר מאן גייט אוועק אין אַרמיי... געדענקסטו, ליבסטער מיינער, אונדזער „מלון מרכזי” אין צפת?

געניא איז צוגעקומען צו פנינהס צימער. מיט א קלאַפנדיק האַרץ איז זי געשטאנען ביי דער טיר, ווילנדיק טרעפן צי דאָ, אין דעם צימער, זענען נישט פאַרגעקומען קיין ענדערונגען ווי אין אנדערע פלעצער.

אפשר איז שוין פנינה אויך אויף אַן אנדער פּלאַץ? ניין! ניין! נישט פנינה! זי איז זיכער אויף דעם זעלבן פּלאַץ, וווּ זי איז געווען...

געניא האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. נישט באַקומענדיק אַזוי שנעל קיין ענטפער, האָט זי מיט שרעק געעפנט די טיר.

— דו? — האָט פנינה קוים אַרויסגערעדט, ליגנדיק אין איר בעטל אין אירע קליידער.

— איך האָב געוווּסט, אַז דו דאַרפסט שוין באַלד קומען! איך האָב געוואַרט אויף דיר... געוואַרט.

— געוואַרט? — האָט געניא איבערגעחזרט ווי אַ ווידערקול. — נאָר דו... דו איינע... ווייטער קיינער נישט!...

— מיר דערמאַנען דיך אַלע... איך, יונה... די, וועלכע האָבן דיך נאָענט געקאָנט. אפילו שלמה דערמאַנט דיך אָפּט...

— אפילו שלמה? — האָט געניא געזאָגט שטייענדיק ווי אַ פרעמדע און האַלטנדיק נאָך אַלץ די וואַליזע אין האַנט. — וואָס מאַכט שלמה? — האָט זי געזאָגט, באַטראַכטנדיק דאָס צימער, וועלכעס איז אַמאָל געווען אירס און ערנאַס אין משך פון אַזוינע זיסע געגנבעטע שעהען...

— שלמה האָט שוין איצט דריי קינדער. — האָט פנינה שטיל גע־ענטפערט.

— און דו? — האָט זיך ארויסגעכאַפּט ביי געניאַן פון דעם מויל — איך מיין, דיין זיאַמאַ? וואָס?...

— זיאַמאַ! — עס האָבן זיך ביי פנינהן אָנגעצונדן די אויגן אירע. — לאָז איבער די וואַליזע... קיינער וועט זי נישט נעמען... וואָס שטייסטו, ווי אַ פרעמדע. זעץ זיך צו! דעם אמת זאָג איך דיר, נאָר דיר, געניאַ מייַנע! איך בין אַזוי מיד! איך קאָן אַפילו נישט אַראָפּגיין פון בעטל...

— דו אַרבעסט נאָר אַזוי שווער ווי פריער? — האָט געניאַ געפרעגט מיט רחמנות אין שטים.

— ווי פריער? — האָט פנינה איבערגעחזרט, גלייך ווי אַליין נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון די ווערטער. — מען מוז דאָך... עס איז פאַראַן אַזויפיל אַרבעט, געניאַ! אַזויפיל!... מיר הייבן ערשט אָן, געניאַ! אין אמתן, האָט זיך אונדזער קאַמף נאָך נישט אָנגעהויבן, כאָטש דער וועלט־קריג האָט זיך שוין געענדיקט. דער „שלטון" (די מאַכט) איז שלעכט! נישט איינמאָל ווייזט זיך אויס, אַז אומזיסט זענען אונדזערע קרבנות גע־ווען אין דעם קריג... אומזיסט, געניאַ!

— אומזיסט? — האָט געניאַ איבערגעחזרט מיט אַ געפּאַלענער שטים — אומזיסט?...

— נישט אַלעם אומזיסט! — האָט זיך פנינה צוריקגעכאַפּט זעענדיק געניאַס פּנים. און כדי צו פאַריכטן, האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיך:

— אַרבעט איז דאָ מער, וויפל מיר קאָנען אויסהאַלטן... דערפאַר קומט מיר אויס צו זיין אַזוי מיד, געניאַ! אַזוי מיד, אַז די פיס ברעכן... און אפשר — איז דאָס די עלטער, געניאַ? האַ?

— נאַרישקייטן! ווער עס רעדט וועגן דער עלטער? דו אַרבעטסט דאָך פאַר דריי אָדער פאַר פיר חברים און...

— איך קאָן שוין נישט מער ווי פריער, געניאַ! דאָך טו איך, און איך בין צופרידן מיט דעם, וואָס איך טו. איך בין נאָך אַלץ פנינה. פאַר־שטייסט? פנינה דאָ און פנינה דאָרט! און קיין זאַך איז נישט שווער פאַר פנינהן... און דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איז מיר געבליבן!

— דאָס איינציקע? נו, און זיאָמאַ?

— זיאָמאַ? — האָט פּנינה געשמייכלט מיט אַ מאָדנע שמייכעלע אַזוי, אַז געניאַ האָט נישט געקאָנט וויסן, צי עס איז אַ שמייכל פֿון גאַל, צי פֿון זיסקייט און גוטע דערינערונגען. — זיאָמאַ... דו דאַרפֿסט אים זען! אַזוי גוט אויסגעוואַקסן! אַ נאָרמאַלער בחור. איצט!... אָבער ער דאַרף מיך שוין כמעט נישט האָבן, געניאַ... פֿאַרשטייסט? ער דערווייטערט זיך...

— נאַרישקייטן! — האָט געניאַ פּרובירט טרייסטן. — זיאָמאַ און דיר? וואָס רעדסטו, פּנינה?

— איך האָב דאָס אַליין געטון, געניאַ! אומישנע, פֿאַרשטייסט? אַ מאַמע וויל איר זון זאָל אויסוואַקסן אַ נאָרמאַל קינד... איך האָב איינגעזען, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג, געניאַ! האָב איך אים אָנגעהויבן איינרעדן אַז ביי שלמהן אין צימער איז זיין היים, פּונקט אַזוי ווי ביי מיר... נאָך אפשר מער. אַ טאַטע איז דאָס וויכטיקסטע, פֿלעג איך אים לערנען... בקיצור. איך האָב געזען, אַז עס העלפֿט. ער ווערט פֿריילעכער. ער שפּילט זיך מיט שלמהס קינדער ווי מיט זיינע אייגענע ברידערלעך, ווי עס שפּילן זיך אַנדערע קינדער... און כדי ער זאָל נישט האָבן קיין פֿאַרדאַכט, האָב איך אַליין אָנגעהויבן צו קומען צו שלמהן אין צימער אַריין מיט זיאָמאַן. איך שפּיל זיך מיט שלמהס קינדער. איך העלף מנוחהן נישט זעלטן ווען די קינדער זענען אין צימער. איך מיט זיאָמאַן. זאָמאַ געפֿינט זיך דאָרט מער ווי מיט מיר. ער לאַכט און שלאָפֿט און לערנט און אַרבעט ווי אַלע קינדער. ער לויפֿט אַליין איצט צו זיינע ברידערלעך, זיי אַרויסהעלפֿן! זיי און זייערע עלטערן... ער איז נאָרמאַל, געניאַ! פֿאַרשטייסט? נאָרמאַל! וואָס נאָך דאַרף איך האָבן? וואָס נאָך? ער איז דאָך דאָס לעבן! דער עיקר איז דאָך ער, זיאָמאַ! די צוקונפֿט... געניאַ! די צוקונפֿט...

## פֿינף און פֿערציקסטער קאַפּיטל

„די צוקונפֿט!"

דאָס וואָרט האָט געזשומעט ביי געניאַן אין קאָפּ בשעת זי איז געגאַנגען מיט פּנינהן עסן וועטשערע אין עסצימער. „מיר האָבן שוין קיין

צוקונפט נישט, ערנא... ווי קאָן איך האָבן אַ צוקונפט, ווען דו ביסט נישטאָ מיט מיר? דו, מיין ליבסטער?"

„די צוקונפט?" — האָט געזשומעט בשעת זי האָט זיך געגריסט מיט אַלע אירע אַמאָליקע באַקענטע און פריינט פון דעם קיבוץ.

— וואָס איז די צוקונפט? — האָט גערעדט יונה נאָך דער וועטשערע, ווען ער האָט לכבוד גענִיאַן איינגעלאַדן אַ פּאָר חברים צו זיך אין צימער אַריין אויף אַ „קומזיץ".

— די צוקונפט, ווי איך זע זי, איז שווער! אַ ביטערער קאַמף שטייט אונדז פאָר. אַ קאַמף מיט דעם ענגלענדער... ער איז פּונקט אַזוי שטרענג ווי אַמאָל. ער האַלט זיך גרויס. אונדזער פרייהייט. די באַפרייאונג פון דער מאַנדאַטן מאַכט וועט נישט קומען אָן קיין שווערן קאַמף מיט די אייגענע הענט. דעריבער מוזן מיר זיך צוגרייטן. דער וועג צו פרייהייט איז נאָך זייער לאַנג, חברים, זייער לאַנג און שווער... די צוקונפט איז נאָך...

אָבער גענִיאַ האָט שוין מער נישט געהערט זיינע ווערטער. וואָס גייט איר אָן די צוקונפט, ווען ס'איז נישטאָ איר ערנאַ? אין אַזאַ צוקונפט קאָן זי פאַר זיך נישט געפינען קיין פּלאַץ...

„הייסט עס, אַז עס איז אינגאַנצן נישטאָ פאַר מיר קיין פּלאַץ אין לעבן?" — האָט געטראַכט גענִיאַ בשעת זי האָט זיך אויסגעטון צוזאַמען מיט פנינהן אין איר אַמאָליקן צימער. „סיידן לעבן בלויז מיט דעם, וואָס איז אַוועק? וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן! פּונקט ווי עס טוט פנינה? אָבער פנינה האָט דאָך זיאַמאַן. מיט דער ליבע צו זיאַמאַן לעבט זי נאָך עד היום... קאָן זיין, אַז אין איר שעפּט זי אירע כוחות און ווילן צום לעבן?"

גענִיאַ האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו פנינהן. פנינה איז געזעסן אַ דינע, אָן אויסגעדאַרטע אין איר נאַכט-העמד. זי האָט געקוקט אויף גענִיאַס ווייסן פּאַס האָר. מיט גרויס רעספּעקט. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון פנינהס אויגן אויף איר העמד. זי האָט געוואָלט צוגיין צו גענִיאַן, זי קושן אין דעם ווייסן פּאַס האָר, זיך שטעלן אויף אירע קני פאַר איר, פאַר דער יונגער נאָבעלער מלכה, וועלכע איז געפלויגן אין די ווייטע סכנות אַריין כדי אַרויסצוהעלפן יידישע קינדער, טאַטעס און מאַמעס...

„אפילו אויב זי האָט זיך לכתחילה געלאָזט אין דעם שווערן וועג אַריין בלויז כדי צו זוכן אוואַנטורעס", האָט געטראַכט פנינה, „האָט זי דאָך איבערגעלעבט די אַלע שרעקן! זי און נישט איך! זי איז דאָך געלעגן אין רומעניע אין טורמע אין דער נעץ און אין דער קעלט און האָט געוואַרט אויף איר טויט! זי האָט מען דאָך געכאַפּט בעת זי האָט אָנגעוויזן אַ גרו־פּע יונגע בחורים און מיידלעך וווהין זיי זאָלן זיך לאָזן גיין כדי צו דער־גרייכן צו אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע, דורך וועלכער זיי האָבן זיך געראַטעוועט. צוליב דעם האָט זי זיך געלאָזט כאַפּן! זי און נישט איך! זי האָט אויסגעהאַלטן דעם פלאַקער פון די שטאַרקע עלעקטרישע לאָמפּן, מיט וועלכע מען האָט איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, כדי זי זאָל אַרויס־געבן די נעמען פון די, וועלכע זי האָט געהאָלפן! זי און נישט איך!" — האָט געטראַכט פנינה. בשעת מעשה האָט זי געהאַט אַ מאָדנע געפיל צו קושן געניאַס פּיס, איר אַרויסוויזן פאַרגעטערונג. זי טרייסטן דערמיט.

איצט, איז פנינה איר געווען מוחל איר אַמאָליקע ליבע צו ערנאַן! אפילו אויב זי האָט געהאַט בדעה צוצונעמען פון בעאַטריטשען איר מאַן, פונקט ווי מנוחה האָט ביי איר צוגענומען שלמהן, איז זי גרייט איר מוחל צו זיין! קאָן זיין, אַז דערפאַר האָט גאָט צוגענומען ערנאַן... כדי ניט דער־לאָזן, אַז די נאָבעלע מלכה זאָל באַגיין אַ פאַרברעכן. כדי אָט די שיינהייט, אָט די מלכה, זאָל נישט זיין ווי מנוחה... זי טאָר נישט זיין ווי מנוחה!...

— געניאַ! — האָט פנינה געפליסטערט — דו ביסט אַזוי שיין. דיין ווייסער פּאַס האָר... יעדער איינער קאָן זיך פאַרליבן אין דיר איצט נאָך גיכער ווי פריער... דו ביסט ווי אַ מלכה... אַמאָל ביסטו געווען ווי אַ יונגע פּרינצעסין... איצט — ווי אַ מלכה...

— אין אַ קיבוץ זאָל מען רעדן וועגן מלכים און קייסעריניעס! — האָט געניאַ צונישט געמאַכט פנינהס אָנהויב פון אַ לאַנגן געשפּרעך. — לאָמיר אויסלעשן ! איך בין מיד!

פנינה האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. דאָס מאָל האָט געניאַ זיך גע־נומען וואַרטן ביז פנינה וועט איינשלאָפן. ביז איצט האָט געניאַ נאָך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זיין אַליין אין איר גבעת חיים. דעם גאַנצן

אָוונט איז זי געווען אין דער געזעלשאַפט פון די קיבוץ־חברים. אָבער איצט וויל זי ענדלעך באַקוקן דעם קיבוץ איינע אַליין. זען מיט אירע אייגענע אויגן ווי ער זעט אויס ביינאַכט ווען אַלע שלאָפן. אַלע, אַ חוץ די נאַכט־וועכטער.

געניאַ האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעכאַפּט פון איר צימער. ווי אַ שאָטן האָט זי זיך געקלעפּט צו די געביידעס און צו זייערע שאָטנס ביז זי איז דערגאַנגען צום פּרדס. זי איז געלאָפן גלייך צו דעםביימל, וועלכעס איז געווען דאָס ערשטע, ווו זי האָט זיך אַמאָל באַגעגנט מיט ערנאַן. ביי אַט דעם בוים איז זי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט. זי האָט געקוקט אין דער לבנה־שיין בשעת ער איז געשטאַנען ביי איר זייט און געקוקט אויף איר. „וווּ ביסטו איצט, ליבסטער מיינער? הערסטו ווי איך וויין נאָך דיר? זעסטו ווי איך בלאָנקע זיך אַרום אויף דער וועלט? איך געפין פאַר זיך קיין פּלאַץ נישט. דו וואַרטסט אויף מיר? איך קום צו דיר! איך וועל קו־מען... באַלד, באַלד... נאָר חיימקען באַזאָרגן אַביסל...”

נאָר חיימקען דאַרף זי באַזאָרגן, נאָר אָפּטאַנצן אויף זיין חתונה, און דאַן וועט זי זיין פריי צו טון אַלעס, וואָס זי וויל מיט איר לעבן, מיט איר צוקונפט!

געניאַ האָט זיך געוואָלט אומקערן פון איר וויטן שפּאַציר אַרום דעם קיבוץ, ווען אַ שטים פון וויטנס, פון יענער זייט ריי הויכע ביי־מער, האָט אויסגערופן:

— ווער איז דאָרט? בלייב שטיין!

— דאָס בין איך, יונה! — האָט געניאַ אויסגערופן אַרויסקומענדיק פון דעם שאָטן, ווו זי איז געשטאַנען. — איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו שטייסט היינט אויף דער וואַך, פון נאָך חצות?...

— יאָ! — און וואָס טוסטו דאָ? — האָט יונה געפרעגט מיט אַ גע־פּאַלענער שטים.

אין דער מינוט איז צוריקגעקומען צו איר די פאַרגאַנגענהייט. אַט אַזאַ, אין די שאָטנס, פלעג געניאַ אַרומשפּאַצירן מיט ערנאַן. ער פלעג זיי זען פון דער וויטנס אָדער פון אַ באַהעלטעניש. און עס פלעג איר פאַר־

דריסן. „אך, ווי שלעכט איז דער מענטש!" האט ער א טראכט געטון. „וואס האב איך געהאט צו זיי? פארוואס האב איך זיי נישט פארגינען דעם גליק? ווו איז ער איצט? און זי? נעבעך! ווייזט אויס, נאך עד היום אזוי פארליבט אין אים... אזא טרויער אין די הייליקע מאדאנא־אויגן... אבער ווער קאן וואגן צו רעדן צו איר וועגן דעם?"

— ווילסט איך זאל דיך צופירן צו דיין צימער? — האט ער געזאגט נאך א לאנגן שטילשווייגן.

— ניין! איך וויל גיין אליין... איינע אליין! — האט געזאגט געניא מיט א פעסטער שטים.

זי האט זיך שוין געוואלט לאזן גיין צוריק צו די געביידעס פון דעם קיבוץ.

— פנינה האט מיר געזאגט, אז דו פארסט מארגן אוועק קיין ירו־שלים, צום ברודער. — האט יונה פרובירט זי צו פארהאלטן — וועסטו לאנג דארט פארבלייבן? צי דו וועסט זיך שנעל אומקערן צו אונדז? צי דו האסט אפשר באשלאסן איבערצובייטן דעם קיבוץ?

— איבערצובייטן? — האט זיך געניא אנגעכאפט — דו מיינסט אויף אן אנדערן? — און אין אירע געדאנקען: „צוליב וואס בייטן אויף אן אנדערן? האסטו דען א צוקונפט, געניא? אן אים? צוליב וואס?"

— דו מיינסט אז וועסט באשליסן נאך דעם, ווי דו וועסט זען וואס עסווארט אויף דיר אין ירושלים, אין דער ביורא פון דער אגענץ? — האט יונה איר געוואלט ארויסהעלפן און דערביי טאקע באפרידיקן אביסל זיין נייגער.

— וואס ווארט אויף מיר דען אין דער אגענץ? — האט זיך געניא געוואונדערט.

— האט דיר דען דער מזכיר נישט געזאגט, אז עס ווארטן אויף דיר פאפירן פון אייראפע... בריוו...

— בריוו? — געניאס אויגן זענען אויף דער מינוט געווארן אומגע־הויער גרויס און קיילעכדיק. גוט, וואס אין דער פינצטערניש פון דער נאכט האט דאס יונה ניט באמערקט און זי האט געקאנט מאכן דעם אנשטעל, אז זי איז רואיק. זי האט געזאגט שטיל: — ווייזט אויס, ער האט פארגעסן,

דער נייער מזכיר. ער איז נישט ווי אונדזער אמאָליקער סעקרעטאַר, יונה! אַלעמען געהאַלטן אויפן קאָפּ! אַלעמען און אַלץ! די שולד איז מיינע, נישט זיינע. איך האָב זיך אַפילו נישט באַקענט מיט אים, יונה... ער האָט פּשוט נישט געוווּסט ווער איך בין און דעריבער מיר גאָרנישט געזאָגט!

כאָטש זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון גרויס רואיקייט, האָט דאָך דאָס האַרץ ביי איר געזעצט בשעת זי איז פאַמעלעך געגאַנגען פון יונהס וואַך־פּאָזיציע צו זיך אין צימער אַריין. מיט אויפרעגונג האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעטל אַריין זייער שטיל כדי נישט אויפצוּוועקן פנינהן.

„וואָס שרייבט איר איר ליבסטער?״ — האָט זי געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט. און מיט אַ געפיל פון דערוואַרטונג איז זי געלאָפן גאַנץ פרי צום אָמניבוס כדי וואָס שנעלער אָנקומען קיין ירושלים. צו דער אַגענץ! צו די בריוו!

— דער אָמניבוס וועט צוּוואַרטן אַ פּאָר מינוט! דו מוזט טרינקען דיין טיי! — האָט פנינה זיך געשפּאַרט מיט איר און זי אַריינגעשלעפּט אין עסצימער פון קיבוץ.

— זיין שופר וועט בלאָזן איידער ער וועט זיך רירן פון אָרט! — האָט זי פאַרזיכערט געניאַן אָנווייזנדיק אויף דעם נהג.

און יונה אַליין, וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פון זיין נאַכט־וואַך, האָט פאַר איר אָנגעשמירט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער.

— דענקסטו נישט, אַז זי איז צו מאָגער, פנינה? — האָט ער מיט אַ זאָרג אין שטים געזאָגט — דו דאַרפסט זיך אַביסל דערהאָלן, געניאַ! ווען דו וועסט זיך אומקערן פון ירושלים, וועלן מיר זען, אַז דו זאָלסט זיין אויף אַ ספּעציעלער דיעטע... דו ביסט צו אויסגעמאַטערט.

— זי איז נישט אויסגעמאַטערט! — האָט פנינה צונישט געמאַכט זיינע זאָרגן — זי איז פּונקט ווי מיר אַלע... געזונט אַן אייזן!

## זעקס און פערציקסטער קאַפּיטל

„געזונט אַן אייזן!״ — האָט געניאַ געפּליסטערט צו זיך. „מען דאַרף זיין געזונט אַן אייזן כדי צו זיין אומשטאַנד פאַרצוזעצן, ערנאַ, ליבסטער

מיינער, אָן דיר... אָבער איך בין נישט געזונט אָן אײזן... איך קאָן אָן דיר נישט לעבן... איך וועל מוזן גיין צו דיר. כ'וועל קומען צו דיר! איך האָב קיין פּלאַץ נישט דאָ. איך געפֿין פֿאַר זיך קיין פּלאַץ נישט..."

ווייל ליידיק האָט אַלעם אויסגעזען פֿאַר איר איצט. וואָס גייט איר אָן דאָס שיינע לאַנד, ווען ערנאַ איז נישטאָ דאָ? וואָס גייען איר אָן די שיינע בערג מיט די פֿאַנטאַסטישע ווי עלעפֿאַנטן פֿעלדזן, אַרום וועלכע עס קלעפּט זיך דער אויטאָמאָביל־שליאַך, ווען ערנאַ איז דאָ נישטאָ? ווען עס איז נישטאָ קיין האָפֿענונג אים צו זען אין דער צוקונפֿט? נישטאָ קיין צוקונפֿט פֿאַר מיר, ליבסטער מיינער...

און כאָטש זי איז געווען זיכער, אַז עס איז טאַקע נישטאָ פֿאַר אירטוועגן קיין צוקונפֿט, האָט זי דאָך אומגעדולדיק זיך אַרומגעקוקט און געהיט אַלע ווײַלע די ווײַזערס פֿון דעם זייגערל, גלייך ווי ביים סוף פֿון דער רייזע וואַרט אויף איר עפּעס.

וואָס וואַרט אויף איר דאָרט, אין דער אַגענץ? אפֿשר איז דאָס נישט מער ווי אַ קאָפּיע פֿון דעם בריוו, וועלכן דער אַגענץ־באַאַמטער האָט איר נאָך אין אייראָפּע איבערגעגעבן? אַ בריוו, וועלכער גיט איר דעם אויסוואַל: אַרבעטן מיט קינדער אין אייראָפּע, אָדער מיט דער קינדער־עליה דאָ אין לאַנד? זאָלן די אַלע זאַכן זיין אַ באַלוינונג פֿאַר אירע גרויסע לייסטונגען דאָרט אין צייט פֿון קריג? אפֿשר איז דאָס, וואָס וואַרט אויף איר אין ירושלים נישט מער ווי אַן אָפֿיציעלע באַשטעטיקונג פֿון דער אַגענצס אָפּער? און נישט קיין בריוו פֿון ערנאַן ווי יונה האָט געזאָגט?

מיט געמאַכטער רואיקייט איז געניאַ אַרויף אויפֿן צווייטן שטאָק פֿון דער אַגענץ־געביידע אין ירושלים. אָבער ווי נאָר זי האָט אַרויסגערעדט איר נאָמען און געוויזן איר קריגס־צייכן, האָט זי באַמערקט אַ שטיקל סומאַטאָכע. דער באַאַמטער האָט גערופֿן אַ צווייטן באַאַמטן, און יענער אַ דריטן. און ווען דער דריטער האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פֿון אַ פֿערטן, האָט מען זי אַריינגעפֿירט אין אַ באַזונדערן צימער און מען האָט איר דאָרט אַזוי געזאָגט:

— די בריוו קאָנען מיר איבערגעבן נאָר אין אייערע אייגענע הענט. איר מוזט דאָ חתמענען אַז איר האָט זיי באַקומען. דאָס איז דער ווונטש

פון דעם אומגעקומענעם... פון דעם קדוש...

געניא האָט אויף שנעל זיך געחתמעט אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ. זי האָט געכאַפּט דאָס בינטל בריוו און זי איז אַרויסגעלאָפן פון דער געביידע. זי איז לאַנג געלאָפן. זי האָט געזוכט אַ פּלאַץ, ווו זי וואָלט זיך געקאָנט אַנידערזעצן, איבערצולייענען דאָס, וואָס איר ליבסטער וויל איר זאָגן.

האָט זי דען נישט געפילט אַז עס האָט זיך נאָך נישט געענדיקט איר לעצטער געשפּרעך מיט ערנאַן? ווען זי איז געשטאַנען אויפן דעק פון דער קריגסשיף, און האָט אים געהאַלטן ביי דער האַנט, האָט זי נאָך געהאַט אַזויפיל צו זאָגן אים. און ער? פאַרוואָס האָט ער איר נישט געזאָגט: „להתראות, געניק! אויף ווידערזען געניק, ווי זי האָט מיט אים איינגעחזרט אַ גאַנצע נאַכט, ווען זיי זענען געזעסן אויף דעם באַלקאָן פון זייער צימער אין האָטעל כרמליה? אָבער ווייזט אויס, אַז ער האָט נישט געקאָנט אוועקגיין אין אַזאַ וויטן וועג אַריין נישט זאָגנדיק איר אַלעס! ביזן לעצטן אָטעם, געניק! האָט ער טאַקע געטראַכט וועגן איר שטענדיק? ווי זי וועט טראַכטן וועגן אים ביז אין איר לעצטן אָטעם. ביז זי וועט קומען צו אים?

געניא האָט אַלע ווײַלע געטאַפּט דאָס בינטל בריוו מיט אירע פינגער. עס איז געקומען דאָס, וואָס זי האָט דערוואַרט. ערנאָס וואָרט... ליבסטער מיינער! דו ביסט געקומען צו מיר נאָך איידער איך האָב געוואָלט גיין צו דיר!

זי האָט זיך שוין געוואָלט אַנידערזעצן אויף אַ באַנק פון אַ גאָרטן, אין דעם נייעם געגנט פון רחביה. אָבער אין דער מינוט האָט זי דערזען אַן אָמניבוס און אויף אים איז געווען אָנגעשריבן: „הדסה שפּיטאָל“.

— איך קאָן נישט רעדן מיט דיר אין איילעניש, ליבסטער מיינער!

— האָט זי געטראַכט אָדער גערעדט צו זיך אין האַרצן — חיימקע וואַרט דאָך אויף מיר אין שפּיטאָל... לאָמיך פריער פאָרן צום ברודער! דערנאָך וועל איך קאָנען זיין מיט דיר, ליבסטער מיינער, וויפל דו ווילסט...

מיט דעם געדאַנק האָט זי געכאַפּט אַ טאַקסי און איז אַרויפגעפאָרן אויף דעם באַרג. מיט אַ לייכטן טראָט און מיט אַ פריילעכן אָנשטעל איז זי אַריינגעלאָפן צום ברודער אין פּאַלאַטע און, באַהאַלטנדיק דאָס בינטל

בריוו אין טאַש, פֿריילעך געזאָגט:

— נו, חיימקע! ווען קריכסטו אַרויס פֿון דאַנען? ווען פּראַוועט מיר די חתונה? ראָזאַ וואַרט דאָך!

אָבער חיים האָט געקוקט אויף איר מיט אַ קוק פֿון אַיינעם, וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס אַרונטערגעלאָזט פֿון אַ ווייטער וועלט. זיין קוק איז געווען אַ מידער און אָן האָפֿענונג.

— אַ חתונה? — האָט ער בלייך געשמייכלט. — אַך, געניק, געניק! דו ביסט אַזוי טייער!

ביי געניאַן האָבן זיך אונטערגעהאַקט די פֿיס. זי האָט דערפֿילט אַ ווינטעלע פֿון ווייט ווייט, גלייך ווי פֿון דעם אַלטן בית עלמין פֿון זייער אַמאָליקן שטעטל. אָט דאָס ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטון פֿון זיינע ווער־טער. זי האָט גענומען זיין פּנים אין אירע הענט און קוקנדיק אים אין די אויגן, געזאָגט:

— מען דאַרף דיך שמייסן, חיימקע, פֿאַר דיין אומגלויבן! ביסט אַ שרעקלעכער אַפּיקורס, חיימקע! דאַסמאָל וועל איך דיך נישט שמייסן! איך וועל דיר מוחל זיין...

אַזוי, אין דעם זעלבן שטיפֿערישן טאָן האָט זי פֿאַרגעזעצט ביז וואַנען זי האָט אַרויסגעפֿירט חיימען פֿון דעם שפּיטאָל. זי האָט אַנידערגעזעצט חיימען מיט אַ קראַנקנשוועסטער אויף אַ באַנק אין גאָרטן פֿון דעם שפּי־טאָל, זיך אָוועקגעגנבעט פֿון אים און האָט זיך כמעט מיט גוואַלד אַריינ־געריסן צו דעם אַלטן דאָקטאָר, צו דעם ספּעציאַליסט פֿון דייטשלאַנד, אין וועמענס הענט עס איז געווען חיימס גורל.

— איך ווייס, אַז איר האָט פֿאַר מיר קיין צייט נישט, דאָקטאָר! אַז איר האָט גענוג אַרבעט! — האָט זי אָנגעהויבן.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך האָב קיין צייט נישט פֿאַר אייך. פֿאַר אַזעלכע שיינהייטן קאָן איך שטענדיק געפֿינען צייט, צו רעדן אַ פּאָר מינוט! — האָט דער אַלטער דאָקטאָר זיך געוויצלט. — אָבער, זאָגט מיר, ווו האָט איר געפֿונען דעם זילבערנעם פּאַס האָר? ווער האָט אים אייך אַזוי אַריינגעפּראַוועט אין אייערע האָר?

— דאָקטאָר! עס ליגט מיר נישט דער קאָפּ ביי די נאַרישקייטן איצט. איך וויל וויסן וועגן דעם פּאַציענט, וועגן דעם פּאַראַשוטיסט, וועלכן איר האָט נאָר־וואָס נאָכאַמאָל בודק געווען?

— וועגן אייער מאַן? עס איז נאַטירלעך... אַז אַ ווייב וויל וויסן וועגן איר מאַן. אָבער די וויסנשאַפט קאָן גאָרנישט פעסטשטעלן אין אַזעלכע פאַלן. די נערוון זענען טאַקע באַשעדיקט ביי אים, אָבער... פאַראַנען צייטן, ווען די נאַטור איז שטאַרקער פון דער וויסנשאַפט... ווען זי מאַכט די וויסנשאַפט פאַרן נאַר און טוט זיך אירס. עס איז אָפּהענגיק אויך פון אייך, מיין פריינט. פון אייער ליבע צו אים. פון זיין ליבע צו אייך. פון אייערביידנס ווילן צום לעבן, ווילן צו שאַפן אַ ניי לעבן... המשך... ווי מע רופט עס איצט אָן ביי יידן, דאָ אין לאַנד.

— המשך? — האָט געניאַ איבערגעחזרט דעם דאָקטאָרס לעצט וואָרט.

— איך מיין, קינדער! אַמאָל איז דער ווילן צו האָבן קינדער שטאַרקער פון דער נאַטור, פון דער וויסנשאַפט... פון זיי ביידע צוזאַמען.

אָבער געניאַ האָט שוין נישט געהערט. זי האָט זיך געגליטשט איבער דעם בלישטשענדיקן דיל פון דעם לאַנגן קאָרידאָר אין דרויסן אַרויס, ווו עס האָט געוואַרט אויף איר חיים.

— דער דאָקטאָר זאָגט, חיימקע, אַז דו ביסט פולקאָם געזונט! — האָט זי אים מיט ליבע אַרומגענומען — איז פאָר אַהיים, צו זיך, קיין גבעת ברענער. צו ראָזאַן... און גרייט צו די חתונה. און איך וועל קומען ווי נאָר איך וועל באַקומען אַ ידיעה פון דיר קיין גבעת חיים. איך וועל דאָרט וואַרטן אויף דיין וואָרט.

„איצט צו דיר, ליבסטער מיינער!" — האָט געניאַ געזאָגט שטיל צו עמיצן, וועלכן מען האָט נישט אָנגעזען, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט איר ברודער.

זי איז געגאַנגען צום הויכן שיינעם באַרג. דאָרט, אויפן סאַמע שפּיץ, אין איינעם פון די שיינע גאָרטנס פון דעם אוניווערסיטעט וועט זי איבערלייענען דאָס בינטל בריוו, וואָס זי האָט געטאַפּט אַלע ווייל ווי עס טאַפּט אַן אָרימאַן אַ געפונענעם אוצר.

„איצט קאָן איך בלייבן מיט דיר אומגעשטערט, ליבסטער מיינער!" — האָט זי געפּליסטערט צו זיך, זוכנדיק אַ שיינעם פּלאַץ אויף איינעם פון די טעראַסן. — „פאַר דיר מוז איך געפינען דאָס שענסטע פּלאַץ, ליבסטער מיינער! די שענסטע בלומען. די שענסטע טרעפ"...

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט אַ ציטער אין האַרצן, אַרויסגענומען דאָס בינטל בריוו, עס אויפגעבונדן פאַמעלעך, ווי מען בינדט אויף אַ הייליקייט און אָנגעהויבן צו לייענען...

## זיבן און פערציקסטער קאַפּיטל

„געניק מיינע! איך פיל, אַז מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען. איך האָב דאָס געפילט, ליבסטע מיינע, נאָך אין יענער נאַכט, ווען מיר זענען געזעסן אין דעם ווייכן שטול פון אונדזער צימער אויף דעם באַלקאָן פון האָטעל כרמליה. יאָ, ליבסטע מיינע! איך האָב דאָס געפילט אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן פרימאָרגן. ווען דו האָסט מיך געבעטן, אַז איך זאָל נישט פאַרגעסן צו זאָגן „להתראות, געניק", האָב איך געשוויגן. ווייל איך האָב שוין דאַן געוווסט, אַז מיר וועלן זיך שוין ניט זען מער... אַזעלכע זאַכן, ליבסטע מיינע, פילט מען. וואָס האָב איך געקאָנט טון, געניק... וואָס? אַך, ווען דו וואָלסט וויסן וואָס מען פילט ווען מען ווייסט, אַז מען וועט שוין מער נישט זען די, וועלכע איז דער צענטער פון דיין לעבן? וועלכע איז דיין לעבן?... אָבער, איצט, געניק, האָב איך שוין מער קיין כוח נישט צו שרייבן. איך בין שוואַך. מאָרגן! אַן אַנדערש מאָל, ליבסטע מיינע... איינציקע מיינע... מיין לעבן! דיינער אויף אייביק."

„ליבסטע מיינע! נעכטן האָב איך געמוזט ענדיקן דאָס שרייבן שנעל. מיין פריינט, דער דאָקטאָר, גיט מיר פון צייט צו צייט אַן איינשפּריצונג. דאַן האָב איך מער כוח אויסצוהאַלטן די צרות, וואָס זיי טוען מיר אָן. אפשר וועט די געשיכטע אַמאָל ווּיסן וועגן דעם, וואָס מיר ליידן דאָ אין דעם דאַקאַאו-לאַגער. אָבער, דערווייל, מוז איך דיר שרייבן כאָטש אַביסל. כדי זאָלסט פילן ווי גרויס איז מיין ליבע צו דיר. אַז אין סאַמע

ברען פון „אינקוויזיציע" געפין איך כוח צו שרייבן צו דיר. הער מיך אוים, גנניק! כוח מיינער! האפענונג מיינע! מיין גאנצע האפענונג איז אויף דיר און אויף אזעלכע ווי דו, וועלכע וועלן דאס איבערלעבן. וועלכע וועלן נישט אריינפאלן אין די הענט צו די ווילדע חיות... איך בין אריינ־געפאלן צו זיי אין די הענט און איך בין, דאריבער, אליין געווארן א ווילדע חיה... יא, גנניק! מיר זענען אלע דא געווארן ווי חיות... מיר קריכן איבער די מיסטן און זוכן עפעס צום עסן ווען דער הונגער איז זיך גובר איבער אונדז. מיר וואלטן אלע געלעקט פון בלאטעס נעבן ברונעמס, ווען מיר וואלטן זיי געפינען, אזוי דורשטיק זענען מיר! מיר גייען אום שמוציקע און באוואקסענע. אבער דו, ליבסטע מיינע, זע מיך נאר ווי דו האסט מיך געקאנט אין די צייטן, ווען איך בין נאך געווען א מענטש. אך, גנניק מיינע! געדענקסטו די נעכט ביים גלבוע בארג? געדענקסטו מיין שבועה... נאר דו, גנניק! לעבן מיינס! דערפאר וויל איך פון דיר פאדערן עפעס. אבער איצט האב איך שוין מער קיין כוח נישט צו שרייבן, גנניק מיינער... איך מוז אויפהערן... אפשר מארגן וועל איך האבן מער כוח דיך צו בעטן... בלייב געזונט, מיין ליבסטע! דיינער ביז דער ענדע פון אלע צייטן... "

„גנניק מיינער! נעכטן האט מען פארנומען דעם דאקטאר, וועלכער פלעג מיר גיבן איינשפריצונגען. קאן זיין, אז מען האט אים פארנומען דערפאר, וואס מען האט זיך דערוווסט, אז ער מונטערט מיך און אזעלכע ווי איך. ער האט געוואלט, אז מיר זאלן דערלעבן די באפרייאונג און ער אליין האט זיך נישט דערווארט אויף איר. קאן זיין, אז איך וועל זיך אויך נישט דערווארטן. ליבסטע, איך בין צו שוואך! מיינע כוחות גייען מיר אוים. אינעווייניק ביי מיר איז אלעס גלייך ווי אויסגעטריקנט. מיין איינציקע האפענונג איצט איז אויף מיין „הונט". מיר רופן אים „הונט", ווייל ער האוועקט און מאכט אלע שטיק ווי א הונט. אזוי אז די נאציס מיינען אז ער איז שוין אינגאנצן אראפ פון זינען, און זיי לאזן אים לויפן. דער „הונט" זאגט מיר צו, אז אויב איך וועל נישט דערלעבן די באַ־פרייאונג, וועט ער דיר איבערגעבן די בריוו מיינע. איך לייג אלע מיינע

האָפֿענונגען אויף אים. ווען איך פֿאַל אַריין אין אַ מין חלשות קומט דער הונט צולויפֿן און גיט מיר אַ ביס, און בשעת מעשה גיט ער אַ האַווקע „געניק!", ווייס איך דאָן, אַז איך מוז אויפֿוואַכן און צוריק אָנפֿאַנגען וואַרטן. אָבער, אויב מיר וועלן זיך נישט דערוואַרטן? בעט איך דיך, געניק! אויב איך און אַזעלכע ווי איך, וועלן נישט זען די באַפֿרייאונג מיט אונדזערע אויגן, זאָלסטו איבערגעבן דער גאַנצער וועלט אַז מיך, דיין ערגאַן, האָט מען געבראַכט צום שטאַנד פֿון אַ חיה. אַז איך קריך אַרום ווי אַ מאַלפּע. מיט איין וואָרט — כּל־זמן די ווילדע חיות, וועלכע האָבן מיר אַזוי געטון, גייען אום צווישן דער מענטשהייט, איז פֿאַר דער מענטשהייט גאָר נישטאָ קיין האָפֿענונג. אַך, געניק! ווען איך וואָלט געהאַט כּוח דיר צו באַשרייבן זייער נידערטרעכטיקייט! אַלנפֿאַלס, געדענק... דערצייל אַלע יידן, אַז זיי זאָלן קיינמאָל נישט האָבן צו טון מיט זיי, מיט זייער צענטן דור נישט! זיי זענען... דיינער ביז דער ענדע פֿון צייט..."

„געניק טייערער! נעכטן האָב איך זיך פֿאַררעדט מיט דיר וועגן זיי און גאָרכאָמאָל דיר נישט געשריבן דעם עיקר... אַך, ליבסטע מיינע! די צייט איז אַזוי קורץ. איך ווער אַזוי שוואַך און דעם עיקר האָב איך דיר נאָך אַלץ נישט געשריבן און ווי קאָן איך אַוועקגיין אָן דעם עיקר. מיין „הונט" האָט מען אָנגעטון אַ קייט, אַזוי אַז ער קאָן שוין צו מיר נישט קומען. ער קאָן אויך נישט דערגרייכן די, וועלכע ער פֿלעגט ביז איצט מונטערן מיט זיין בייסן. דערפֿאַר, ווען איך פֿיל, אַז איך פֿאַל שוין אינגאַנצן איין, גיי איך פֿאַרביי מיין „הונט". ער קאָן אַרומלויפֿן אויף דעם ראַדיאָוס פֿון זיין קייט. ער בייסט אונדז, די, וועלכע רירן זיך אָן אין אים. און דערביי גיט ער עפּעס אַ האַווקע. נאָר מיר ווייסן וואָס זיין האַווקען מיינט... מיר שעפּן אין דעם אונדזער האָפֿענונג. איך הייב אָן צו גלייבן, אַז די בריוו וועלן דאָך קומען אין דיינע הענט... די נאַציס נעמען זיך צונויף אַרום דעם „הונט" און קוועלן אָן פֿון זיין האַווקען. זיי וואָרענען די, וואָס שטייען אַרום אים, אַז דאָס איז אַן אמתער הונט בצורת ייד, וועלכער איז נאָך גיפֿטיקער פֿון אַ משוגענעם הונט. זיי לאַכן און מיר לאַכן. אָבער איצט — צום עיקר. געניק מיינער! ליבסטע מיינע! קינד מיינס! לעבן

מיינס! געדענקסטו ווי איך האָב דיך ליב געהאַט? איך האָב דיך איצט נאָך מער ליב, ליבסטע מיינע! נאָר צוליב דעם, וואָס איך וויל טראַכטן וועגן דיר, לאָז איך נישט אַרויס מיין נשמה פון מיין גוף, וועלכער צעפאַלט זיך שוין... אַפילו ווען פון מיין גוף וועט שוין נישט בלייבן קיין זכר און קיין סימן, וועל איך דיך נאָך אַלץ ליב האָבן מיט מיין נשמה. מען זאָגט, אַז די נשמות פון די קדושים באַהאַלטן מלאכים אונטערן כסא הכבוד פון גאָט... אפשר וועל איך אויך זוכה זיין דערצו. לויט די עינויים, מיט וועלכע מען פייניקט מיך דאָ. געניק מיינער, אויב יאָ, אויב מיין נשמה וועט דאָך ערגעץ פאַרבלייבן, זיי ווייסן, ליבסטע, אַז ווו זי וועט נישט זיין, וועט זי דיך נאָך אַלץ ליבן! זי וועט דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן... איך פיל, אַז נאָר מיין ליבע צו דיר האַלט מיך אויף. אַזאַ ליבע טרעפט אַפשר טאַקע נאָר איין מאָל אין עטלעכע דורות. ליבסטע מיינע! דערפאַר וואָס איך ליב דיך אַזוי, דערפאַר וואָס מיין ליבע צו דיר פילט אָן מיין נשמה און גיט איר כוח צו האַלטן זיך אין גוף טראָץ דעם, וואָס די פייניקונגען ווערן גרעסער פון מינוט צו מינוט, וואַג איך, ענדלעך, צו שרייבן צו דיר דעם עיקר. געדענקסט, געניק מיינער, איך האָב אַזוי פיל מאָל דערמאָנט דעם עיקר, און קיינמאָל נישט קלאָר געמאַכט פאַר דיר וואָס איך מיין, איך האָב שוין קיין כוח נישט. איך מוז עס לאָזן אויף אַ צווייטן מאָל. איך וועל דאַן, ליבסטע מיינע, גלייך אָנהייבן פון דעם עיקר. דיינער ביזן סוף פון דער צייט."

„געניק מיינע! היינט וועל איך מיך נישט פאַררעדן מיט אַנדערע זאַכן. איך הייב אָן פון דעם עיקר. פון מיין בקשה צו דיר. אין נאָמען פון אונדזער ליבע וועסטו זי מוזן אויספירן. ליבסטע מיינע! איך וויל לעבן מיט דיר און אין דיר! אין גוף פון דיין קינד! נישט איין קינד, געניק, נאָר עטלעכע קינדער... די נעמען זענען נישט וויכטיק. זאָל דיין בכור הייסן ערנאַ, צי דיין צווייטער זון. דער נאָמען איז נישט וויכטיק! וויכטיק איז, אַז דו זאָלסט חתונה האָבן און האָבן קינדער און אין דיין ליבע צו דיינע קינדער וועט לעבן אויך דיין ליבע צו מיר. געניק מיינע! זאָלסט זיך נישט זאָרגן! איך בין ביים פולן זינען. מיין זינען איז קלאָר. דער

„הונט" האָט מיר היינט געגעבן אַ גרויסן ביס... ווען איך בין געשטאַנען נעבן אים און קיינער איז נישט געווען דערביי, האָב איך אים שטיל גע־פרעגט צי דאָס איז משוגעת. האָט ער געזאָגט, אַז ניין. אַז עס איז גאַנץ נאַטירלעך. אַז עס איז נישט מער, ווי רעכט, צו גיבן דיר אַ גוט איצט. איך וויל זאָלסט חתונה האָבן, ליבסטע מיינע! פּונקט ווי מיר האָבן חתונה גע־האַט אָן עדות, נאָר איך און דו, אַזוי גיב איך דיר אַ גוט איצט... איך גוט אָפּ דיין פּרעכטיקן גוף כּדי ער זאָל חתונה האָבן מיט אַן אַנדער געזונטן יידישן גוף, כּדי פון די צוויי גופים זאָלן געבוירן ווערן יידישע קינדער. מיין המשך... אין דעם המשך, ווייס איך, ליבסטע מיינע, וועט לעבן מיין נשמה!... איך ווייס, אַז בשעת דו וועסט שוואַנגערן, וועסטו טראַכטן וועגן מיר! און ווען דו וועסט גיין צו קינד און די ווייען דיינע וועלן זיין גרויס, וועסטו טראַכטן, אַז זיי זענען נאָך אַלץ נישט אַזוי גרויס, ווי מיינע בשעת זיי פּייניקן מיך. און ווען דו וועסט אָנזויגן דיין קינד מיט דער שניי־ווייסער ברוסט דיינער, וועלכע האָט מיך אַזוי אָפט געטרייסט דאָ און אָנגעשיכורט דאָרטן, אַנטקעגן דעם הר הגלבוע, ווייס איך, ליב־סטע מיינע, אַז דו וועסט טראַכטן וועגן מיר... דו וועסט זיצן פאַרחלומט און, קושנדיק דאָס הענטעלע פון דיין זויגלינג, וועסטו טראַכטן וועגן דעם, וואָס האָט געזאָלט זיין זיין טאַטע... וועגן מיר... ליבסטע מיינע! הערסטו נישט ווי מיין נשמה שרייט צו דיר? איך וויל לעבן! מיט דיר, אין דיר, אין דיין נשמה, אין דיין המשך, מיין המשך! אין דיין צוקונפט איז מיין צוקונפט, ליבסטע! בלייב דאָ, אויף דער ערד. בלייב לעבן אַ סך אַ סך יאָרן. די צוקונפט פון דעם לאַנד דאַרף דיך האָבן. לעב, געניק מיינע! טו פיל אַרבעט! נאָר דורך דער אַרבעט פון אַזעלכע ווי דו, וועט אונדזער לאַנד באַפרייט ווערן! לעב און שאַף המשך! און ווען דו וועסט זיין זאַט מיט יאָרן און וועסט האָבן אייניקלעך און אוראייניקלעך, ווען דו וועסט שוין מער קיין אַרבעט נישט האָבן דאָ, אויף דער ערד, דאַן קום צו מיר אַהין!... איך וועל דיר קומען אַנטקעגן. אויב איך וועל זיין צו שוואַך פון דעם וואַרטן אויף דיר, זאָרג זיך נישט. עס וועט דיר קומען אַנטקעגן דער מלאך, וועלכער איז מזווג נשמות, און ער וועט אויסרופן: „געניק! דו

זוכט די נשמה פון דיין ערגאַ? אָט איז זי דאָרט! זי וואַרט נאָך אַלץ אויף דיר! זי ווערט נישט מיד צו וואַרטן אויף דיר. זי איז דיינע. שטענדיק געווען און זי איז דיינע איצט און ביזן סוף פון אַלע צייטן..."

געניאַ האָט איבערגעלייענט דעם לעצטן בריוו. זי האָט נישט באַמערקט ווי אונטען, אונטער אירע פיס, האָבן זיך אָנגעצונדן די פייערלעך פון ירושלים. די זון איז אַרונטערגעפאַלן ערגעץ אונטער די בערג, און אַרונטערפאַלנדיק האָט זי אָפּגעפאַרבט אַלע פעלדזן פון דעם הר הצופים און זיין אומגעגענט אין לילאַ קאָלירן. עס האָבן זיך געצויגן אין דער לופטן דינענקע קאָלירטע פעדעמלעך, וועלכע האָבן געוועבט דאָס געוועב פון בין השמשות.

און נישט נאָר קאָלירן האָבן געוועבט זייער געוועב! אויך קלאַנגען פון בין השמשות האָבן געטון זייערס. ערגעץ האָט אַן אייזעלע דערפילט דעם אָנקום פון דער נאַכט און עס האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול. קינדער האָבן זיך געשפּילט דעם לעצטן פאַרנאַכטיקן שפּיל. ערגעץ ביים כותל המערבי האָבן זיך יידן געשאָקלט מיט כוונה און אין גרויס איינזאַמקייט געפליסטערט און געבעטן רחמים אויף זיך און אויף זייערע נאָענטע... ערגעץ האָבן זיך אין די לאַנגע שאָטנס פון דער „חורבה" שול געשאָקלט ספרדישע יידן און פאַרגעסנדיק אין דער פייערלעכער בין השמשותדיקער שעה די חילוקי נוסחאות, האָבן אַשכנזישע יידן אויך זיך דאָרט געשאָקלט, אויף זייער נוסח, בעטנדיק גאולה און באַפרייאונג פון דעם צורר...

און געניאַ האָט, זיצנדיק אַזוי, איינע אַליין, געבעטן רחמים אויף זיך, אַז זי זאָל קאָנען טון דאָס, וואָס איר ליבסטער בעט איר אין זיין צוואה. אין זיין לעצטן בריוו. „דו מוזט לעבן! אָבער ווי אַזוי? דו מוזט זיין מיין המשך. שאַפן המשך." האָט זי איבערגעחזרט אַ גאַנצע נאַכט.

## אַכט און פערציקסטער קאַפּיטל

מיט דעם געדאַנק פון המשך איז געפאָרן געניאַ קיין גבעת חיים. אויך חיימען האָט דער געדאַנק פון המשך נישט געלאָזט רוען...

המשך! קינדער! פאַר יעדן אומגעקומענעם אין אייראָפּע מוזן געבוירן ווערן דריי נייע קינדער!.. און אויב נישט — צוליב וואָס לעבן? צוליב וואָס? מיט דעם געדאַנק איז חיים אַריינגעפאָרן מיטן אָמניבוס קיין גבעת ברענער פאַר וועטשערע. „חיים! חיים איז דאָ!" איז געוואָרן אַ געפּילדער צווישן זיינע פריינט און באַקאַנטע פון דעם קיבוץ. און צווישן יאָ, ניין, האָט מען אים אַרומגערינגלט און מ'האָט אים באַקוקט.

— געזונט אַן אייזן! האָט אויסגעשריגן איינער פון די חברים אויס־פּרובירנדיק חיימס כּוח מיט אַ דריי פון דער האַנט.

— אַבי מ'האָט געזאָגט, אַז דו ביסט שיר נישט אומגעקומען!

— געדענקסט, חיים? האָסט געזאָגט, אַז אויב דו וועסט זיך אומ־קערן מיט אַ גרויסן מוט. וועסטו... וואָס זשע טוט גאָט? הייסט ער חיימען זיך אומקערן געזונט און שטאַרק! מ'באַמערקט אַפילו נישט אַז דו הינקסט! אפשר האָסטו אַליין אויסגעטראַכט אַ הינקעניש, מ'זאָל דיר נישט געבן קיין שווערע אַרבעט אין קיבוץ, — האָבן זיך געוויצלט אַנדערע חברים.

אַזוי איז מען געשטאַנען אין אַ רעדל און מ'האָט געוואַרט אויף ראַ־זאַן וועלכע האָט געאַרבעט אין קיך פון בית ההבראה.

ווי נאָר ראָזאַ האָט זיך באַפרייט פון דער קיך־אַרבעט פון בית הבראה און זי האָט זיך באַוויזן לעבן עס־צימער פון דעם קיבוץ, האָבן אַנ־געפאַנגען אַנטרונען צו ווערן די חברים, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַרום חיימען.

חברים האָבן פאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף לאָזן „בחור" און „בחורה" צווישן פיר אויגן. אין קיבוץ קושט מען זיך נישט פאַר חברים, ווי עס איז אָנגענומען אין דער גאַנצער וועלט, ווען חתן באַגעגנט זיך מיט כּלה נאָך אַזאַ לאַנגער צייט. איבערהויפּט, נאָך אַזאַ נסיעה, וועלכע חיים האָט אונטערגענומען, וועלכע האָט אַזוי געשמעקט מיט פּולווער, דאַרף מען זיי לאָזן אַליין! ווייל חתן־כּלה, מאַן און ווייב, האַלדזן זיך נישט ביי לייטן אין די אויגן אין אַ קיבוץ.

זיי לעבן מיט דער צניעות פון אַ קאַץ, אַז קיינער זאָל גאָר נישט זען און גאָרנישט באַמערקן! דאַרף מען דערפאַר זיי לאָזן אַליין. האָט מען

חיימען מיט ראָזאַן געלאָזט אינגאַנצן אַליין. און זיי — האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַ וועטשערע אויף דער וועלט, אַ קיבוץ, אַן עס־צימער און אין עס־צימער חברים, אַז חברים זענען נייגעריק צו זען אַ חבר, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון יענער זייט וועלט, אַ חבר וועלכער דאַרף בענטשן גומל וואָס ער איז אַרויס פון דעם קריג גאַנץ, מיט אַלע אברים.

— פון אַזאַ פאַל אַרויס אַזוי גאַנץ! האָבן זיך געוווּנדערט אין עס־צימער חברים.

— דו מיינסט, פון אַזאַ שטיקל אַרבעט אַרויס אַזוי גאַנץ, — האָט זיך אַריינגעמישט אַ צווייטער.

— ווייסט איר דען, חברה, וואָס דאָס הייסט צו פליען מיט אַזאַ „סחורה“, וואָס חיים האָט געפירט? האָט זיך געוואָלט אַרויסווייזן אַלס קענער אין באָמבאַרדיר־אַוויאַציע, אַ פערטער חבר.

— מיט איין וואָרט, חברה! איך וויים נישט ווער פון אייך איז מער ידען אין דעם עראָפּלאַן שפּיל און פאַל, אָבער מיר דאַרפן מאַכן אַ מסיבה פאַר חיימען און טאַקע דעם ערשטן ערב שבת — האָט געראָטן אַן אַנדער חבר.

— אייל זיך נישט מיט דיין מסיבה, האָט זיך געפּלאַכטן מיט זיינע רייד אַן אַנדער חבר — דאָס „פּאָרל“ וועט זיכער איצט חתונה האָבן, וועלן מיר מאַכן אַ דרייענדיקע מסיבה! איינע — לכבוד דער חתונה, צו־זאַמען מיטן קיבוץ; די צווייטע — וואָס ער איז צוריקגעקומען גאַנץ! אַ מין סאָרט גומל בענטשן! און די דריטע... בכלל, וואָס מיר האָבן אונדזער חיימען, דעם החלוץ פירער צוריק מיט אונדז.

און בשעת חברים האָבן זיך צוגעגרייט צו אַ דרייענדיקער מסיבה און שוין באַצייטנס געגרייט יעדן איינעמס געמיט צו דעם קומענדיקן ערב שבת, האָבן „בחור“ און „בחורה“, חיים און ראָזאַ, שטיל גערעדט זיצנ־דיק אין דער חורשה (וועלדל) לעבן בית ההבראה אויף אַ באַנק אין אַ זי־סער און פעסטער אומאַרעמונג.

אַך! ווי לאַנג זיי האָבן ביידע געטרוימט וועגן דער אומאַרעמונג!

געוועזן צייטן, ווען זיי האָבן שוין כּמעט נישט געהאָפֿט זיך אַמאָל צו זען! אַזעלכע צייטן זענען געווען ביי ביידע. האָט דען חיים נאָך געהאָפֿט אַמאָל צו זען זיין ראָזיטשקען, אין דער צייט ווען ער איז געלעגן אויף דעם פֿעלד מיט אַ צעבראָכענער פּלייצע, בשעת דער אַרונטערגעפֿאַלענער עראָפּלאַן האָט געברענט אין דערוויטנס? ווען נישט דאָס פֿייער פֿון דעם ברענענדיקן עראָפּלאַן, וועלכעס האָט גערופֿן צו זיך די פּויערים פֿון דעם אַרום, וואָלט ער קיינמאָל נישט געוווסט, אַז ער איז געפֿאַלן נישט ווייט פֿון אַ דערפֿל... אָבער טאַקע דערפֿאַר ווייל די פּויערים זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן זען דעם בייזוונדער, האָט ער באַדאַרפֿט ליגן שטיל אָן אַ פּיפּס, כאָטש די ווייטיקן זענען געווען נישט צום אויסצוהאַלטן! אין יענע שעהען ווען ער איז געלעגן באַהאַלטן אין די קוסטעס, האָט ער זיכער קיין האָפֿענונג מער נישט געהאַט ווען עס איז צו זען זיך מיט ראָזאַן...

און ווען ער האָט זיך געראַטשקעוועט שפּעט אין יענעם ביינאַכט צו דעם ליכטל פֿון דער נאָענטער כאַלופּקע, ווען ער איז געקראָכן אויף אַלע פֿיר, ווי אַ חיה, און דערביי געביסן די ליפּן פֿון ווייטיק, האָט ער דען נישט געשפּילט מיטן לעבן? און ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן אין די הענט פֿון דעם פּויער? האָט דען דער פּויער נישט געקאָנט טון מיט אים וואָס ער האָט געוואָלט, אַפֿילו אים באַלד איבערגעבן אין די הענט פֿון די, וועלכע זענען געווען יד־אחת מיט דער געשטאַפּאָ!

אָבער, ווייזט אויס, אַז זיין מזל האָט אַזוי געוואָלט, אַז ער זאָל זיך אומקערן צו ראָזאַן! זיצן מיט ראָזאַן אין דער זיסער אומאַרעמונג, פֿילן מיט די ליפּן די ווייכע ווייסקייט פֿון איר האַלדז און אַריינזאַפּן מיט די נאָזלעכער דעם פּערפֿום פֿון דעם ווייצנקאָפּ האָר...

— איך וויל דיך גאָרנישט פֿרעגן... פּליסטערט ראָזאַ — לאָמיר אַזוי שווייגן... אין דיין שווייגן פֿיל איך, אַז דו ביסט מיר געווען טריי... אַז דו ביסט געווען מיינער די גאַנצע צייט...

—חיימקע! אַך, חיימקע! ווען דו וואָלסט וויסן ווי ס'איז שרעקלעך צו בלייבן אַליין ווען דיין „בחור" גייט אַוועק אין מלחמה... ווען איינע האָט אַ מאַן אין קריג, קאָן זי פֿרעגן יעדן טאָג, וואָס הערט זיך מיטן קריג?

חברים האָבן מיטגעפּיל מיט איר. אָבער ווען חברים ווייסן נישט צי דו ביסט אַ כּלה צי ניין... צי דער בחור איז אַוועקגעגאַנגען פון דיר ברוגזער־הייט צי אין אַ גוטן געמיט... פרעגט קיינער דיך נישט... קיינער רעדט דיר נישט אויס דאָס האַרץ... דו ביסט עלנד ווי אַ שטיין... דערפאַר, חיימקע, וועל איך דיך איצט נישט אָפּלאָזן פון מיר אפילו אויף קיין איין מינוט נישט...

ראָזאַס זיסע רייד גיסן זיך ווי האָניק אויף חיימס אָנגעווייטיקט האַרץ, וועלכעס איז נאָך אַלץ פול מיט ספיקות... ער נעמט זי אַרום שטיי־פער, ער זעצט זי צו זיך אויף די קני... ער וואָלט זי געוואָלט אויפהייבן אויף די הענט, זי טראָגן אין דער לופטן און שרייען צו אַלעמען אויף אַ קול: עס איז אַ ליגן, וואָס מ׳האָט אויסגעטראַכט אויף מיר! איך בין קיינ־מאָל נישט געפאַלן פון דעם עראָפּלאַן! איך בין קיינמאָל נישט באַשעדיקט געוואָרן! איך בין געזונט אַן אייזן. געזונט ווי אַלע געזונטע מענער פון דער וועלט! איר זעט! זעט ווי איך טראָג מיין ראָזאַטשקען אויף די הענט, מיין ווייב... אָט וועל איך זי פאַרטראָגן צו מיר אין מייןביידל, ווי אַמאָל, און דאָרט וועט זי זיין מיינע! מיין ווייב! פונקט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט זיין אין דער נאַכט איידער איך בין אָפּגעפאָרן פון גבעת ברענער... אַך! ווי זי האָט זיך געבעטן ביי אים אין יענער נאַכט זיי זאָלן חתונה האָבן... כאָטש אין דער לעצטער מינוט שטעלן אַ חופּה... אַלע זאָלן ווייסן אַז ראָזאַ איז אָפיציעל חיימס „בחורה״.. קאָן זיין ווען ער האָט דאַן חתונה מיט איר, וואָלט ער נישט געהאַט אין זיך גענוג כּוח זיך פרייוויליק אָנצו־שליסן אין דער פאַראַשוטיסטן גרופּע? ער וואָלט זיך נישט אונטערגע־נומען צו פליען קיין פלעשטי... ער וואָלט געזוכט גרינגערע פּאָזיציעס אין דער אַרמיי. אָבער ער האָט דאָך געמוזט נעמען אויף זיך אַ שווערע מיסיע... געמוזט! אייגנטלעך, פאַרוואָס געמוזט? פון דעם געדאַנק האָט ער אָנגעוווירן זיין גאַנצן כּח, אַרונטערגעלאָזט ראָזאַן און זי אַנידערגעזעצט אויף די קני זיינע...

חיים האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין די אַמאָליקע קאָשמאַרן־נעכט, אין די טעג, וועלכע פלעגן קומען נאָך יענע נעכט... אין יענע טעג,

בשעת דער אַרבעט, פלעג ער טראַכטן, אַז ראָזאַ איז זיכער געווען די כלה פון יענעם בחור, וועלכער האָט זיך אָפּגערוקט פון ראָד, ווען ער איז צוגעשווומען... ווי אַזוישע האָט ער דאַן געקאָנט חתונה האָבן מיט ראָזאַן? ווער האָט אים געקאָנט פאַרזיכערן, אַז דאָס איז נישט געווען איר מאַן, וועלכן מ'האָט באַלד נאָך דער חופּה אַוועקגעפירט אין פּוילישן וואַלד אַריין, אַז ער זאָל אַריבערגיין קיין רומעניע כדי נאָך טרעפן די „קאָנסטאַנצאַ". האָט ער דען געקאָנט חתונה האָבן פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט, דעמאָלט, ווען ראָזאַ האָט געוואָלט, ווען זיין קאָפּ איז געווען פול מיט אַזעלכע געדאַנקען? ער איז דאָך אַוועק אין קריג אַריין כדי קלאָר צו מאַכן אַזוי פיל זאַכן... דער עיקר קלאָר און זויבער צו מאַכן זיין געוויסן... אים אויסלייטערן, אויסקויפן זיינע זינד פון אַמאָל, זינד פון דעם ים, פון דעם גומענעם ראָד, ווו ער איז געווען ווי אַ חיה, וועלכע וויל זיך ראַטעווען... חיים האָט אַרויסגעלאָזט ראָזאַן פון זיינע אָרימס מיט שרעק. „קאָן זיין, אַז דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט אַ לעבעדיקער פון אַזאַ שווערער מיסיע, איז אַ סימן, אַז ער איז גאָר קיינמאָל נישט געווען שולדיק אין קיין זאַך? אַז נישט ער האָט געשטופּט יענעם פון דעם אָנהאַלטראָד... אַז יענער איז גאָרנישט דערטרונקען געוואָרן, אַז ער האָט זיך טאַקע געראַטעוועט, ווי געניק האָט געלייענט אין יענער ציימונג, אַז ער איז ערגעץ פאַרבליבן אין טערקייי צוליבן קריג...

די אַלע געדאַנקען האָבן זיך פּלוצים אַרונטערגעלאָזט אויף חיימען, זיי האָבן אים געטרייסט און געוואַרעמט. ער האָט נאָכאַמאָל אַרומגענומען ראָזאַן און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך... אויב אַזוי, האָט ער געטראַכט ווייטער, האָט ער אומזיסט אונטערגענומען אַזאַ סכנה, אַזאַ שטיקל אַרבעט, פון וועלכער אַזוי ווייניק קערן זיך אום לעבעדיק! אומזיסט האָט ער נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט ראָזאַן אין יענער לעצטער נאַכט, ווען זי האָט אַזוי געבעטן, געוויינט...

קאָן זיין, ווען ער האָט דאַן חתונה, וואָלט ער שוין איצט געהאַט אַ קינד, אַ ייִנגעלע, וועלכעס וואָלט אים געלאָפן אַנטקעגן, באַגעגענען דעם טאַטן... אַ ייִנגעלע, אַ המשך...

דאָרט, ווו ער איז געווען האָט מען גערעדט וועגן המשך, ווען מען פלעגט מאַכן דעם חשבון פון די, וועלכע פעלן דאָרט... האָבן חלוצים געשוווירן, אַז פאַר יעדער אומגעקומענעם מוז מען אויפשטעלן דריי נייע קינדער! אָבער, וואָס קומען אים אויפן געדאַנק אָט די אַלע זאַכן גראַדע איצט, ווען ער זיצט אין דער זיסער אומאַרעמונג מיט ראָזאַן? מיט זיין כלה? מיט זיין...

— חיימקע! פליסטערט ראָזאַ צוטוליענדיק זיך צו אים — היינט וועלן מיר חתונה האָבן!.. מיר וועלן שוין מער נישט אָפּלייגן ווי אַמאָל... פאַר דיין אַוועקגיין... מיר האָבן אַזוי פיל צייט פאַרלאָרן... אירע זיסע ליפּן קלעבן זיך צו צו זיינע און פון דער זיסקייט, וועלכע צעגיסט זיך איבער חיימען, ווערט ביי אים טרוקן דאָס מויל, דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט פליען מיט אַן עראָפּלאַן אין די וואָלקנס אַריין... ער שטעלט זיך אויף. ראָזאַ דערפילט זיך באַליידיקט, וואָס ער האָט איבער־געריסן דעם זיסן חלום פון זיין אַזוי נאָענט צו אים, צו זיין אָטעם. צו זיינע ליפּן, אָבער ער גיט זי אַ הויב אויף אין זיינע אָרימס אַזוי הויך, אַז זי מוז זיך אָנבויגן צו אים און אים שטייף אַרומנעמען דעם האַלדז כדי זי זאָל נישט פאַלן...

— וווהין טראָגסטו מיך, חיימקע? פליסטערט זי אין אַ גליקלעכן עקסטאַז. איר חיים איז אַזוי שטאַרק און מענעריש... ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי... קאָן זיין, אַז דאָרט, אין אייראָפּע, האָט מען אים אַזוי אויסגעלערנט? גיט אַ פלי דורך ביי ראָזאַן אין קאָפּ אַ געדאַנק, בשעת ער טראָגט זי אַוועק טיף אין „חורשה״, אין וועלדל, פון די סוב־טראָפּי־שע סאָסנעס...

— דו ווילסט וויסן וווהין איך טראָג דיך, פליסטערט ער מיט אַ ציטער אין שטים — ווייט! ווייט! ווו קיינער קאָן אונדז נישט זען... ווו נאָר איך און דו... מיין ראָזאַטשקע און ווייטער קיינער נישט אין דער גאָרער וועלט...

— אין חורשה חתונה האָבן?.. זיין ווי מאַן און ווייב... ווי אָדם און חוה? האָבן אַ קינדעלע? פליסטערט ראָזאַ. אָנבויגנדיק זיך צו אים בלאָזט

זי אים אַריין אין די ליפּן זײַנע אַזאַ הייסן ווינט, אַז ביי חיימען ווערט פאַרהאַלטן דער אָטעם אויף אַ ווײַלע. ער מוז זי אַרונטערלאָזן. אָבער דאָס מאָל פילט ראָזאַ קיין פאַרדרוס נישט, וואָס ער האָט זי אַרונטערגעלאָזט פון די הענט. חיים דריקט זי אַזוי שטאַרק צו צו זיך, אַז זי גיט אַ לייכטן געשריי...

— שריי נישט, ראָזאַטשקע! האָסט מורא פאַר מיר? פליסטערט חיים נישט ווי סדיק קלאָר וואָס ער זאָגט — איך וועל דיר גאָר קיין שלעכטס נישט טון... איך וויל דיך נאָר ליבן פאַר די אַלע נעכט, וואָס איך בין געוועזן אָן דיר, וואָס איך האָב אַזוי געוואָלט קושן דיין שניי־ווייסן האַלדז... אָט אַזוי ווי איך קוש אים איצט... ווען איך האָב געוואָלט אַרונטעררייסן פון דיר דיין בלוזע, ווי איך טו עס איצט... פאַר די אַלע נעכט, וואָס איך האָב נישט געקאָנט פילן אָט דאָס ווייכע, צאַפּלענדיקע פרישע ליב, וואָס איז אַזוי פול מיט פערפום, און מאַכט מיך אַזוי שיכור... איז דאָס נאָך אַלץ מיינס, ראָזיטשקע? צי אפשר? פרעגט חיים קושנדיק יעדער שטיקעלע גוף וואָס די ליפּן קאָנען דערגרייכן... — האָסטו אויך אַזוי געטראַכט וועגן מיר... ווי איך, בשעת איך בין געווען אַזוי עלנד? אָבער ראָזאַ לאָזט אים נישט ריידן מער! מ'טאָר איצט נישט דערמאָנען דעם קריג! עס איז שלום אויף דער וועלט... אַלע האָבן זיך צוריקגעקערט פון דאָרט... דאַרף מען בלויז ליבן און קושן...

— דו צוויפלסט? שמייכלט ראָזאַ מיט אַ קינדעריש שמייכעלע, הענגענדיק זיך אויף אים... קום! מאַן מיינער! היינט וועסטו זיין מיין מאַן... יאָ, חיימקע? מיר וועלן האָבן אַ קינדעלע... אַ ייִנגעלע, מיר וועלן אים געבן דיין טאַטנס נאָמען. עס וועט זיין דיין המשך... אונדזער המשך... האָסט געהערט ווי מ'רעדט דאָ ביי אונדז אין קיבוץ וועגן המשך? עס איז די גרעסטע מצוה איצט צו האָבן וואָס מער קינדער... מען זאָגט, אַז יענע איבערגעהאַקטע קייט, די קייט פון די, וועלכע זענען פאַרברענט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן, מוזן מיר צוריק צונויפשמידן. אַזוי זאָגט מען... המשך!..

„המשך", גיט עפּעס אַ שטעך ביי חיימען אין קאָפּ אַ מאָדנע

צווייפל. אָבער ער טרייבט אים שנעל אָפּ ווי מען טרייבט אָפּ אַ פליג וואָס וויל זיך נישט אָפּטשעפּען. ער גיט זי נאָכאַמאָל אַ הויב אויף...

— טראָג מיך אוועק צו מיר אין צימערל... מיין חברטע האָט היינט אַ „שבת", זי איז אוועקגעפאָרן קיין תל־אביב, פליסטערט ראָזאַ און טו־ליעט זיך צו צו אים. האַלב וועג טראָגט ער זי אויף זיינע הענט, האַלב וועג גייען זיי איינגעטוליעט איינער אין דער צווייטער, כדי זיך נישט צעשיידן אויף קיין איין סעקונדע. זיי קומען אריין צו ראָזאַן אין צימערל.

— קיינער וועט אונדז דאָ נישט געפינען... פליסטערט ראָזאַ, און כדי צו זיין מער זיכער, גיט זי אַ פאַרשליס די טיר. מען דאַרף נישט אָנצינדן... זי קאָן נישט ריידן, זי פילט אַזאַ מאָדנע עקסטאַז... זי הענגט זיך אויף זיין האַלדז נאָכאַמאָל, ער הויבט זי אויף אין דער לופטן אַזוי הויך, גלייך ווי ער וויל זיך באַרימען פאַר עמיצן מיט זיין כוח...

אַ מאָדנע געדאַנק גיט אַ שטעך חיימען אין מוח. מיטן שטאָך דער־פילט ער נאָכאַמאָל דעם ריח פון דעם „הדסה" שפּיטאָל, פון דאָקטאָר... ראָזאַ קומט צו הילף... זי לאָזט נישט טראַכטן. זי גיסט אין זיין מויל אריין אַזויפיל שיכרות מיט אירע ליפּן, אַז חיים פאַרגעסט אַלעס... דעם דאָק־טאָרס רייד, געניאַם טרייסט... ער פאַרגעסט אַז ער איז געווען אויף אַ מיסיע, אַז זיין עראָפּלאַן האָט געברענט מיט אַ העליש פייער, בשעת ער האָט געוואָלט שרייען פון גרויס ווייטיק נאָך דעם שרעקלעכן פאַל... אַלעס וואָס איז געווען אַמאָל איז אַ ליגן... אמת איז נאָר דאָס, וואָס זיי זענען איצט צוזאַמען... זיי זענען ביידע אין אַ ווילדן עקסטאַז. עס פאַלן זייערע קליידער צום דיל... די קליידער מישן זיך אויס אין אַ ווילדער אומ־אָרדענונג. גלייך ווי קליידער ווילן אויך זיך פאַרגיטיקן פאַר דער פאַרלוי־רענער צייט... גלייך ווי זיי אויך פליסטערן צוזאַמען מיט די געדאַנקען פון די צוויי פאַרליבטע: „המשך! המשך..."

זיי זאָגן איצט גאָרנישט איינער צום צווייטן. פון גרויס עקסטאַז קע־נען זיי אפילו נישט פליסטערן איינער צום צווייטן, אָבער די לופט פון דעם פינצטערן צימער איז פול מיט דעם געדאַנק: „המשך"...

דער געדאַנק פון המשך אָטעמט אַרויס פון יעדער פאַרהאַלטענעם

אָטעם. עס פֿלאָנטערן זיך ליפּן, הענט און גופֿים... עס ציען זיך צוויי נשמות, איינע צו דער צווייטער, פֿון צוויי גופֿים — לשם המשך... עס דוכט זיך, אַז די שטילקייט אַליין גיט איר ברכה צו די, וועלכע האָבן אַזוי לאַנג געבענקט איינער נאָכן צווייטן...

עס דוכט זיך, אַז די פֿינצטערניש פֿון דעם צימערל וויל גיין האַנט אין האַנט מיט דער שטילקייט כּדי צוזאַמען העלפֿן שאַפֿן אַ ניי לעבן, אַ ניי ליכט. אַ המשך, אַ דור...

אָנגעלאָדן מיט הייליקער שטילקייט איז די פֿינצטערניש פֿון צי־מערל...

עפּעס האָט אַ שניט געטון די הייליקע שטילקייט... אַ שטילער, אָבער אַ האַרצרייסנדיקער געוויין האָט זיך ווי אַ שווערד אַריינגעשטאָכן אין דער שטילקייט...

— וואָס האָבן זיי דאָרט געמאַכט פֿון דיר, חיימקע? אַן אינוואַליד?..

ראָזאַ דערשרעקט זיך אַליין פֿאַר די ווערטער. זי וויל פֿאַרגיטיקן. זי זעצט זיך צו צו חיימען... ער זיצט אַ נאַקעטער אויף דעם בעטל, די פֿיס הענגען אַרונטער צום דיל... זי פֿאַנגט אים אָן קושן און האַלדזן, אָבער חיים לאָזט זיך נישט...

ער זיצט מיט דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין זיינע הענט. ער הערט נישט אירע רייד, אירע ליבעם נעמען, מיט וועלכע זי רופֿט אים... ער פֿילט נישט די ווייכקייט פֿון איר נאַקעטקייט, מיט וועלכער זי וויל אים אויפֿ־מונטערן און טרייסטן...

ער באַפֿרייט זיך פֿון אירע אָרעמס און פֿאַנגט אָן אַרויפֿצוציען אויף זיך זיינע קליידער.

— וווּהין גייסטו, חיימקע? דאָ בלייב, מיט מיר! דו ביסט דאָך מיי־נער! צו מיר געקומען! צו מיר... זיך אומגעקערט פֿון דאָרט!..

— איך מוז זיך דורכגיין אַביסל... כאַפּן אַביסל פֿרישע לופֿט... איך וועל זיך באַלד אומקערן, — פֿאַרזיכערט ער איר מיט זיינע ליפּן, וועלכע קושן זי אין די אויגן און אין קאָפּ...

— וועסט זיך שנעל אומקערן צו מיר? לאַשטשעט זיך ראָזאַ ווי אַ

קליין קינד. גיי נישט אַוועק צו ווייט! קער זיך אום שנעל, וועלן מיר גיין צוזאַמען אין עס־צימער. איך וועל פאַר דיינעטוועגן ברענגען עפּעס פון דער קיך פון בית ההבראה... דו האָסט דאָך נאָך גאָרנישט געגעסן...

ראָזאַ לאָזט אים אַרויס פון אירע אָרעמס מיט אַ מאָדנעם געפיל פון אומעט. זי איילט זיך צו געפינען אין דער פענצטער אירע קליידער און זיי אַרויפציען אויף זיך...

זי וויל נאָכשרייען חיימען, אַז ער זאָל צוואַרטן אויף איר. אָבער חיימען זעט מען שוין נישט! חיים איז אַוועק מיט אַ שנעלן טראַט, ער איז שוין אויף דעם וועג, וועלכער פירט אַרויס פון דעם קיבוץ. וואָס מער ער דערנענטערט זיך צום אַרויסגאַנג פון טויער, אַלץ שנעלער ווערט זיין טראַט... גלייך ווי ער האָט מורא, אַז עמיצער יאָגט אים נאָך.

פון יענער זייט טויער וועט אים ראָזאַ נישט אָניאָגן. זי וועט אים זיכער זוכן בלויז אין די גרעניצן פון דעם קיבוצס משק (ווירטשאַפט).

אָבער דאָ, פון דרויסן, קאָן אים דערזען דער „שומר לילה". לאָזט זיך, דעריבער, חיים אַרונטער צו דער ערד... זיין שאָטן זאָל זיך נישט זען אין דער לופטן.

חיים שפּאַרט זיך אָן אין דעם קוסטן־פּלויט. ער טאַפּט עפּעס אין זיין קעשענע.

„אויב נישט המשך, איז צוליב וואָס? אַן אינוואַליד — ווער דאַרף האָבן? אַך! גנעניק, גנעניק! אומזיסט האָסטו מיך געטרייסט! אַ רחמנות אויף דיר, גנעניק, וואָס איך לאָז דיך איבער אַליין... אָבער פאַרשטיי מיך, גנעניק, אַן אינוואַליד וויל איך נישט זיין!...

דעם לעצטן געדאַנק זיינעם האָט חיים אויסגעשריגן אויף אַ קול. ער האָט זיך אַזש אַליין דערשראָקן פון זיין היסטערישן קול און כדי קיינער זאָל אים נישט אויפכאַפּן, האָט ער אים פאַרטושעט שנעל מיטן שאָס פון זיין אַרמיי רעוואָלווער...

דער שאָס האָט אָנגעמאַכט אַ קורצע סומאַטאָכע. די נאַכטוועכטער זענען אַרומגעלאָפן פון איין עק משק (ווירטשאַפט) צום צווייטן, זיי האָבן געזוכט דעם פּלאַץ, דעם מקור פון דעם שאָס. עס האָבן זיך גע־

וואקלט אין דער לופטן ברענענדיקע לאמטערנעס פון די זוכנדיקע שומרים.
א פאר וועכטער האבן זיך צונויפגעזאמלט ביים קוסטן־פלויט...

— מ׳דארף ארויסרופן א דאקטאר! ער לעבט נאך! האט געזאגט די „שומרת לילה“, זי האט דערהערט דעם שאס בשעת איר אינספעקציע פון די קינדער־היימען, בתי תינוקות. זי איז אויך צוגעלאפן צום קוסטן־פלויט.

— חיים! דאס ביסטו, חיים? שעם זיך, חיים! זיך נאר וואס אומגעקערט פון אזא ווייטן וועג און שוין... ווילסטו אונדז פארלאזן? נישט אומזיסט זאגט מען, אז אלע וואס קערן זיך אום פון דארט זענען אביסל משוגע! וואסארא משוגעת איז דיר באפאלן, חיים? דו ביסט דאך געקומען אהיים א גאנצער, א געזונטער? נישט ווי אנדערע, אן הענט, אן פיס, אינוואלידן?..

— רעד נישט אזוי צו מיר! האט חיים מיט טרערן אין די אויגן געפליסטערט צו דער „שומרת לילה“ בשעת מ׳האט אים אנידערגעלייגט אויף דעם טראג־בעטל — גיי... טעלעפאניר צו מיין שוועסטער, אפשר וועל איך זי נאך באוויזן צו זען? איך האב... איך דארף איר וואס זאגן...

מ׳האט חיימען אריינגעטראגן אין דעם פראכטפולן „בית הבראה“ פון גבעת ברענער. אויסערלעך האט זיך דער קיבוץ שנעל בארואיקט. עס האבן אויפגעהערט ארומצולויפן די נאכטוועכטער מיט זייערע לאמטערנעס אין די הענט...

נאר אין מזכירות איז פלוצים געווארן ליכטיק: די „שומרת לילה“ האט געוועקט די שלאפנדיקע לופט־כוואליעס מיט איר קלינגען אין טעלעפאן...

צוזאמען מיט די שלאפנדיקע לופט־כוואליעס האט זיך אויפגעכאפט ערגעץ, אין דער ווייטנס, א שלאפנדיקער טעלעפאניסט, וועלכער האט געפרעגט מיט א פארשלאפענער שטים:

— וואס? גבעת חיים? הא? גבעת חיים? גוט! איך הער! גבעת ברענער רופט גבעת חיים?...

זינאַ ראַבינאָוויטש

# ניין און פערציקסטער קאַפּיטל

פון דעם טעלעפאָן קלונג איז געוואָרן אויך אַ שטיקל סומאַטאָכע אין גבעת חיים.

דער „שומר לילה", דער נאַכטוועכטער, וועלכער האָט געענטפערט אויף דעם קלונג, האָט געניאַן נישט געקאָנט. ער איז געווען פון די, וועלכע זענען אָנגעקומען אין קיבוץ אַריין נאָך איר אַוועקגיין אין אַרמיי. ווי קאָנען חברים זיין באַקאַנט איינער מיטן צווייטן, ווען דער קיבוץ האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי צעוואַקסן אין צייט פון מלחמה?

דעריבער האָט דער „שומר לילה" געמוזט אַרומלויפן אַ שטיקל צייט און אויסגעפינען ווער די געניאַ איז. גוט וואָס ער האָט אָנגעטראָפן די „שומרת לילה". זי האָט אים אָנגעוויזן דעם צימער, וווּ עס שלאָפט פנינה מיט איר גאַסט, וועלכע איז אַמאָל אויך געווען אַ מטפלת אין בית תינוקות, און וועלכע איז אַוועק אין אַרמיי און דאָרט געוואָרן אַ פּאַראַשוטיסטן!

די שומרת לילה האָט געוואָלט אויפוועקן געניאַן שטילערהייט כדי נישט צעשטערן פנינהס קורצן שלאָף. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. געניאַ האָט זי פּרובירט באַרואיקן זאָגנדיק מיט אַ געמאַכטן געלעכטער: „עס איז גאָרנישט! איך האָב געזאָגט מיין חיימען, אַז ער זאָל מיר טעלעפאָנירן ווען ער וועט האַלטן ביים חתונה האָבן, איך זאָל נישט פאַרשפעטיקן זיין חתונה. דאָס איז די סיבה פון דעם טעלעפאָנירן! גיי, לייג זיך צוריק! עס איז נאָך פאַראַן צייט צו כאַפּן אַ קורצן דרימל... און געניאַ האָט זיך שנעל אַרויסגעגליטשט פון צימער...

זי איז געלאָפן צום טעלעפאָן אין מזכירות, וווּ עס האָט שוין געוואַרט אויף איר דער מזכיר. פנינה האָט אים שוין געלאָזט וויסן, אַז מען מוז אַרויסשיקן געניאַן מיט אַן אויטאָמאָביל צום ברודער. שנעל האָט געניאַ געטראַכט זיצנדיק אין אויטאָמאָביל. אַ דאַנק דער שנעלקייט פון אירע געדאַנקען איז אַלעס געוואָרן קלאָר פאַר איר איצט. חיימקע האָט נעבעך אַלעס געפילט! ער האָט נעבעך געהאַט דעם פאָרגעפיל, אַז דאָס מאָל וועט

די נאַטור נישט איבערקליגערן די וויסנשאַפט! הייסט עס, אַז נישט אומ־זיסט האָט ער גערעדט מיט איר וועגן המשך... געוואָלט זי זאָל פאַרזאָרגן אַ המשך פאַר דער פאַמיליע...

די געדאַנקען האָבן געאַרבעט קלאָר און שנעל. עס האָט זיך קיין איין טרער נישט באַוויזן אין אירע אויגן אפילו ווען זי איז אָנגעקומען קיין גבעת ברענער. דער מזכיר פון קיבוץ האָט זי באַגעגנט און שטאַמלענדיק געזוכט ווערטער ווי אַזוי צו ברענגען איר די נייעס.

—איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס? מיר האָבן נאָך אפילו נישט באַוויזן אָפּצוגעבן אים שלום עליכם... ווייזט אויס, אַז אפילו די געזונטסטע פון זיי, וואָס קערן זיך אום פון קריג, זענען אביסל צעדרייט...

— וווּ איז מיין ברודער? לעבט ער נאָך? האָט אים גניא איבער־געשלאָגן די שטאַמלענדיקע רייד.

— אין בית ההבראה... דער דאָקטאָר האַלט אים אויף מיט איינ־שפּריצונגען, — האָט דער מזכיר געענטפערט און זי אַליין אוועקגעפירט אַהין...

ראָזאַ האָט זיך אויפגעהויבן מיט פאַרשוואָלענע אויגן, ווען די טיר פון צימער האָט זיך געעפנט. זי האָט גניאַן אָנגעוויזן אויף חיימען... ניט קאָנענדיק אויסהאַלטן דעם געוויין, וועלכער האָט זי געשטיקט, איז זי אַרויסגעלאָפן פון דעם צימער און האָט זיך צערעוועט אין דרויסן מיט אַ הייזעריקן, מידן קול...

אָבער אינעווייניק אין חיימס צימער האָט קיינער נישט געהערט דעם קול פון איר געוויין. און אפשר האָבן זיך ברודער און שוועסטער געמאַכט נישט הערנדיק? זיי האָבן זיך געוואָלט אָנקוקן איינער מיטן צווייטן איי־דער זיי צעשיידן זיך...

— גוט וואָס ביסט געקומען... האָט חיים געפּליסטערט מיט טרערן אין די אויגן, גערענק, גניק, המשך! איצט ביסטו איינע... דו מוזט!...

— פאַרוואָס האָסטו מיך געלאָזט דאָ איינע אַליין, חיימקע? האָט זי געזאָגט קושנדיק אים און לעקנדיק די טרערן פון זיינע אויגן און באַקן...

— אָן המשך... קיין זינען נישטאָ... געניק... אינוואַליד... איז דאָס מיין שטראָף, געניק?

זי האָט אים צוגעדעקט דאָס מויל מיט אירע הענט... ער האָט זיי געקושט ווייך און מיט טרערן. מיטאמאָל האָט ער זיך אויפגעזעצט מיט גרויס אימפעט, אויסגעסטאַרטשעט זיינע אויגן און, אָנווייזנדיק אויף דעםווינקל פון זיין צימער, אַ פליסטער געטון: זעסט דעם ראָד? דעם גומענעם ראָד? און ער איז צוריק אַנידערגעפאַלן אויף זיין קישן.

— דאָס איז נישט דער ראָד, חיימקע! עס ווייזט זיך דיר אויס! דאָס איז אונדזער אַקאַציע בוים. געדענקסט דעם בוים ביי אונדז, דאָרט, אין דער היים, אין גאָרטן? די הוידעלקע אונטערן בוים? הערסט, חיימקע! דער אַקאַציע בוים! האָט זי געשריגן גלייך ווי זיך געשראָקן, אַז ער הערט שוין מער נישט אירע ווערטער.

— און נישט דער ראָד?.. האָט ער קוים אַרויסגעפליסטערט...

## פופציקסטער קאַפיטל

„נישט דער ראָד! נישט דער ראָד!" האָט געניא געהאַלטן אין איין פליסטערן צו זיך אַרומגייענדיק איבער דעם גאָרטן פון „בית ההבראה".

ווען זי וואָלט געקאָנט וויסן צי חיים האָט געהערט אירע ווערטער? צי האָט זי אים איבערציייגט, כאָטש אין דער לעצטער מינוט? צי ער איז אַוועק אין דעם וויטן גאַנג אַריין מיט דעם זעלבן צווייפל, וועלכער האָט אים אויפגעגעסן? פון יענער נאַכט אָן, ווען זי האָט אים נישט געוואָלט אָנערקענען אַלס ברודער; בשעת זיי האָבן געלאַנדעט ביי כפר וויטקין... האָט דער צווייפל אים געגעסן... איז זי נישט שולדיק אין דעם צווייפל מער ווי די ראָד אַליין? אַך, חיימקע! חיימקע!

— הער נאָר, חיימקע! האָט זיך אָנגערופן אַ יונגע שטים נישט ווייט פון איר — וועסט היינט מוזן איבעררייסן דיין אַרבעט דאָ, אין דעם בלומענגאָרטן — היינט דאַרפן מיר גראָבן אין אַן אַנדער פּלאַץ! גלויבסט מיר נישט? איך קום דאָך נאָר וואָס פון דעם מזכיר... דער נעכטיקער

„סידור עבודה" (צעטיילונג פון אַרבעט) מוז היינט אויף העלפט בטל ווערן!

— וואָסאַרא בטל ווערן? האָט זיך אָנגערופן דער חלוץ, וועלכער האָט געאַרבעט אין בלומען גאָרטן, צו זיין חבר. עס ווערט דען אָפּגעלייגט דאָס לייגן פון דעם ווינקלשטיין? ווי קאָן דאָס זיין? מען האָט דאָך צע־שריבן אין אַלע צייטונגען פון לאַנד... עס קומען דאָך מענטשן פון אַלע עקן לאַנד...

— דעם ווינקלשטיין פאַר דעם „בית ערנא" (ערנא־הויז) וועט מען טאַקע לייגן, אָבער פאַר דעם מת וועט מען מוזן גראָבן אַ קבר, אים באַ־ערדיקן!.. וועסטו במחילה זיך נעמען צו דעם קבר, חיימקע!... איך ווייס נאָר נישט, וואָס וועט זיין פריער, צי די לויה פון דעם פּאַראַשוטיסט, צי דאָס לייגן דעם ווינקלשטיין... ווי רעכנסטו?...

— איך וואָלט געזאָגט אַז יעדער איינער, וועלכער וויל זיך אַליין נעמען דעם לעבן, זאָל פאַר זיך אַליין באַצייטנס אויסגראָבן אַ קבר! נישט געבן אונדז קיין עקסטראַ אַרבעט! איבערהויפּט, אין אַזאַ טאָג, ווען עס קומען זיך צונויף אַלע גדולים פון דעם לאַנד צוליב דעם ווינקלשטיין פון בית ערנא!.. אַ ווילער בחור געווען, דער ערנא! אַ פּריילעכער יונג! ווי איינער פון אונדז! ער האָט אַזוי ליב געהאַט בלומען... געדענקסט? האָב איך זיך טאַקע היינט לכבוד זיין ווינקלשטיין געוואָלט באַרימען מיט מיין גאָרטן, מיט די בלומען, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט...

געניאַ האָט צוגעוואַרט ביז וואַנען די צוויי יונגע חלוצים זענען אַרויסגעגאַנגענע פון דעם גאָרטן.

זי האָט זיי נאָכגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן „איר גייט גראָבן אַ קבר פאַר מיין ברודער?" האָט זי זיי געוואָלט נאָכשרייען. „אויך אים רופט מען חיימקע... אָבער ער וועט פאַרגעסן ווערן גאַנץ שנעל! ער לאָזט נישט איבער קיין המשך, און ער האָט נעבעך אַזוי געוואָלט אַ המשך!"

געניאַ האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צו די בלומען, אָנבייגנדיק זיך האָט זי זיי געגלעט ביי די קעפּלעך. עס האָבן זיך געגאָסן טרערן אויף זיי פון אירע אויגן.

עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז אירע טרערן שמאַרצן שטאַרק מיט זייער ביטערקייט די בלומען, אַז זיי בייגן זיך נידעריקער פון דעם שמאַרצן...

פעדים פון ווייטיק האָבן זיך געצויגן פון געניאַן צו די בלומען. די פעדים האָבן זיי פאַרברודערט. די בלומען זענען אירע בעסטע עדות פון איר איצטיקער פאַריתומטקייט... נישטאָ דער, מיט וועמען זי האָט זיך אַמאָל דאָ באַגעגנט, דאָ, ביי די זעלבע בלומען אין אַ פריען באַגינען... ערנאַ וועט זיי שוין מער נישט גלעטן... ער וועט זיי שוין מער נישט ליבן! ביידע זענען אַוועק פון איר... ביידע האָבן אַזוי ליב געהאַט די בלומען.. איר חיימקע און איר ערנאַ. נאָך וועמען טרויערן מער? ביידע זענען אַוועק אין דעם ווייטן וועג אַריין, אין המשך... ווער וועט געדענקען איר ברודער דאָ? דאָס לעבן איז אַזוי רוישיק... עס פאַדערט המשך! מ'וועט צוליב דעם המשך באַלד פאַרגעסן, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ חיימקע, אַ חלוץ! אָבער קיינער וועט נישט וויסן אַז דו ביסט געקומען אין דעם לאַנד, וואָס האָסט אַזוי ליב געהאַט, מיט אַ פלעק אויף דיין געוויסן! אַז דו האָסט נעבעך געזוכט מיטלען אָפּצורייבן דעם פלעק דורך זעלבסט־פּייניקונג, חיימקע! איז דיר געלונגען צו פאַרגעסן וועגן דעם פלעק אין דער לעצטער מינוט חיימקע?..

און דו, ערנאַ? ליבסטער מיינער? אויך דו ביסט אַוועק אין המשך... דו פאָדערסט פון מיר, אַז איך זאָל פונדיינעטוועגן שאַפן אַ המשך... קאָן דאָס זיין אַזוי אין לעבן? ליבסטער מיינער? ווי אַזוי קאָן איך? איך ליב דיך אַזוי? איך בענק נאָך דיר אַזוי! מיט דער פראַגע אין האַרצן איז געניאַ געגאַנגען צו איר ברודערס לויה, מיט דער זעלבער פראַגע איז זי געגאַנגען צום פּלאַץ, ווו מ'האָט געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַרן „בית ערנאַ".

אַהין האָט זיך געצויגן גאַנץ גבעת ברענער, אַהין האָבן זיך געצויגן עטלעכע הונדערט געסט פון אַלע עקן לאַנד. אַהין האָט זיך געצויגן געניאַ מיט איר אומעטיק האַרץ... איז דען דאָס „ערנאַ הויז" נישט איר הויז? איז דען דאָס הויז נישט לכבוד דעם, מיט וועלכן זי האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט, טאַקע אָט דאָ, אין גבעת ברענער? איז דען דאָס נישט איר

ערנא, וועלכער האָט געשוווירן איר טריי צו זיין אויף אייביק... דאָרט אנטקעגן דעם גלבוע באַרג?

איז דען דאָס נישט איר ערנא, וועלכער האָט געשריבן צו איר זיינע לעצטע בריוו? איר ערנא! מיט איר זכרון און טראַכטנדיק וועגן איר, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם־צוג... אך ערנא, מיינער! ווי קאָן איך לעבן אָן דיר? און דו ווילסט פֿון מיר אַז איך זאָל פֿאַר דיר שאַפֿן אַ המשך! ווי קאָן איך דאָס, ליבסטער מיינער!

עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די צערעמאָניע פֿון לייגן דעם ווינקלשטיין פֿון „בית ערנא”. עס האָט זיך איבערגעריסן אויף אַ ווייַלע דער פֿאָדים פֿון געניאַס געדאַנקען. מ׳רעדט דאָך וועגן איר ערנא, מוז זי זיך גוט צו־הערן צו יעדן וואָרט, וואָס ווערט געזאָגט וועגן איר ליבסטן...

איז געניאַ געשטאַנען מיט דעם המון, אביסל אָן אַ זייט, און האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פֿון די רעדנער, די רעדנער האָבן זיך אָפּט גע־ביטן, איינער אַרויף און דער צווייטער אַרונטער פֿון דער פּראָוויזאָרי־שער פּלאַטפֿאָרמע. אָבער אַלע האָבן גערעדט וועגן ערנאָן.

— אונדזער ערנא, האָט געזאָגט איינער פֿון די רעדנער, איז געווען נישט נאָר דער ערשטער פּירער פֿון דעם איטאַליענישן חלוציזם, נישט נאָר אַ בראַווער סאָלדאַט, אַ וואַגיקער פּאַראַשוטיסט, אַ קלוגער סטראַ־טעגיסט, וועלכער האָט שטענדיק, אין די שווערסטע צייטן, געפֿונען אַ מעגלעכקייט צו באַקומען וואָפֿן פֿאַר דעם לאַנד... אונדזער ערנא איז גע־ווען אויך אַן עסטעט... ער האָט ליב געהאַט שיינקייט מער פֿון אַלץ אין דער וועלט! ער האָט ליב געהאַט בלומען מער פֿון אַנדערע חברים! דאַ־ריבער האָט ער שטענדיק געבעטן אַז מ׳זאָל אַכטונג געבן אויף אונדזער „גינת נוי” (בלומען גאָרטן). מ׳דערציילט מיר, אַז עס זענען געווען ספּעציעלע בלומען ביי אונדז, אין וועלכע ער איז געווען פֿאַרליבט ווי אַ ייִנגל אין אַ מיידל, וועגן די בלומען האָט ער זיך ספּעציעל געזאָרגט... זיינע חברים דערציילן מיר, אַז זיי פֿלעגן אים טרעפֿן אָפֿט גאַנץ פֿרי, נאָך פֿאַרן גלאָקצייט, ביי די בלומען...

אין זיין לעצטן בריוו צום קיבוץ פֿון „דאָרטן” בעט ער זיינע חברים, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף די בלומען... איבערהויפּט אויף די,

וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט! דאָס איז די העכסטע מדרגה פון עסטעטיק, חברים! צו טראַכטן וועגן בלומען בשעת אַ מענטש גייט אַנט־קעגן אַזאַ שוידערלעכן טויט! דאָס איז געווען אונדזער ערנאַ... עסטעטיק אַליין... און מיר האָפן, אַז די יוגנטלעכע, וועלכע וועלן וווינען אין דעם הויז, אין „בית ערנאַ", וועלן זיך לערנען פון דעם קדוש ערנאַ, פון זיין טויט און פון זיין לעבן, ווי אַזוי צו זוכן שיינקייט אין לעבן! און דאָ מוז איך דערמאָנען די, וועלכע האָט מיט איִם געטיילט זיינע געדאַנקען און זיינע געפילן... זיינע זוכענישן פון שיינקייט, זיין עסטעטיק... גענינאַ האָט פאַרהאַלטן איר אָטעם! מיינע צוהערער פאַרשטייען דאָך אַז איך מיין דאָ בעאַטריטשען, ערנאָס ווייב! צו אונדזער אַלעמענס גליק איז זי אָנגעקומען אין גבעת ברענער אין צייט, כדי ביי־צווווינען דעם ווינקל־שטיין לייגן... און לאָז מיר דערלויבט ווערן צו זאָגן צו בעאַטריטשען דאָ אַ פּאָר ווערטער: דו, בעאַטריטשע, וועלכע האָסט געטיילט מיט דעם גרויסן קדוש זיינע פריידן און זיינע חלומות, דו האָסט זיכער געהאַט אַ חלק אין אַלע זיינע עסטעטישע זוכונגען, דו ווייסט ווי אַזוי צו באַ־שיינען אונדזער „בית ערנאַ" ווען ער וועט אויפגעשטעלט ווערן! . דיר וועלן מיר דאַן איבערגעבן די שליסל פון דעם בית הנוער! דו האָסט גע־טיילט מיט אים זיינע אינטימסטע געפילן, דו האָסט געקאָנט די מינדס־טע ניואַנסן פון דער שיינער נשמה! דו ווייסט ווי אַזוי פאַרצווזעצן...

מער האָט גענינאַ נישט געקאָנט הערן... זי איז אַוועק צום ברודערס נאָר וואָס פאַרשאָטענעם קבר. דאָרט איז זי לאַנג געזעסן און אירע טרערן האָבן זיך געגאָסן אויף דעם פרישן בערגל...

די געסט האָבן שוין פאַרלאָזט דעם שיינעם גאָרטן פון דעם בית הבראה, אַלע זענען געקומען באַוואונדערן דעם גאָרטן וואָס ערנאַ האָט ליב געהאַט. די לופט האָט זיך שוין באַרואיקט פון די כבוד־רעדעס, פון די הספדים נאָך דעם קדוש, אויף וועמענס נאָמען מ'האָט געלייגט דעם ווינקל־שטיין. דאַן ערשט האָט זיך גענינאַ אַנידערגעזעצט לעבן די בלומען. ביי די זעלבע בלומען האָבן זיי זיך באַגעגנט אַמאָל אין דעם גורלדיקן שבת פאַרבאַגינען.

זי איז געזעסן אַ לאַנגע צייט, זי האָט זיך געפרעגט די זעלבע פראַגע:

ווי קאָן איך אָן דיר, ליבסטער מיינער? ווי אַזוי?..

## איין און פופציקסטער קאַפּיטל

די זעלבע פראַגע האָט זיך געניאַ נישט אויפגעהערט צו פרעגן אפילו ווען זי איז צוריקגעקומען קיין גבעת חיים.

ווי קאָן זי לעבן אָן איר ליבסטן איצט?..

דער קיבוץ האָט אויסגעזען צו שטיל איצט. אין דער שטילקייט פלעגט זי בלויז הערן די דאָזיקע פראַגע, און ווען זי פלעגט הערן די פראַגע פלעגט קומען אויפן געדאַנק חיימקע. חיימקע איז געווען קראַנק מיט זיין קערפּער, אַן אינוואַליד... דערפאַר האָט ער געמאַכט אַ סוף... זי איז קראַנק מיט דער נשמה, קראַנק פון ליבע — איז דאָס בעסטע אויך צו מאַכן אַ סוף! אָבער דער, אָן וועלכן זי קאָן נישט לעבן, האָט איר געהייסן אין זיין צוואה צו בלייבן לעבן... צו בלייבן דאָ אויף דער ערד... טון אַרבעט, שאַפן המשך...

אָבער ווי קאָן זי אָנפאַנגען צו טון אַרבעט, ווען עס גייט איר גאָר־נישט אָן... דאָ איצט? אַלעס איז אַזוי פּריקרע, אַזוי פרעמד! נאָר פנינה... אָבער אויך זי קוקט אַזוי מאָדנע אויף איר, גלייך ווי זי, געניאַ, איז אַ גאָט! אָבער איך בין נישט קיין גאָט! איך בין בלויז מענטש, גוף און נשמה! און ביידע זענען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו מיין ליבסטן, אַז איך קאָן זיך נישט אָפּשיידן פון אים! ליבסטער מיינער! איך וויל אַזוי קומען צו דיר און דו לאָזט מיך נישט. העלף מיר, ליבסטער מיינער, גיב מיר כוח! גיב מיר אַ געדאַנק, אין וואָס זיך אָנהאַלטן!.. אָבער דעם געדאַנק האָט געניאַן געגעבן נישט איר ליבסטער, נישט דער, וועלכער האָט איר איבערגעלאָזט די מאָדנע צוואה, דער וואָס האָט איר געהייסן לעבן!

דעם געדאַנק, ווי אַזוי צו געפינען כוח צום לעבן, ווי אַזוי אָנצוגיין ווייטער, האָט איר געגעבן גאָר אַן אַנדער מענטש... געניאַ האָט שוין כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן אים.

אפשר האָט געניאַס גורל אַליין געוואָלט אַז גראַדע אין דעם אָוונט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון גבעת ברענער נאָך איר ברודערס לויה, זאָל זי אַריינקומענדיק אין מזכירות זיך באַגעגענען מיט לייטענאַנט וויטקאָמב.

די איבערראַשונג איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. צוזאַמען מיט דער איבערראַשונג האָט זי דערפילט אַ מאָדנע פרייד.

קאָן זיין דערפאַר, וואָס די באַגעגעניש האָט איר דערמאָנט די פאַר־ראַשוטיסטן שולע פון עין חרוד, ווו זי האָט פאַרבראַכט אירע בעסטע טעג און נעכט מיט איר ליבסטן. קוקנדיק אויף אים מיט איבערראַשונג האָט זי געזען איצט גאָר אַן אַנדער וויטקאָמב..

וויטקאָמב האָט שוין נישט געטראָגן מער דעם ענגלישן אוניפאָרם. ער איז געווען אָנגעטון אין קורצע כאַקי הייזלעך, אין אַ צעשפּילעטער ביים האַלדז בלוזע, ווי איינער פון די קיבוץ מענטשן.

— איצט, ווען איך בין שוין אַ באַפרייטער מענטש, קאָן איך טון דאָס, וואָס מיין האַרץ גלוסט, געניאַ! — האָט ער געזאָגט שטיל, פירנ־דיק זי צום „גרינעם קרייז" פון גבעת חיים. אַמאָל האָב איך נישט גע־קאָנט... דער אוניפאָרם פאַרפליכטעט, געניאַ! מען קאָן נישט זיין קיין פאַרעטער אַפילו ווען דו זעסט, אַז דיין אייגן לאַנד האָט אָנגענומען אַ פאַרעטערישע טאַקטיק!...

— געניאַ! איר געדענקט יענעם אָוונט, ווען איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט, וואָס איר האָט זיך וואָלונטירט אין אַרמיי... ווייסט איר פאַרוואָס, געניאַ? ווייל איך האָב געזען צו וואָס די בריטישע טאַקטיק שטרעבט... געווען געניאַ, דאַן שלעכטע צייטן... איך מוז צוגעבן, גאָר שלעכטע!... אָבער, אַפילו אין יענע צייטן האָט ענגלאַנד נישט געטאָרט וועלן גיין אויף אַזעלכע קאָמפּראָמיסן! ווייסט איר, אַז ענגלאַנד איז שוין געווען גרייט אָוועקצוגעבן פאַלעסטינע דעם דייטש, ווען אונדזערע קריגס־געשעפטן זענען געגאַנגען שלעכט אין אַלאַמיין?...

דערפאַר האָט מיך געקרענקט וואָס איר און נאָך אַזעלכע נאַאיווע, ווי איר, די בעסטע יונגע מענטשן פון דעם לאַנד, האָבן געגלויבט. איר

האָט געמיינט אַז איר וועט באַקומען אַ לוין פאַר אייערע קרבנות! ענגלאַנד צאָלט נישט קיין פּרעמיעס! זי נעמט נאָר... זי האָט ליב צו נוצן יענעמס כוחות, אָבער צאָלן דערפאַר — דאָס נישט!.. איך קאָן גוט מיין ענגלאַנד... ליידער, איז דאָס אַזוי! אָבער איצט, בין איך שוין פריי! איך קאָן זאָגן אַלעס, וואָס איך וויל! איך קאָן העלפן מיט וואָס איך וויל דעם קלייניקן ישובֿל, וועלכער ראַנגלט זיך מיטן בריטישן לייב... איצט קאָן איך אַרויסהעלפן דעם שוואַכן אַנטקעגן דעם שטאַרקן, וועלכער וואָלט אים געוואָלט פאַרניכטן... איך טו צוביסלעך אין דער הינזיכט... און אין דער אַרבעט געפין איך טרייסט, געניאַ... און כוח אָנצוגיין...

— כוח? האָט געניאַ איבערגעחזרט זיך אָנכאַפּנדיק אין דעם וואָרט

— איך זוך אויך כוח... וויטקאָמב... איך קאָן אים אָבער נישט געפינען אין זיך... האָט געניאַ געזאָגט איינגראָבנדיק איר קאָפּ אין אירע הענט

— איך קאָן נישט לעבן, וויטקאָמב... אָן אים... איך קאָן נישט!

— זוכט אויס אַ שווערע אַרבעט, געניאַ... אַן אַרבעט, אין וועלכער איר זאָלט פילן, אַז אָן אייך קאָן מען נישט זיין... אין איר וועט איר געפינען טרייסט און כוח... אַרבעט, געניאַ!... לאַנג זענען געזעסן וויטקאָמב און געניאַ אויף אַ באַנק אין דעם גרינעם קרייז. יעדער איינער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

ער האָט געטראַכט וועגן זיין לאָנדאָן, ווו ער האָט שוין איצט קיינעם נישט! קיין ווייב! קיין קינד. אַזוי לאַנג צוריק צעריסן געוואָרןביידע אויף שטיקער פון אַ באָמבע! ער געדענקט שוין אפילו נישט זייער אויסזען...

וויטקאָמב האָט אויך געטראַכט וועגן דער פאַראַשוטיסטן שולע, וועגן יענע וואָכן, ווען זיי האָבן אַלע געלעבט צוזאַמען אין איין הויז, לערער און תלמידים פאַראַשוטיסטן...

יאָ... ער געדענקט גוט, ווי געניאַ האָט ליב געהאַט ערנאַן, מיט אים פלעגט זי פאַרברענגען גאַנצע נעכט... ער געדענקט אָבער אויך אַז זי האָט קיינמאָל גאָרנישט פאַרלייקנט פון אים! זי האָט אים שטענדיק געוואָרנט, אַז ער טאָר זי נישט ליב האָבן...

אָבער קאָן מען זאָגן צום הארץ „האָב נישט ליב! בענק נישט!״ האָט ער טאַקע געבענקט! אָט די אַלע לאַנגע מאָנאַטן האָט ער נאָכגע־פאָלגט מיט זיינע גדאַנקען יעדער באַוועגונג געניאַס! ער האָט שטענ־דיק געוווּסט וווּ זי געפינט זיך און אין אַ וואָסער לאַגע... ער האָט גע־וווּסט אַלעס וועגן די, וועלכע מ׳האָט אַוועקגעשיקט קיין אייראָפּע אַנט־קעגן דעם טויט... אָבער וועגן איר האָט ער געוווּסט מער ווי וועגן אַלע... איז דאָס ליבע? אָבער, ווי קאָן מען איר זאָגן איצט וועגן דעם? זאָגן, אַז ער האָט אַרויסגעקוקט אויף איר צוריקקומען מיט טויזנט אויגן? אַז ער איז צוליב דעם היינט דאָ אין גבעת חיים?

וויטקאָמב איז געזעסן שטיל און האָט גאָרנישט געזאָגט.

— איר זאָגט: ארבעט, וויטקאָמב! אָבער וואָסער ארבעט? אָט דאָ אין קיבוץ איז פאַר מיר איצט צו שטיל... יעדער זאַך דערמאָנט מיר... פאַרגרעסערט דעם ווייטיק... זאָגט מיר, וואָס טוט איר? אפשר וואָלט איך אויך געקאָנט טון דאָס זעלבע, כדי זיך צו פאַרגעסן...

— מיין ארבעט קאָנט איר נישט טון, געניאַ. מיין ארבעט... איז זייער אַ מיאוסע ארבעט... אויב איר ווילט איז דאָס אַ מיאוסע ארבעט. עס געווענדט זיך ווי מען קוקט אויף דעם. אויב ברענגען אינפאָרמאַציע צו איינעם, וועלכער לעבט אין טעות, איז אַ מיאוסע ארבעט — טאָ טו איך די ארבעט, געניאַ! איר, יידן, לעבט דאָ אין גרויס טעות, געניאַ! איך ווייס, אַז עס גייען שלעכטע צייטן אויף אייך... אַז מען וועט זוכן געוואַלד ווער איבערצופֿאַלן! בשעתן זוכן, וועט מען זיך נישט שעמען אפילו צו פאַרניכטן דאָס, וואָס איר האָט אויפגעשטעלט דאָ אין לאַנד מיט גרויס מי און מיט די גרעסטע קרבנות! אין דעם באַשטייט מיין ארבעט, גע־ניאַ! אָנצוזאָגן, וואָרנען! אָבער ביי אייך דאָ, די מענטשן זענען אַזוי נאַאיוו, אַז זיי ווילן מיר נישט גלויבן...

געניאַ האָט גענומען זיין האַנט און זי פעסט געדריקט מיט אירע צוויי הענט.

— נישט נאָר דערפאַר וואָס איר טוט די וויכטיקע ארבעט! איך האָב פון אייך היינט געשעפּט כוח! איך וועל לעבן, וויטקאָמב! איך מוז

לעבן! ער הייסט מיר לעבן... אין זיינע בריוו... ער הייסט מיר! איצט ווייס איך ווי אזוי! איך פאר אוועק פון דאנען, וויטקאמב! איך האב אר־בעט צו טון! געגוג ארבעט! נישט אומזיסט האט די אגענץ מיר פארגע־לייגט, אז איך זאל פארן קיין אייראפע דארט ארבעטן מיט די קינדער. זיי ווארטן אויף מיר. אפגעריסענע, אפגעשליסענע... מען דארף זיי פריי־לעך מאכן! געזונט מאכן מיט א לידל, מיט א מעשהלע, מיט א שפיל, ביז וואנען מען וועט זיי קאנען ברענגען אהערצו! איך זע אצינד אזוי קלאר, וויטקאמב! איך זע מיך צווישן זיי. זיי דארפן מיך האבן. איך פאר צו זיי. איך קום צו זיי. אפשר דארט, מיט זיי, וועל איך פארגעסן אביסל... זיך באוואיקן פון מיין גרויסער פארלוסט. דאן אפשר וועל איך קאנען אנהייבן אויפסניי... ווי ער הייסט מיר אין זיינע בריוו. ער וויל איך זאל דא בלייבן אויף דער ערד א סך יארן, וויטקאמב! ער וויל אזוי!

— איך פאר אויך אין גיכן קיין אייראפע צו ליקווידירן אלע מיינע געשעפטן דארט. איך וויל זיך באזעצן דא, אין דעם קליינעם לאנד, ווו מענטשן קעמפן פאר פרייהייט, געניא! אפשר וועלן מיר זיך באגעגענען אין אייראפע, געניא? צי דא? ווען איר וועט זיך אומקערן א... בארו־איקטע?

געניא האט נישט געענטפערט אויף דער לעצטער פראגע. קאן זיין דערפאר וואס זי האט זי כמעט נישט געהערט. קאן זיין דערפאר, וואס זי איז שוין געווען מיט איר געדאנק אין אייראפע. די קינדער ווארטן אויף איר אין די לאגערן פון די הייםלאזע. אט זענען זיי ארום איר. זי אין דער מיטן און זיי אין א קרייז... און ווען זי וועט זיך וועלן אפרוען פון די קינדער, וועט זי באזוכן דעם פלאץ, ווו איר ליבסטער איז אומ־געקומען מיט איר נאמען אין מויל, מיט איר אנדענק אין לעצטן טראפן פון זיין באוווסטזיין. זי וויל זען מיט אירע אייגענע אויגן, ווו ער האט אויסגעהויכט איר נאמען. ווו ער האט געשריבן די בריוו צו איר...

עס האבן שוין לאנג געוויינט שאקאלן ערגעץ אין דער ווייטנס, אין די זאמדן. וויטקאמב מיט געניאן זענען נאך אלץ געזעסן יעדער איינער פארטיפט אין זיינע מחשבות.

מען האָט שוין אָפּגערוימט די בלעכענע טעלער אין עסצימער פון גבעת חיים, און זיי זענען נאָך אַלץ געזעסן אין דעם „גרינעם קרייז" פון דעם קיבוץ, יעדער איינער אַריינגעטון אין זיינע געדאַנקען און זכרונות.

אין דעם „גרינעם קרייז" פון דעם קיבוץ האָט זיך אָנגעהויבן גע־ניאַס לעבן דאָ, אַהערצו האָט זי אַמאָל געבראַכט מאַניאַ כדי זי איינ־וואָרצלען אין לאַנד, אין קיבוץ־לעבן. פון דאַנען, פון דעם „גרינעם קרייז". וועט זי מאָרגן אָפּפאָרן צוריק קיין אייראָפּע! זי וועט אַרבעטן דאָרט, כדי צו שעפּן כוח אין דער אַרבעט, כדי צו זיין אומשטאַנד אָנצוהייבן אויפסניי. אויפסניי?

„ווי קאָן איך אָנהייבן אויפסניי, ליבסטער מיינער? קאָן אַ מענטש לעבן אָן אַ הארץ? און איך האָב מיין הארץ דיר אוועקגעגעבן. דו האָסט עס מיטגענומען מיט זיך, ווען ביסט אוועקגעפלויגן פון מיר אין יענעם באַגינען, מיט דיין עראָפּלאַן... אָבער דו הייסט מיר לעבן?! וועל איך לעבן! איך וועל טון וואָס דיין צוואה זאָגט, וואָס זי הייסט מיר טון, ליבסטער מיינער!"

איצט איז זי שוין אַנטשלאָסן אַז זי מוז בלייבן לעבן. זי מוז אויספאָלגן די צוואה פון איר ליבסטן. אָבער שווער איז איר געמיט. דאָס הארץ אירס איז אָנגעגאָסן מיט פּחד פאַר דעם גרויסן וואַלד, וועלכן זי דאַרף דורכ־גיין. וועט זי האָבן כוח דורכצוגיין אַזאַ לאַנגן לעבנסוועג איינע אַליין, אָן איר ליבסטן? אין איר גוף האָט געוויינט אַן עלנט הארץ, און מיט אים האָבן ערגעץ ווייט ווייט מיטגעוויינט שאַקאַלן פון דער אומגעגנט.

פון דעם שאַקאַלן געוויין איז אויך וויטקאָמבען געוואָרן קרענקלעך אומעטיק. ער איז אויך געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט. ער האָט געהערט איצט אַזויפיל געוויינען: דאָס גע־וויין פון זיין מוטער, וועלכע איז אויסגעגאַנגען אַ פאָר שעהען נאָך דער באָמבאַרדירונג. דאָס געוויין פון זיין ווייב ביים קינדס וויגעלע אין די לאַנגע לאָנדאָנער נעכט, בשעת ער איז געווען ווייט אין קריג. איצט איז ער איינער אַליין אויף דער וועלט. אָן גלויבן אין דער וועלט, אין איר יושר. ער כאַפּט זיך אָן אָן דעם לאַנד, פון וועלכן עס דאַרף אַמאָל, לויט

דער ביבליע, ארויסוואקסן דער גרעסטער יושר אין דער וועלט. וועט ער ארויסוואקסן פון דאנען? פון דעם קליינעם ציון?

וויטקאמב האט זיך אזוי פארטיפט אין זיינע געדאנקען, וועלכע דער שאקאל־געוויין האט אויפגעוועקט אין אים, אז ער האט פארגעסן אז דער סעקרעטאר פון דעם קיבוץ ווערט אומגעדולדיק צו ווארטן אויף אים און אויף זיינע נייעסן. ער האט דאך צוגעזאגט צו ברענגען וויכטיקע אינפארמאציע!...

## צוויי און פופציקסטער קאפיטל

וויטקאמבס אינפארמאציע, וועלכע ער האט געבראכט צום סעקרעטאר פון גבעת חיים, האט אויסגעזען אזוי אומגלויבלעך, אז דער סעקרעטאר האט געשמייכלט... פונקט אזוי האבן געשמייכלט אנדערע „מזכירים" פון אנדערע קיבוצים.

אבער שוין אויף מארגן פארטאג האבן זיך אלע איבערצייגט אז וויטקאמב איז געווען גערעכט. און דערפאר, וואס וויטקאמב איז געווען גערעכט אין זיין פאראויסזאגן וואס עס גרייט זיך אויף דעם פיצעלע ישוב, האט געניא נישט געקאנט אפפארן, ווי זי האט פלאנירט. ווי קאן מען איבערלאזן א קיבוץ, אין וועלכן אלע מענער זענען מיטאמאל געווארן איינגעשפארט אין שטייגן? די ענגלישע מאכט האט טאקע בלויז געוואלט „איבערזיפן" אלע קיבוצניקעס, כדי צו וויסן פון וואנען יעדער איינער שטאמט! אבער דערווייל זענען געבליבן די בהמות אן מענער־ארבעטער. ווער זאל אויף זיי אכטונג געבן? האבן דאריבער די פרויען באדארפט טון אויך די מענערישע ארבעטן פון קיבוץ! די קינדער זענען מיטאמאל, אין איין טאג, געווארן ווי דערוואקסענע. זיי האבן אנגעהויבן צו פארשטיין די שפראך פון „רמזים" און „תרגום לשון" (יידיש און רוסיש). זיי האבן אויפן וונק פארשטאנען אז זיי קאנען זיך אנטקעגנשטעלן די „טאמים" מיט זייערע צוינדלעך און נעגעלעך, אויב די „טאמים" גייען אנטקעגן זיי מיט ביקסן. די „טאמים" זענען געווארן צעביסן און

צעדראפּעט פון די קינדער. זיי האָבן זיי געמוזט אָפּלאָזן. די קינדער האָבן געטון וויכטיקע ארבעט: צווישן די שפּילעכלעך פון זייערע קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך האָבן זיי באַהאַלטן געווער און דאָקו־מענטן, זיי האָבן געהאָדעוועט די עופות און די שאָף.

זייענדיק צווישן די קינדער, האָט געניא מיטאַמאָל דערפילט, אַז אָן איר קאָן דער קיבוץ איצט נישט זיין. אין דעם באַוווסטזיין האָט זי געשעפּט איר כוח. זי האָט געאַרבעט עטלעכע מעת לעת דורכאַנאַנד, אָן אָפּרו, אי אין קיך, אי מיט די הינער, אי מיט די קינדער, אי אַלס איבער־זעצערן צווישן דער אַרמיי און די פאָרשטייער פון קיבוץ, וועלכע זענען געווען אַרעסטירט באַגלייך מיט אַלע מענער.

אירע ווייכע רייד, איר נאָבעלער מלכה־קוק, מיט וועלכן זי האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף די, וואָס האָבן געבראָכן מיט די ביקסן ווענט און דילן, האָבן ענדלעך געווירקט. עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן אַז זיי האָבן זיך פאַרשעמט פאַר איר. און ווען דער אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער „זוכונג", האָט צוריקגעצויגן זיינע סאָלדאַטן, האָט ער צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט און געבעטן אַנטשולדיקונג:

— איך בין בלויז אַ שרייפעלע אין דער גרויסער מאַשין... איך טו וואָס מען הייסט מיר... פאַרשטייט מיך, פרוילין! איך בין בלויז אַ שריי־פעלע... אין דער מאַשין.

אָבער וויטקאָמב, וועלכער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ שרייפעלע אין דער מאַשין, איז אַרומגעפאָרן די גאַנצע צייט, וואָס די עפּידעמיע פון די געווער־זוכונגען האָט אָנגעהאַלטן אין לאַנד, אויף זיין מאָטאָציקלעט.

ער האָט פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט. זיינע פּאַפּירן זענען גע־ווען אין אָרדענונג. ער פלעגט בלויז שמייכלען, ווען מען פלעגט אים אָפּ־שטעלן און באַקוקן זיין אידענטיפיקאַציע־פּאַפּיר. נאָכדעם פלעגט ער זיך ערשט לאָזן מיט דער שנעלקייט פון אַ וויכער לויפן פון איין קיבוץ אין צווייטן אַריין, פון איין ביוראָ אין דער צווייטער. ער האָט געגעבן די אינפאָרמאַציע, אויף וועלכער מען האָט אַזוי אומגעדולדיק געוואַרט אין יידישע אינסטיטוציעס און צייטונגען.

ווען דער „שטורעם" האָט זיך געענדיקט, איז ער נאָכאַמאָל געקומען קיין גבעת חיים. ער האָט געוווסט, אַז אין צייט פון „שטורעם" וועט גניאַ נישט פאַרלאָזן איר קיבוץ. אָבער איצט, ווען מען האָט שוין אַרויסגעלאָזט די מענער פון די „שטייגן", ווען מען האָט שוין אויפגעהערט צו „זיפּן" מענטשן און דאָקומענטן, פון וועלכע די מאַנדאַטן־מאַכט האָט זיך טראָץ דעם זיפּן גאָרנישט דערוווסט, וועט גניאַ זיכער שנעל פאַרלאָזן דאָס לאַנד. וויטקאָמב האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט איר. ער האָט איר געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט נישט באַוויזן איר צו זאָגן ביי זייער ערשטער באַגעגעניש נאָכן קריג: אַז ער וועט שטענדיק, צו יעדער צייט, זיין גרייט צו טון אַלעס כדי צו געווינען איר ליבע.

אָבער אויך דאָסמאָל האָט ער נישט באַוויזן צו זאָגן איר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ער איז געזעסן אומבאַהאָלפן נעבן גניאַן בשעת דער וועטשערע אין דעם גרויסן עסצימער פון דעם קיבוץ. כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז קיינער פון די אַרומיקע עסערס וועט נישט פאַרשטיין זיין שפּראַך, האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין מוט צו עפענען דאָס מויל. זעט ער דען נישט אין אירע טרויעריקע מאַדאָנאַ־אויגן, אַז זי ליבט נאָך אַלץ איר ערנאַ! אַזוי איז ער אָפּגעזעסן נעבן גניאַן אַ גאַנצן אָוונט, פּונקט אַזוי שווייגנדיק אָן אַ וואָרט, איז ער זי געגאַנגען באַגלייטן ביז דער מזכירות, ווו זי האָט זיך געוואָלט געזעגענען פאַרן אָפּפאָר.

— גיב נאָר אַ קוק, דאָס ביסטו, גניאַ? — האָט אויסגעשריגן צו איר אַ שטים מיט אַ דייטשן אַקצענט, ווען גניאַ איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער געביידע.

— איך וואָלט דיך קיינמאָל נישט דערקאָנט, ווען איך באַגעגן דיך אין גאַס! — האָט געדעדט מאַטילדאַ אויף איר גרייזיקן „עברית". — אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן- וואָס ביסטו אַזוי גרוי געוואָרן? רבונו של עולם! איך בין דאָך אויך געווען אַ פּאַראַשוטיסטן! איך בין געווען אין דייטשלאַנד! אָבער אַזוי? אָבער וואָס באַלעמעטשע איך? לאָמיך פאַר דיר פאָרשטעלן מיין „בחור"... מיר קומען ערשט פון אונדזער האָכצייט־רייזע! זייט באַקאַנט! מיין בחור!

געניא האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו מאַטילדאַס „בחור” און האָט אַ וואָרף געטון אַ בליק אויף וויטקאָמבן. אָבער נאָך איידער וויט־קאָמב האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט מיט איר קוק, און איידער ער האָט באַוויזן זי אַרויסצופירן פון מזכירות, האָט מאַטילדאַ באַוויזן צו זאָגן:

— מיין בחור האָב איך באַפרייט פון דייטשלאַנד פון קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער. איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ „בחור” דאָרט! דו האָסט מיר קיינמאָל נישט געוואָלט גלויבן... קאָנסט רעדן! ער פאַרשטייט סיי־ווי־סיי נאָך קיין וואָרט נישט אויף עברית. און דו? האָסט נאָך אַלץ קיין בחור נישט? האָסט דאָך געהערט וואָס האָט פּאַסירט מיט דיין ער־נאַן? נעבעך! אָבער סיי־ווי וואָלט ער זיין ווייב נישט פאַרלאָזט צו־ליב דיר! נעם אָן מיין עצה — געפין פאַר זיך וואָס שנעלער אַ „בחור”! איידער דער ווייסער פּאַס האָר צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן קאָפּ!

געניא האָט גאָרנישט געענטפערט אויף מאַטילדאַס לאַנגן פּיזמון מיטן דייטשן אַקצענט. זי האָט בלויז טיפזיניק זיך איינגעקוקט אין סע־קרעטאַר פון גבעת חיים און אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— להתראות, געניא! — האָט ער געזאָגט דריקנדיק איר די האַנט. טו וויכטיקע אַרבעט דאָרט! יעדע אַרבעט, וואָס אַ מענטש ווי דו טוסט, מוז זיין וויכטיק, געניא! מען דאַרף דיך דאָרט אַזוי האָבן אין די לאַגערן, פּונקט ווי מיר דאַרפן דיך דאָ האָבן! גיי, און זיי מצליח! און ווייס, אַז מיט פרייד וועט גבעת חיים צו יעדער צייט עפענען זיינע טויערן פאַר אַזאַ חבר ווי דו...

עס זענען געשטאַנען ביי געניאַן טרערן אין האַלדז ווען זי האָט פאַרלאָזט דעם סעקרעטאַריאַט.

— וווהין זאָל איך אייך איצט פירן, געניא? — האָט וויטקאָמב גע־שמייכלט ווי אַ שקלאַף וואָס איז גרייט צו טון אַלעס פאַר זיין האַרין, אין וועלכער ער איז האָפענונגסלאָז פאַרליבט.

— קאָנט איר פנינהן?... איך וויל זיך געזעגענען מיט איר... זי איז מיין פריינט פון לאַנג.

— פנינהן? ווער קאָן נישט פנינהן? זי טוט די שווערסטע ארבעטן דאָ! ווי א מאַן... זי איז ווי א פעלז, וועלכן דאָס וואַסער קאָן נישט אָוועקוואַשן. אבעראַל אַרבעט זי. סיי ביי דער סיגנאַליזאַציע, סיי ביים בויען געווער. ווען איר זעט זי גניאַ, אין סלעסאַרניע? געדענקט איר, גניאַ, אונדזער ערשטע באַגעגעניש ביי דער סלעסאַרניע? מיינט איר, אַז איך האָב דענסטמאָל נישט פאַרשטאַנען? די קליינע הינדעלעך, גע־ניאַ? מיינט איר, אַז איך בין געווען אַזאַ תם? אָבער איך בין שוין דאַן געווען פאַרליבט... אין דעם קלייניקן פּאָלק פון דער ביבליע און... אין איינער פון זיינע טעכטער. און איך בין נאָך איצט פאַרליבט... גניאַ! — האָט ער ראָבקע געזאָגט, ווען זיי זענען צוגעקומען צו פנינהס טיר. — איך ווייס אַז אייער וווּנד, גניאַ, איז גרויס... אָבער, געדענקט, ווען זי וועט זיך אַביסל פאַרהיילן...

וויטקאָמב האָט געוואָלט פאַרזעצן, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער. איז ער לאַנג געשטאַנען אַפילו נאָך דעם ווי גניא איז שוין געזעסן ביי פנינהן אויף איר בעטל.

— מיך? — האָט גניאַ געזאָגט אַרויפלייגנדיק איר האַנט צו פנינהן אויפן קאָפּ. — זאָג מיר נישט אַז ניין! איך ווייס, אַז דו ביסט מיד! אַז דו אַרבעסט מיט די לעצטע כוחות. דערפאַר וויל איך זיך געזעג־גענען מיט דיר איצט, איך זאָל דיך מאָרגן גאַנץ פרי נישט דאַרפן וועקן.

— וועקן? — האָט געשמייכלט פנינה. — נאַרישקייטן! אָבער אַז דו ביסט שוין דאָ, לאָמיך דיר זאָגן דאָס, וואָס איך וועל דיר סיי־ווי ביים אָמניבוס נישט קאָנען זאָגן. איך בין אמת צופרידן וואָס דו פאָרסט אַוועק, איצט, פון דאַנען, גניאַ! כאָטש מיר דאַרפן דיך האָבן, אי דער קיבוץ, אי דאָס לאַנד... אָבער עס איז גוט פאַר דיר! ווען דו וואָלסט אַליין נישט באַשלאָסן, וואָלט איך דיר סיי־ווי דאָס געראָטן צו טון! דו מוזט איצט אַוועקפאָרן! און ווען דו וועסט זיך אומקערן אַן אויסגעהיילטע... און איך ווייס, אַז אַזעלכע מענטשן ווי דו, קאָנען אין ערגעץ נישט פאַרבלייבן... זיי מוזן זיך אומקערן צו אונדז... אין לאַנד אַריין...

אָבער פנינה האָט נישט געקאָנט ענדיקן. זי האָט זיך צעוויינט אויף

אַ קול. און צוזאַמען מיט איר האָט געוויינט גענויאַ, ליגנדיק מיט איר קאָפּ אויף פּנינהס פּלייצע.

און פון יענער זייט פענצטער איז נאָך אַלץ געשטאַנען וויטקאָמב. ער האָט געהערט ווי די צוויי פרויען וויינען. ער האָט געהערט ווי עס וויינען די שאַקאַלן אין די ווייטע זאַמדן. און וויינענדיק איז געוואָרן אויך ביי אים אויפן האַרצן.

# דריי און פופציקסטער קאַפּיטל

עס זענען געקומען גאַנץ פרי צום אָמניבוס באַגלייטן גענויאַן עטלעכע חברים פון גבעת חיים. עס איז געקומען יונה, דער אַמאָליקער סעקרעטאַר פון קיבוץ. עס איז געקומען מרים, זיין פרוי, כאָטש זי איז שטענדיק געווען אַביסל אייפערזיכטיק וואָס איר מאַן נעמט אַזאַ אינטערעס אין גענויאַן. עס איז געקומען וויטקאָמב, וועלכער איז געשטאַנען אָן לשון, פונקט אַזוי ווי נעכטן ביינאַכט. עס איז געקומען פּנינה, כאָטש גענויאַ האָט זיך שנעל און אָן אַ פּיפּס אַרויסגעגליטשעט פון דעם צימער, זי זאָל זי נישט אויפוועקן.

— פאָרסט גלייך קיין ירושלים? צו דער אַגענץ? נעמען אינסטרוקציעס? — האָט פּנינה געפרעגט כמעט אין דער לעצטער מינוט פאַרן אָפּפאָר פון דעם אָמניבוס.

— איך וויל פריער אַריינפאָרן זיך געזעגענען מיט מאַניאַן פון כפר וויטקין.

— פאַר נישט אַהינצו! — האָט געבעטן פּנינה מיט אַ דערשראָקענער שטים — איך בעט דיך, גענויאַ!

— אויך מאַניאַ? — האָט זי געפרעגט מיט מאָדנע אויגן — אין קריג? צי נאָכן קריג?... ווי אַלע...

אָבער דער אָמניבוס האָט זיך גערירט און מיט אים איז פאַרשלעפּט געוואָרן גענויאַס פראַגע

„ווי אַלע?" „ווי אַלע?" נאָר איך נישט, ליבסטער מיינער! אין

וואָס זאָל איך זיך אָנהאַלטן? יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט וועגן דיר, פאַרליר איך דעם אָנהאַלט. איך וויל גיין צו דיר. זיין מיט דיר!

מיט די דאָזיקע געפילן האָט געניאַ ביים קרייצוועג דאָך באַשלאָסן אַריינצופאָרן קיין כפר וויטקין. אויב נישט צו מאַניאַן, איז צו דבורהן און צו דעם פעטער ישראל! זענען זיי דען נישט געווען אירע טאַטע־מאַמע ווען זי איז אָנגעקומען אַהערצו?

און געניאַ האָט איינגעשטיגן אין דעם כפר וויטקין אָמניבוס.

— אָבער ווו איז שמשון? — האָט זי געטראַכט מיט אומעט — גראָד ווען איך קום אָן איז ער אויף חופש? — געניא איז צוגעגאַנגען צום שאָפער כדי צו באַקומען ביי אים אינפאָרמאַציע וועגן שמשונען, דעם אַמאָליקן „מקשר" פירער, וועלכער האָט זי שטענדיק געפירט קיין כפר וויטקין און קיין כפר חירות.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, ווּהין דיין שמשון האָט זיך אַהינגעטון, שיינהייט? — האָט געענטפערט דער נהג פון דעם „מקשר" — איך פיר עפּעס חשבונות פון דעם דאָרף? וואָס האָב איך מיט דעם דאָרף? פאַרדאַן! מיט די צוויי דערפער? איך ענדיק מיין אַרבעט און — קאַטיוק נאָך תל־אביב!

פון די ווערטער האָט אויף געניאַן אַ בלאָז געטון מיט אַזאַ פרעמדקייט, אַז עס האָט זיך איר געוואָלט וויינען.

אין איר כפר וויטקין, אין דעם דאָרף, וווּ זי האָט געלאַנדעט צום ערשטן מאָל, זאָל מען איר אַזוי ענטפערן? צי איז דאָס געוואָרן דאָ אַזאַ מאָדנע צו שטאָלצירן מיט גרויס־שטאָטיקייט? מיר מישן זיך נישט אין יענעמס לעבן, ווי אייער אַמאָליקער שאָפער, וועלכער האָט זיך געניאַנטשעט מיט אַלע כפר וויטקין און כפר חירות קינדערלעך!

— מיר זענען גרויס־שטאָטיקע שאָפערן! — האָט דער שאָפער גלייך ווי געטראָפן געניאַס געדאַנקען. — מיר האָבן קיין צייט נישט צו וויסן וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין טאָפּ! איר שטייגט אוים אין כפר וויטקין? צי איר פאָרט ווייטער? באַשליסט,פריילין! די צייט שטייט נישט!

— איך פאָר קיין כפר חירות! — האָט זי אַ זאָג געטון און האָט זיך צוריקגעזעצט אויף איר פּלאַץ און אין קאָפּ האָט זיך געבאָמבלט איין פראַגע:

„אפשר האָב איך שוין קיינעם נישט אויך אין כפר חירות? אפשר האָט זיך דאָרט אויך אַלעס איבערגעביטן? ווי דאָ — אין כפר וויטקין?"

# פיר און פופציקסטער קאַפּיטל

ניין! אין כפר חירות האָט זיך קיין סך נישט איבערגעביטן פאַר דער צייט. ישראל האָט געליטן אויף זיינע אולסערם ווי שטענדיק. יעדע שלעכטע איופרעגונג האָט געוועקט זיין אולקוס און אים אויפגערעגט ווי פריער. דער דיקער הערי האָט נאָך אַלץ געאַרבעט געטריי אין דער „צר־כניה" אויף געוועור־פּלאַנען. דבורה האָט געטון איר אַרבעט באמונה שלימה מיט די סאָלדאַטן ווי פריער. אירע „פייפאַקלאָק"־טייען זענען אָנ־געגאַנגען אפילו אין די ערגסטע צייטן אין לאַנד, אפילו אין די צייטן פון די געוועור־זוכונגען, ווען סאָלדאַטן האָבן געריסן ווענט, נישט נאָר אין די עסצימערן פון קיבוצים, נאָר אויך אין די בתי תינוקות.

די אומשולדיקע אַלטע אַמעריקאַנער מאַמע מיטן ליטווישן אַקצענט האָט מען קיינמאָל נישט חושד געווען אין קיין זאַך, איר דיל פון די באַ־לאַטעם אונטער איר קיך־טיש, אויף וועלכן „טאָמים" פלעגן טרינקען איר טיי און עסן אירע טאָרטן, איז נאָך אַלץ געווען דער זיכערסטער געהיים־פּלאַץ אי אין כפר וויטקין, אין אין כפר חירות. דער אונטערשיד איז נאָר געווען אין דבורהס באַציאונג צו די „טאָמים".

זי האָט נישט געקאָנט נאָך די געוועור־זוכונגען מיט זיי אַזוי לאַכן און שפּאַסן ווי פריער. און פון זינט איר טעדי איז געקומען פון אייראָפּע אויף אורלויב, זענען די „פייפאַקלאָקטים" געפאַלן ווי אַ שווערע משא אויף איר. טעדי איז געווען אין אַ שווערער שטימונג. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט זען. וויניקער פון אַלעמען האָט ער געוואָלט זען די „טאָ־מים" ביי זיין מאַמען אין הויז אויף טיי!

„נישט געגנוג וואס זיי ווינען דא, נעבן דער מאַמעס הויף, אין דעם לאַגער? נישט גענוג וואס ער זעט זיי און הערט זיי פאַרבייפאָרן דעם טויער פון זיינע עלטערנס הויף בייטאָג און ביינאַכט? נאָך טיי מיט טאָרטן זיי געבן? פאַרוואָס? דערפאַר וואָס זיי מאַכן זוכונגען איבער דעם גאַנצן לאַנד? דערפאַר וואָס זיי רואינירן דאָס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט אַזויפיל מי?"

אָבער דבורה, מיט איר אַלטן ליטווישן קאָפּ, האָט פאַרשטאַנען אַז די „פּיוואָקלאָקטים" מוזן אָנגיין אַפילו בשעת איר זון איז דאָ אויף אורלויב! און כדי צו איבערצייגן טעדין אין דער נויטיקייט פון דער זאַך, האָט זי אַריינגערופן אויף אַ „סאָוויעט" (באַראַטונג) העריין פון דער צרכניה. דער דיקער, פאַמעלעך רעדנדיקער אויף ענגליש הערי, האָט איבערצייגט טעדין, אַז מען קאָן נישט איבעררייסן. אויב ער, טעדי, וויל העלפן דער „זאַך", „אונדזער זאַך", וואָלט ער גוט געטון, ווען ער אַליין טרינקט מיט זיי און זינגט מיט זיי, מיט די „טאָמים". האָט טעדי געטרונקען מיט די טאָמים און געזונגען מיט זיי אַמעריקאַנער און ענגלישע אַרמיי־לידלעך. און נאָך דעם זינגען פלעג זיך טעדי אַנידערוואַרפן אויף דעם סאָלדאַטסקע בעטל, וואָס דבורה האָט צוליב זיינעטוועגן אַנידערגעשטעלט אין הויף אונטער איר מאַראַנצן־ביימל, און דאָרט זיך רייסן ביי די האָר און אויסשרייען צו דער מוטער: „ביז ווען, מאַ? ביז ווען וועלן יידן נאָך זיין ביי זיי אין גלות? נאָך אַלע קרבנות, וועלכע מען האָט פאַר זיי מקריב געווען? די מרגלים קיין לבנון? די דרייסיק טויזנט אין אַרמיי? די פאַראַשוטיסטן? און דו, מאַ, באַקסט נאָך פאַר זיי מיט דיינע אייגענע הענט גוטע טאָרטן?"

— אָט דאָס איז אונדזער וועג צו פרייהייט, קינד מיינס! — פלעגט דבורה אים ענטפערן מיט געמישטע געפילן. פון איין זייט איז דבורה געווען גליקלעך וואָס איר טעדי איז געוואָרן אַ ליבהאָבער פון פאָלק, אַן אמתער ייד, און פון דער צווייטער זייט האָט זי אויך אין דעם אויסשרייען געזען זיין נערוועזיטעט, וואָס האָט זי נישט ווייניק געשראָקן.

— אונדזער וועג מוז זיין אַזאַ, זון מיינער! מיר זענען די ווייניקע,

די שוואַכע, די צעזייטע, דע צעשפּרייטע. מיר — אַנטקעגן די מעכטיקע, די פּאַראַייניקטע.

און בשעת דבורה פלעג פּרובירן רואיק ענטפערן איר זון, פלעג זי טראַכטן: „אַך, ווי נעמט מען איצט געניאַן! זי מיט איר קלוגן קאָפּ און מיט איר ליכטיקן פּנים וואָלט באַרואיקט טעדילין! אָבער ווו איז זי, די טייערע געניאַ? ווען שמשון, איר פריינט, וועלכער איז אַזוי אַנטרונען געוואָרן, וואָלט דאָ געווען! ער וואָלט שוין אויסגעפונען ווו זי געפינט זיך איצט!"

איז פּונקט ערב טעדיס אָפּפאָרן צוריק קיין אייראָפּע, נאָך זיין אור־לויב, ווען דבורה האָט מיט גרויס זאָרג געטראַכט וועגן איר נערוועזן זון, איז געניאַ שטילערהייט, כמעט אויף די שפּיץ־פינגער, אריינגעגאַנ־גען אין דבורהס גאָרטנדל. טעדי איז געלעגן אויף דעם סאָלדאַטסקע בעטל און האָט געגרויכערט אין די הימלען אריין זיינע סיגאַרעטן.

„הייסט עס, אַז דאָ זענען אויך פּאַרגעקומען ענדערונגען" — איז ביי געניאַן דורכגעפלויגן אין קאָפּ, ווען זי האָט דערזען אַ פרעמדן מענ־טשן ביי דבורהן אין הויף — „און דובורה?..."

זי האָט שוין כמעט געוואָלט אויסדרייען אויף צוריק, ווען טעדי, דערזעענדיק זי, האָט אויסגערופן אין ענגליש: — מאַ! עמיצער...

— דאָס זענט איר, דבורהס זון? — האָט אים געניאַ אַ פרעג געטון שטילערהייט אויף ענגליש. — הייסט עס אַז דבורה איז נאָך דאָ? און דער פעטער ישראל אויך? האָ? טאַ, שאַ! — האָט זי שטיפעריש אַ ווונק געטון צו אים. — לאָמיך זיי איבעררעאשן... דיקי? ניין! איר מוזט זיין טעדי, האָ?

— היי! איר געפעלט מיר, פריילין! — האָט טעדי פריילעך אַ זאָג געטון. — אַלעס ווייסט איר! אַפילו אַז איך בין טעדי, האָ? נישט דיקי! טאָ וועל איך אייך זאָגן באַלד ווער איר זענט! איר זענט די יעניקע, וועמענס נאָמען מיין מוטער דערמאָנט צען מאָל אַ טאָג. וואַרט, אַ מינוט! גראַדע אַצינד אַרויס פון דעם קאָפּ! שטענדיק חזר איך איבער דעם נאָ־מען, ווען איך לאַך מיט מיין מאַמען. גראַדע איצט פאַרגעסן! אָבער איך

ווייס שוין! איר זענט די באַרימטע גניא! האַ? איצט זע איך, אַז די מאַמע איז געווען גערעכט!

טעדי איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זיין בעטל, אַרונטערוואַרפנדיק דעם בוך.

— אויב אַזוי, טעדי, לאָמיר ביידע איבעררײַסן אי דבורהן אי ישׂ־ראלן; אי אייער מאַ אי אייער פּאַ!

גניא האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און ביידע, ווי שטיפע־רישע קינדער, האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אויף די שפּיץ־פינגער אין קיך אַריין, ווו דבורה איז געזעסן מיט דער פּלייצע צום טיר. זיי האָבן ביידע אַ ווונק געטון ישׂראלן, וועלכער איז געזעסן מיטן פּנים צו דער טיר, אַז ער זאָל בלייבן שטיל. ווען נישט זייער ווונק, וואָלט ישׂראל זיכער אויס־געשריגן פֿון פֿרייד, ווען ער האָט דערזען גניאַן אַריינקומען מיט טעדין.

ישׂראל האָט צוריקגעווונקען ווי אַ שותּף צו זייער סוד. גניא האָט אַרומגעכאַפּט דבורהן פֿון הינטן.

— נו, טרעפֿט, ווער? — האָט זי געפּליסטערט, צודעקנדיק דבורהס אויגן מיט די הענט.

— גאָט! גרויסער גאָט! ווען איך דערמאָן משיחן, וואָלט ער אויך איצט אַריינגעקומען! נאָר־וואָס געטראַכט וועגן דיר, גניאַלע, קינד מיינס! ווי אַזוי? גלייך ווי פֿון די הימלען אַרונטער!

עס איז געוואָרן אַ געפּילדער, אַ שׂמחה האָט אַרומגעכאַפּט דבורהס עלנט הארץ. אויך גניא האָט זיך דערפֿילט פֿריילעך איצט. „איך האָב נאָך עמיצן אויף דער וועלט!" — האָט זי געטראַכט.

אויף ישׂראלן האָט גערוט די שכינה. דער פֿריילעכער אויסזען פֿון זיין טעדין האָט געמאַכט ברייטער ווי לענגער זיין פּנים.

— אָבער פֿון וואַנען קענט איר זיך? — האָט ישׂראל נאַאיוו גע־פֿרעגט, קוקנדיק אויף זיי ביידע.

— מיר? — שמייכלט גניא שטיפֿעריש — נאָך פֿון אייראָפּע! — און בשעת מעשה פֿליט אַ ווונק אַהין און אַ ווונק אַהער. און אויב אפֿילו דבורה, מיט איר קלוגן קאָפּ, צווייפֿלט אין דעם, איז איצט דען די צייט

צו פרעגן קלאָץ־קשיות? איצט, ווען טעדים פּנים שיינט ווי די זון, בשעת ער קוקט אויף געניאַן.

עס ווערט אַ טאַראַראַם! אַ גאַסט! אַזאַ גאַסט אין שטעטל! זאָל זיין אין דערפל! זאָל זיין אין מושב עובדים! — ענטפערט דבורה מיט פריידן צו טעדין, וועלכער רייצט זיך מיט איר.

אָבער אויך טעדי איז פרייליך אויפגערעגט. אויך ער העלפט גרייטן דעם טיש, וועלכן מען רוקט אַרויס אין מיטן קיך. ער לויפט אַפילו אַריין אין צרכניה קויפן די זאַכן, וועלכע פעלן פאַר אַזאַ גאַסט! טעדי איז פּלוצים אַזוי פריילעך געוואָרן, אַז דבורה וויל וויינען פון שמחה. אָבער זי האַלט זיך איין. ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי געקושט געניאַן, ווי מען קושט אַ קינד! אָבער עס פּאַסט נישט. האַלט זיך דבורה אין דער מעלה.

— עסט, קינדער! טרינקט! קנאַקט אויף ביידע באַקן! אויך דו, ישראל! היינט וועט דיר גאָרנישט שאַטן! היינט איז נישטאָ קיין אולסערס! געניא האָט זיי אַלעמען פאַרטריבן מיט איר קומען.

אַזוי חכמהט זיך דבורה און אַלע לאַכן מיט איר. נאָכן עסן טרייבט דבורה די „קינדער" אַרויס צום ים, אויף אַ שפּאַציר.

— גייט, קינדער! כאַפּט אַריין דעם שיינעם זונען־אונטערגאַנג ביים ים. איך מיט ישראלן וועלן איבערוואַשן דאָס געשיר, מיר וועלן אַליין אַנגרייטן דאָס געלעגער פון דיינעטוועגן, געניאַלע... זאָרגט זיך נישט, „קינדער"! איר דאַרפט אונדז גאָרנישט העלפן! גייט צום ים!

און דבורה שטופּט זיי אַרויס כמעט מיט גוואַלד פון דעם הויז. זי נעמט אָן ישראלן ביי דער האַנט און צוזאַמען מיט אים גייט זי אַרויס באַגלייטן די „קינדער" צום טויערל.

און ווען די „קינדער" זענען שוין אויף די זאַמדן און קאָנען זי שוין נישט הערן, זאָגט זי מיט אַ פייערלעכער, יום־טובדיקער שטים צו ישראלן: — זאָלן זיי זיך גיין זייער וועג, ישראל! מיר זענען פון אַן אַנדער דור... יעדער דור מיט זיין גלייכן... ישראל!

זי קוקט זיי לאַנג נאָך מיט אירע גרויסע פּיקחותדיקע אויגן, אין וועל־

בע עס האָט זיך פּלוצים אָנגעצונדן אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג. אָבער זי וויל וועגן דער האָפֿענונג איצט נישט רעדן אַפֿילו צו איר ישׂראלן.

— לייג זיך צו, ישׂראל, מיין לעבן! דו ווייסט דאָך, אַז נאָכן עסן איז פֿאַר דיר גוט זיך צוצולייגן! איך וועל שוין אַליין איבערוואַשן דאָס געשיר, אַליין אָנגרייטן דאָס געלעגער. אַלעם אַליין!... אַבי דו זאָלסט מיר געזונט זיין. דו... און טעדילי...

מיט די דאָזיקע ווערטער באַלייגט דבורה ישׂראלן אויף דעם סאָל־דאַטסקע בעטל אונטער דעם מאַראַנצן־ביימל און זי אַליין לויפֿט מיט אַ יונגן שנעלן און פֿריילעכן טריט אין קיך אַריין. עס ברענט ביי איר די אַרבעט אונטער די הענט. אָבער אויך אין מוח ברענען די געדאַנקען.

„וועגן וואָס רעדן די „קינדער" איצט? האָט גאָט מיט אַ כוונה אַרונטערגעשיקט געניאַן ווי פֿון די הימלען איצט? צי וויל ער זיך נאָר רייצן מיט דבורהן פֿון כפֿר חירות? צי אפֿשר וועט די האָפֿענונג דאָך מקויים ווערן?"

און בשעת עס ברענען אַזוי אירע געדאַנקען אין איר קאָפּ, לויפֿט זי אַלע ווייַלע אַרויס פֿון דער קיך צום טויערל, צו כאַפּן אַ קוק אויף די ווייַטע זאַמדן, וווהין עס זענען אַוועק די „קינדער".

און די „קינדער" האָבן זיך מיטאַמאָל דערפֿילט אַזוי היימיש, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג געקענט. קאָן זיין אַז די היימישקייט האָט זיך גענומען דערפֿון וואָס געניאַ האָט באַלד ביים אַרויסגיין פֿון דבורהס הויף, אָנגעשלאָגן אַ היימישן טאָן?

— איר זענט ענדלעך דאָך געקומען צו זען אונדזער לאַנד, טעדי! ווען איר וואָלט וויסן וויפֿל מאָל אייער מאַמע פֿלעג מיר זאָגן מיט אַר־מעט אַז אירע זין ליבן בלויז אַמעריקע! אַז זיי ווילן פֿון דעם לאַנד נישט הערן?!

— יאָ! געוועזן אַזעלכע ציטן, געניאַ! — זאָגט טעדי קוקנדיק אַרונ־טער צו דעם זאַמד.

— ווייזט אויס, אַז אַ מענטש קאָן זיך איבערבייטן... כּל־זמן ער לעבט נאָך? — טראַכט געניאַ אויף אַ קול.

— ווייזט אויס, אַז יאָ. — ענטפערט שטיל טעדי — קאָן זיין ווען נישט דער קריג, וואָלט עס מיר נישט געהאָלפן. איך האָב צופיל געזען דאָרט, געניאַ! איך האָב דערזען דעם אונטערשיד צווישן אונדזערע מענטשן און זייערע, געניאַ! און דאָס האָט מיך צוריקגעבראַכט.

— איר מיינט דאָס שלעכטע, וואָס איר האָט געזען אין די לאַגערן? די שפּורן פון דעם אומקום? האָט איר געזען מיט אייערע אויגן די אויוונס, די גאַז־קאַמערן, די הויפן, ווו מענטשן האָבן ארומגעפּויזעט ווי חיות? ווי מאַלפּעס? וואָס שווייגט איר, טעדי? פאַרוואָס רעדט איר נישט? איז דאָס אַזוי שרעקלעך געווען צו זען?

— שרעקלעך איז נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט, געניאַ! עס איז שווערלעך צו טראַכטן, אַז איין צוויי־פיסיקע באַשעפעניש קאָן אַזוי טון צו אַ צווייטער מיט זיינע אייגענע הענט! מיט זיין קאָפּ צוטראַכטן די עינויים... די פאַרניכטונג... אָבער צוליב וואָס האָט איר מיר דערמאָנט דאָס, פון וואָס איך בין אהערצו אַנטלאָפן אויף אורלויב, געניאַ? איך בין דאָך געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער דאָקטאָר, וואָס איז אַריינגעקומען קיין דאַכאַו! איר פאַרשטייט? געניאַ! דאַכאַו!

— דאַכאַאו! — חזרט איבער געניאַ כמעט אין אַ פּליסטער — איך פאַר די טעג אָפּ קיין אייראָפּע, ארבעטן דאָרט אין די לאַגערן מיט די קינדער, טעדי... אָבער איך וואָלט אויך געוואָלט זען דאַכאַאו. דענקט איר, טעדי, אַז איר וואָלט מיר געקאָנט העלפן? איר, אַלס אַמעריקאַנער דאָקטאָר?

אָבער טעדי ענטפערט נישט אויף איר פראַגע. ער איז, ווייזט אויס, צו פול מיט געדאַנקען, וועלכע געניאַ האָט אויפגעוועקט אין אים מיט איר ערשטער פראַגע.

— איר האָט מיך געפרעגט, געניאַ, וואָס פאַרא אונטערשיד איך האָב דערזען אין אייראָפּע צווישן אונדזערע מענטשן און זייערע? איר מיינט, אַז דער אונטערשיד איז בלויז אין דער אכזריות? אין דער חיה־שער שלעכטקייט, וועלכע איך האָב געזען דאָרט? ניין, געניאַ! פאַרשטייט זיך, אַז עס איז ביי מיר נישטאָ קיין צווייפל, אַז אונדזערע מענטשן

וואָלטן קיינמאָל אין לעבן נישט געקאָנט אַזוי טון צו אַ צוויי-פֿיסיקער באַשעפֿעניש! אַפֿילו נישט צו אַ חיה, אַפֿילו נישט צו אַ שלאַנג! אונדזע־רע מענטשן וואָלטן אַוועקגעהרגעט די שלאַנג און דערמיט וואָלט זיך געענדיקט. זיי וואָלטן זיך נישט געשפּילט מיט דער שלאַנגס גסיסה... מיט איר יציאת נשמה... אויב אַ שלאַנג האָט אויך אַ נשמה. אָבער נישט זייער אכזריות האָט מיך געבראַכט אַזוי נאָענט צום פֿאָלק, גענישאַ!

— וואָס דען, טעדי? — האָט גענישאַ געפֿרעגט זעענדיק אַ מאָדנע ליכט פֿון אמונה אין טעדיס פּנים.

— איך האָב געזען דאָרט אַזעלכע זאַכן... איך מיין — זאַכן פֿון טיפֿער ייִדישער אמונה, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו גלייבן אין אונדזער גייסטיקן כּוח! אַז מיר זענען אַנדערש... אַנדערש פֿון אַלע...

— איר מיינט דאָס, וואָס מענטשן זענען געגאַנגען צום טויט מיט אַ געזאַנג? מיט אַן אני מאמין ניגון? טעדי!

— מען דערציילט אַזוי. אָבער איך האָב דאָס נישט געזען מיט מיינע אויגן! איך קאָן אייך דערציילן בלויז וועגן זאַכן, וועלכע איך האָב אַליין געזען. אַ שטיינער: אין איינעם פֿון די אויוונס. אויף דער וואַנט איז גע־ווען אויסגעקריצט אַ נאָמען... קאָן זיין אַז דאָס איז אַ נאָמען פֿון אַ קינד, קאָן זיין — פֿון אַ ברודער. וויכטיק איז דאָס, וואָס מען זעט, אַז דער, וואָס האָט אים אויסגעקריצט האָט לאַנג געאַרבעט אויף דעם... מיט זיין נאָגל... מען זעט, אַז עס איז אים געגאַנגען אין לעבן אויסצוקריצן דעם נאָמען. גלייך ווי ער האָט געוואָלט, אַז דער נאָמען זאָל בלייבן אַלס זכר פֿון זיין ליבע... אויף דורות... גלייך ווי געוואָלט, אַז דער נאָמען „גניק", וואָס ער האָט געקריצט, זאָל...

— גניק! — גיט זיך גענישאַ אַ כאַפּ אָן. זי כאַפּט אָן טעדין ביי ביידע הענט און קוקט אים אַריין אין די אויגן. — איר מיינט אויף העברעאיש „גניק"? דאָס איז דאָך מיין נאָמען — געניק! מיין מאַן...

גענישאַ לויפֿט אַוועק פֿון טעדין. זי לויפֿט צו נאָענט צום ברעג און לאָזט זיך אַרונטער צו דעם זאַמד. זי זיצט אַזוי אַ לאַנגע צייט מיט דעם פּנים איינגעגראָבן אין אירע הענט.

טעדי שטייט נעבן איר מיט אַן אויסדרוק פון אומבאַהאָלפנקייט. ער גלעט מיט זיינע הענט דעם ווייסן פּאַס פון אירע האָר, וועלכן זי האָט מיטגעבראַכט פון איר מיסיע קיין אייראָפּע, און שטאַמלט:

— אַנטשולדיקט מיר, געניאַ! איך בין אַ אידיאָט! צוליב וואָס האָב איך? צוליב וואָס?....

ער בייגט זיך אָן נידעריקער צו איר און קושט דעם ווייסן פּאַס האָר מיט גרויס מיטלייד. אַזוי שטייט ער אָנגעבויגן אַ לאַנגע צייט איבער איר קאָפּ. דערנאָך נעמט ער זי אָן ביי דער האַנט און הייבט זי אויף. געניאַ נעמט נישט אַרויס איר האַנט פון זיינע

האַנט אין האַנט גייען זיי אַ ווײַלע לענגאויס דעם ברעג, אָן אַ וואָרט. די אויגן אַרונטערגעלאָזט, גלייך ווי ביידע האָבן געזוכט זייער ענטפער אין די זאַמדן. דערנאָך שטעלן זיי זיך ביידע אָפּ. האַנט אין האַנט שטייען זיי אַזוי און קוקן אויף דעם רויטן פייערלעכן קרייז, וועלכער פאַלט אין ים אַריין פּאַמעלעך...

אַהין, צו יענעם ווייטן האָריזאָנט פאָרט טעדי מאָרגן אָפּ. נאָך אים וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אָפּפאָרן אויך געניאַ...

וועלן זיי זיך דאָרט באַגעגענען? — טראַכט דבורה, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען פון איר טויערל אויף די זאַמדן, אַהיימברענגען אירע צוויי ציגן. מיט אירע שאַרפע, גרויע, אַלעס־זעענדיקע אויגן, זעט זי די „קינדער" פון ווייטנס. עס דוכט זיך איר, אַז די „קינדער" שטייען אָנגענומען ביי די הענט. איר האַרץ קלאַפּט שטאַרק. זי ווייסט נישט פאַר־וואָס. זאָל דאָס זיין פרייד? צי האָפענונג? אָבער זי האָט מורא, אַז די „קינדער" זאָלן זי באַמערקן פון דעם ברעג ים. גייט דבורה מיט די ציגן איר וועג, גלייך ווי זי זעט נישט די „קינדער".

די ציגן זענען אַביסל איבערגעראַשט, וואָס דבורה איז זיי געקומען אַהיימנעמען. זיי שפּרינגען אונטער, זיי פּלאָנטערן זיך מיט די קעפּלעך אין דבורהס קלייד, אין דבורהס פּיס... און דבורה שמייכלט צו זיי מיט אַ שמייכל פון האָפענונג, און גייט ווייטער...

פון צייט צו צייט כאַפּט זי אַ קוק צום ים, וווּ עס שטייען די „קינ־

דער”. און כדי קיינער זאָל זי אין גאָרנישט נישט חושד זיין, קוקט זי נאָך ווייטער פון די „קינדער” טיף אין ים אַריין און פאַרענטפערט זיך אַזוי:

— אונדזערע אויגן מוזן שטענדיק זיין צום ים. מיר מוזן היטן די פייערלעך, וועלכע צינדן זיך דאָרט אָן! צומאָל זענען דאָס נישט די פייערלעך פון דעם האַרס וועכטער־שיפלעך... נאָר אונדזערע אייגענע פייערלעך... דאַריבער, דבורה, אויב דו זעסט פון מיטן ים איין וונק, אַ צווייטן וונק, אַ דריטן, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס רופן צו דיר אונדזערע ברידער פון אַ שיף. ברידער, וועלכע מען לאָזט נאָך נישט אַריינקומען! מיר זענען נאָך נישט פריי... מיר זענען נאָך אין די הענט פון דעם, וועלכער וויל אונדז נאָך נישט באַפרייען... מיר וועלן זיך אַליין מוזן באַפרייען... מיר וועלן נאָך גענוג דאַרפן קעמפן פאַר אונדזער פרייהייט... ווייל ווייט, נאָך גאָר ווייט, איז די פרייהייט אונדזערע. און לאַנג איז נאָך דער וועג צו פרייהייט!...

ס ו ף.

*Este libro se terminó de imprimir el día 28 de abril de 1950, "Año del Libertador General San Martín", en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina*